ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# אלע אגדות פון
# תלמוד בבלי

## עין יעקב חלק ב׳

אידיש

**894**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

# אַלע
# אגדות פון תלמוד
## אַן עין יעקב אויף אידיש

ענטהאלט אלע מעשיות, אגדות, משלים
אַלעגאָריען, אנעקדאָטען, היסטאָרישע און
ביאָגראפישע ערצעהלונגען, פּאָעטישע,
מאָראלישע און פילאָזאָפישע פּערל פון

## גאַנץ תלמוד בבלי און ירושלמי

אין דריי טייל

איבערזעצט פון ת ש ר " ק

דריטע פערבעסערטע אויפלאגע

נ י ו י אָ ר ק
Tashrak Publishing Co., 187 E. Broadway, New York
ת ר פ " ה

COPYRIGHT 1922
By ISRAEL J. ZEVIN

# THE LEGENDS OF THE TALMUD

Printed in the United States of America.

# אלע אגדות פון תלמוד
## צווייטער טייל: בבלי

# אינהאלט פערצייכנים

## פון צווייטען טייל

דיזער אינהאלט פערצייכנים צייגט אָן ווי צו געפינען יעדען ענין אין דיזען בוך און אויך אין גמרא.

פאר יעדע מסכת איז דאָ א בעזונדער אינהאלט פער־צייכנים.

נאָך דעם טיטעל פון יעדען ענין געפינט זיך א ציפער. נאָך דעם ציפער קומט א העברעאישער מספר. דער ציפער צייגט אויף וועלכער זייט אין דיזען בוך דער מאמר געפינט זיך. דער העברעאישער מספר צייגט אָן דעם דף אין דער גמרא.

צום ביישפיעל: דער ערשטער מאמר פון מסכת בבא קמא איז געצייכענט: "גענומען רעשטע מיט א פאטש, 5, לו" מיינט עס אז דיזע מעשה'לע געפינט זיך אויף זייטע 5 אין דיזען בוך און אין גמרא, אין מסכת בבא קמא, דף לו.

אין די אגדות פון מסכתות ירושלמי און א פּאָאר מסכתות בבלי ווערען אָנגעגעבען די פרקים אנשטאט די דפים, דאס איז ווייל דיזע מסכתות זיינען ניט געדרוקט אין אלע דרוקען גלייך מיט די זעלבע גרויס פון די דפים.

## בבא קמא


1. גענומען רעשטע מיט אַ פּאַטש, 5, לז.
2. צו שפּעט צום שכל געקומען, 5, נ.
3. בלינדע פיהרער, 6, נב.
4. אַ משל מיט צוויי ווייבער, 7, ס.
5. ר' גמליאל און זיין קנעכט טבי, 7, עד.

6. א גנב איז ערגער פון א גזלן, 8, עט.
7. א גזלן אויף פיער פיס, 9, פ.
8. א קלוגער איינפאל אבער ס'האט ניט געהאל־פען, 9, צ.
9. גזלנים העלפט קיין תשובה, 10, צד.
10. א שלעכטער געשעפט, 10, צט.


## בבא מציעא


1. א מענש וועט ניט געהן געגען זיך, 14, כח.
2. א מיטעל פטור צ ווערען פו געלד, 15, כט.
3. א האלץ טרעגער או טראגט א גוטען קאפ, 15, ל.
4. אז״ האנדעלט מען מיט תקיפים, 15, לט.
5. פאר אידישע ארבייטער קען מען ניט יוצא זיין, 16, מט.
6. דער חרם אויף רבי אליעזר, 17, נט.
7. זיך איינגעקויפט א צרה, 20, ס.
8. וועמעס לעבען איז בילכער ? 20, סב.
9. זעהר רעכט אויף זיי, 21, עג.
10. זיי שרייען צו דער וואנד, 21, עה.
11. אן ארימאן איז אימער גערעכט, 21, פג.
12. די חרטה פון א צדיק, 22, פג־פד.
13. א פרוי'ס אבשעצונג פון איהר מאן, 25, פד.
14. ר' יוחנן און ריש לקיש, 26, פד.
15. א גדול האלט זיך קליין, 28, פד.
16. רב דער מערטירער, 29, פה.
17. גוטסקייט ברייננט גוטע רעזולטאטען, 30, פח.
18. ר' טרפון און זיין אייניקעל, 30, פה.
19. א קורצער און פאסט לאנגע תעניתים, 31, פח.
20. אליין לערנען איז ניט דער עיקר, 32, פח.
21. צדיקים אין גן עדן, 32, פח.
22. אויסגעזאגט א סוד פון הימעל, 33, פה.
23. א חכם יא, א רבי ניט, 34, פח־פו.
24. דער טויט פון רבה בר נחמני, 35, פו.

25. דאנקבארקייט, 37, פו.
26. א מענש דארף אבהיטען עטיקעטע, 38, פו.
27. אברהם אבינו'ס געסט, 38, פו.
28. אברהם דער פאטער פון יצחק, 39, פז.
29. אז מען האקט האלץ פליהען שפענער, 39, קז־קח.
30. די גן עדן בלעטער, 40, קיב.

## בבא בתרא

1. דער קנעכט וואס איז געווארען א מלך, 41, ג־ד.
2. ברוגז געמאכט אליהו הנביא, 44, ז.
3. דער תלמיד האט געלערנט דעם רבי'ן, 44, ח.
4. פדיון שבויים די גרעסטע מצוה, 46, ח.
5. דער דין וועגען שנארערס, 47, ט.
6. וועגען צדקה, 47, ט.
7. פערשעהמט זיין מוטער, 48, ט.
8. א קשיא אויפ'ן רבונו של עולם, 48, י.
9. א חלום מיט א בעדייטונג, 49, י.
10. פערקוקט א ארימאן, 50, י.
12. א זיכערע זאך, 51, י.
13. זיך איינגעקויפט יאהרען, 51, יא.
14. א זיכערער ארט פאר אוצרות, 52, יא.
15. נארען און קינדער זיינען נביאים, 53, יב.
16. איוב דער פערטיידיגער, 54, טז.
17. איוב דער פילאנטראפ, 55, טז. זעה רי"ף.
18. א פריינד און א פיינד, 55, טז.
19. איוב'ס דריי גוטע פריינד, 56, טז.
20. די וועלט דארף האבען אלעמען, 57, טז.
21. אברהם אבינו'ס וואונדערליכער שטיין, 57, טז.
22. ליגזען דער סימבאל פון טרויער, 58, טז.
23. בן גמלא דער פריינד פון קינדער, 58, כא.
24. דער צער פון תלמידי חכמים, 59, כב.
25. כל תשחית, 61, כו.
26. צדיקים נאך זייער טויט, 62, נח.

27. דעם מכשף'ס שטראף, 63, נח.
28. די פערשטעלטע צוואה, 63, נח.
29. די חכמה פון רבי בנאה, 64, נח.
30. א פראקטישער ביישפיעל, 66, ס.
31. צופיעל טרויער איז א שווערע לאסט, 67, ס.
32. די משלים פון רבה בר בר חנה, 68, עג־עד.
33. משלים פון ר' יוחנן און אנדערע, 74, עד.
34. די וואונדערליכע גראז, 76, עד.
35. די שטראף פון שר של ים, 77, עד.
36. די גרויסע ברילײאנטען פון ירושלים, 77, עה.
37. דער פאטער טהוט בעסער ווי דער זוהן, 78, צ.
38. אברהם אבינו דער וועלט קאפיטאן, 78, צא.
39. קליינליכע זאכען, 79, צח.
40. אלעם טהאן צו מענשען ניט אנקומען, 79, קי. ברכות ירושלמי.
41. לאה'ס שוואכע אויגען, 80, קכג.
42. דער רבי און זיינע תלמידים, 81, קל.
43. דער פערטריבענער זוהן, 81, קלג.
44. ניט געפאלגט די צוואה, 82, קלג.
45. ניט א נאר נאר סתם א חצוף, 83, קנח.
46. ניט שענד און ניט לויב, 84, קסד.
47. דער פעלשער, 84, קסז.

## סנהדרין

1. בעסער פערשעהמט ווערען איידער פערשעהמען, 86, יא.
2. די קללה פון קריעג, 87, ז.
3. די שטימע פון הימעל, 88, יא.
4. די פארזיכטיגקייט פון א תלמיד חכם, 89, ז.
5. ר' יהודה בן בבא'ס העלדענטהאט, 89, יד.
6. געוואלט אויסמיידען כבוד, 90, יד.
7. א שעהנער קבלת פנים, 90, יד.
8. שווער צו משפט'ן א מלך, 91, יט.

9. זיך בעוואָרענט געגען זינד, 92, יט.
10. דער שעהנסטער דור, 92, כ.
11. ארונטער און ארונטער, 93, כ.
12. א מאַנ'ס ערשטע ווייב, 93, כב.
14. ניט געגלויבט דעם בעל תשובה, 94, כח.
15. א אידישער שטייער איינמאָהנער, 94, כח-כו.
16. ניט יעדער מאָיאָריטעט איז אַ גערעכטע, 95, כו.
17. אויסגעזאָגט א סוד פון חדר, 96, לא.
18. נתן מיט די ליכטיגע שטראהלען, 96, לא. זעה רש"י, אויך סדר הדורות ערך נתן.
19. א פערשפעטיגטע תשובה, 102, לז.
20. ווארום אָדם איז בעשאַפען אַן איינציגער, 103, לז.
21. די שטראַף פערזאַמט ניט, 104, לז.
22. דער ערשטער מענשענמאָרד, 104, לז.
23. פון דער לונג אויף דער צונג, 104, לח.
24. די בעשאַפונג פון אָדם הראשון, 105, לח.
25. פון רבי מאיר'ס משלים, 107, לח-לט. זעה רש"י, אויך מהרש"א.
26. די קלוגע פרינצעסין, 108, לט.
27. דער קיסר און רבן גמליאל, 109, לט.
28. דעם אפיקורס שטראַף, 110, לט.
29. איין זון בעלייכט די גאַנצע וועלט, 111, לא.
30. איין ענטפער אויף אַלע קשיות, 112, לט.
31. גאָט האָט פיינט מסירות, 112, מג.
32. א אידישער זינדיגער, 113, מד.
33. די פערביטענע מתים, 113, מה. זעה רש"י, אויך ירושלמי סנהדרין פ"ו.
34. אַן אומ'כבוד פאר'ן בעשעפער, 116, לז.
35. די שטראַף פון כבוד זוכער, 117, נב.
36. דער תלמיד חכם און דער עם הארץ, 117, נב.
37. אדם הראשון א וועגעטאַריאנער, 118, נט.
38. צו וואָס קנאה קען ברייגנען, 118, נט.
39. פלייש פון הימעל, 119, נט.

40. די הייליגע קעלבער, 119, סג.
41. מוטער ליעבע, 120, סג.
42. ווארום אידען האָבען געדיענט געצען, 120, סג.
43. דער קליינער געצענדיענער, 121, סג.
44. די הייליגקייט פון שבת בעשטעטיגט, 121, סח.
45. וואונדער פון צדקים, 122, סח.
46. וואודער פון שווארצקינסטלער, 123, סז.
47. דער לעצטער טאָג פון רבי אליעזר, 124, סח.
48. אן אידעאלער לעבען, 126, ע.
49. איין שטראָף און א צווייטע, 126, פב.
50. אברהם אבינו אויף דער פראָבע, 127, פט.
51. בעווייזע אויף תחית המתים, 129, צ-צא.
52. א קומער רוקען אָבער א גלייכער קאָפּ, 130, צא.
53. דאָס רעכט אויף ארץ ישראל, 131, צא.
54. גענומען וואָס זיי האָט געקומט, 132, צא.
55. א צוואה קען מען ניט ענדערען, 133, צא.
56. דער גוף און די נשמה, 134, צא.
57. ווען די זון געהט אונטער, 135, צא.
58. די מארטירער פון טהאָל דורא, 135, צב.
59. א פערדיענטער פאַטש אין פנים, 136, צג.
60. די שטראָף פון פאלשע נביאים, 137, צג.
61. גלות צוערשט און גאולה נאָכדעם, 138, צד.
62. דער אויל האָט בעזיעגט דעם שווערד, 139, צד.
63. סנחריב'ס מפלה, 139, צה.
64. דוד'ס ברירה, 141, צה.
65. דער נס מיט חזקיהו המלך, 143, צו.
66. בלאדן בן בלאדן, 144, צו.
67. נבוזראדן'ס לעצטער האמער, 144, צו; גיטין נז.
68. קברים שעהנער פון פאלאסטען, 145, צו.
69. אן אמת'ע שטאָדט, 146, צז.
70. משיח'ס צייטען, 147, צז.
71. אזוי ענטפערט מען א נאַר, 148, צח.
72. ווען קומט משיח? 148, צח.

73. אז מען האט א טאכטער, 150, ק.
74. יסורים דארף מען אננעהמען פאר ליעב, 150, קא.
75. יסורים ברייננען צו תשובה, 151, קא. זעה ירושלמי סנהדרין, פרק יא.
76. ירבעם'ס שווינדעל, 152, קא.
77. ירבעם דער כבוד זוכער,, 153, קב.
78. זייער חכמה האט זיי בעפרייט, 153, קד.
79. א געוויין ביינאכט, 154, קד. זעה איכה רבתי.
80. ניט דער מענש דארף שטראפען, 155 קד.
81. ווען שונאים ווערען פריינד, 155, קה.
82. די בייזע רגע, 156, קה.
83. בעסער א קללה פון א פריינד איידער א ברכה פון א שונא, 157, קה-קו.
84. בלעם'ס עצה, 157, קו.
85. דער אייזעל האט געוואלט הערנער, 158, קו.
86. היט אייך פון א נסיון, 159, קז.
87. נח דער צדיק, 159, קח.
88. געגעבען צו פערזוכען עולם הבא, 160, קח.
89. נאר צו מענשען ניט אנקומען, 160, קח.
90. א שמועס צווישען אליעזר און שם, 161, קח.
91. די רשעים פון סדום און עמורה, 162, קט. זעה ספר הישר.
92. צוגעצאהלט דעם גנב, 166, ספר הישר.
93. צוויי פרויען, 169, קט-קי.
94. פאר וואס משה איז בעשטראפט געווארען, 170, קיא.
95. געדולדיג צו אלעמען, 171, קיא.

## מכות

1. רבי עקיבא'ס טרייסט, 172, כד.

## שבועות

1. א בעריהמער קומט שלאגען, 174, מו.

## עדיות

1. כבוד מוז מען פערדיענען, 175, משנה, פרק ג.

## עבודה זרה

1. די אומות העולם פאר'ן געריכט, 177, ב.
2. ווי גאָט לאַכט, 178, ג.
3. פאר וואָס אידען ליידען, 179, ד.
4. די אידען און די תורה, 180, ב-ג.
5. פאלשע גרים, 180, ג.
6. אדם'ס שרעק, 181, ח.
7. אידען זיינען די טייערסטע עדעלשטיינער, 182, ח.
8. רבי און אנטאנינוס, 183, י. זעה סדר הדורות.
9. אן עצה אין פינאנס, 185, י.
10. עצות אין דיפּלאָמאַטיע, 186, י.
11. די טאָכטער פון אנטאנינוס, 187, י.
12. דער באנד פון פריינדשאפט, 188, י-יא.
13. אונקלס דער גר, 188, יא.
14. עשו געגען יעקב, 189, יא.
15. דער טעות פון א געצענדענער, 190, טז.
16. ר' אליעזר און ר' חנינא, 190, יז-יח.
17. פערברענט מיט דער תורה, 193, יח.
18. דער גאָט פון מאיר, 195, יח.
19. אן אונגליקליכער שפּאַס, 197, יח. זעה רש"י.
20. גאָט'ס שעהנע מעשים, 198, כ.
21. גוטע וועכטער, 198, מ.
22. ווארום גאָט דולדעט געצענדיענסט, 199, נד.
23. פון וואָס קומט אייפערזוכט ? 200, נה.
24. נסים וואָס זיינען בלויז א צופאל, 200, נה.
25. עולם הזה און עולם הבא, 201, סח.

## הוריות

1. ניט דורך חכמה ווערט מען רייך, 203, י.
2. א צדיק מעג אויך געניסען עולם הזה, 204, י.
3. פאר דעם כבוד פון דער תורה, 204, יג־יד.

## פרקי אבות

ערשטער פרק, 208.
צווייטער פרק, 210.
דריטער פרק, 213.
פערטער פרק, 215.
פינפטער פרק, 218.
זעקסטער פרק, 220.

## אבות דר׳ נתן

1. איבערטרייבען טאָהר מען ניט, 223, פרק א.
2. ווארום משה האָט צובראָכען די לוחות, 226, פרק ב.
3. זיין צדקה האָט איהם פערהיט, 22, פרק ג.
4. די מצה פון הכנסת כלה, 227, פרק ד.
5. צדקה איז בעסער פון קרבנות, 228, פרק ד.
6. שעדליכע עקשנות, 229, פרק ד.
7. די ערשטע יאָהרען פון רבי עקיבא, 229, פרק ו; ירושלמי שבת, פו.
8. אליעזר בן הורקנס, 231, ו.
9. איוב און אברהם, 235, ז.
10. ניט אלעם דערצעהלט מען א ווייב, 236, ז.
11. די הייליגקייט פון ארבייט, 237, יא.
12. אהרן דער שלום מאַכער, 238, יב.
13. וואו משה׳ס נשמה איז בעהאלטען, 239, יב.
14. דער דור הפלגה און די אנשי סדום, 240, יב.
15. די גרויסע נחמה, 240, יד.
16. וואונדער זיך ניט אויף יוסף הצדיק, 242, טז.
17. משלים וועגען יצר הרע, 244, טז.

18. דער געהויבענער מאָמענט, 245, טז.
19. טרייהייט ברייננט פרייהייט, 245, יז.
20. גאָט׳ס צאָרן, 246, יז.
21. דער מענש איז א קליין וועלטעלע, 246, לא.
22. צדקה און משפט, 247, לג.
23. א דרייפאַכער אונגליק, 248, לח.
24. גאָט׳ס משפט איז גערעכט, 249, לח; תנא דבי אליהו רבה, ל.
25. עס האָט זיך ניט געלוינט, 250, מא.

## סופרים

1. פערענטפערט מיט אַ משל, 252, פרק א.
2. די איבערזעצונג פון דער תורה, 253, טו; ספר החשמונים, הקדמה לס׳ הישר.
3. אויף א לעבעדיגען לאָזט זיך ניט טרייסטען, 255, כא.

## שמחות

1. מען טאָהר ניט שרעקען א קינד, 256, פרק ב.
2. מיטגענומען זיין עשירות, 256, פח.
3. פאטערליעבע און ליעבע צו דער תורה, 257, ח.
4. צוליעב זיין פאָטער׳ס כבוד, 258, יב.

## כלה

1. רבי עקיבא האָט געטראָפען, 259.
2. רבי עקיבא׳ס חכמה, 260.
3. ר׳ עקיבא ערציהט א קדיש, 261.

## כלה רבתי

1. פון די קליינע קינדער׳ס וועגען, 262, פרק ב.
2. די פרוכט פון שלום בית, 263, פרק ג.
3. אידען ווערען ניט אריינגעלאָזען, 263, פרק י; זעה אנפאנג מדרש רבה, איכה.

## דרך ארץ רבה

1. א בעזוך ביי פילוסופום, 266, פרק ח.
2. א גאסט דארף מען אכטען און היטען, 267, פרק ח.
3. ניט געפאָלגט דעם בעה״ב, 267, פרק ו.
4. הלל׳ס פרוי, 269, פרק ו.
5. כללים וועגען טיש עטיקעטע, 269, פרק ט.
6. דריי אומגעקומען צוליעב א קליינינקייט, 270, פ״ט.

## זבחים

2. דער שרעק פון די גוי׳אישע מלכים, 273, קטז.
1. ער פערלאָזט זיך ניט אויף סברות, 272, צו.

## מנחות

1. משה און די תורה, 274, כט.
2. פון א וויץ ווערט אן ערנסט, 275, לב.
3. א קליינע מצוה — א גרויסער שכר, 276, מד.
4. וואָס טויג אונז דער יחוס? 278, נג.
5. אברהם׳ס טרייסט, 278, נג.
6. דאָס געבענשטע לאנד פון שבט אשר, 280, פה.

## חולין

1. מעשה׳לעך וועגען רבי פנחס בן יאיר, 282, ז
ירושלמי דמאי, פרק א.
2. רבי הנינא׳ס געזונדהייטס רעגלען, 285, כד.
3. שונא מתנות יחיה, 286, מד.
4. א וואונדערליכע אָפעראציאָן, 286, נו.
5. דער נאטורפאָרשער, 287, נז.
6. א משל געגען א מרשעת, 288, נח. זעה מהרש״א.
7. דער לייב פון הימעל, 288, נט.
8. געוואָלט זעהן גאָט, 289, ס.

9. א צושטערטע סעודה, 290, ס.
10. ער גיט אָבער ער נעהמט ניט, 290, ס.
11. די זון און די לבנה, 291, ס.
12. די תפלה פון צדיקים, 292, ס.
13. דער גוטער צדוקי, 292, פז.
14. יעקב און די שטיינער, 293, צא.
15. דעם מלאך'ס בקשה, 294, צא.
16. מען טאָהר ניט נארען א גוי, 294, צד.
17. אן אונגליק צוליעב א שפאס, 294, צד.
18. דער אמת טהוט וועה, 295, צד.
19. געפונען די רענדלעך, 295, קח.
20. אָבגעטהאָן דעם דלות, 296, קח.
21. זאָל איהם גאָט שטראָפען, 297, קי.
22. ווייניג רעספעקט, 297, קלז.

# בכורות

1. רבי יהושע ב"ח געווינט א וועטע, 298, ח-ט.
2. א כבוד וואָס איז אן אום-כבוד, 305, לא.
3. אונשטערבליכקייט, 305, לא.
4. א צושטרענגע שטראָף, 306, לו.
5. דאָס געזעץ פון אָפּאָזיציאָן, 307, מה.

# ערכין

1. די רעפאָרמען האָבען ניט געטויגט, 309, י.
2. דעם מענשען'ס חכמה טויג ניט, 310, י.
3. א וואונדערליכער שפיעל אינסטרומענט, 310, י-יא.
4. דער בונט ביים ים סוף, 311, טו.
5. דעם מענשען'ס צונג, 311, טו.
6. א ברכה וואָס איז א קללה, 312, טז.
7. זיי האָבען פיינט מוסר, 312, טז.
8. ניט געוואָלט פערשעהמען, 313, טז.

## תמורה

1. דער רבי און דער תלמיד, 314, טז.
2. די בענענענים, 315, טז.

## מעילה

1. א קאפיטעל אידישע צרות, 316, יז. זעה רש"י.

## תמיד

1. אלכסנדר מוקדון'ס 10 פראגען, 320, לא.
2. אלכסנדר מוקדון מאכט א רייזע, 322, לא.

## נדה

1. וועגן עסען און טרינקען, 325, כד.
2. ווען דער מענש ווערט געבוירען, 325, ל.
3. מיט א גוטען נאמען בענשט מען זיך, 326, לג.
4. אז מען רעדט איז ניט אומזיסט, 326, סא.
5. ווען צייתנער זיינען איבריג, 327, סח.

# השמטות

(זייטען 328-334)

1. צו ערנסט מוז מען זיין גוט נעשטימט, שבת, דף ל.
2. נאטורוויסענשאפט, שבת, דף עז.
3. ווער עס אכטעט שבת ווערט רייך, שבת, קיט.
4. דער טייערער געווירץ שבת, שבת קיט.
5. דערקענט דעם גנב, בבא מציעא, כד.
6. געשווארען אויף א פאלשען אמת, נדרים כת.
7. ארים אבער שטאלץ, נדרים, מט.

# מסכת בבא קמא

## 1

## געקומען רעשטע מיט א פאטש

חנן בישא (דער שלעכטער) האָט איינעם געגעבן א פאטש. דער געפאטשטער האָט איהם פערקלאָגט ביי רב הונא. האָט רב הונא גע׳פסק׳ענט אז חנן זאָל דעם מאַן בעצאָהלען א האלבען רענדעל שאדענערזאץ. חנן האָט ארויסגענומען א רענדעל און געבעטען אז דער קלעגער זאָל איהם געבען א האלבען רענדעל רעשטע. אָבער אזוי ווי א שלעכטער מענש האָט שלעכטע געלד, איז דער רענדעל געווען אזוי אָבגעריבען אז דער קלעגער האָט עס ניט געקענט אויס־ביימען. האָט איהם חנן אראָבגעלאָזען נאָך א פאטש און האָט איהם אװעקגעגעבען דעם גאנצען רענדעל.

## 2

## צו שפעט צום שכל געקומען

די רבנן האָבען געזאָגט: "א מענש זאָל ניט ווארפען קיין שטיינער פון זיין הויף אין גאַס אריין."

אמאָל איז געווען אזא מעשה. איינער, א מאַן, האָט גע־ריינינט זיין פעלד, פלעגט ער די שטיינער וואָס ער האָט אויסגעגראָבען פון זיין פעלד שליידערן אין גאַס אריין. א פרומער מאַן וואָס האָט דאָס איין מאָל געזעהן, האָט ער געזאָגט: "דו פוסטער יונג איינער! פאר וואָס ווארפסטו שטיינער פון אן ארט וואָס איז ניט דיינער אין אן אָרט וואָס

איז דיינער ?" יענער מאַן, וואָס האָט די שטיינער געוואָר־פען, האָט געלאַכט פון דעם פרומען מאַן. וואָס הייסט, ער וואַרפט שטיינער פון אַן אָרט וואָס איז ניט זיינער ? די פעלד איז דאָך זיינע !

צייטען בייטען זיך, און עס איז אַמאָל געקומען אַ צייט ווען דער מאַן איז געווען געצוואונגען זיין פעלד צו פערקוי־פען. איינמאָל, ווען ער איז געגאַנגען אין גאַס, האָט ער זיך אָנגעשלאָגען אָן די שטיינער וועלכע ער האָט אַליין אָנגעוואָר־פען, און ווען ער האָט דערפיהלט דעם וועהטאָג, איז ער צום שכל געקומען און האָט אויסגערופען :

„יענער פרומער מאַן איז געווען גערעכט, וואָס ער האָט מיך געוואָרענט ניט צו וואַרפען קיין שטיינער פון אַן אָרט וואָס איז ניט מיינער אין אַן אָרט וואָס איז מיינער. די פעלד איז איצט ניט מיינע, אָבער די גאַס איז מיינע אַזוי ווי אַלעמענס".

## 3

# בלינדע פיהרער

איינער פון גליל האָט אַזוי גע'דרשנ'ט פאַר רב חסדא'ן : אַז דער פאַסטוך ווערט בייז אויף די שעפסען מאַכט ער בלינד זייער פיהרער, עס הייסט : דעם שעפס וואָס געהט פאָראויס די סטאַדע.

און אַז דער פיהרער איז בלינד און זעהט ניט וואו צו געהן, פאַלט ער אריין אין גריבער, און די גאַנצע סטאַדע געהט איהם נאָך און אַלע פאַלען אין די זעלבע גריבער.

דאָס איז אַ משל געגען די אידען און זייער פאַסטוך אין הימעל. אַז ער ווערט בייז אויף אידען מאַכט ער בלינד זייערע פיהרער, אָדער ער שטעלט אָן אויף זיי פיהרער, וואָס זיינען פאַלש און נידערטרעכטיג. און דיזע פיהרער פיהרען די אידען אראָפּ פון דרך הישר.

די פיהרער ווערען פערפיהרער.

## 4

# א משל מיט צוויי ווייבער

רב אמי און רב אסי זיינען געזעסן ביי ר׳ יצחק נפחא (דער שמיעד). האט איינער געבעטען אז ר׳ יצחק זאל זאגען עפעס הלכה, דינים וואס מען מעג טהאן און וואס מען טאר ניט. דער אנדערער האט געבעטען אז ער זאל זאגען אגדתא, שעהנע מעשה׳לעך און משלים. ר׳ יצחק האט אנגעהויבען זאגען אגדתא, האט דער ערשטער, וואס האט געוואלט הלכה, איהם ניט געלאזען. האט ר׳ יצחק אנגעהויבען צו זאגען הלכה, האט דער אנדערער איהם ניט געלאזען.

"איך וועל אייך געבען אויף דעם א משל", האט ר׳ יצחק געזאגט צו זיי. "א מאן האט געהאט צוויי ווייבער. איינע איז געווען א יונגע, די אנדערע איז געווען אן אלטע. די יונגע פלעגט ביי איהם פון קאפ אויסרייסען די ווייסע האאר און די אלטע פלעגט רייסען די שווארצע האאר. וואס איז געווען דער סוף? דער מאן איז געבליבען פליכעוואטער."

## 5

# רבי גמליאל און זיין קנעכט טבי

רבי גמליאל האט געהאט א קנעכט, טבי האט ער געהייסען. איז ער געווען גאר ניט ווי אלע קנעכט, נאר א מענש וועמען עס האט זיך געפאסט צו זיין פריי אזוי ווי אלע מענשען. רבי גמליאל האט איהם זעהר שטארק געוואלט פריי לאזען, אבער עס איז געגען דעם דין צו בעפרייען אן אייביגען קנעכט, סיידען זיין האר שלאגט איהם און מאכט איהם א פעהלער. דאן ווערט דער האר בעשטראפט מיט דעם וואס ער מוז דעם קנעכט פריי לאזען.

רבי גמליאל האט זיך אויסגערעכנט, אז עס וואלט פאר טבי׳ן זיך געלוינט צו פערלירען אן אויג, אבי נאר צו זיין א פרייער מענש. האט רבי גמליאל זיין פלאן דורכגעפיהרט. און ער האט זיך מיט דעם זעהר געפרעהט. נאכדעם האט ער זיך געטראפען מיט רבי יהושע. "ווייסטו, אז טבי מיין קנעכט איז בעפרייט געווארען?" האט רבי גמליאל געזאגט. "ווי אזוי?" האט רבי יהושע געפרעגט. "איך האב

איהם בלינד געמאכט אויף אן אויג," האט רבי גמליאל גע־ענטפערט. "דיינע רייד האבען קיין ווערטה ניט," האט רבי יהושע געזאגט, "ווייל עס זיינען דערביי ניט געווען קיין עדות, און אויף דיינע אייגענע רייד קען מען דיך ניט קנס'ענען, אז דו זאלסט בעפרייען דיין קנעכט."

# 6

## א גנב איז ערגער פון א גזלן

ביי רבי יוחנן בן זכאי האבען די תלמידים געפרעגט: "פאר וואס האט די תורה אויף א גנב נעשטעלט א גרעסערע שטראף ווי אויף א גזלן?" האט זיי ר' יוחנן געענטפערט: "דער גזלן האט קיין מורא ניט פאר גאט און ער האט קיין מורא ניט פאר לייטען, אבער דער גנב, פאר לייטען האט ער יא מורא און פאר גאט ניט."

# 7

## א גזלן אויף פיער פיס

אמאל איז אין ארץ ישראל געווען א פרומער מאן וואס האט געליטען אויף א שווערע הארץ קראנקהייט. דאקטוירים האבען געזאגט, אז פאר איהם איז נימא קיין אנדער רפואה ווי ווארימע מילך ערשט פון די אייטער. האט מען איהם געבראכט א ציגע און מען האט זי צוגעבונדען צו די פיס פון זיין בעט, און דער קראנקער פלעגט זויגען ביי איהר די מילך.

איינמאל זיינען אריינגעקומען דעם פרומען מאנ'ס פריינד איהם מבקר חולה זיין. און ווען זיי האבען דערזעהן די ציעג, זיינען זיי אוועק צוריק, זאגענדיג: "ער האלט ביי זיך אין הויז א בעוואפענטען רויבער, און מיר קומען צו איהם אויף א בעזוך!"

אין ארץ ישראל איז געווען פערבאטען צו האלטען א בהמה דקה, ווייל ישוב ארץ ישראל איז זעהר וויכטיג און דעם שאדען וואס א בהמה דקה מאכט אויף די פעלדער קען מען ניט אויסצאהלען מיט געלד, און דערפאר האבען די חברים פון דעם פרומען מאן גערעכענט פאר אן עבירה וואס ער האט אריינגעבראכט א ציעג אין הייליגען לאנד.

שפּעטער האָבען זיי זיך אוועקגעזעצט, נאָכגעזוכט די פּערגאַנגענהייט פון דעם פרומען מאַן און זיי האָבען אויסגעפונען, אַז ער האָט אויף זיך ניט געהאַט קיין זינד, אויסער די וואָס ער האָט געלאָזט אַריינברייננגען אַ ציעג אין ארץ ישראל.

8

# אַ קלוגער איינפאַל, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפען

אַמאָל האָט זיך געטראָפען אַזאַ מעשה. אַ מאַן האָט אָראָבגעריסען ביי אַ פרוי איהר טוך פון קאָפּ. איז זי געקראָכען צו ר' עקיבא קלאָגען אויף דעם מאַן וואָס האָט איהר אַזוי טביש געווען. האָט ר' עקיבא גע'פּסק'ענט אַז דער מאַן זאָל איהר בעצאָהלען פיער הונדערט גילדען שאַדענערזאַץ. "איך בעט דיך, רבי, גיב מיר אַ ביסעל צייט", האָט דער מאַן געבעטען. ר' עקיבא האָט איהם געגעבען צייט. איז דער מאַן אַוועק און האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טהיר פון דער פרוי'ס הויז און געוואַרט ביז זי וועט אַרויסקומען. ווען זי האָט זיך בעוויזען, האָט ער פאַר איהרע אויגען צובראָכען אַ ליימענעם קריגעל אין וועלכען עס איז געווען אַ ביסעל אויל. ווען די פרוי האָט געזעהן די אויל זיך גיסען אויף דער ערד, האָט זי זיך פערגעסען אויף שטאַטעק, האָט אַליין אָבגעדעקט איהר קאָפּ, געטונקט איהר הענד אין דעם אויל און זיך געשמירט דעם קאָפּ. דער מאַן האָט צוגערופען אַ פּאָאַר מענשען זיי זאָלען אויך זעהן וואָס די פרוי טהוט, און זאָלען קענען דיענען אַלס עדות.

נאָכדעם איז דער מאַן געקומען צו ר' עקיבא און האָט געזאָגט: "אַט צו אַזאַ פרוי דאַרף איך געבען גאַנצע פיער הונדערט גילדען פאַר אָבדעקען איהר קאָפּ? זי טהוט עס אַליין פאַר אַ קאַפּעלע אויל!" האָט איהם ר' עקיבא געענטפערט:

"זיך אַליין קען אַ מענש טהאָן שאַדען, און כאָטש ער טאָר דאָס ניט טהאָן, דאָך פון שטראָף איז ער פריי, אָבער אַ פרעמדער אַז טהוט איהם שאַדען פערדיענט אַ שטראָף."

## 9

# גזלנים העלפט קיין תשובה

רויבער און פראצענטניקעס וואס ווילען תשובה טהאן און געבען צדקה דארף מען ביי זיי ניט אננעהמען, ווייל זיי מיינען ניט ערנסט.

איינער אזא מאן האט געוואלט תשובה טהאן. האט זיין פרוי צו איהם געזאגט: "דו פוסטער קאפ! אויב דו ווילסט תשובה טהאן אויף אן אמת, וועסטו דארפען אוועקגע־בען אפילו דיין גארטעל." האט דער מאן חרטה בעקומען און איז געבליבען ביי זיין אנגערויבטע געלד. אט דאן האבען די רבנן געזאגט אז ביי רויבער און פראצענטניקעס וואס ווילען תשובה טהאן דארף מען גאר נישט אננעהמען.

## 10

# א שלעכטער געשעפט

א פרוי איז געקומען צו רבי חייא, איהם געציינט א רענ־דעל און געפרעגט אויב עס איז א גוטער. "עס איז א גו־טער", האט רבי חייא געענטפערט. אויף מארגען איז די פרוי געקומען מיט א טענה: "איך האב געציינט אנדערע מענ־שען און זיי האבען מיר געזאגט אז דער רענדעל איז א פאל־שער." הייסט עס אז צוליעב רבי חייא'ס שלעכטע מבינות האט זי אנגענומען א פאלשען רענדעל. האט רבי חייא געזאגט צו רב, זיין נעפע וועלכער איז אויך געווען זיין קאסירער: "געה און בייט דאס איהר אוים פון מיין געלד, און פער־שרייב אין מיין בוך אז איך האב פערלארען א רענדעל צו־ליעב א שלעכטען געשעפט."

## 11

# דער לייב פון בבל

איינער א מאן האט אנגעציינט א גוי ווי צו גנב'ענען שמרוי ביי אן אנדערען. אז ער איז געקומען צו רב האט איהם רב געזאגט: "זאלסט ניט ציינען אזעלכע זאכען." האט

דער מאַן מיט אַ צו להכעיס געזאָגט: „איך וועל יאָ צייגען!"
רב כהנא, וועלכער איז דאַן געווען ביי רב אין הויז, האָט ניט געקענט צוזעהן די חוצפּה און ער האָט דעם חצוף צו־בראָכען דעם קארק.

„איך האָב מורא, אַז דו וועסט דערפאַר בעשטראָפט ווע־רען פון דער רעגירונג", האָט רב געזאָגט. „בעסער געה אַוועק אין ארץ ישראל, און נעהם אויף זיך אַ תשובה, אַז דו זאָלסט ביי רבי יוחנן זיעבען יאָהר קיין קשיות פרעגען".

ווען רב כהנא איז געקומען אין ארץ ישראל האָט ער גע־טראָפען ריש לקיש'ן אין ישיבה איינלערנען מיט די תלמידים דעם שיעור וואָס זיין שוואָגער ר' יוחנן האָט מיט זיי גע־לערנט. „ווער איז דאָ ריש לקיש?" האָט געפרעגט רב כהנא. „אויף וואָס דאַרפסטו איהם?" האָבען די תלמידים געפרעגט. האָט רב כהנא גענומען פרעגען אַ קשיא נאָך אַ קשיא און אַליין פאַרענטפערט. ריש לקיש איז אַוועק צו ר' יוחנן און האָט צו איהם געזאָגט: „אַ לייב איז געקומען פון בבל. זאָל דער רבי וויסען וואָס ער האָט צו טהאָן מאָרגען". דאָס איז געווען אַ וואָרנונג אַז ר' יוחנן זאָל גוט איינלערנען דעם שיעור וואָס ער האָט געדאַרפט זאָגען דעם אַנדערען טאָג.

אויף מאָרגען אַז רב כהנא איז געקומען אין ר' יוחנן'ס בית מדרש צום שיעור, האָט מען איהם אַוועקגעזעצט אין דער ערשטער פון די זיבען רייהען תלמידים. די תלמידים זיינען געווען אויסגעזעצט אין זיבען קרייזען. די בעסטע תלמידים אין דער ערשטער רייהע און די אַנדערע לויט זייערע גראַדען, אין די הינטערשטע זעקס רייהען. ר' יוחנן האָט גענומען זאָגען אַ שטיקעל הלכה און רב כהנא האָט געשוויגען, ניט געפרעגט קיין קשיות. האָט מען איהם אי־בערגעזעצט אין דער זעקסטער רייהע. ר' יוחנן האָט געזאָגט נאָך אַ תורה און רב כהנא האָט ווידער ניט געפרעגט קיין קשיא, כאָטש וועלען האָט ער זעהר געוואָלט פרעגען, נאָר ער האָט דאָך צוגעזאָגט זיעבען יאָהר קיין קשיות ניט צו פרעגען ביי ר' יוחנן. האָט מען איהם איבערגעזעצט אין דער פינפ־טער רייהע. און אַזוי האָט מען איהם אָבגערוקט ווייטער און ווייטער, ביז עס איז איהם אויסגעקומען צו זיצען אין דער לעצטער רייהע, מיט די שוואַכסטע תלמידים. נאָכדעם האָט ר' יוחנן געזאָגט צו ריש לקיש:

"דער לייב וואָס דו האָסט מיר געזאָגט וועגן איהם, איז געוואָרען א פוקס."

רב כהנא האָט זעהר טיעף געפיהלט די ערנידערונג וואָס מען האָט איהם אזוי מביש געווען פאר אזוי פיעל תלמידים. שטילערהייד האָט ער א תפילה געטהאָן און געזאָגט: "רבונו של עולם! אָט דער בזיון וואָס איך בין אויסגעשטאנען וואָס מען האָט מיר איבערגעזעצט אין די זיבען רייהען, זאָל מיר זיין פערעכענט פאר די זיבען יאָהר שווייגען וואָס רב האָט מיר פערזאָגט." און גלייך דערויף איז רב כהנא אויפגע־שטאנען פון דער לעצטער רייהע וואו ער איז געזעסען, איז צוגעגאנגען צו ר' יוחנן און האָט געזאָגט: "זאָל דער רבי איבערזאָגען פון אנפאנג." ר' יוחנן האָט גענומען זאָגען איין הלכה און רב כהנא פרעגט איהם א קשיא, ער זאָגט איבער נאָך א תורה און רב כהנא פרעגט ווידער א קשיא. ביי יעדער קשיא הייסט ר' יוחנן איהם איבערזעצען אין א נעהנ־טערער רייהע, פון דער זיבעטער אין דער זעקסטער, אין דער פינפטער, ביז רב כהנא איז ווידער געזעסען אין דער ערש־טער רייהע. ר' יוחנן איז געזעסען אויף זיעבען קישענס. און אז רב כהנא איז שוין געווען אין דער ערשטער רייהע, האָט ער נאָך ניט אויפגעהערט צו פרעגען קשיות. ביי יעדער קשיא פלעגט זיך ארויסגליטשען א קישען פון אונטער ר' יוחנן. איינע נאָך די אנדערע האָבען זיך די קישענס ארויס־געגליטשט ביז ר' יוחנן איז געבליבען זיצען אויף דער ערד.

ר' יוחנן איז שוין דאַן געווען אן אלטער מאַן. ער האָט געהאט זעהר לאנגע ברעמען צוליעב וועלכע ער האָט ניט געקענט זעהן. האָט ער געבעטען זיינע תלמידים זיי זאָלען איהם אויפהייבען די ברעמען. זיי האָבען איהם די ברעמען אויפגעהויבען מיט א זילבערנע לעפעלע. ר' יוחנן האָט א קוק געטהאָן אויף רב כהנא און האָט בעמערקט זיין צושפאל־טענע ליפ, האָט זיך איהם אָבגעדאכט אז רב כהנא לאכט פון איהם. דאָס האָט ר' יוחנן זעהר שטארק וועה געטהאָן, און פלוצלונג איז רב כהנא געשטאָרבען.

אויף מאָרגען האָט ר' יוחנן געזאָגט צו די רבנן: "איהר האָט געזעהן ווי דער מאַן פון בבל האָט געלאכט פון מיר?" האָבען די רבנן געענטפערט: "דאָס איז ביי איהם אזא גע־וואוינהייט. ער האָט אזא ליפ." ווען ר' יוחנן האָט דאָס גע־הערט, איז ער אוועק צו דער הייהל וואו רב כהנא'ס קערפער איז געלעגען. ביי דעם אריינגאנג האָט ער געפונען א גרויסע

שלאנג וואָס האָט זיך צוזאַמענגעדרעהט ווי אַ קנויל מיט'ן עק אין מויל און פעשטעלט דעם וועג. האָט ר' יוחנן געזאָגט צו דער שלאנג: "נעהם ארויס דיין עק פון מויל און לאָז אַ רבי'ן אריין צום תלמיד". די שלאנג האָט זיך ניט גערירהרט. "לאָז אריין אַ חבר צו אַ חבר". די שלאנג האָט זיך אַלץ ניט גע־ריהרט. "לאָז אריין אַ תלמיד צו אַ רבין". ערשט דאַן האָט די שלאנג פריי געמאַכט דעם וועג.

ר' יוחנן האָט געזאָגט אַ תפילה און האָט רב כהנא'ן צוריק לעבעדיג געמאַכט. "ווען איך וואָלט געוואוסט אַז דער האר האָט ניט געלאַכט פון מיר, נאָר דאָס איז ביי איהם אַזאַ געוואוינהייט, וואָלט עס מיך ניט פערדראָסען", האָט ר' יוחנן געזאָגט, "אָבער יעצט, אַז די זאַך איז קלאָר געוואָרען, קום און פערבלייב מיט אונז." האָט רב כהנא געענטפערט: "אויב דו דענקסט, אַז דו קענסט ווידער בעווייזען אַ נס, אַז דו וועסט מיך ווידער קענען צוריק לעבעדיג מאַכען אויב איך וועל דיך פרעגען אַ קשיא, וועל איך געהן מיט דיר, אויב ניט, איז בעסער איך זאָל געהן אַהיים און זיך ניט איינ־שטעלען אין סכנה".

נאָכדעם האָט ר' יוחנן איהם אויפגעהויבען, געבראַכט אין בית המדרש, געלאָזט איהם פרעגען אַלע קשיות וואָס ער האָט געוואָלט, און איהם אַלעס פערענטפערט. און צו זיינע תלמידים האָט ר' יוחנן געזאָגט: "איהר מיינט, אַז ביי אייך אין ארץ ישראל געפינט זיך די תורה? ביי זיי, אין בבל, געפינט זי זיך!"

# מסכת בבא מציעא

## 1

## א מענטש וועט ניט געהן גענגען זיך

ביי דעם פאַטער פון רב פפא איז פערלאָרען געגאַנגען אַן אייזעל. מענשען האָבען דעם אייזעל געפונען און רב פפא'ס פאַטער איז געקומען צו רבה בר רב הונא און געפאָדערט אַז די מענשען זאָלען איהם דעם אייזעל אומקעהרען. האָט צו איהם רבה געזאָגט: "געה ברייננ עדות אַז דו ביזט ניט א שווינדלער און דאַן קענסטו געהמען דעם אייזעל." יענער האָט געבראַכט די עדות. פרעגט זיי רבה: "איהר קענט איהם פאַר א שווינדלער?" די עדות האָבען געמיינט אַז ער פרעגט זיי, אויב זיי קענען איהם אַז ער איז ניט א שווינדלער, האָבען זיי געענטפערט: "יאָ!"

"איהר זאָגט אַז איך בין א שווינדלער?" האָט רב פפא'ס פאַטער אויסגערופען צו די עדות.

"מיר האָבען געזאָגט אַז דו ביזט ניט א שווינדלער", האָבען די עדות געענטפערט.

האָט רבה בר רב הונא געזאָגט: "עס פערשטעהט זיך אַז א מענש וועט ניט געהן געגען זיך און ברייננען עדות וואָס זאָלען איהם בעשולדיגען."

## 2

# א מיטעל פטור צו ווערען פון געלד

ווער עס וויל פטור ווערען פון א ירושה זאָל טראָגען קליידער פון טייערע שטאָפען וואָס רייסען זיך גיך, זיך בענוצען מיט טייערע גלאָזווארג וואָס ברעכען זיך שנעל, און בעשעפטיגען טאָג ארבייטער און ניט שטעהן דערביי ווען זיי ארבייטען.

## 3

# א האָלץ טרעגער און טראָגט א גוטען קאָפּ

רבי ישמעאל דער זוהן פון רבי יוסי איז געגאנגען אין וועג. איז איהם אָנגעקומען אנקעגען א האָלץ טרעגער. דער האָלץ טרעגער איז געוועזען זעהר מיעד און האָט זיך אָבגעשטעלט אָבצורוהען. זאָגט ער צו רבי ישמעאל: „העלף מיר אויפהויבען מיין פעקעל". פרעגט רבי ישמעאל: „וואָס איז ווערטה דיין בינטעל האָלץ?" האָט יענער געענטפערט: „א האלבער גילדען". רבי ישמעאל האָט איהם געגעבען א האלבען גילדען און האָט די האָלץ מפקיר געווען, אז יעדער איינער זאָל דאָס מעגען צונעהמען.

אויב דאָס האָלץ איז הפקר, בין איך בילכער, טראכט זיך דער האָלץ טרעגער און לייגט זיך צוריק ארויף דעם בינטעל האָלץ אויפ'ן שולטער. זעהענדיג אז ער האָט דאָ צו טהאָן מיט א גרויסען אָרימאַן, האָט רבי ישמעאל איהם ווידער בעצאָהלט א האלבען גילדען און האָט דאָס האָלץ ווידער מפקיר געווען. אָבער זעהענדיג אז דער האָלץ טרעגער וויל ווידער צונעהמען די האָלץ פאר זיך, האָט רבי ישמעאל געזאָגט: "עס איז הפקר פאר אלעמען, אויסער דיר."

## 4

# אזוי האנדעלט מען מיט תקיפים

צו מרי דער זוהן פון איסק איז געקומען א ברודער פון דער שטאָדט חוזאי און געזאָגט: "גיב מיר א חלק

אין דעם טאַטענ׳ס ירושה!״ האָט מרי געענטפערט: ״איך קען דיך גאָר ניט!״ דער ברודער פון חוזאי איז געקומען צו רב חסדא׳ן און האָט איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע, ווי זיין פאָטער האָט אמאָל פערלאָזען זיין שטאָדט און האָט זיך בעזעצט אין חוזאי. דאָרט האָט ער חתונה געהאַט און געהאַט קינדער. דער עלטערער ברודער איז אוועק צוריק אין זייער פאָטער׳ס שטאָדט און דאָרט איבערגענומען זיין פערמעגען און זיינע גיטער. דער פאָטער איז אין א צייט ארום געשטאָרבען, און יעצט איז ער, דער אינגסטער ברודער, געקומען מאָהנען זיין חלק, זאָגט דער עלטערער אז ער קען איהם גאָר ניט!

״ער האָט רעכט וואָס ער זאָגט אז ער קען דיך ניט״, האָט רב חסדא ערקלעהרט. ״מיר זעהען דאָך אז יוסף האָט זיינע ברידער דערקענט, אָבער זיי האָבען איהם ניט דער־קענט. ווייל ווען ער איז פון זיי אוועק האָט ער נאָך קיין באָרד ניט געהאַט, און נאָכדעם אז די ברידער האָבען איהם ווידער געזעהן האָט ער שוין געהאַט א באָרד און האָט אויסגעזעהן ווי א גאַנץ אנדער מענש. אזוי איז מיט דיר אויך. דו פיליייכסט קענסט איהם, אָבער ער קען דיך ניט. בעסער ברייננ עדות אז דו ביזט זיין ברודער״.

״איך האָב עדות״, האָט דער אינגערער ברודער גע־ענטפערט, ״אָבער זיי האָבען מורא פאַר מיין עלטערען ברו־דער, ווייל ער איז א גרויסער תקיף.״

אויב אזוי״, האָט רב חסדא געזאָגט צום עלטערען ברודער, ״געה דו און ברייננ עדות אז ער איז ניט דיין ברודער״.

״דער דין איז״, האָט דער עלטערער ברודער גע׳טענה׳ט, ״אז דער וואָס מאָהנט, יענער דאַרף ברייננען די בעווייזע״.

״אזוי איז דער דין, אָבער פאַר אזעלכע תקיפים ווי דו פסק׳ענען מיר אנדערש,״ האָט איהם רב חסדא געענטפערט.

## 5

## פאַר אידישע ארבייטער קען מען ניט יוצא זיין

ר׳ יוחנן בן מתיא האָט איינמאָל געהייסען זיין זוהן ער זאָל געהן דינגען ארבייטער. דער זוהן איז געגאַנגען, האָט געדונגען די ארבייטער און האָט מיט זיי אָבגעמאַכט אז אוי־סער זייער בעשטימטען לוין זאָלען זיי אויך קריגען עסען.

ווען דער זוהן איז געקומען צום פאָטער און האָט איהם דער־צעהלט ווי ער האָט מיט די ארבייטער אָבגעמאַכט, האָט ר׳ יוחנן געזאָגט: ״מיין זוהן! דו האָסט מיט זיי אָבגערעדט זיי צו געבען עסען און האָסט ניט געזאָגט וואָס דו וועסט זיי געבען צו עסען. און יעצט אז דו וועסט פאר זיי מאכען אפילו אזעלכע גרויסארטיגע מאָהלצייטען ווי אין שלמה המלך׳ס צייטען, וועסטו פאר זיי אלץ ניט יוצא זיין, ווייל זיי קומען ארויס פון אברהם יצחק ויעקב. איידער זיי פאנ־גען אָן צו ארבייטען, געה און זאָג זיי, אז מעהר ווי ברויט מיט ארבעס קענען זיי ביי אונז ניט פאָדערען.״

## 6.

# דער חרם אויף רבי אליעזר

רבי אליעזר בן הורקנוס איז געווען איינער פון די גרעס־טע אידישע געלעהרטע פון זיין צייט. ער איז געווען א שוואָגער פון רבן גמליאל, דער גרינדער פון דער גרויסער ישיבה אין יבנה. רבי אליעזר האָט אין פיעלע זאכען ניט געקענט איינשטימען מיט די מייסטע אידישע חכמים, און איין טאָג האָבען זיי זיך געגען איהם אזוי ארויסגעשטעלט, אז וואָס ער האָט געזאָגט האָבען זיי זיינע רייד ניט אָנגע־נומען און האָבען געזאָגט פערקעהרט.

״אויב דער דין איז אזוי ווי איך זאָג״, האָט רבי אליעזר אויסגערופען, ״וועט דיזער באָקסער בוים אייך איבערציי־גען.״

אין אן אויגענבליק איז דער באָקסער בוים אויסגעריסען געוואָרען פון זיין אָרט און איז געפלויגען הונדערט מאָאס ווייט.

״מיר נעהמען ניט אָן קיין בעוויז פון א באָקסער בוים״, האָבען די חכמים געענטפערט.

״זאָל דיזער וואסער שטראָם איבערציינגען אז איך האָב רעכט״, האָט רבי אליעזר געזאָגט.

גלייך דאַרויף האָט דער שטראָם אָנגעהויבען צו געהן צוריק.

״אויף א וואסער שטראָם איז ניטאָ וואָס זיך צו פער־לאָזען״, האָבען די חכמים געענטפערט.

״די ווענט פון בית המדרש וועלען ציינגען אז דער דין

איז ווי איך האָב גע׳פסקנ׳ט״, האָט ר׳ אליעזר געזאָגט.
האָבען די ווענט גענומען זיך בויגען אום איינצופאלען. אָבער ר׳ יהושע האָט אויף די ווענט אָנגעשריען: ״אז תלמידי חכמים שפּארען זיך איינע מיט די אנדערע איבער אַ דין, טאָ וואָס האָט איהר זיך אריינצומישען?״ זיינען די ווענט געבליבען הייננען ניט אהער, ניט אהין. זיי זיינען ניט איינגעפאלען צוליעב דעם כבוד פון ר׳ יהושע און זיי האָבען זיך ניט אויסגעגלייכט צוליעב דעם כבוד פון ר׳ אליעזר. און ביז היינטיגען טאָג זיינען זיי פערבליבען אזוי הייננען.

״פון הימעל וועט מען אייך איבערצייגען אז איך האָב רעכט!״ האָט רבי אליעזר נאָכדעם אויסגערופען.

איז ארויס אַ בת קול פון הימעל און האָט אויסגערופען:
״וואָס ווילט איהר האָבען פון רבי אליעזר? דער דין איז אלע מאָל אזוי ווי ער זאָגט.״

האָט זיך אויפגעשטעלט רבי יהושע און האָט אויסגערופען:

״די תורה איז ניט מעהר אין הימעל, ווייל אויפ׳ן בארג סיני האָט זי גאָט אוועקגעגעבען אויף דער ערד. און אַ בת קול דארפען מיר ניט פאָלגען, ווייל אין דער תורה וואָס גאָט אליין האָט אונז געגעבען אויפ׳ן בארג סיני שטעהט: ״אחרי רבים להטות״, מען דארף זיך האַלטען ביי דער מעהרהייט!״

צו יענער צייט האָט ר׳ נתן זיך געטראָפען מיט אליהו׳ן. ״וואָס טהוט יעצט הקדוש ברוך הוא?״ האָט ר׳ נתן געפרעגט. ״ער לאַכט און זאָגט: ״מיינע קינדער האָבען מיך בעזיעגט, זיי האָבען מיך מנצח געווען, מיינע קינדער!״

אין יענעם טאָג האָט מען געבראַכט אלע זאַכען וואָס ר׳ אליעזר האָט מטהר געווען און מען האָט זיי פערברענט אין פייער. נאָכדעם האָבען די תלמידי חכמים אָבגעהאַלטען אַ בעראטהונג און האָבען ר׳ אליעזר׳ן אין חרם אריינגעלעגט.

נאָכדעם ווי זיי האָבען דאָס געטהאָן, האָבען זיי געזאָגט: ״ווער וועט געהן און איהם אָנזאָגען?״ האָט רבי עקיבא געזאָגט: ״איך וועל געהן, ווייל טאָמער וועט דאָס איהם אָנזאָגען אַ ניט פאַסענדער מענש, וועט ער ארויפברענגען דעם צאָרן פון דעם גרויסען מאַן און די וועלט קען דורך דעם חרוב ווערען״.

וואָס האָט רבי עקיבא געטהאָן? ער האָט זיך אָנגעטהאָן אין שווארצען, האָט זיין קאָפּ אויך ארומגעדעקט מיט

שוואַרצען און האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ פיער איילען ווייט פון רבי אליעזר, ווייל נעבען איינעם וואָס איז אין חרם, טאָר מען צו נאָהענט ניט זיצען.

"עקיבא! וואָס איז מיט דיר היינט? ביזט עפּעס ניט ווי אַלע מאָל", האָט ר' אליעזר געפרעגט.

"רבי!" האָט ר' עקיבא טרויעריג געענטפערט, "מיר דאַכט, אַז דיינע חברים שיידען זיך אָב פון דיר".

ר' אליעזר האָט אַלעס פערשטאַנען. ער האָט געריסען קריעה, אַראָבגענומען די שיך, אַזוי ווי אַן אבל, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד און פון זיינע אויגען האָבען זיך גענומען גיסען טרעהרען. און פאַר דעם צדיק'ס טרעהרען איז די וועלט געשטראָפט געוואָרען. עס איז געוואָרען אַן אומגערעטעניש אויף אַליוועגבוימער, אויף ווייץ און אויף גערשטען. אַנדערע זאָגען, דאָס אפילו די טייג אין דער האַנד פון אַ פרוי איז קאַליע געוואָרען. און אין יענעם טאָג פלעגט יעדע זאַך וואָס ר' אליעזר אויף דעם אַ קוק טוהאָן, גלייך פערברענט ווערען.

רבן גמליאל איז צו יענער צייט געפאָהרען אויף אַ שיף. איז אָנגעקומען אַ שטורם און די שיף האָט געהאַלטען ביים זינקען. האָט רבן גמליאל געזאָגט צו זיך: "עס שיינט מיר, אַז דאָס איז צוליעב דעם, וואָס מיר האָבען אַריינגעלעגט רבי אליעזר אין חרם". האָט זיך רבן גמליאל אַ שטעל געטהאָן אויף די פיס און האָט אַזוי געזאָגט: "רבונו של עולם! דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז ניט פאַר מיין כבוד און ניט פאַר דעם כבוד פון מיין פאָטער האָב איך דאָס געטהאָן, געטהאָן האָב איך עס צוליעב דיין איינענעם כבוד, כדי איינער, אַ יחיד, זאָל זיך ניט אַרויסשטעלען געגען אַ רבים און ברייגנען צו מחלוקות." באַלד איז דער ים שטיל געוואָרען.

אימא שלום, די פרוי פון רבי אליעזר, וועלכע איז געווען די שוועסטער פון רבן גמליאל, האָט זייט מען האָט איהר מאַן אין חרם אַריינגעלעגט, גענומען אויף איהם אויפפּאַסען, אַז ער זאָל קיין תחנון ניט זאָגען. זי האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט ער דאָן אויסבעטען אַ שטראָף אויף זיינע געגנער. איינמאָל, בעת רבי אליעזר האָט געדאַוונט, האָט אַן אָרימאַן אָנגעקלאַפּט, זיך געשטעלט ביים טיהר. איז אימא שלום אַרויס איהם געבען אַ שטיקעל ברויט. ווען זי איז צוריק אַריין אין הויז, האָט זי איהר

מאן נעפונען זאגענדיג תחנון. "דו האסט שוין גע'הרג"עט מיין ברודער!" האט זי אויסגערופען. און דערווייל איז ארויס א בעריכט פון רבן גמליאל'ס הויז, אז ער איז טאקע געשטארבען.

## .7

## זיך איינגעקויפט א צרה

אן אלטער קנעכט, א געצענדיענער, וועלכער האט שוין נים געטויגט צו קיין ארבייט און זיין בעל הבית האט איהם נים געוואלט האלטען, איז נעגאנגען און האט זיך אבגע־פארבט זיין קאפ און זיין בארד. נאכדעם איז ער געקומען צו רבא'ן און געזאגט: "קויף מיך!" האט רבא איהם גע־ענטפערט: "איך האב געגוג אידישע ארימע לייט צו שפייזען." דער קנעכט איז נאכדעם אוועק צו רב פפא בר שמואל. האט איהם יענער אבגעקויפט.

איין טאג זאגט רב פפא צום קנעכט: "ברייננ מיר א טרונק וואסער." דער קנעכט איז געגאנגען, האט אבגעוואשען די פארב פון זיין קאפ און זיין בארד, און זיינע האאר זיינען צוריק געווארען ווייס ווי שנעע. "זעהסט," האט דער קנעכט געזאגט צו רב פפא, "איך בין נאך עלטער פון דיין טאטען."

רב פפא האט איינגעזעהן אז ער האט זיך איינגעקויפט אן אומזיסטען קעסטניק, האט ער אויף זיך געזאגט דעם פסוק פון משלי (י"א): "איין צדיק דרעהט זיך ארויס פון א צרה און אן אנדערער פאלט אריין אויף זיין ארט".

## 8

## וועמעס לעבען איז בילבער?

איינמאל איז פאר די תלמידי חכמים פארגעבראכט געווארען אזא פראגע:

ווען צוויי מענשען געהען אין א ווייטען וועג, זעהר ווייט פון א ישוב, און איינער פון זיי האט בלויז איין קריגעל וואסער, וואס איז גענוג בלויז צו דערהאלטען דאס לעבען פון איין מענשען, מא ווי זאלען זיי טהאן? זאלען זיי ביידע טרינקען און שטארבען צוזאמען, אדער עס זאל טרינקען איינער און ראטעווען כאטש זיין איינענעם לעבען?

בן פטורא האָט געזאָגט: "בעסער זאָלען זיי ביידע טרינקען און שטאַרבען צוזאַמען, איידער עס זאָל טרינקען איינער און צוזעהן דעם טויט פון זיין חבר."

רבי עקיבא האָט געזאָגט: "די תורה האָט אונז גע־לערנט: "דיין ברודער זאָל לעבען מיט דיר. דאָס צייגט, אז דיין לעבען איז בילכער פון דיין מיטמענשענ'ס".

## 9

# זעהר רעכט אויף זיי!

רב סעורם, דער ברודער פון רבא, פלעגט פאַנגען מענשען וואָס פלעגען זיך אויפפיהרען נים אָרענטליך און זיי איינ־שפּאַנען אין דעם רייטוואָגען פון זיין ברודער רבא. האָט רבא געזאָגט: "דו טהוסט גוט. זעהר רעכט אויף זיי! דען מיר האָבען געלערנט, אז איינער וואָס פיהרט זיך נים אויף אָרענטליך מעג מען איהם פערשקלאַפען."

## .10

# זיי שרייען צ דער וואַנד

דריי מינים מענשען קלאָגען זיך און שרייען, אָבער קיינער קען זיי העלפען. און דאָס זיינען זיי: דער וואָס האָט געלד און לייהט דאָס אַוועק אָהן עדות. דער וואָס האלט זיין געשעפט אויף א גוי'ס נאָמען און דער גוי נעהמט עס אמאָל אוועק. און דער וואָס לאָזט זיין וויב הערשען איבער איהם.

## 11

# אן אָרימאַן איז אימער גערעכט

ביי רבה בר בר חנה האָבען לאַסט־טרעגער צוברָאכען א פאַס וויין. האָט ער ביי זיי צוגענומען זייערע מאַנטלען. די לאַסט־טרעגער זיינען אַוועק צו רב און זיך בעקלאָגט. רב האָט געהייסען, אז רבה זאָל זיי צוריקגעבען די מאַנטלען. "איז דאָס אַזוי דער דין?" האָט רבה געפרעגט. רב האָט

איהם געענטפערט: "אזא מענש ווי דו דארף האנדלען בעסער פון דעם דין." רבה האט זיי די קליידער אבגעגעבען. די לאסט טרעגער, זעהענדיג אז זיי זיינען תקיף, האבען זיי גענומען קלאגען: "מיר זיינען ארימע מענשען, מיר האבען א גאנצען טאג שווער געארבייט און מיר זיינען הונגעריג און האבען ניט וואס צו צו עסען." האט רב גע־פסק'ט, אז רבה זאל זיי בעצאהלען פאר א טאג ארבייט.

## 12

## די חרטה פון א צדיק

רבי אלעזר ברבי שמעון האט זיך איינמאל געטראפען מיט א רעגיערונגס בעאמטען וואס פלעגט כאפען גנבים. האט איהם ר' אלעזר געפרעגט: "זאג מיר, ווי געפינסטו זיי אוים? די גנבים ווייסען דאך ווי זיך צו בעהאלטען. אפשר כאפסטו גאר גאנץ אונשולדיגע מענשען און די אמת'ע גנבים לאזטו געהן?" האט דער בעאמטער געענטפערט: "וואס קען איך העלפען? איך בין א דיענער ביים קעניג און מוז עפעס טהאן."

"קום, איך וועל דיך לערנען ווי דו זאלסט זיך בעגעהן," האט ר' אלעזר געזאגט. "געה אריין אין א שפייז געזועלב אום פיער אוהר, די צייט ווען מענשען קומען דארט עסען און טרינקען, און האלט דיינע אויגען אפען אויף די מענשען וואס זיצען דארט. זעהסטו אימיצען טרינקען וויין און ער האלט דעם בעכער אין האנד און דרעמעלט, זאלסטו ערש־טענס נאכפרעגען אויב ער איז א בן תורה און ער שטעהט אויף זעהר פריה לערנען. אויב ער איז דאס נים, זאלסטו נאכפרעגען אויב ער איז א נאכט ארבייטער. און אויב דאס אויך ניט, זאלסטו וויסען, אז ער איז א גנב און דו קענסט איהם נעהמען."

דעם בעאמטען איז דער פלאן זעהר געפעלען געווארען. א קורצע צייט שפעטער האט פון דעם געהערט דער קעניג און ער האט געשיקט א בעפעהל צו ר' אלעזר מיט די ווער־טער: "דער וואס קען געבען אזא קלוגען פלאן זאל אליין דעם פלאן דורכפיהרען." האט מען ר' אלעזר געבראכט פאר'ן קעניג און מען האט איהם געגעבען דעם אמט צו כאפען גנבים.

עס פערשטעהט זיך, אז ר׳ אלעזר האט זיין אמט ריכטיג אבגעהיט. איינמאל האט צו איהם געשיקט ר׳ יהושע בן קרחה א שליח מיט די ווערטער: "דו עסיג, דער זוהן פון וויין! (דו רשע דער זוהן פון א צדיק!) ביז וואנען וועסטו איבערגעבען מענשען פון גאט'ס פאלק צו דער הריגה?" האט ר׳ אלעזר געענטפערט: "די דערנער ראט איך אויס פון דעם אידישען גארטען." האט איהם ר׳ יהושע צוריקגע־שיקט א תשובה: "וואס האסטו צו טהאן מיט דעם גארטען? זאל דער בעל הבית פון גארטען אליין אויסראטען די דער־נער."

איינמאל, אז ר׳ אלעזר איז געגאנגען אין גאס, האט איהם בעגעגענט א וועשער, האט ער איהם נאכגעשריען: "עסיג דער זוהן פון וויין!" ר׳ אלעזר'ן האט ער פערדראסען, האט ער געזאגט: "ווען ער איז אזא עזות פנים איז א סימן אז ער איז א פערברעכער." האט ער געהייסען מען זאל איהם פאנגען. שפעטער אז ר׳ אלעזר האט זיך א ביסעל פון זיין כעס אבגעקיהלט, איז ער געגאנגען אין געפענגניס איהם צו בעפרייען. אבער אין דער צייט האט מען יענעם שוין אויפ־געהאנגען. האט ר׳ אלעזר זיך אוועקגעשטעלט אונטער דער תליה און געוויינט. זיינען מענשען צוגעגאנגען און האבען געזאגט: "רבי, עס זאל דיך ניט פערדריסען. ער און זיין זוהן האבען בעגאנגען גוואלדיגע פערברעכענס פאר וועלכע, לויט דעם דין, קומט זיי די גרעסטע שטראף."

דערצעהלט די גמרא ווייטער, אז אפילו דאן האט זיך ר׳ אלעזר ניט געקענט בערוהיגען. און ער האט אויף זיך אליין גענומען א שווערע שטראף. ביינאכט פלעגט ער זיך אונטער־בעטען און איבערדעקען מיט פילצייג און פריה מארגענס פלעגט מען פון אונטער איהם ארויסנעהמען גאנצע שיסלען מיט דעם בלוט וואס האט גערונען פון זיינע וואונדען. אויף מארגען פלעגט איהם זיין פרוי מאכען זעכציג מינים גע־ריכטען אויף פאנען געקאכט, און ער פלעגט עסען און ווידער געזונט ווערען. אז ער פלעגט זיך לייגען שלאפען, פלעגט ער זאגען צו זיינע וואונדען: "קומט, גוטע ברידער!" און אז ער פלעגט אויפשטעהן, פלעגט ער זאגען: "יעצט געהט אייך, ווייל איך דארף לערנען." זיין פרוי האט אזא שווער לעבען ניט געקענט אריבערטראגען, און איינמאל, ווען זי האט געהערט ווי ער שמועסט זיך אזוי מיט זיינע וואונדען איז זי אין כעס געווארען און האט געזאגט:

„דו אַליין האָסט אויף זיך געבראַכט די יסורים און דו האָסט אויסגעבראַכט מיין פּאָטער׳ס געלד אויף דיינע עסענס און די בעט געציינג!״ איז זי אוועק פון איהם צו איהר פּאָטער. ר׳ אלעזר איז געבליבען אַליין.

דערוויל האָט זיך געמאַכט, אַז אַ שיף וועלכע איז געווען אין מיטען ים האָט געהאַלטען אין זינקען דורך אַ שטורם. האָבען די מאַטראָזען גאָט געבעטען, אַז ער זאָל זיי רעטען צוליעב דעם זכות פון ר׳ אלעזר און זיי זיינען גע־רעטעט געוואָרען. ווען זיי זיינען געקומען אויף דער יבשה, זיינען זעכציג פון די מאַטראָזען געקומען צו ר׳ אלעזר אין הויז און יעדער פון זיי האָט איהם געבראַכט אַ בייטעל גאָלד, און זיי האָבען אויך געמאַכט די זעכציג מינים געריכטען געקאָכט אויף פאַנען, וואָס ער האָט געדאַרפט האָבען צו פערריכטען זיין געזונד.

די פרוי פון ר׳ אלעזר האָט אין אַ קורצער צייט אָנגע־הויבען צו בענקען נאָך איהם, און זי האָט געזאָגט צו איהר טאָכטער: „געה אריבער און זעה וואָס דיין פּאָטער מאַכט.״ אַז זי איז געקומען, האָט ר׳ אלעזר געזאָגט: „געה און זאָג דיין מוטער, אַז מיינע עשירות איז נאָך גרעסער פון זייערע.״ וואַהרשיינליך האָט ער געמיינט פון איהר משפחה. דאַן איז די פרוי צוריקגעקומען.

ר׳ אלעזר איז פאָלקאָמען געזונט געוואָרען און ער האָט אָנגעהויבען צו געהן אין בית המדרש, אָבער די אנדערע תלמידי חכמים האָבען מיט איהם געפיהרט קריעג. אַ צייט פאַר זיין טויט האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי: „איך ווייס, אַז די רבנן זיינען אויף מיר בייז און זיי וועלען מיר ניט טהאָן מיין רעכט נאָך מיין טויט לויט מיין ווערדע, בעט איך דיר, אַז דו זאָלסט מיך בעהאַלטען אין אונזער אויבער שטיבעל.״

די פרוי האָט אַזוי געטהאָן ווי דער מאַן האָט איהר גע־הייסען, און כאָטש אַלע האָבען געוואוסט, אַז ר׳ אלעזר איז שוין טויט, פלעגען מענשען נאָך אַלץ קומען צו זיין הויז צו האָבען אַ דין תורה. דער קלעגער מיט דעם אָנגעקלאָגטען פלעגען זיך שטעלען ביי דער טיהר. פריהער פלעגט איינער פאָרלייגען זיינע טענות, נאָכדעם פלעגט דער אנדערער אָנ־געבען זיינע טענות. און צולעצט פלעגט אַ שטימע פון אויבער שטיבעל אויסרופען: „דער האָט רעכט און יענער איז אונגערעכט.״

איינמאָל האָט זיך די פרוי פון ר׳ אלעזר צוקריגט מיט א שכנה, האָט איהר די שכנה געזאָגט: ״דו זאָלסט ניט קומען צו קבר ישראל אזוי ווי דיין מאַן!״ ווען די רבנן האָבען פון דעם געהערט, האָבען זיי געזאָגט: ״מען קען שוין די זאַך ניט לאָזען געהן אזוי ווייטער. מען מוז איהם צונעהמען.״ אנדערע זאָגען, אז ר׳ שמעון בן יוחאי, דער פאָטער פון ר׳ אלעזר, איז צו די תלמידי חכמים געקומען אין חלום און האָט געזאָגט: ״איין טייבעלע האָב איך צווישען אייך און איהר לאָזט איהר ניט קומען צו מיר.״ ווען די רבנן זיינען געקומען און געוואָלט דעם גרויסען תנא טהאָן זיין רעכט, האָבען די שטאָדט לייט ניט געלאָזט איהם צונעהמען, ווייל אין דער גאַנצער צייט וואָס ר׳ אלעזר איז געלעגען האָט קיין בייזע חיה זיך ניט בעוויזען אין שטאָדט. האָבען די רבנן אָבגעוואַרט ביז ערב יום כפור, ווען די שטאָדט לייט זיינען געווען פערטהאָן אין צוגרייטען זיך צום תענית, זיי האָבען געשיקט קברות לייט, וועלכע האָבען דעם קערפער ארויסגע־טראָגען אויף א מטה און אָבגעטראָגען אין דער הייהל וואו רבי שמעון בן יוחאי איז געלעגען.

## 13

# א פרוי׳ס אָבשעצונג פון איהר מאַן

רבי האָט געשיקט א שליח צו ריידען איהם א שדוך מיט דער אלמנה פון רבי אלעזר. האָט די אלמנה געענטפערט: ״א כלי וועלכע איז בענוצט געוואָרען פאַר הייליגע זאַכען טאָר מען ניט בענוצען פאַר זאַכען וואָס זיינען וואָכעדיג.״ מיט דעם האָט זי געמיינט צו זאָגען, אז טראָץ דעם וואָס רבי איז געווען אזוי גרויס, איז ער נאָך ניט געקומען צו די גרויסקייט פון איהר מאַן.

רבי האָט אָבער דעם שדוך ניט אָבגעלאָזען אזוי גיך און ער האָט צו איהר ווידער געשיקט דעם שליח מיט די־ווערטער: ״מעגליך אז אין תורה איז ער געווען גרעסער פון מיר, אָבער אין מעשים טובים ווער איז גרעסער?״ האָט די אלמנה געשיקט צוריק זאָגען: ״דאָס וואָס דו זאָגסט, אז ער איז געווען גרעסער פון דיר אין תורה ווייס איך ניט, אָבער אין מעשים טובים ווייס איך, אז ער איז געווען גרעסער. ער האָט אויף זיך גענומען אזוי פיעל יסורים.״

## 14

# ר׳ יוחנן און ריש לקיש

איין טאָג האָט ר׳ יוחנן זיך געבאָדען אין ירדן. האָט איהם דערזעהן ריש לקיש, וועלכער איז דאַן געווען דער אָנפיהרער פון אַ באַנדע רויבער, און איז אריינגעשפרונגען אין וואַסער נאָך איהם. די צווייי האָבען זיך איינער דעם אַנדערען אַ ווײַלע אָנגעקוקט און בעטראַכט. "מיט דיין כח קען מען לערנען אַ סך תורה, האָט ר׳ יוחנן געזאָגט. "און דיין שעהנקייט פּאַסט זיך פאַר פרויען," האָט איהם גע־ענטפערט ריש לקיש.

"אויב דו וועסט תשובה טהאָן און אָנהויבען צו פיהרען אַן אָרענטליכען לעבען, וועל איך דיר געבען מיין שוועסטער, וועלכע איז נאָך שעהנער פון מיר," האָט ר׳ יוחנן געזאָגט.

ריש לקיש האָט דעם פאָרשלאַג אָנגענומען. אָבער ווען ער איז אַרויס פון וואַסער זיך אָנצוטהאָן זיינע קליידער, האָט ריש לקיש ניט געקענט אַזוי לייכט שפּרינגען ווי פריהער. דער יאָך פון דער תורה וואָס ער האָט אויף זיך גענומען האָט איהם שוין אָבגעשוואַכט.

ר׳ יוחנן האָט איהם גענומען אַהיים, האָט מיט איהם געלערנט תנ"ך און משנה און האָט איהם געמאַכט פאַר אַ גרויסען מענשען. איינמאָל האָט מען אין בית המדרש זיך אַזוי געלערנט: אַ שווערד, אַ מעסער. אַ דאָלך, אַ לאַנגער שפּיעז, אַ סערפּ און אַ שנייד מעסער נעהמען אָן טומאה פון דער צייט וואָס זיי ווערען פאָלקאָמען פערטיג. און ווען ווערען זיי פאָלקאָמען פערטיג? האָט ר׳ יוחנן געזאָגט, אַז פון דעם מאָמענט וואָס זיי זיינען גערייניגט אין קאַלך אַװי־ װען. ריש לקיש האָט געזאָגט, אַז פון דער צייט וואָס זיי זיינען אָבגעשווײנקט געוואָרען אין וואַסער און זיי בעקומען אַ בליאַסק. ר׳ יוחנן האָט עס פערדראָסען וואָס ריש לקיש האָט געזוכט איהם איבערצושפּאַרען, האָט ער געמאַכט אַ שטעכיגע בעמערקונג: "אַ גזלן פערשטעהט זיך אויף געוועהר וואָס ער דאַרף צו זיין מלאכה."

ריש לקיש, וועמען מען האָט שוין יעצט גערופען רבי שמעון בן לקיש, האָט די בעליידיגונג ניט געקענט פערטראָ־

נען און ער האָט איהם געענטפערט: ״וואָס פאַר אַ טובה האָסטו מיר געטהאָן? דאָרט האָט מען מיך געריפען רבי און דאָ רופט מען מיך רבי!״

״איך האָב דיר געטהאָן די גרויסע טובה וואָס איך האָב דיך געבראַכט אונטער די פליגלען פון דער שכינה,״ האָט ר׳ יוחנן איהם צוריק געענטפערט.

פון ווייס אויפרעגונג זיינען זיי ביידע קראַנק געוואָרען, און ריש לקיש האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען. זיין פרוי, וועלכע איז געווען אַ שוועסטער פון ר׳ יוחנן, איז געקומען צו איהר ברודער און האָט גענומען וויינען, זאָגענדיג: ״ראַטעווע מיין מאַן, צוליעב מיינע קינדער, זעה אַז איך זאָל ניט בלייבען אַן אַלמנה.״ האָט איהר ר׳ יוחנן געענטפערט מיט אַ פסוק פון ירמיה (מ״ט): ״לאָז איבער דיינע יתומים צו מיר און איך וועל זיי ערנעהרען און דיינע אַלמנות זאָלען זיך אויף מיר פערלאָזען.״

ריש לקיש איז געשטאָרבען. נאָך זיין טויט האָט ר׳ יוחנן חרטה בעקומען און האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצען. האָבען זיינע תלמידים געזאָגט: ״וועער וועט געהן איהם פרעהליכער מאַכען? זאָל געהן ר׳ אלעזר בן פדה, ווייל ער האָט אַ שאַרפען קאָפּ און קען גוט לערנען.״ איז ער געגאַנגען, האָט זיך אַוועקגעזעצט פאַר איהם, און אויף יעדע תורה וואָס ר׳ יוחנן האָט געזאָגט, האָט ר׳ אלעזר בעוויזען, אַז ער זאָגט ריכטיג.

״דו מיינסט, אַז דו ביזט אַזוי ווי ריש לקיש?״ האָט ר׳ יוחנן געזאָגט, ״ריש לקיש איז געווען גאַנץ אַנדערש. אַז איך פלעג זאָגען אַ תורה פלעגט ער ביי מיר פרעגען פיער און צוואַנציג קשיות און איך פלעג איהם ענטפערען פיער און צוואַנציג תירוצים, און ממילא פלעגט מיר די זאַך ווערען קלערער. אָבער דו האַלטסט אַלץ אין ברייננגען בעווייזע אַז איך זאָג ריכטיג. איך ווייס דען ניט אַז איך זאָג ריכטיג?״

און ר׳ יוחנן איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַ צובראָכענער האַרץ, געריסען אויף זיך די קליידער, געוויינט און געשריען: ״וואו ביזטו ריש לקיש? וואו ביזטו ריש לקיש?״ און ער האָט אַזוי לאַנג געשריען ביז זיין מח האָט זיך געריהרט. האָבען זיינע תלמידים ניט געקענט צוזעהן זיינע גרויסע יסורים, האָבען זיי גאָט געבעטען און ער איז בעפרייט געוואָרען פון זיין שווערען לעבען.

# 15

# אַ גדול און האַלט זיך קליין

רבי שמעון בן גמליאל און רבי יהושע בן קרחה און נאָך גרויסע תנאים זיינען געזעסן אין בית המדרש אויף ביינקלעך און האָבן געלערנט. רבי אלעזר בר׳ שמעון און רבי זיינען געזעסן פֿאַר זיי אויף דער ערד. האָבן זיי זיך אַזוי אויסגעצייכנט מיט זייערע קשיות און תירוצים, דאָס די וואָס זיינען געזעסן אויף די ביינקלעך האָבן געזאָגט: "מיר טרינקען זייערע וואַסערן (עס הייסט, מיר לערנען פֿון זיי תורה) און זיי זיצן אויף דער ערד!" האָט מען פֿאַר זיי געמאַכט ביינקלעך און מען האָט זיי אַרויפֿגעזעצט.

רבי שמעון בן גמליאל וועלכער איז געווען רבי׳ס פֿאָטער, האָט ניט געוואָלט ליידען וואָס מען האָט זיין זוהן אַרויפֿגעזעצט אויף אַ ביינקעל, ווייל ער האָט מורא געהאַט פֿאַר אַן עין הרע. האָט ער געזאָגט: "וואָס האָט איהר געטהאָן? איך האָב איין איינציגען זוהן און איהר ווילט איך זאָל איהם פֿערלירען." האָט מען רבי׳ן צוריק אַוועקגעזעצט אויף דער ערד. "וואָס איז דאָס?" האָט רבי יהושע בן קרחה פּראָטעסטירט, "דער וואָס האָט אַ טאַטען דער דאַרף לעבען, און ווער עס האָט ניט אַ טאַטען דער דאַרף ניט לעבען?" מיינען האָט ער געמיינט ר׳ אלעזר׳ן וועלכער איז געווען אַ יתום. האָט מען איהם אויך איבערגעזעצט אויף דער ערד. אָבער ר׳ אלעזר אַליין איז מיט דעם ניט געווען צופֿריעדען. ער האָט בעסער געוואָלט בלייבען אויפֿ׳ן ביינקעל, דען עס האָט איהם שטאַרק פֿערדראָסען וואָס מען האָט איהם געשטעלט אויף איין שטופֿע מיט רבי׳ן. פֿון דאַן פֿלעגט רבי אלעזר ביי יעדער געלעגענהייט זוכען צו בעווייזען אַז רבי׳ס תשובות און ערקלערונגען האָבען קיין ממשות. רבי האָט זיך די זאַך גענומען צום האַרצען און ער האָט זיך בעקלאָגט ביי זיין פֿאָטער. האָט איהם ר׳ שמעון בן גמליאל געענטפֿערט: "מיין זוהן, נעהם זיך ניט צום האַרצען, ווייל ער איז אַ לייב דער זוהן פֿון אַ לייב, און דו ביזט אַ לייב דער זוהן פֿון אַ פֿוקס." און אַזוי האָט זיך דער גרויסער ר׳ שמעון בן גמליאל זיך געמאַכט קליין און אָבגעגעבען כבוד צו אַ מענשען וועמען ער האָט געהאַלטען גרעסער פֿון זיך.

16

# רבי דער מארטירער

רבי איז געווען זעהר א קראנקער מענש. זעקס יאָהר האָט ער געליטען אויף שטיין קראנקהייט און זיבען יאָהר אויף צאָהנוועטאָג. און געקומען זיינען די קראנקהייטען אויף איהם אלס א שטראָף פאר דעם וואָס ער האָט ניט בעוויזען קיין רחמנות אויף א קאלב, און אוועק זיינען די יסורים ווען ער האָט ארויסגעצייגט רחמנות אויף עטליכע קליינע קעצעלעך.

די מעשה איז אזוי געווען.

איינמאָל איז רבי געשטאנען נעבען א שלאכט הויז. האָט זיך דאָרט געפונען א קעלבעל וואָס מען האָט איהר געהאלטען גרייט צו דער שחיטה. די קעלבעל איז ענטלאָפען פון די מענשען וואָס האָבען געוואָלט איהר לעבען נעהמען און זי האָט זיך בעהאלטען אונטער רבי'ס פאָלע. האָט רבי געזאָגט צו דער קאלב: ״געה, ווייל אויף דעם ביזטו געשאפען געוואָרען.״ האָט מען אין הימעל שטארק פעראיבעל געהאט וואָס רבי האָט אזוינס געזאָגט, אז גאָט האָט בעשאפען לעבעדיגע בריאים כדי מענשען זאָלען זיי קוילען. האָט מען אין הימעל געזאָגט: ״דערפאר וואָס ער האָט קיין רחמנות געהאט אויף דער קעלבעל זאָלען אויף איהם קומען יסורים.״

דרייצעהן יאָהר איז נאָכדעם רבי קראנק געווען און האָט געליטען גרויסע יסורים. רבי איז פון זיינע יסורים בעפרייט געוואָרען דורך אן אנדער צופאל.

איינמאָל האָט א דיענסט געקעהרט זיין הויז. קעהרענדיג האָט זי געפונען עטליכע נייע געבוירענע קעצלעך, האָט זי זיי געוואָלט ארויסווארפען אין דרויסען. רבי האָט דאָס דערזעהן האָט ער געזאָגט: ״לאָז זיי צורוה! זיי זיינען גאָט'ס בעשעפעניסען. ער האָט אויף זיי רחמנות, דארפען מיר אויך רחמנות האָבען אויף זיי.״ האָט מען אין הימעל געזאָגט: ״דערפאר וואָס ער צייגט ארויס רחמנות וועלען מיר זיך מרחם זיין אויף איהם.״

## 17

# גוטסקייט ברייגנגט גוטע רעזולטאטען

רבי איז איינמאָל געקומען אין דער שטאָדט וואו ר׳ אלעזר בר׳ שמעון האָט אמאָל געלעבט. האָט ער זיך נאָכ־געפרעגט: ״האָט יענער צדיק איבערגעלאָזען א זוהן?״ האָט מען איהם געענטפערט: ״יא, ער האָט א זוהן, אָבער ער איז גאנץ אנדערש פון זיין פאָטער. ער לאָזט זיך פער־פיהרען פון ניט אנשטענדיגע פרויען.״ האָט רבי דעם בחור גענומען צו זיך אהיים, האָט איהם געגעבען דעם טיטעל ״רבי״, כדי ער זאָל האָבען רעספעקט פאר זיך אליין און וויסען אז ער דארף זיך אויפפיהרען אָרענטליך, און נאָכדעם האָט ער איהם איבערגעגעבען צו זיין מוטער׳ס א ברודער, ר׳ שמעון בן איסי בן לקוניא, אז ער זאָל מיט איהם לערנען. יעדען טאָג פלעגט דער בחור אלץ שרייען: ״איך וויל געהן צוריק אין מיין שטאָדט.״ האָט רבי צו איהם געזאָגט: ״מעז האָט דיך געמאכט פאר א חכם, א גאָלדענעם מאנטעל האָט מען דיר אָנגעטהאָן, און רבי רופט מען דיך, און דו שרייסט דו ווילסט צוריק אהיים!״ האָט דער בחור געענטפערט: ״איך וועל דאָס מעהר ניט זאָגען. איך וועל זיך האלטען ביי מיין שבועה וואָס איך האָב געגעבען און זיך ניט בעטען צוריק אהיים.״

ווען ער איז גרויס געוואָרען איז ער געקומען, זיך אוועק־געזעצט אין רבי׳ס ישיבה לערנען. רבי האָט דערהערט זיין שטימע, האָט ער געזאָגט: ״איך הער א קול וואָס איז עהנ־ליך צו רבי אלעזר בר׳ שמעון׳ס.״ האָט מען איהם געענט־פערט: ״דאָס איז זיין זוהן.״ האָט זיך רבי שטארק גע־פרעהט.

## 18

# ר׳ טרפון און זיין איניקעל

רבי איז איינמאָל געקומען אין דער שטאָדט וואו רבי טרפון האָט אמאָל געלעבט. האָט ער געפרעגט ביי די שטאָדט לייט: ״האָט יענער צדיק וואָס פלעגט זיך שווערען ביי זיי־נע קינדער איבערגעלאָזען א זוהן?״ (ר׳ טרפון האָט געהאט

א געוואוינהייט זיך צו שווערען ביי זיינע קינדער.) האָט מען איהם געענטפערט: "קיין זוהן האָט ער ניט איבער־געלאָזען, אבער אן אייניקעל יא — דער זוהן פון זיינע א טאָכטער. אבער ער איז זעהר ווייט פון זיין פרומען זיידען. ער לאָזט זיך פערפיהרען פון אויסגעלאַסענע פרויען". רבי האָט איהם געלאָזט ברייגגען צו זיך און האָט געזאָגט צו איהם: "אויב דו וועסט תשובה טהאָן וועל איך דיר געבען מיין טאָכטער." האָט ער תשובה געטהאָן. מאנכע זאָגען אז ער האָט מיט רבי'ס טאָכטער חתונה געהאט און נאכדעם האָט ער זיך מיט איהר גע'גט, און אנדערע זאָגען אז ער האָט מיט איהר גאָר ניט חתונה געהאט. דאס האָט ער אזוי גע־האנדעלט כדי מען זאָל ניט זאָגען אז ער האָט תשובה געטהאָן צוליעב א פרוי.

# 19

# א קורצער און פאסט לאנגע תעניתים

ווען רבי זירא האָט געהאלטען אין פערלאָזען בבל צו געהן נאָך ארץ ישראל האָט ער פריהער געפאסט הונדערט תעניתים, אז ער זאָל פערגעסען אלעס וואס ער האָט געלע־רענט אין בבל (תלמוד בבלי), ווייל די סיסטעם פון לערנען אין ארץ ישראל איז געווען א גאנץ אנדערע, אן איינפאכע און מיט וועניגער פלפול. נאכדעם האָט ער געפאסט נאָך הונדערט תעניתים אז ר' אלעזר זאָל ניט שטארבען אין זיין צייט און עס זאָלען אויף איהם ניט פאלען די קהל'שע עסקים וועלכע ר' אלעזר פלעגט בעזאָרגען. צולעצט האָט רבי זירא געפאסט נאָך הונדערט תעניתים אז דער פייער פון גיהנם זאָל אויף איהם קיין שליטה האָבען. נאכדעם האָט ער פאר דרייסיג טעג צייט געמאכט אויף זיך פראָבען. ער פלעגט אויסהייצען דעם אויוועז, ארייגקריכען אין פייער און דער פייער פלעגט איהם גאָר ניט שאדען. איינמאָל האָט מען איהם געגעבען א בייז אויג, האָט ער זיך צוגעברענט די קניע. האָט מען איהם דערפאר א נאָמען געגעבען "דער קורצער מיט די צוברענטע קניע."

## 20

# אליין לערנען איז ניט דער עיקר

ריש לקיש האט אמאל בעצייכענט די קברים פון די רבנן. די קברים זיינען שוין געווען אלט און פערלאזען און פון א סך האבען שוין געפעהלט די מצבות. ווען ער האט גענומען זוכען דעם קבר פון רבי חייא האט ער איהם ניט געקענט געפינען. האט דאס איהם שטארק באנג געטהאן און ער האט אויסגערופען: ״רבונו של עולם! שוין זשע בין איך ניט ווערט אז איך זאל געפינען דעם קבר פון דעם צדיק? האב איך דען ניט געלערנט תורה אזוי ווי ער?״ איז ארויס א בת קול פון הימעל און האט געזאגט: ״תורה פאר זיך אליין האסטו טאקע געלערנט אזוי ווי ער, אבער לערנען מיט אנדערע אזוי ווי ער האט געטהאן, דאס האסטו ניט.״

## 21

# צדיקים אין גן עדן

רבי זירא האט איינמאל אזוי דערצעהלט:

״נעכטען האט זיך צו מיר בעוויזען אין חלום רבי יוסי, דער זוהן פון רבי חנינא. האב איך איהם געפרעגט: ״נעבען וועמען זיצסטו דארט אין גן עדן?״ האט ער מיר געענט־פערט: ״נעבען ר׳ יוחנן.״ ״און ר׳ יוחנן נעבען וועמען זיצט ער?״ ״נעבען ר׳ ינאי״. ״און ר׳ ינאי נעבען וועמען?״ ״נעבען ר׳ חנינא״. ״און ר׳ חנינא נעבען וועמען?״ ״נעבען ר׳ חייא״.

האב איך געפרעגט: ״פארוואס זיצט ניט ר׳ יוחנן נע־בען ר׳ חייא׳ן?״ האט ער מיר געענטפערט: ״אין אן ארט וואו עס ברענען פאקלען און עס פליהען פונקען פייער, ווער דארף עס דארט האבען א שמיעד צו בלאזען אין א בלאזאק? עס איז דא גענוג פייער אהן איהם.״

חביבא בר סורמקי דערצעהלט אזא געשיכטע:

״איך האב געקענט א תלמיד חכם וואס אליהו הנביא פלעגט צו איהם אפט אריינקומען. איינמאל האב איך בע־מערקט אז אין דער פריה זיינען די אויגען זיינע געווען גוט און אין אבענד האבען זיי אויסגעזעהן ווי אנגעברענט פון א פייער. האב איך איהם געפרעגט וואס דאס בעדייט.

האָט ער מיר אַזוי דערצעהלט: "איך האָב געבעטען אליהו'ן ער זאָל מיר ציינען ווי די צדיקים געהען ארום אין הימעל. האָט מיר אליהו געזאָגט אַז אויף אַלעמען מעג איך קוקען, נאָר נים אויף דעם שטוהל אויף וועלכען עס זיצט ר' חייא. האָב איך איהם געפרעגט ווי אַזוי איך זאָל דערקענען ר' חייא'ס שטוהל, האָט ער מיר געגעבען אַזאַ סימן: ביי די אַנדערע שטוהלען דרעהען זיך ארום מלאכים און זיי העל־פען די צדיקים אַרונטערצוגעהן און אַרויפצוגעהן, אָבער ר' חייא געהט אַליין אַרויף און אַראָב. איך האָב זיך נים גע־קענט איינהאַלטען און האָב דאָך אַ קוק געטהאָן. זיינען ארויס צוויי פייערדיגע פונקען און האָבען מיר אַ שלאָג גע־טהאָן און מיר קאַליע געמאַכט די אויגען. אויף מאָרגען בין איך געגאַנגען אויף דעם קבר פון ר' חייא און האָב איהם געזאָגט אַז איך לערן זיין ביילאַגע (תוספתאָ) וואָס ער האָט געגעבען צו דער משנה, און איך בין געהיילט געוואָ־רען."

## 22

# אויסגעזאָגט אַ סוד פון הימעל

אליהו איז געווען אַן אָפטער אריינגעהער אין רבי'ס ישיבה. איין טאָג האָט ער זיך פערשפּעטיגט. האָט איהם רבי געפרעגט ווארום ער האָט זיך פערשפּעטיגט, האָט אליהו אַזוי געענטפערט: "ביז איך וועק אויף אברהם'ען און העלף איהם אָבוואַשען די הענד, און ווארט ביז ער דאַווענט אָב, און איך לייג איהם ווידער שלאָפען, און אַזוי אויך מיט יצחק'ען און מיט יעקב'ען, געהט אַוועק די צייט." האָט רבי געפרעגט: "פאַר וואָס זעהסטו נים אַז זיי זאָלען אַלע דריי דאַווענען צוזאַמען?" האָט אליהו געענטפערט: "ווען אַלע דריי צוזאַמען זאָלען תפלה טהאָן איז זייער זכות אַזוי גרויס, דאָס זיי קענען אַראָבברייננען משיח'ן פאַר דער צייט."

"זיינען דאָ אויף דיזער וועלט מענשען מיט אַזאַ גרויסען זכות?" האָט רבי געפרעגט.

"יאָ עס זיינען דאָ", האָט אליהו געענטפערט. "דאָס זיינען ר' חייא און זיינע זיהן".

רבי האָט גוזר תענית געווען און גערופען ר' חייא'ן מיט זיינע זיהן אין שוהל. ר' חייא האָט אַ זאָג געטהאָן "משיב

הרוח״, האָט געגומען בלאָזען אַ ווינד. ער האָט אַ זאָג געטהאָן ״מוריד הגשם״, האָט אָנגעהויבען צו געהן אַ רעגען. האָט ער געוואָלט זאָגען וואָס ווייטער שטעהט, ״מחיה המתים״, האָט די וועלט אַציטער געטהאָן. אין הימעל האָט מען אָנגעהויבען פרעגען: ״ווער האָט עס אַבגעטראָגען אַ סוד פון הימעל אויף דער ערד?״ האָט זיך ארויסגעוויזען אַז דאָס האָט געטהאָן אליהו. האָט מען געבראכט אליהו׳ן און מען האָט איהם געשלאָגען מיט זעכציג פייערדיגע ריטער, ווייל צוליעב איהם האָט עס שוין געהאַלטען דערביי אַז אַלע מתים זאָלען צוריק לעבעדיג ווערען. אָבער אליהו הנביא האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ פייערדיגען בער, איז אריינגעלאָפען אין שוהל און האָט צושטערט דעם דאווגען.

# 23

# אַ חכם יאָ, אַ רבי ניט

שמואל ירחינאה איז געווען רבי׳ס לייב־ארצט. איינמאָל איז רבי קראַנק געוואָרען אויף די אויגען. האָט שמואל געוואָלט איהם אריינגיסען אַ מעדיצין אין די אויגען, אָבער רבי האָט געזאָגט אַז ער וועט דאָס ניט קענען פערטראָגען. האָט שמואל געזאָגט: ״לאָמיך דיר די מעדיצין אָנשמירען אויף די אויגען לעפלעך״. האָט רבי אַלץ מורא געהאַט אַז ער וועט עס ניט קענען פערטראָגען. האָט שמואל אריינגעגאָסען די מעדיצין אין אַ פוסטען רעהר, דאָס אונטערגעלייגט רבי׳ן צוקאָפּענס, און די שטאַרקייט פון די מעדיצין איז דורכגעדרונגען דעם קראַנקען׳ס קאָפּ ביז עס איז אריין אין זיינע אויגען און ער איז געהיילט געוואָרען.

רבי האָט פיעל מאָל געוואָלט געבען סמיכה צו דעם וואונדערליכען דאָקטאָר וואָס האָט אויפגעהאַלטען זיין געזונד, אָבער עס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען צוליעב פערשיעדענע אורזאַכען. רבי האָט די זאַך זיך שטאַרק גענומען צום האַרצען, אָבער שמואל האָט איהם געטרייסט, זאָגענדיג:

״מען האָט מיר געציינט דעם ספר פון אדם הראשון און וועלכען עס איז אויסגעשריבען די צוקונפט פון יעדען מענשען אויף דער וועלט. דאָרט האָב איך געלעזען: שמואל ירחינאה וועט האָבען דעם טיטעל חכם, אָבער ניט דעם טיטעל רבי.״

# 24

# דער טיש פון רבה בר נחמני

רבה בר נחמני האָט זיין לעבן פערלאָרען צוליעב פער־פאָלגונג. מוסרים זיינען געקומען צום קעניג און האָבען אויף איהם געזאָגט: "עס איז דאָ א מאַן ביי אידען וואָס עס קומען צו איהם צוועלף טויזענד מענשען איין חודש אין זומער און נאָך צוועלף טויזענד מענשען איין חודש אין ווינטער, צו הערען זיינע דרשות, און דערוועיל דרעהען זיי זיך ארויס פון צאָהלען דעם מלך'ס צינזען, ווייל די קאָלעקטאָרען גע־פינען זיי ניט אין דער היים." מיינען האָבען די מוסרים געמיינט רבה בר נחמני צו וועמען אידען פלעגען קומען אין ניסן צו הערען די דינים פון פסח און אין תשרי צו הערען דינים פון סכות.

די רעגיערונג האָט ארויסגעשיקט א בעאַמטען, האָט ער שוין רבה בר נחמני'ן ניט געפונען. ער איז ענטלאָפען פון פומבדיתא, איז געגאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט ביז ער איז צוריק געקומען אין פומבדיתא, מיינענדיג אז דאָרט וועט איהם שוין דער רעגיערונגס בעאַמטער מעהר ניט זוכען. אָבער דער בעאַמטער איז איהם נאָכגעלאָפען פון שטאָדט צו שטאָדט, ביז ער איז אויך אָנגעקומען אין פומבדיתא.

דער בעאַמטער איז גראָדע אריינגעפאָהרען אין דער אכסניא וואו רבה האָט זיך בעהאַלטען. האָבען די דיענער געבראַכט א טיש פאַר דעם בעאַמטען און איהם געגעבען צו טרינקען צוויי כוסות וויין. נאָכדעם האָבען זיי דעם טיש צוגענומען פון איהם. צוויי איז א גראָדע צאָהל, און א גראָדע צאָהל צו טרינקען איז געווען פערערעכענט פאַר א שעדליכע זאַך. תאָט זיך דעם בעאַמטען'ס קאָפ אומגעדרעהט און זיין פנים האָט זיך פאַרקעהרט ריקווערטס.

די דיענער פון דער אכסניא זיינען געקומען צו רבה'ן און האָבען געפרעגט: "וואָס זאָלען מיר טהאָן? ווי זאָלען מיר איהם רעטען? ער איז דאָך א בעאַמטער פון דער רע־גיערונג." האָט רבה זיי געענטפערט: "שטעלט צוריק דעם טיש פאַר איהם, גיט איהם נאָך א כוס וויין צו טרינקען, נאָכדעם נעהמט דעם טיש צוריק אוועק, וועט ער געהיילט ווערען."

מען האָט אַזוי געטהאָן און ער איז געהיילט געוואָרען. ״איך פערשטעה,״ האָט ער געזאָגט, ״אַז דער גרויסער מאַן וועמען איך זוך געפינט זיך דאָ.״ האָט ער נאָכגעזוכט און האָט איהם געפונען. האָט דער בעאַמטער אַזוי געזאָגט: ״איך וועל פון דאַנען אַוועקגעהן, אויב מען וועט מיך אפילו הרג'ענען וועל איך איהם ניט ארויסגעבען, אָבער מאָמער וועט מען מיך סתם מאַטערען, וואָס דאָס איז אַמאָל ערגער פון טויט, וועל איך איהם אפשר ארויסגעבען.״

דער בעאַמטער האָט רבה'ן אריינגעפיהרט אין אַ צימער און האָט פארשלאָסען די טיהר הינטער איהם. האָט רבה געזאָגט אַ תפלה און עס איז איינגעפאַלען אַ וואַנד. נאָכדעם איז ער אנטלאָפען אין אַ וואַלד און האָט זיך געזעצט אויף דעם וואָרצעל פון אַן אָבגעהאַקטען טייטעלבוים און גענומען לערנען. גראָדע צו יענער צייט האָט מען אין הימעל געלערנט אַ דין וועגען נגעים, און מען האָט זיך דאָרט ניט געקענט איינינען וועגען דעם דין, אויב עס איז טהור, אָדער טמא. איז געבליבען אַז מען זאָל ברייננגען רבה בר נחמני אין הימעל און פרעגען ביי איהם. האָט מען געשיקט נאָך איהם דעם מלאך המות.

אָבער אַזוי ווי רבה האָט געהאַלטען כסדר אין לערנען, האָט דער מלאך המות ניט געקענט צוקומען צו איהם. דער־ווייל האָט אָנגעהויבען צו בלאָזען אַ ווינט און האָט גערוישט צווישען די צווייגען. רבה האָט געמיינט אַז דאָס געהען סאָלדאַטען איהם פאַנגען, האָט ער זיך ערשראָקען און האָט געזאָגט: ״בעסער שטאַרבען איידער אריינצופאַלען אין די הענד פון דער רעגיערונג.״ און ווען ער איז געשטאָרבען, האָט ער אויסגערופען: ״טהור, טהור!״ איז ארויס אַ בת קול פון הימעל און האָט געזאָגט: ״וואַרום איז צו דיר, רבה, וואָס דיין קערפער איז געוועזען טהור, און דיין נשמה איז ארויס מיט טהור.״

ווען אביי און די רבנן האָבען זיך דערוואוסט פון רבה'ס טויט, זיינען זיי ארויס איהם מקבר זיין, אָבער זיי האָבען ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך. זיינען זיי געגאַנגען אין פעלד, ביז זיי האָבען געזעהן ווי פויגעלעך שטעהען אויף איין אָרט און האַלטען אויסגעשפרייט זייערע פליגלען, אַזוי ווי זיי וואָלטען בעשיצען אימיצען פון דער זון. האָבען זיי געזאָגט: ״אָט דאָרט מוז ער זיין.״

דריי טעג און דריי נעכט האָט מען רבה'ן בעקלאָגט.

נאָכדעם איז פון הימעל אַראָבגעפאַלען אַ צעטעל מיט'ן אויפשריפט: "ווער עס שיידט זיך יעצט אָב פון יעם טרויער זאָל זיין אין חרם." האָט מען איהם בעקלאָגט גאַנצע זיבען טעג. איז נאָכדעם אַראָבגעפאַלען אַ צעטעל שוין מיט אַן אַנדער אוישריפט: "יעצט קענט איהר געהן לשלום אהיים."

אין דעם טאָג וואָס רבה בר נחמני איז געשטאָרבען האָט זיך אויפגעהויבען אַ שטאַרקער שטורם ווינד, האָט אוועקגעטראָגען אַ גוי'אישען סוחר וואָס איז געפאָהרען רייטענדיג אויף אַ קאַמעל, און האָט איהם פערטראָגען פון איין זייט ברעג טייך און איהם, געשליידערט אויף דעם אַנדער זייט ברעג טייך.

"וואָס איז אַזוינס היינט געשעהן?" האָט דער סוחר געפרעגט ביי מענשען.

ס'טייטש, דו ווייסט ניט?" האָט מען איהם געענטפערט. "רבה בר נחמני איז דאָך היינט געשטאָרבען." האָט דער סוחר אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל און האָט אַזוי געזאָגט: "רבונו של עולם! די גאַנצע וועלט איז דיינע, און רבה בר נחמני איז אויך דיינער — דו ביזט זיינער און ער איז דיינער, טאָ וואָס איז די וועלט שולדיג? פאַרוואָס ווילסטו איהר חרוב מאַכען?" איז באַלד דער שטורם שטיל געוואָרען.

# 25
# דאַנקבאַרקייט

רבי שמעון בן חלפתא איז געווען אַ שווערער מענש, אַ פעט לייביגער. איינמאָל אין אַ זעהר וואַרימען טאָג איז ער געזעסען אויף אַ שפיץ באַרג. זיין טאָכטער איז געזעסען נעבען איהם. האָט ער געזאָגט צו איהר: "טאָכטער מיינע! בלאָז אויף מיר אַ ביסעל מיט'ן פאָכער און איך וועל דיר דערפאַר גיבען אַ בינטעל שמעקעדיגע בלומען." דערווייל האָט אָנגעהויבען צו בלאָזען אַ געשמאַקער ווינטעל. האָט רבי שמעון געזאָגט צו זיין טאָכטער: "זוי דענקסטו, ווי פיעל אַן ערך בינטלעך בלומען קומט אַרויס דעם בעשעפער פון אַזאַ קיהלען, מחיה'דיגען ווינטעל?"

# 26

# א מענש דאַרף אָבהיטען עטיקעטע

ר׳ תנחום בר חנילאי זאָגט:

אַ מענש דאַרף זיך נים פיהרען אַנדערש ווי די עטיקעטע פון דעם אָרט אין וועלכען ער געפינט זיך. משה האָט פער־בראַכט פערציג טעג אין הימעל האָט ער נים געגעסען. די מלאכים וואָס זיינען אַראָנטער אויף דער ערד, ווען זיי האָבען בעזוכט אברהם אבינו, האָבען געגעסען.

אָבער קען דאָס זיין אז די מלאכים האָבען טאַקע גע־געסען? עס הייסט נאָר זיי האָבען זיך געמאַכט ווי זיי עסען.

# 27

# אברהם אבינו׳ס געסט

רבי חמא בר חנינא דערצעהלט אזוי:

דאָס איז געווען דעם דריטען טאָג נאָכדעם ווי אברהם האָט זיך מל געווען. איז דער אייבערשטער געקומען איהם מבקר חולה זיין, און יענעם טאָג האָט דער אייבערשטער אַרויסגענומען די זון פון איהר שייד, אום עס זאָל ווערען אַ גרויסע היץ און מענשען זאָלען נים געהן אין וועג, און אברהם אבינו זאָל זיך נים דאַרפען בעמיהען אויפצונעהמען דורכרייזענדע.

אברהם אבינו האָט געהייסען זיין דיענער אליעזר, ער זאָל אַרויסגעהן אין דרויסען און זעהן אויב עס געהען דאָך דורך רייזענדע. אליעזר איז אַרויס און האָט קיינעם געפונען. "איך גלויב דיר נים," האָט אברהם אבינו געזאָגט און איז אַליין אַרויסגעגאַנגען. ביי׳ם טיהר האָט ער געזעהן די שכינה.

די דריי מלאכים וואָס האָבען בעזוכט אברהם אבינו זיינען געווען מיכאל, גבריאל און רפאל. מיכאל איז געקומען אָנזאָגען שרה׳ן אז זי וועט האָבען אַ זוהן, רפאל איז געקומען היילען אברהם׳ן, און גבריאל איז געקומען איבערקעהרען סדום. מיכאל איז מיטגעגאַנגען מיט גבריאל׳ן אום צו רעטען לוט׳ן פון דער איבערקעהרעניש.

## 28

# אברהם דער פּאָטער פון יצחק

דעם טאָג וואָס אברהם האָט ענטוואוינט זיין זוהן יצחק, האָט ער געמאכט אַ גרויסע סעודה. האָבען די גוים צווישען זיך געמורמעלט: ״האָט איהר אַזוינס געזעהן? אַ זקן מיט אַ זקנה האָבען אריינגענומען אַן אונטערגעוואָרפּעם קינד פון גאַס און זיי זאָגען אַז עס איז זייער זוהן. און דאָס איז נאָך ניט גענוג פאַר זיי — זיי מאַכען אַ גרויסען מאָהל־צייט איינצורײדען דעם עולם אַז דאָס איז טאַקי זייערער.״

אַז אברהם האָט געהערט ווי מען רעדט אַזוי וועגען זיין קינד, האָט ער איינגעלאַדען צו זיך די גרעסטע מענער פון זיין צייט, און אונזער מוטער שרה האָט איינגעלאַדען די פרויען פון יענע מענער, און יעדע איינע פון די פרויען האָט מיטגעבראַכט איהר זוהן, אָבער זיין זויגערין האָט זי ניט מיטגעבראַכט. און אַ נס איז געשעהן מיט אונזער מוטער שרה וואָס איהרע צוויי בריסט האָבען זיך געעפענט ווי צוויי קוואַלען און זי האָט אַלע קינדער געגעבען צו זויגען.

דאָך האָבען שלעכטע מענשען ניט אויפגעהערט צו בעריידען. זיי האָבען געזאָגט: ״מילא, עס קען אַמאָל טרעפען אַז אַ פרוי פון ניינציג יאָהר זאָל ווערען אַ מוטער, אָבער ווי קען אַ מאַן פון הונדערט יאָהר ווערען אַ פאָטער?״

גלייך נאָכדעם איז יצחק׳ס געשטאַלט געוואָרען זעהר ענליך צו אברהם׳ס, און דאַן האָבען אַלע געזאָגט: ״אברהם תוליד את יצחק,״ אברהם איז דער פאָטער פון יצחק.

## 29

# אַז מען האָט האַלץ פליהען שפּענער

רבת, דער זוהן פון רב הונא האָט געהאַט אַ וואַלד ביים ברעג פון אַ טייך. האָבען מענשען איהם געבעטען ער זאָל אויסהאַקען אַ טייל פון וואַלד, אום פריי צו מאַכען דעם וועג אין טייך פאַר שיפען. ״וואָס וועט העלפען אַז איך וועל אויס־האַקען מיינע בוימער?״ האָט רבה בר רב הונא געזאָגט, ״זועט עס זיינען דאָ נאָך וועלדער פוןביידע זייטען, און די

בעלי בתים פון יענע וועלדער וועלען זייערע בוימער קיינמאָל ניט אויסהאַקען — טאָ וואָס לוינט עס זיך?"

אַ צייט שפּעטער איז רבה בר רב נחמן דורכגעפאָהרען דעם טייך אין אַ קליין שיפעל, האָט ער דערזעהן דעם וועלדעל וואָס איז געשטאַנען ביים ברעג טייך. "וועמעס איז דאָס?" האָט ער געפרעגט. האָט מען איהם געזאָגט אז דאָס געהערט צו רבה בר רב הונא. רבה בר רב נחמן האָט עס גערעכענט פאַר אַן אונרעכט וואָס דער אַנדער רבה האָט זיין וואַלד ניט געלאָזט אויסהאַקען, און ניט פרעגענדיג, אויב יענער האָט עפּעס אַן ערקלעהרונג צו געבען, האָט ער געזאָגט צו די מענשען: "האַקט!" האָבען זיי גענומען האַקען די בוימער. ווען רבה בר רב הונא איז געקומען און געפונען רבה בר רב נחמן האַקען זיין וואַלד, האָט ער מיט כעס אויסגערופען: "דער וואָס האַקט די בוימער זאָלען ביי איהם אָבגעהאַקט ווערען זיינע צווייגען." מיינען האָט ער געמיינט, אַז יענעמ'ס קינדער זאָלען שטאַרבען. און עס ווערט דערצעהלט, אַז דעם גאַנצען לעבען פון רבה בר רב הונא האָבען ביי רבה בר רב נחמן קיין קינדער זיך געהאַלטען.

## 30

# די גן עדן בלעטער

רבה בר אבוה האָט זיך געטראָפען מיט אליהו'ן. האָט איהם אליהו אריינגעפיהרט אין גן עדן און געזאָגט צו איהם: "שפּרייט אויס דיין מאַנטעל, קלייב אָן און נעהם מיט פון יענע גן עדן בלעטער." רבה האָט אַזוי געטהאָן. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען האָט ער געהערט אַ שטימע זאָגען: "רבה עסט אויף זיין חלק עולם הבא." רבה האָט גלייך אויס־געטרייסעלט זיין מאַנטעל און אוועקגעוואָרפען די בלעטער. אָבער דער זיסער ריח פון די בלעטער האָט זיך איינגעזאַפּט אין דעם מאַנטעל. האָט ער דעם מאַנטעל פערקויפט פאַר צוועלף טויזענד רענדלעך, און אַזוי ווי ער האָט פון דעם געלד קיין הנאה געוואָלט האָבען, האָט ער דאָס צוטיילט צווישען זיינע איידעמס.

# מסכת בבא בתרא

## 1

## דער קנעכט וואָס איז געוואָרען א מלך

הורדוס איז געווען א קנעכט ביי די חשמונאים. האָט ער געוואָרפען אַן אויג אויף א טאָכטער פון די חשמונאים. איין טאָג האָט ער געהערט א בת קול אויסרופען: "א קנעכט וואָס וועט זיך בונטעווען דיזען יאָהר וועט האָבען הצלחה." האָט הורדוס אויסגע'הרג'עט אלע מענער און האָט איבער־געלאָזען די מיידעל, וועלכע איז נאָך דאַן געווען זעהר יונג, כמעט א קינד. ווען די מיידעל האָט אָנגעהויבען צו פער־שטעהן אז הורדוס מיינט איהר צו נעהמען פאַר א ווייב, איז זי ארויף אויף א דאַך און האָט הויך אויפ'ן קול אויסגערופען:

"ווער עס וועט קומען און זאָגען אז ער שטאַמט ארויס פון די חשמונאים, זאָלען אלע וויסען, אז ער איז א קנעכט, ווייל פון די חשמונאים איז קיינער ניט פערבליבען, אויסער א קליין מיידעל, און דיזע מיידעל וועט באלד שטארבען!"

און גלייך ווי זי האָט דאָס ארויסגעזאָגט האָט זי זיך אַראָבגעווארפען פון דאַך אויף דער ערד און זי איז גע־שטאָרבען.

הורדוס האָט איהר קערפער געהאלטען אין האָניג זיבען יאָהר, כדי עס זאָל אָנהאלטען די פרישקייט. ער האָט גע־וואָלט אז מען זאָל גלויבען אז זי לעבט נאָך און אז ער האָט חתונה געהאט מיט א בת מלך.

וויסענדיג אז די אידישע געלעהרטע זיינען געגען איהם, האָט ער זיי אלעמען אויסגע'הרג'עט. ער האָט איבערגעלאָזען

בבא בן בוטא, כדי ער זאָל האָבען ביי וועמען אַן עצה צו פרעגען.

נאָכדעם האָט ער פאַר בבא בן בוטא געמאַכט אַ קרוין פון איגעל־פעל, וואָס האָט שטעכעדיגע האָאָר, אַזוי ווי נאָדלען. און ווען ער האָט בבא'ן די קרוין אָנגעטהאָן האָט ער איהם מיט די שפּיציגע נאָדלען דורכגעלעכערט די אויגען און איהם בלינד געמאַכט.

ווען בבא בן בוטא איז שוין געווען בלינד און האָט שוין ניט געקענט זעהן, איז הורדוס צו איהם געקומען און געזאָגט:

"זעה וואָס דער שלעכטער קנעכט האָט געטהאָן! ער האָט אויסגע'הרג'עט די חשמונאים און ער האָט אויסגע־הרג'עט די אידישע געלעהרטע."

בבא בן בוטא האָט ניט געוואוסט ווער עס רעדט צו איהם, האָט ער געזאָגט: "וואָס קען איך איהם טהאָן?"

"שילט איהם!" האָט געזאָגט הורדוס, וועלכער האָט געוואָלט אויסגעפינען וואָס אידען דענקען פון איהם.

"אין קהלת שטעהט אַז אפילו אין די געדאַנקען טאָר מען אַ מלך ניט שילטען", האָט בבא בן בוטא געענטפערט.

"אָבער דער דאָזיגער איז דאָך ניט אַן אמת'ער מלך", האָט הורדוס ווייטער געזאָגט.

"ווען אפילו ער זאָל זיין אַזוי אַ רייכער מאַן", האָט בבא בן בוטא געענטפערט, "טאָר איך איהם אויך ניט שילטען, ווייל עס שטעהט ווייטער אין קהלת, אַז אפילו אין דיין שלאָף צימער זאָלסטו אַ רייכען מאַן ניט שילטען. און ווען אפילו ער זאָל זיין בלויז אַ נשיא, שטעהט עס געשריבען אין דער תורה אַז דו זאָלסט ניט שילטען אַ נשיא וואָס געפינט זיך אין דיין פאָלק."

"דאָס איז גערעדט ווען ער פיהרט זיך אויף ווי אַ איד," האָט הורדוס ווייטער גענומען העצען, "אָבער דיזער האַנדעלט ניט ווי אַ איד."

"איך האָב מורא פאַר איהם", האָט בבא בן בוטא געזאָגט.

"דאָ איז קיינער ניטאָ, בלויז איך און דו."

"עס איז אָבער דאָ אַ פּסוק אַז אַ פויגעל קען אויך אָבטראָגען."

זעהענדיג אַז בבא בן בוטא וויל איהם אַלץ ניט שילטען, האָט הורדוס געזאָגט:

„ווען איך וואָלט געוואוסט אַז די אידישע געלעהרטע זיינען אַזוי עהרליך און פאַרזיכטיג וואָלט איך זיי ניט אויסגע'הרג'עט. אָבער יעצט, אַז איך האָב שוין דאָס אָבגעטהאָן, וואָס קען איך טהאָן אום זיך אויסצולעזען פון מיין פערברעכען?"

ווען בבא בן בוטא האָט זיך דערוואוסט ווער עס רעדט צו איהם, האָט ער איהם אַזוי געענטפערט:

„דער וואָס האָט אויסגעלאָשען די ליכט פון דער וועלט, דער זאָל צוריקגעבען דער וועלט איהר ליכט. דער וואָס האָט בלינד געמאַכט די אויגען פון דער וועלט, דער וואָס האָט אויסגעהרג'עט די חכמים, וואָס זיינען די אויגען פון דער וועלט, דער זאָל זיך אָבגעבען מיט דער ארבייט פון איבערבויען דעם בית המקדש, וועלכער איז אויך די אויג פון דער וועלט."

„איך האָב מורא", האָט הורדוס געזאָגט, „אַז די רוימישע רעגיערונג, וועלכע געוועלטיגט איבער אונז, וועט מיר ניט געבען די ערלויבניס דאָס צו טהאָן."

„אויב דו ווילסט יוצא זיין פאר דער רוימישער רעגיערונג, דאַן טהו אַזוי", האָט בבא געזאָגט, „שיק אַ שליח נאָך רוים ער זאָל כלומר'שט דאָרט אָנפרעגען. זאָל דער שליח זיך זאַמען אַ יאָהר אויף דער רייזע אהין, זאָל ער זיך זאמען נאָך אַ יאָהר דאָרט אין רוים, און די רייזע צוריק זאָל ביי איהם אויך נעהמען אַ יאָהר, און דערווייל וועסטו שוין האָבען די אַלטע געביידע ארונטערגעוואָרפען און אַ נייע וועט שטעהן אויף איהר אָרט."

הורדוס האָט אַזוי געטהאָן. אין דריי יאָהר ארום איז דער שליח געקומען און האָט איהם איבערגעגעבען די תשובה פון דער רוימישער רעגיערונג: „אויב דו האָסט נאָך ניט איינגעבראָכען דעם אַלטען בנין, זאָלסטו אויף ווייטער ניט ארונטערוואַרפען. אויב דו האָסט ארונטערגעוואָרפען דעם אַלטען בנין און קיין נייעם האָסטו נאָך ניט געבויט, זאָלסטו ניט בויען. נאָר אויב דו האָסט שוין אַרונטערגעוואָרפען און אויסגעבויט, זאָלסטו וויסען אַז דו ביזט ניט מעהר ווי אַ קנעכט, אַ חצוף, וואָס טהוט אליין זאַכען און פרעגט ניט. דו מיינסט אַז דו ביזט אַ גרויסער העלד מיט דעם וואָס דו האָסט אויסגע'הרג'עט אַלע גרויסע אידישע מענער, אָבער מיר האָבען דיין גאַנצען יחוס שוואַרץ אויף ווייס, אַז דו ביזט ניט קיין מלך און ניט אַ בן מלך."

הורדוס האָט אָבער דערווייל די ארבייט פון דעם בית המקדש פערענדיגט, און מען דערצעהלט, אז ווער עס האָט ניט געזעהן דעם בנין פון הורדוס, האָט קיינמאָל געזעהן א שעהנעם בנין אין זיין לעבען.

רבה דערצעהלט אז הורדוס האָט דעם בית המקדש גע־בויט פון גרינעם און ווייסען מירמעלשטיין. אנדערע זאָגען אז דערצו איז געווען נאָך א דריטער סאָרט מירמעלשטיין וואָס האָט געהאַט דעם קאָליר פון זאמד. איין רייהע שטיינער איז געווען אריינגענומען אינווענינג און די אנדער רייהע איז גע־ווען ארויסגעשטעלט. הורדוס האָט געוואָלט די ווענד בעפוצען מיט גאָלד, האָבען די רבנן געזאָגט אז עס איז בעסער אזוי, אָהן גאָלד, ווייל די קאָלירען פון די שטיינער האָבען געמאַכט אַן איינדרוק אויף דער אויג, אזוי ווי א ים וואָס זיינע װעלען הויבען זיך ארויף און אראָב.

## 2.

# ברוגז געמאַכט אליהו הנביא

אמאָל איז געווען א גוטער פרומער מאַן צו וועמען אין הויז עס פלעגט אריינקומען אליהו הנביא. איינמאָל האָט דער גוטער פרומער מאַן צוגעבויט א פאָדערשטיבעל צו זיין הויז, כדי מענשען זאָלען ניט קענען אזוי לייכט אריינ־קומען. ווען אליהו הנביא האָט דערזעהן די פאָדערשטיבעל, איז דאָס איהם ניט געפעלען געווען, ווייל דאָס האָט שווער געמאַכט פאַר די אָרימע לייט צו קומען בעטען א נדבה. איז אליהו ברוגז געוואָרען און האט אויפגעהערט צו קומען צו דעם גוטען פרומען מאַן.

## 3

# דער תלמיד האָט געלערנט דעם רבי'ן

איינמאָל איז אין ארץ ישראל געווען א הונגער. רבי (אזוי האָט מען גערופען רבי יהודה הנשיא) וועלכער איז געווען זעהר רייך, האָט געעפענט זיינע שפייכלערס וואָס זיינען געווען אָנגעלאָדען מיט תבואה און האָט אויסגערופען: „זאָלען קומען און נעהמען די וואָס האָבען געלערנט תנ"ך,

אָדער משנה, אָדער גמרא, הלכה אָדער אגדה, אָבער די עמי הארץ, וואָס קענען גאָר ניט לערנען זאָלען ניט קומען."

איינער פון זיינע תלמידים, יונתן בן עמרם, האָט זיך פארשטעלט אז מען זאָל איהם ניט דערקענען, און ער האָט זיך גלאָזט מעלדען צווישען די אָרימע לייט וואָס זיינען געקומען נאָך שטיצע. "רבי, שפייז מיך!" האָט יונתן געבעטען. רבי האָט איהם ניט דערקענט, האָט ער איהם געפרעגט: "זאָג מיר, מיין זוהן, האָסטו עפעס געלערנט תורה?"

"ניין!" האָט יונתן געענטפערט.

"אויב דו האסט ניט געלערנט", האט רבי געזאגט, "טאָ פאר וואָס קומט דיר אז איך זאָל דיר געבען עסען?"

"מיט וואָס בין איך ערגער פון א ראב, אָדער א הונד?" האט יונתן גע'טענה'ט. "אויף זיי האָט גאָט אויך רחמנות און שפייזט זיי מיט אלע בעשעפענישען צוגלייך, כאָטש זיי זיינען קיין מיינע ברואים."

רבי האָט איינגעזעהן, אז די טענה איז א גערעכטע, האָט ער איהם געגעבען צו עסען. אָבער פון דעסטוועגען האט עס רבי'ן פערדראָסען און ער האט בעדויערט: "וועה איז מיר וואָס איך האָב געגעבען פון מיין ברויט צו אן עם הארץ!"

האָט שמעון, דער זוהן פון רבי, געזאָגט צו זיין פאָטער: "טאָמער איז דאָס געוועזן דיין תלמיד יונתן בן עמרם. ער האָט זיין גאנצען לעבען ניט געוואָלט ציהען א נוצען פון דער תורה, און דערפאר האָט ער זיך פערשטעלט פאר אן עם הארץ ווען ער איז געקומען בעטען שפייז."

האָט מען נאָכגעזוכט און מען האָט אויסגעפונען אז דאָס איז טאקע געוועזן יונתן. נאָכדעם האָט רבי אויסגע־רופען: "זאָלען אלע קומען, לערנער און ניט לערנער."

רבי איז געוועזן אין דער מיינונג, אז אלע אונגליקען אויף דער וועלט קומען צוליעב די עמי הארץ. און ער האט געהאט אן אורזאכע צו גלויבען אזוי. די מעשה דערפון איז אזוי געוועזן:

איינמאָל איז צוגע'גנב'עט געוואָרען די קעניגליכע קרוין, האָט די רעגיערונג בעפוילען אז די איינוואוינער פון דער

שטאָדט טבריא זאָלען פאר דער גנבה בעצאָחלען, דערפאר וואס זיי האָבען ניט געהאט גענוג וועכטער אין שטאָדט. זיינען די שטאָדט לייט געקומען צו רבי'ן און געבעטען: "זאָלען די רבנןביישטייערען". האָט רבי זיי ערקלעהרט דעם דין, אז תלמידי חכמים זיינען פטור פון אזעלכע צינזען. ווען די מענשען פון טבריא האָבען דאס געהערט, האָבען זיי געזאָגט: "אויב אזוי, וועלען מיר אנטלויפען". האָט רבי זיי געענטפערט: "לויפט!"

איז א העלפט פון די איינוואוינער אנטלאָפען. האָט דער קעניג ארונטערגעלאָזט א העלפט פון דער שטראָף. איז גע־קומען די פערבליבענע העלפט און ווידער געבעטען ביי רבי'ן אז די רבנן זאָלען ביישטייערען. האָט רבי געזאָגט: "ניין!" האָבען זיי געזאָגט: "מיר וועלען אנטלויפען". האָט רבי גע־זאָגט: "לויפט!" איז די אנדער העלפט אויך אנטלאָפען. עס איז פערבליבען בלויז איינער, א וועשער. האָט מען די שטראָף ארויפגעלייגט אויף דעם וועשער. איז דער וועשער אויך אנטלאָפען און עס איז געוואָרען אויס קרוין! האָט רבי געזאָגט: "זעהט איהר אז אלע צרות קומען אויף דער וועלט נאר צוליעב די עמי הארץ!"

## 4

## פדיון שבוים די גרעסטע מצוה

איפרא הורמיז, די מוטער פון שבור מלכא (קעניג פון פערזיען), האָט געשיקט א בייטעל מיט רענדלעך צו רב יוסף אז ער זאָל דאס פערווענדען אויף א גרויסע מצוה. אביי האָט איהם בעוויזען אז פדיון שבוים איז די גרעסטע מצוה.

## .5

# דער דין וועגן שנאָרערס

אַן אָרימאַן וואָס איז אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער איז געקומען צו רב פּפּא בעטען שטיצע. רב פּפּא איז געווען דער גבאי פון די שטאָדטישע צדקה, אָבער רב פּפּא האָט איהם גאָרנישט געגעבען. האָט רב סמא געזאָגט צו רב פּפּא: "אויב דער האָר האָט איהם גאָרנישט געגעבען וועט איהם אַן אַנ־דערער אויך ניט געבען, קומט דאָך אויס דעם אָרימאַן צו שטאַרבען פון הונגער."

"דער דין איז אָבער אַז אַן אָרימאַן וואָס געהט אַרום איבער די הייזער דאַרף מען איהם פון דער שטאָדטישע צדקה ניט געבען," האָט רב פּפּא געענטפערט.

"דאָס מיינט, אַז מען דאַרף איהם ניט געבען פיעל, אָבער אַ ביסעל דאַרף מען איהם יאָ געבען," האָט רב סמא ערקלעהרט.

## 6

# וועגען צדקה

ר׳ אלעזר האָט געזאָגט: "דער וואָס מאַכט דעם אַנדערען געבען צדקה איז נאָך גרעסער פון דעם וואָס גיט אַליין."

ווידער האָט ר׳ אלעזר געזאָגט: "אין דער צייט וואָס דער בית המקדש איז געשטאַנען האָט אַ מענש געגעבען זיין שקל פאַר אַ קרבן און זיין זינד איז איהם פערגעבען גע־וואָרען. און יעצט אַז מיר האָבען קיין בית המקדש, בלייבט פאַר׳ן מענשען צו טיילען זיין ברויט מיט׳ן הונגעריגען."

נאָך אַ זאַך ווערט דערצעהלט אין נאָמען פון ר׳ אלעזר: "פאַר וואָס איז צדקה געגליכען צו אַ פּאַנצער? אַזוי ווי אַ פּאַנצער בעשטעהט פון שופּען, און יעדער פון די שופּען איז אַ טייל פון דעם פּאַנצער, אַזוי איז אויך מיט צדקה. יעדע קליינע מטבע ווערט צוגערעכענט צו אַ גרויסען חשבון."

# 7

# פערשעהמט זיין מוטער

רב ששת און רב אחדבוי זיינען געזעסען צוזאמען און געלערנט. רב אהדבוי האט געפרעגט א קשיא, רב ששת האט איהם געענטפערט. האט רב אחדבוי גענומען שפאסען פון רב ששת, אז ער פערשטעהט ניט דעם ענין. רב ששת האט זיך פון דעם זעהר געערגערט. פאר דעם איז רב אחדבוי געשטראפט געווארען. ער איז געווארען שטום און ער האט פערגעסען אלעס וואס ער האט געקענט. איז געקומען די מוטער פון רב אחדבוי, וועלכע איז אויך געוועזן די אם פון רב ששת, און האט גענומען קלאגען אויף דעם אונגליק וואס עס האט געטראפען איהר זוהן. אבער רב ששת האט זיך אויף איהר ניט אומגעקוקט. האט זי אנגעצייגט אויף איהר הארצען און האט געזאגט צו איהם: "זעה, אט פון דיזע בריסט האסטו געזויגען און יעצט, צוליעב דיר, איז מיין זוהן פעראונגליקט געווארען." האט רב ששת תפלה געטהאן און רב אחדבוי איז געהיילט געווארען. און דערפאר וואס צוליעב איהם האט זיין מוטער זיך געדארפט אזוי ערנידריגען, האט מען רב אחדבוי געגעבען דעם צונאמען "עולא משגש ארחתיה דאימיה." עס הייסט "דאס קינד וואס האט אראבגעפיהרט פון וועג זיין מוטער."

# 8

# א קשיא אויפ'ן רבונו של עולם

טורנוסרופוס, דער רשע, האט איינמאל געפרעגט ביי רבי עקיבא'ן:

"אויב אייער גאט האט אזוי ליעב ארימע לייט, טא פארוואס שפייזט ער זיי ניט?"

"ער שפייזט זיי ניט כדי מיר זאלען זיי שפייזען, און פאר דער מצוה זאלען מיר בעפרייט ווערען פון גיהנם שטראף," האט רבי עקיבא ערקלעהרט.

"פערקעהרט!" האט אויסגערופען טורנוסרופוס. "אט

דערפאר וואָס איהר העלפט די אָרימע לייט קומט אייך גיהנם. איך וועל דיר געבען אַ משל. אַ מלך איז אַמאָל אין כעס געוואָרען אויף זיינעם אַ קנעכט, האָט ער איהם אריינגעזעצט אין געפענגניס און ער האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל איהם ניט געבען ניט עסען, ניט טרינקען. האָט זיך געפונען איינער אַ מאַן און האָט איהם יאָ געגעבען צו עסען און צו טרינקען. נו, אַז דער מלך האָט געהערט פון דעם דאַרף ער ניט ווערען אין כעס?״

״ניין״, האָט רבי עקיבא געענטפערט, ״דיין משל איז ניט ריכטיג. איך וועל דיר געבען אַן אנדער משל. אַ מלך איז אַמאָל אין כעס געוואָרען אויף זיין זוהן. האָט ער איהם אריינגעזעצט אין געפענגניס און האָט אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל איהם ניט געבען ניט עסען, ניט טרינקען. איז געגאַנגען איינער אַ מאַן, האָט דעם בן מלך געגעבען צו עסען און טרינקען. ווען דער מלך האָט פון דעם געהערט, ווי יענער האָט ר׳חמנות געהאַט אויף זיין קינד, האָט דער מלך געשיקט יענעם מאַן אַ מתנה.״

## 9

# אַ חלום מיט בעדייטונג

רבי יוחנן בן זכאי האָט איינמאָל, אום מוצאי יום כפור, געזעהן אין חלום דאָס די קינדער פון זיין שוועסטער וועלען אין דעם יאָהר פערלירען זיבען הונדערט רענדלעך. האָט ער זיי געצוואונגען צו געבען אַ סך צדקה. צו ענדע יאָהר, אום ערב יום כפור, איז נאָך ביי זיי פערבליבען זיבצעהן רענדלעך. זיינען אָנגעקומען שלוחים פון קיסר און האָבען דאָס ביי זיי צוגענומען. האָט ר׳ יוחנן בן זכאי געזאָגט צו זיין שוועסטער׳ס קינדער: ״מעהר וועט איהר שוין קיין געלד פערלירען, ווייל די לעצטע זיבצעהן רענדלעך פון דעם געלד וואָס איז אייך בעשערט געווען צו פערלירען האָט מען שוין ביי אייך צוגענומען.״

״פון וואַנען ווייסטו דאָס?״ האָבען זיי איהם געפרעגט.

האָט ער זיי דערצעהלט דעם גאַנצען חלום און פאַר וואָס ער האָט זיי געצוואונגען צו געבען אַזוי פיעל צדקה.

״טאָ פאַר וואָס האָסטו אונז ניט דערצעהלט פון דעם חלום?״ האָבען זיי געפרעגט. ״ווען מיר וואָלטען געוואוסט

וואלטען מיר די זיבצעהן רענדלער אויך אוועקגעגעבען אויף צדקה."

"איך האב זיך געטראכט," האט ר' יוחנן בן זכאי ער־קלערט, "אז עס איז בעסער דאס איהר זאלט טהאן א מצוה מיט'ן גאנצען הארצען, און ניט געבען צדקה בלויז דערפאר ווייל דאס געלד דארפט איהר סיי ווי פערלירען."

## 10

## פערקוקט אן אָרימאן

איינמאל, אז רב פפא איז ארויף די טרעפ, האט זיך אויסגעגליטשט זיין פוס און ער איז שיער געפאלען. האט ער געזאגט: "ווען איך וואלט, אויף מיין שונא געזאגט גע־ווארען, טאקע געפאלען און גע'הרג'עט געווארען, וואלט איך דאך געהאט אזא שטראף ווי א מחלל שבת אדער א געטצענ־דיענער."

"אפשר," האט צו איהם געזאגט חייא בר רב, "אפשר איז אן ארימאן געקומען דיר צו דער האנד און דו האסט איהם ניט געהאלפען? מיר האבען דאך געלערנט, אז ר' יהושע בן קרחה האט געזאגט, אז דער וואס פערקוקט אן ארימאן און דרעהט זיך ארויס פון צדקה געבען, איז גראדע אזוי ווי ער וואלט געדיענט צו די געטצען."

## 11

## די מאכט פון צדקה

ר' יהודה האט אזוי געזאגט:

צעהן מעכטיגע זאכען זיינען בעשאפען געווארען אויף דער וועלט.

א פעלז איז מעכטיג, דאך אן אייזען צוהאקט איהם.

אייזען איז מעכטיג, דאך פייער מאכט איהם ווייך.

פייער איז מעכטיג, דאך וואסער לעשט איהם.

וואסער איז מעכטיג, דאך די וואלקענס טראגען איהם.

וואלקענס זיינען מעכטיג, דאך דער ווינד צוטרייבט זיי.

דער ווינד איז מעכטיג, דאך דער מענש פערטראגט איהם.

דער מענטש איז מעכטיג, דאָך שרעק צוברעכט איהם.
שרעק איז מעכטיג, דאָך וויין ציהט איהם ארויס.
וויין איז מעכטיג, דאָך שלאָף וועבט איהם אויס.
שלאָף איז מעכטיג, דאָך דער טויט איז מעכטיגער.
און צדקות איז נאָך מעכטיגער פון די אַלע זאַכען, ווייל צדקה רעטעט פון טויט.

## 12

# א זיכערע זאַך

רבי דוסתאי ברבי ינאי האָט אזוי גע׳דרש׳נ׳ט:

זעה דעם אונטערשיעד פון גאָט׳ס זיטע ביז די זיטע פון א מענשען, א בשר ודם. די זיטע פון א בשר ודם איז, אז ווען א מענש ברייננט א גרויסע מתנה צום מלך איז דאָס א ספק, אפשר וועט דער קעניג די מתנה אָננעהמען, און אפשר וועט ער ניט אָננעהמען. און ווען מיר זאָלען שוין זאָגען, אז ער וועט די מתנה אָננעהמען, איז נאָך א ספק, אפשר וועט מען דעם מענשען לאָזען אָנקוקען דעם מלך און אפשר נים. אָבער דער אייבערשטער איז גאַנץ אַנדערש. ווען א מענש גיט אפילו א קליינע מטבע צו אן אָרימאַן, איז ער זוכה צו זעהן די שכינה.

## 13

# זיך איינגעקויפט יאָהרען

בנימין הצדיק איז געווען דער גבאי פון דער שטאָדטישע צדקה. איינמאָל, אין א הונגער יאָהר, איז צו איהם געקומען א פרוי און האָט געבעטען: "רבי, גיב מיר עפּעס צו עסען." האָט ער איהר געענטפערט: "איך שווער דיר אז די צדקה קאַסע איז פוסט און ליידיג." האָט די פרוי געזאָגט: "רבי! אויב דו העלפסט מיר ניט, דאַן קומט אוים א מוטער מיט זיבען קינדער צו שטאַרבען פון הונגער."

הערענדיג אַזעלכע רייד, האָט בנימין הצדיק, טראָצדעם וואָס ער אַליין האָט געליטען פון מאַנגעל אזוי ווי אַלע, גע־שפּייזט די פרוי אויף זיינע אייגענע קאָסטען. א צייט שפּע־טער איז ער קראַנק געוואָרען און האָט געהאַלטען ביי שטאַר־

בען. האָבען די מלאכים אין הימעל געזאָגט צו דעם אייבער־שטען: "רבונו של עולם! דו האָסט דאָך געזאָגט, אז ווער עס ראַטעוועט איין אידישען נפש איז גלייך אזוי ווי ער וואָלט גערעטעט א גאַנצע וועלט, און בנימין הצדיק וואָס האָט גערעטעט א פרוי מיט זיבען קינדער זאָל לעבען אזוי ווייניג!" גלייך דאַרויף האָט מען אין הימעל איהם צוגעלייגט נאָך צוויי און צוואַנציג יאָהר לעבען.

## 14

# א זיכערער אָרט פאַר אוצרות

די רבנן דערציילען א מעשה וועגען מונבז המלך, וועלכער האָט אין א הונגער יאָהר צוטיילט זיינע אייגענע אוצרות און די אוצרות פון זיינע עלטערען צו הונגעריגע. האָבען זיך צוזאַמענגענומען זיינע ברידער און די גאַנצע משפחה פון זיין פאָטער און זיי זיינען געקומען צו איהם און האָבען געזאָגט:

"דיינע עלטערען האָבען בעהאַלטען אוצרות, געזאַמעלט און פערמעהרט די אוצרות וואָס זיי האָבען בעקומען פון זייערע עלטערען, אָבער דו פערשווענדסט אי דיינע אוצרות, אי די אוצרות פון דיינע עלטערען."

האָט מונבז המלך זיי אזוי געענטפערט:

"מיינע עלטערען האָבען בעהאַלטען אונטען און איך בעהאַלט אויבען. מיינע עלטערען האָבען בעהאַלטען אין אַן אָרט וואו א פרעמדע האַנד קען צונעהמען, אָבער איך האָב בעהאַלטען אין אַן אָרט וואו קיין פרעמדע האַנד קען צונעה־מען. מיינע עלטערען האָבען בעהאַלטען א זאַך וואָס ברייננט קיין פראָפיטען, עס בלייבט נאָר דער קרן. איך האָב בעה־האַלטען א זאַך וואָס ברייננט פראָפיטען. מיינע עלטערען האָבען בעהאַלטען זייערע אוצרות אַז אנדערע, עס הייסט יורשים, זאָלען קענען געניסען. איך האָב בעהאַלטען אַז איך אַליין זאָל קענען געניסען."

# 15

# נאַרען און קינדער זיינען נביאים

ר' יוחנן האָט געזאָגט: "זייט עס איז חרב געוואָרען דער בית המקדש איז די נבואה אוועקגענומען געוואָרען פון די נביאים און איז איבערגעגעבען געוואָרען צו נאַרען און קינדער."

אָט איז אַ געשיכטע וואָס צייגט אַ ביישפּיעל פון אַ נאַר אַ נביא:

מר בר רב אשי האָט איינמאָל, שטעהענדיג אין מארק פון מחוזא, געהערט אַ נאַר פּלוידערען: "דער נייער ראש ישיבה פון מתא מחסיא וועט זיין אַ מאַן וואָס שרייבט זיך אונטער טביומי."

טביומי איז געווען מר בר רב אשי'ס צונאָמען. טביומי, אָדער טב־יומי מיינט, אַז אין זיינע צייטען האָבען אידען געהאַט זעהר גוט און האָבען פון צרות ניט געוואוסט.

האָט זיך מר בר רב אשי געטראַכט: עס איז מיר גע־קומען די מזל'דיגע שעה, ווייל איך בין דער איינציגער פון אַלע רבנן וואָס שרייבט זיך אונטער "טביומי."

מר בר רב אשי איז אוועק אין מתא מחסיא, דאָס איז געווען די שטאָדט סורא, וואו עס האָט זיך געפונען די גרויסע ישיבה. דאָרט האָבען שוין די רבנן געהאַט בעשלאָסען צו מאַכען רב אחא פון דפתי פאַר זייער ראש ישיבה, אָבער ווען זיי האָבען געהערט, אַז מר בר רב אשי איז אָנגעקומען אין שטאָדט, האָבען זיי געשיקט צו איהם אַ פּאָאָר רבנן מיט איהם זיך צו בעראַטהען. מר רב בר אשי האָט די צוויי רבנן פערהאַלטען ביי זיך. האָט מען איהם געשיקט נאָך צוויי האָט ער די אויך פערהאַלטען, און אַזוי ווייטער ביז עס איז געוואָרען אַ גאַנצער מנין. דאַן האָט ער פאַר זיי געזאָגט אַ דרשה און איז געוואָרען ראש ישיבה.

פון דעם זעהן מיר ווי אַ נאַר איז אַ נביא. יעצט וועלען מיר ברייגגען אַ ביישפּיעל פון אַ קינד, אַ נביא.

רב חסדא'ס קליינע טאָכטער איז געזעסען ביי איהר פאָטער אויפ'ן שויס. דערביי האָבען זיך געפונען רבא און רמי בר חמא. האָט רב חסדא געזאָגט אין שפּאַס צו זיין קליינע טאָכטער: "וועמען פון די צוויי ווילסטו פאַר אַ חתן?" האָט די מיידעלע געענטפערט "ביידען!" האָט

רבא געזאָגט: "איך וויל זיין דער צווייטער מאַן." מיינען האָט ער געמיינט, אַז צוערשט זאָל מיט איהר חתונה האָבען רמי בר חמא, יענער זאָל איהר נאָכדעם גט'ען, און ער וועט איהר נעהמען ווען זי וועט ווערען אַ גרושה.

אין אַן אַנדער אָרט דערצעהלט די גמרא אַז די מעשה איז נאָכדעם טאַקע אַזוי געווען.

מיט רמי בר חמי האָט רב חסדא'ס טאָכטער געלעבט צעהן יאָהר און האָט קיין קינדער געהאַט. על פּי דין האָט דער מאַן איהר געמוזט אָב'גט'ן. רבא האָט איהר געוואָלט נעהמען, אָבער זיינע חברים האָבען געמורמעלט, אַז עס איז ניט ריכטיג חתונה צו האָבען מיט אַ פרוי וואָס האָט געלעבט מיט אַ מאַן צעהן יאָהר און האָט קיין קינדער געהאַט. אָבער רב חסדא'ס טאָכטער האָט איהם פערטרויט איהרע געפיהלען און האָט געזאָגט: "די גאַנצע צייט האָב איך געטראַכט פון דיר און געהאָפט אויף דיר, אַז מיין קינדערשע נבואה וועט אַמאָל מקוים ווערען." דאַן האָט רבא מיט איהר חתונה געהאַט.

## 16

## איוב דער פערשטיידיגער

איוב האָט געוואָלט בעפרייען די וועלט פון גיהנם שטראָף. ער האָט איינמאָל אַזוי געזאָגט צו דעם אייבערשטען: "רבונו של עולם! דו אליין האָסט בעשאַפען די וועלט נאָך דיין אייגענעם ווילען. דו האָסט דעם אָקס בעשאַפען מיט צושפּאָלטענע פיס און דעם אייזעל האָסטו געגעבען פיס וואָס זיינען צוזאַמענגענומען. דו האָסט בעשאַפען דעם גן עדן און דו האָסט בעשאַפען דעם גיהנם. דו האָסט בעשאַפען מענשען מיט אַ יצר טוב און זיי זיינען צדיקים, און דו האָסט בעשאַפען מענשען מיט אַ יצר הרע, זיינען זיי רשעים. קיינער קען דיר פערווערען וואָס דו טהוסט, אָבער פאַר וואָס קומט די מענשען צו שטראָפען ווען זיי זיינען אַזוי ווי דו האָסט זיי בעשאַפען?"

און וואָס האָבען איוב'ס חברים איהם געענטפערט? "דער אייבערשטער האָט בעשאַפען אַ יצר הרע, האָט ער דאָך אויך בעשאַפען פאַר איהם אַ נעגען גיפט, און דאָס איז

די תורה. זאָל דער מענש לערנען תורה וועט ער קענען בייַ־קומען דעם יצר הרע."

## 17

# איוב דער פילאַנטראָפּ

ווייטער האָט רבא גע'דרש'ענט: וואָס האָט איוב גע־מיינט מיט דעם וואָס ער האָט געזאָגט (איוב כ"ט) "די ברכה פון דעם אונגליקליכען זאָל אויף מיר קומען, צו דער הארץ פון דער אלמנה האָב איך געבראַכט פריידען און געזאַנג?"— מיט דעם איז פערבונדען אַזאַ געשיכטע:

ווען אימיצער פלעגט שטאַרבען, פלעגט איוב פערנעמען זיינע גיטער און ווירטשאַפטען איבער זיי. מענשען פלעגען מיינען, אַז ער בערויבט די יתומים, אָבער ער האָט געהאַט אַן אנדער צוועק ביי דעם. ער פלעגט זיך נאָכדעם שדכנ'ענען צו דער אלמנה, די מוטער פון די יתומים. מענער וואָס זיינען געשטאַנען אין שדוכים האָבען געזעהן אַז אַזאַ רייכער און חשוב'ער מאַן ווי איוב שדכנ'ט זיך צו דער אלמנה, האָבען זיי בעקומען צו איהר חשק און האָבען זיך אויך גע'שדכנ'ט צו איהר. איוב פלעגט דעם שדוך נים אָבלאָזען אַזוי גיך, נאָר ווען ער האָט שוין געזעהן, אַז די אלמנה האלט ביי קריגען אַ ריכטיגען חתן פלעגט ער זיך צוריקציהען. און אין פער־לויף פון דער צייט פלעגט ער האָבען אויסגעבעסערט די גיטער און זיי געבראַכט אין אַ בליהענדען צושטאַנד. און נאָכדעם פלעגט ער די גיטער צוריק קעהרען צו די יתומים.

## 18

# אַ פריינד און אַ פיינד

רבה דערצעהלט אַזוי:

ווען איוב האָט געזעהן, אַז עס זיינען אויף איהם גע־קומען אַזוי פיעל צרות, האָט ער געזאָגט: "רבונו של עולם! אפשר האָסטו געמאַכט אַ טעות און דו האָסט פערביטען איוב דיין פריינד אויף אַ פיינד?"

"הער צו," האָט דער רבונו של עולם איהם געענטפערט, "איך וועל דיך פרעגען און דו זאָג מיר. אַ סך האָר האָב איך בעשאַפען אין דעם מענשען און פאַר יעדע האָר האָב איך

בעשאפען א בעזונדער גריבעלע, כדי צוויי האָאר זאָלען ניט זויגען זייער זאפט פון איין גריבעלע. דען אויב צוויי וואָלטען געוואקסען אין דער זעלבער גריבעלע וואָלט דער מענש בלינד געוואָרען. א האָאר אויף א האָאר האָב איך קיינמאָל ניט פערביטען, טאָ ווי וועל איך פערבייטען א פריינד אויף א פיינד? א סך טראָפּענס וואסער האָב איך בעשאפען אין די וואָלקענס, און פאר יעדען טראָפּען האָב איך געמאכט א בעזונדער פאָרעם, דען ווען צוויי טראָפּענס וואָלטען ארויס פון איין פאָרעם, וואָלט די וועלט געוואָרען א זומפּ. א טראָפּען אויף א טראָפּען האָב איך קיינמאָל פערביטען, טאָ ווי וועל איך פערבייטען א פריינד אויף א פיינד? א סך דונערען האָב איך בעשאפען אין די וואָלקענס, און פאר יעדען דונער האָב איך בעשאפען אן אנדער אויסוועג, ווייל ווען צוויי דונערען וואָלטען ארויס פון איין אויסוועג וואָלט די וועלט חרב געוואָרען. א דונער אויף א דונער האָב איך ניט פערביטען, טאָ ווי וועל איך פערביטען א פריינד אויף א פיינד? קענסטו די געמזע, די הירשין וואָס וואוינט אויף די בערג, וועלכע איז זעהר שלעכט צו איהרע קינדער? יעדען מאָל וואָס זי דארף א קינד געבוירען, געהט זי ארויף צום שפּיץ בארג, כדי דאָס ניי געבוירענע קינד זאָל ארונטערפאלען און שטארבען. וואָס טהו איך? איך שיק צו אן אָדלער וואָס כאפּט אונטער דאָס קינד אויף זיינע פליגלען און ער ברייננט עס צו דער מוטער און לייגט עס אוועק פאר איהר. און ווען דער אָדלער קומט א מאָמענט צו פריה אָדער א מאָמענט צו שפּעט, איז דאָס קינד טויט. א מאָמענט אויף א מאָמענט האָב איך ניט פערביטען, היינט ווי וועל איך פערבייטען א פריינד אויף א פיינד? איוב, די רעדסט ניט קלוג!"

## 19

# איוב'ס דריי גוטע פריינד

איוב'ס דריי גוטע פריינד האָבען געוואוינט ביי דריי הונדערט מייל ווייט איינער פון דעם אנדערען. און דאָך, ווי אייכעם פון זיי האָט עפּעס געטראָפּען האָבען די אנדערע גלייך פון דעם געוואוסט. ווי אזוי? עס זיינען דאָ אזעלכע וואָס זאָגען אז יעדער פון די פריינד האָט געהאט א קרוין, און אויף יעדער קרוין זיינען געווען אויסגעקריצט די בילדער

פון די אנדערע פריינד, און ווען איינעם פון די פריינד פלעגט טרעפען עפעס אן אונגליק פלעגט זיין בילד ווערען דונקעל.

אנדערע זאגען אז יעדער פון די פריינד האט געהאט בוימער, א בוים פאר יעדען פריינד, און ווען א פריינד פלעגט עפעס טרעפען פלעגט זיין בוים אנהויבען צו וועלקען.

רבא האט געזאגט: "אט דאס איז וואס מען זאגט א ווערטעל: אויב מען קען ניט האבען אזעלכע פריינד ווי איוב'ס לוינט זיך ניט צו לעבען אויף דער וועלט."

## 20

# די וועלט דארף האבען אלעמען

ביי רבי שמעון דער זוהן פון רבי איז געבוירען געוואָרען א טאָכטער. האט ער פון דעם געהאט גרויס פערדרוס. האָט איהם זיין פאָטער געטרייסט: "א טאָכטער איז מזל־דיג, ווייל זי ברייננט קינדער אויף דער וועלט." האט צו איהם בר קפרא געזאגט: "א נארישע טרייסט האט דיך דיין פאָ־טער געטרייסט. לערנען האָבען מיר געלערנט אזוי: די וועלט קען ניט אויסקומען אָהן זכרים און אָהן נקבות, נאָר וועה איז צו דעם וואָס זיינע קינדער זיינען נקבות. וואויל איז צו דעם וואָס זיינע קינדער זיינען זכרים. די וועלט קען ניט אויסקומען אָהן דעם געווירץ הענדלער און אָהן דעם גאָרבער. וועה איז צו דעם וועמעס פראָפעסיאָן איז גאָר־בעריי. וואויל איז צו דעם וועמעס פרנסה איז צו האנדלען מיט געווירצען."

## 21

# אברהם אבינו'ס וואונדערליכער שטיין

די תורה דערצעהלט אז גאָט האָט אברהם'ן געבענשט מיט אלעס. וואָס מיינט עס?

רבי אלעזר המודעי זאָגט:

אברהם אבינו האָט ביי זיך אין הארצען געהאט א גרויסע קראפט פון אסטראָלאָגיע, פון זאָגען די צוקונפט לויט דיש טערען, און אלע מלכים פון מזרח און מערב

פלעגן קומען צו איהם און בעטען אז ער זאל זיי זאגן זייער צוקונפט.

ר' שמעון בן יוחאי זאגט:

אברהם אבינו האט געהאט א טייערען שטיין, וועלכער פלעגט הייגען ביי איהם אויפ'ן האלז, און יעדער חולה וואס פלעגט אויף דעם שטיין א קוק געבען פלעגט גלייך געהיילט ווערען. און ווען אברהם אבינו איז פון דער וועלט אוועק, האט דער אייבערשטער גענומען דעם שטיין און האט איהם אויפגעהאנגען אויף דער זון.

אביי האט געזאגט:

אט דאס איז וואס מענשען זאגען א ווערטעל: "ווען די זון שיינט אויף פערשווינדען אלע ווייטאגען."

## 22

# לינזען דער סימבאל פון טרויער

דעם טאג וואס יעקב האט געקאכט דעם טאפ לינזען, וועלכען עשו האט ביי איהם אבגעקויפט פאר דער בכורה, איז אברהם אבינו געשטארבען. און יעקב האט די לינזען געקאכט אום צו טרייסטען מיט דעם זיין פאטער יצחק. און וואס עפעס גראדע מיט לינזען? ווייל אזוי ווי א לינז איז קיילעכדיג, אזוי איז אויך דער טרויער, וועלכער געהט ארום און דרעהט זיך איבער דער וועלט פון מענש צו מענש. אנדערע ערקלעהרען דאס אזוי: א לינז האט קיין מויל אזוי ווי עס האט אן ארבעס אדער א באב, און אן אבל קען אויך קיין מויל ניט עפענען און זיצט ווי א שטומער.

## 23

# בן גמלא דער פריינד פון קינדער

רב יהודה האט געזאגט:

געבענשט זאל זיין דער אנדענקען פון יענעם מאן, יהושע בן גמלא, דען ווען ניט ער, וואלט די תורה פערגעסען ווערען ביי אידען.

אמאל האט זיך געפיתרט אזוי: ווער עס האט געהאט

אַ פֿאַטער, האָט דער פֿאַטער מיט איהם געלערנט, און ווער עס האָט ניט געהאַט אַ פֿאַטער, האָט ער גאָר ניט געקענט. נאָכדעם האָט מען איינגעפֿיהרט חדרים מיט מלמדים אין ירושלים. און דאַן איז געווען אַזוי : ווער עס האָט געהאַט אַ פֿאַטער פֿלעגט איהם דער פֿאַטער אַוועקפֿיהרען אין ירושלים לערנען, און ווער עס האָט ניט געהאַט אַ פֿאַטער פֿלעגט בלייבען אין דער היים און גאָר ניט לערנען. האָט מען שפּעטער איינגעפֿיהרט חדרים אין יעדען בעצירק. מען פֿלעגט דאָרט אַריינגעהמען קינדער אין עלטער פֿון 16 און 17 יאָהר, און ווען אַ רבי פֿלעגט אין כעס ווערען אויף אַ תלמיד פֿלעגט ער איהם אַרויסוואַרפֿען פֿון חדר און דער אינגעל פֿלעגט מוזען בלייבען אַן עם הארץ.

נאָכדעם איז געקומען יהושע בן גמלא און האָט איינ־געפֿיהרט, אַז מען זאָל עפֿענען חדרים אין יעדער פּראָווינץ און אין יעדער שטאָדט, תלמידים זאָלען אָנגענומען ווערען אין עלטער פֿון זעקס און זיבען יאָהר. און אַזוי האָבען אַלע אידישע קינדער בעקומען די מעגליכקייט צו לערנען.

רב האָט איינמאָל געזאָגט צו שמואל בר שילת, וועלכער איז געווען אַ לעהרער : "ביז זעקס זאָלסטו ניט אָננעהמען, אָבער אַ קינד וואָס איז שוין איבער זעקס זאָלסטו אָננעה־מען, און זאָלסט איהם שטאָפּען מיט תורה אַזוי ווי מען שטאָפּט אַן אָקס, ניט מיט געוואַלד, נאָר מיט גוטען. און אַז דו שלאָגסט אַ קינד זאָלסטו איהם שלאָגען מיט אַ פּאָר שיך בענדלעך. ווער עס לערנט זאָל ער לערנען, און ווער עס לערנט ניט זאָלסטו איהם אַוועקזעצען צווישען אינגלעך וואָס לערנען גוט, וועט זייער ביישפּיעל ווירקען אויף איהם אַז ער וועט אויך קריגען חשק צום לערנען.

## 24

## דער צער פֿון תלמידי חכמים

רב דימי פֿון נהרדעא האָט געבראַכט אין פּומבדיתא אַ שיף מיט געטריקענטע פֿייגען צו פֿערקויפֿען. האָט דער ריש גלות געזאָגט צו רבא'ן :

"גייה זעה, אויב ער איז אַ תלמיד חכם, זאָלסטו זעהן,

אז דער מארק פון פייגען זאָל זיין געשלאָסען ביז ער וועט אויספערקויפען זיין סחורה.״

רבא האָט די שליחות איבערגעגעבען צו רב אדא בר אהבה און האָט איהם אזוי געזאָגט: ״גיב א שמעק זיין פאס, אויב עס איז וויין, אָדער עסיג.״ דאָס מיינט, פערהער איהם, אויב ער איז א למדן, אָדער אן עם הארץ. רב אדא האָט ביי רב דימי א פרעג געטהאָן א דין פון טהרות, און יענער האָט ניט געוואוסט וואָס איהם צו ענטפערען.

״ביזטו דאָס רבא?״ האָט רב דימי געפרעגט.

האָט איהם רב אדא א זעץ געטהאָן מיט זיין שטאָק אויף'ן שוך, אלס א צייכען פון שפאָט און ערנידערונג, און האָט געזאָגט: ״צווישען מיר און רבא איז ־אָ א גרויסער אונטערשיעד. דען איך בין דיין רבי און רבא איז דער רבי פון דיין רבי.״

דער סוף איז געווען אז מען האָט דעם פייגען מארק ניט געשלאָסען צוליעב איהם און רב דימי האָט געהאט גרויס שאָדען. איז ער געקומען צו רב יוסף, דער ראש ישיבה, זיך קלאָגען: ״זעה, וואָס פאר א שאָדען מען האָט מיר געטהאָן.״ האָט רב יוסף אויסגערופען: ״דער וואָס האָט ניט פערזאמט צו בעשטראָפען פאר די שאנדע וואָס דער מלך מואב האָט געטהאָן צו מלך אדום, זאָל ניט פערזאמען צו בעשטראָפען די וואָס האָבע זדיר געמאכט שאדען״. גלייך נאָכדעם איז רב אדא געשטאָרבען.

רב יוסף האָט זיך שטארק מצער געווען און האָט מיט פערדרוס אויסגערופען: ״דאָס האָב איך איהם געשטראָפט, ווייל איך האָב איהם פערשאָלטען.״

״צוליעב מיר איז ער געשטאָרבען,״ האָט רב דימי געזאָגט מיט וועהטאָג, ״און אלץ צוליעב די פייגען וואָס איך האָב ניט געקענט פערקויפען!״

״ער איז בעשטראָפט געוואָרען צוליעב מיר,״ האָט אביי בעדויערט, ״ווייל רב אדא פלעגט אלץ צוריידען די רבנן אז זיי זאָלען בעסער געהן לערנען ביי רבא'ן איידער ביי מיר. ער פלעגט צו זיי זאָגען: ״איידער איהר זאָלט געהן קייען ביינער און קנאָכען ביי אביי, געהט בעסער עסען פעט פלייש ביי רבא.״

"זיין שטראָף האָט געמוזט קומען צוליעב מיר," האָט רבא בעמערקט מיט טרויער, "ווייל איינמאָל אז ער (רב אדא) איז געקומען צום קצב קויפען פלייש און דאָרט איז אייך געווען מיין דיענער, האָט ער געפאָדערט, אז מען זאָל איהם פריהער געבען, ווייל ער איז גרעסער פון מיר."

רב נחמן בר יצחק האָט געזאָגט: "ער איז בעשטראָפט געוואָרען צוליעב דעם בזיון וואָס ער האָט מיר פערשאפט." די מעשה פון דעם איז אזוי געווען:

רב נחמן פלעגט יעדען שבת און יום טוב דרש'ענען פאַר'ן עולם, נאָר פריהער פלעגט קומען רב אדא און מיט איהם איינלערנען די דרשה. איינמאָל האָט זיך רב אדא פערשפעטיגט, ווייל ער האָט געהאט א וויכטיגע בעראטהונג מיט אנדערע צוויי תלמידי חכמים. דערווייל האָט זיך אָנגע־קליבען א גרויסער עולם און געווארט אויף רב נחמנ'ס דרשה. דער עולם איז געוואָרען אונגעדולדיג און האָט גע־נומען פאָדערען, אז רב נחמן זאָל שוין עפעס זאָגען. האָט רב נחמן געענטפערט: "איך ווארט אויף דער מטה פון רב אדא." דערווייל איז אָנגעקומען א בעריכט, אז רב אדא איז טאקע געשטאָרבען. האָט מען אָנגענומען די סברה, אז רב אדא איז געשטאָרבען פאַר דעם וואָס ער האָט געבראכט רב נחמן אין א פערלעגענהייט.

## 25

# בל תשחית

רבא, דער זוהן פון רב חנין, האָט געהאט א טייטעלבוים וואָס איז געוואקסען ביים זייט פון רב יוסף'ס ווייַנגאָרטען. פלעגען קומען פויגעלעך, מאכען זייערע נעסטען אין דעם טייטעלבוים און נאָכדעם אריינגעהן אין ווייַנגאָרטען און דאָרט מהאָן שאָדען. האָט רב יוסף געפאָדערט פון רבא'ן אז ער זאָל אויסהאקען דעם טייטעלבוים. "מיין בוים שטעהט ווייט גענוג פון דיין ווייַנגאָרטען," האָט רבא גע'טענה'ט. רב יוסף האָט צוריק גע'טענה'ט, אז פאַר א ווייַנגאָרטען שטעהט דער טייטעלבוים צו נאָהנט.

"איך קען דעם בוים ניט אויסהאקען," האָט רבא גע־

ענטפערט. "דען רב האי האט געזאגט, אז א טייטעלבוים וואס וואקסט אויף איהם אפילו א קב (אזא מאאס) טייטלען טאהר מען איהם ניט אויסהאקען. און רבי חנינא האט דער־צעהלט, אז א געוויסער מאן מיט'ן נאמען שכחת־ברי איז געשטארבען, ווייל ער האט אבגעהאקט א פייגענבוים פאר דער צייט. אויב דער תאר וויל אויסהאקען, זאל ער דאס אליין טהאן."

## 26

## צדיקים נאך זייער טויט

רבי בנאה איז איינמאל געגאנגען פעלד מעסטען און מאכען פרישע צייכענס אויף די קברים פון די הייליגע. ווען ער איז געקומען צו דער הייהל וואו עס ליעגט אברהם אבינו האט ער געטראפען אליעזר'ן, דעם קנעכט פון אברהם, שטעהן ביים ארייגאנג. פרעגט איהם רבי בנאה: "וואס טהוט יעצט אברהם אבינו?" ענטפערט אליעזר: "ער רוהט יעצט אין די ארעמס פון שרה און זי צערטעלט זיין קאפ."

"געה זאג איהם, אז בנאה ווארט דא ביים טיהר," האט ר' בנאה געזאגט.

"דו קענסט ארייגעהן," האט אליעזר געזאגט. "זאלסט וויסען זיין אז אויף דעם עולם האמת עקזיסטירט נאר די ריינע, גייסטיגע ליעבע. דער מענש איז דא אויסגעטהאן פון אלע קערפערליכע געפיהלען."

רבי בנאה איז אריין, אויסגעמאסטען די הייהל, נאכדעם איז ער אריין אין דער הייהל פון אדם הראשון. האט אדם געזאגט צו איהם: "דו קענסט קוקען אויף די וואס טראגען מיין געשטאלט, אבער אין מיין אייגענעם געשטאלט זאלסטו ניט קוקען." רבי בנאה האט בלויז געזעהן די פיאטעס פון אדם הראשון און זיי האבען געשיינט ווי צוויי ליכטיגע זונען.

# 27

## דעם מכשף׳ס שטראף

אמאָל איז געווען אַ מכשף וואָס פלעגט אויפגראָבען קברים און גנב׳ענען תכריכים. אייגמאָל אז ער האָט געוואלט בערויבען דעם קבר פון רב טובי בר מתנה, האָט איהם דער טויטער אָנגעכאפּט פאר׳ן באָרד און האָט איהם ניט אָב־געלאָזען. אביי האָט אויף דעם מכשף רחמנות בעקומען, איז ער געקומען און האָט געזאָגט צום נפטר: ״איך בעט דיך, לאָז איהם אָב״. האָט דער טויטער איהם אָבגעלאזען.

אַ יאָהר שפּעטער איז דער מכשף ווידער געקומען צום זעלבען קבר, האָט דער טויטער איהם ווידער אָנגעכאפּט פאר׳ן באָרד. איז געקומען אביי בעטען ער זאָל איהם אָב־לאָזען. אָבער דיזען מאָל האָט דער טויטער דעם מכשף ניט אָבגעלאָזען, ביז מען האָט געבראַכט אַ שער און מען האָט איהם די באָרד אָבגעשוירען.

# 28

## די פערשטעלטע צוואה

איינער אַ מאַן האָט פאר זיין טויט איבערגעלאָזען אַזאַ צוואה: ״פאר איין זוהן לאָז איך איבער אַ פאס מיט ערד, פאר׳ן צווייטען זוהן אַ פאס מיט ביינער, פאר׳ן דריי־טען אַ פאס מיט וואָל״.

קיינער האָט ניט פערשטאַנען וואָס די צוואה האָט געמיינט. זיינען די קינדער געקומען צו רבי בנאה, ער זאָל זיי ערקלערען וואָס די צוואה בעדייט.

״לאַנד האָט ער איבערגעלאָזען?״ האָט ר׳ בנאה גע־פרעגט.

״יאָ״, האָבען די קינדער געענטפערט.

״פיה האָט ער איבערגעלאָזען?״

״יאָ״.

״בעט געוואַנד האָט ער איבערגעלאָזען?״

״יאָ״.

״אויב אַזוי איז די זאַך גאַנץ קלאָר״, האָט רבי בנאה

ערקלערט. "איינער בעקומט די לאנד, דער צווייטער די פית, דער דריטער די בעט געוואנד".

## 29

# די חכמה פון רבי בנאה

א מאן האט איינמאל אונטערגעהערט ווי זיין פרוי זאגט צו איהר טאכטער: "פאר וואס ביזטו ניט פארזיכ־טיג? אז דו זינדיגסט דארפסטו זעהן אז קיינער זאל אויף דיר קיין חשד ניט בעקומען. אט בין איך א פרוי, א מאמע פון צעהן קינדער, און פון דיין פאטער האב איך בלויז איינעם".

דער מאן האט די ווערטער זיך גוט אריינגענומען אין קאפ. ער האט צו זיין פרוי גארנישט גערעדט וועגען דעם, אבער אז ער האט געדארפט שטארבען האט ער איבערגע־לאזען א צוואה, אז זיין גאנצער פערמעגען זאל איבערגעהן צו זיין איינציגען זוהן.

קיינער האט אבער געוואוסט ווער דער איינציגער זוהן איז. זיינען אלע זיהן געקומען צו רבי בנאה, ער זאל זאגען צו וועמען עס געהערט די ירושה.

"געהט צו אייער פאטער'ס קבר", האט רבי בנאה געזאגט, "און שלאגט איהם אויפ'ן קבר אזוי לאנג ביז ער וועט אייך זאגען וועמען פון אייך ער האט געמיינט".

זיינען די קינדער געלאפען צום בית עולם, אויסער איינער, וועלכער איז טאקע געווען דער ריכטיגער זוהן. ער האט אין הארצען געפיהלט אז ער איז צום פאטער נעהנטער ווי זיי אלע, און ער האט בעסער געוואלט פער־לירען די ירושה איידער צו בעליידיגען דעם קבר פון זיין פאטער.

"די ירושה בעלאנגט צו דעם וואס איז ניט געגאנגען", האט רבי בנאה גע'פסקנ'ט.

די אנדערע ברידער זיינען געווארען שטארק בייז אויף רבי בנאה, זיינען זיי אוועק און האבען איהם פער'מסר'ט ביי דער רעגירונג מיט דיזע ווערטער: "ביי אידען איז דא איינער א מאן וואס מאהנט אויף געלד ביי מענשען אהן עדות און אהן שום בעווייזע".

האָט מען רבי בנאה'ן צונעגומען און אריינגעזעצט אין געפענגנים.

זיין פרוי האָט געזוכט א מיטעל ווי איהם צו רעטען, איז זי געפאלען אויף א קלוגען פלאן. זי האָט אויסגעטראכט א ווילדע מעשה, וואָס זי האָט געוואוסט אז די רעגירונגס בעאמטע ועלען דאָס ניט פערשטעהן און זיי וועלען מוזען אָנקומען צו איהר מאן, אז ער זאָל זיי דאָס ערקלערען.

זי איז געקומען און האָט די רעגירונגס בעאמטע דער־צעהלט אזא געשיכטע:

איך האָב געהאַט א קנעכט. זיינען געקומען גזלנים און האָבען איהם אָבגעהאקט דעם קאָפּ, אראָבגעשונדען זיין פעל, אויפגעגעסען זיין פלייש, אָנגעפילט זיין פעל מיט וואסער און געגעבען צו טרינקען צו זייערע גוטע ברידער. און מיר האָבען זיי ניט געגעבען קיין בעצאָהלט און קיין לוין".

מיינען האָט זי געמיינט: איך האָב געהאַט א מאַן וואָס איז מיר געווען טריי ווי א קנעכט. געארבייט פאַר מיר און מיך אויסגעהאלטען. זיינען געקומען שלעכטע מענשען און האָבען דעם קאָפּ פון מיין פאמיליע אָבגעריסען פון מיר. זיי האָבען ארונטערגעריסען זיינע קליידער און פערטרונקען דאָס געלד וואָס זיי האָבען ביי איהם געפונען. און איך בין געבליבען אָרים און אין גרויס נויטה.

די רעגירונגס בעאמטע האָבען איהר ניט פערשטאַנען. האָבען זיי געזאָגט: "לאָמיר פרעגען דעם גרויסען אידישען חכם". האָבען זיי בעפרייט רבי בנאה פון תפיסה און האָבען ביי איהם געפרעגט די בעדייטונג פון דער מעשה וואָס די פרוי האָט זיי דערצעהלט. רבי בנאה האָט, ווי עס זעהט אוים, מורא געהאט צו דערצעהלען אז די פרוי האָט געמיינט איהם, טאָמער וועט זי בעשטראָפט ווערען פאַר טאדלען די רעגירונג, האָט ער צו די בעאמטע געזאָגט: "זי האָט אייך דערצעהלט א מעשה פון א באָק וואָס מען האָט ביי איהר גע'גנב'עט, זיין פלייש אויפגעגעסען און פון זיין פעל האָט מען געמאכט וואסער לאגלען".

די רעגירונגס בעאמטע איז דיזע ערקלערונג שטארק געפעלען געוואָרען און זיי האָבען געזאָגט: "אזוי ווי ער איז א גרויסער חכם, זאָל ער זיצען אין שטאָדט טויער, יואו דער געריכט איז, און משפט'ן.

רבי בנאה האָט בעטראכט די טיהרען פון דעם טויער,

אויף װעלכע עס האָבען זיך געפונען פערשידענע אויפשריפ־טען. איין אויפשריפט האָט זיך געלעזען: "אַ ריכטער װאָס װערט אַליין אָנגעקלאָגט אין אַ געריכט קען מעהר קיין ריכ־טער זיין".

"אויב אַזוי", האָט רבי בנאה געזאָגט, "קען דאָך יעדער איינער װאָס האָט אַ האַרץ אויף אַ ריכטער איהם שלעפּען אין געריכט און מיט דעם אָרונטערזעצען איהם פון בּיינקעל. עס האָט געדאַרפט שטעהן אַזוי: װען אַ ריכטער װערט פערקלאָגט אין אַן אַנדער געריכט און ער פערשפּיעלט, הערט ער אויף צו זיין ריכטער".

האָט מען די װערטער איבערגעשריבען אַזוי װי ער האָט געזאָגט.

װייטער האָט ער געפונען אַזאַ אויפשריפט אויפ'ן טויער:

"די הויפּט אורזאַכע פון טויט בּין איך, דאָס בּלוט. די הויפּט קוועלע פון לעבען בּין איך, דער װיין".

"ניין! דאָס איז ניט ריכטיג", האָט רבי בנאה גע־זאָגט". עס קען דאָך אַמאָל טרעפען אַז אַ מענש זאָל אַראָב־פאַלען פון אַ דאַך אָדער פון אַ בּוים. זאָלען מיר זאָגען אַז ער איז געשטאָרבען צוליעב שלעכטע בּלוטען? און װידער איז אַזוי: אַ מענש קען אַמאָל האַלטען ביי דער גסיסה, זאָלען מיר זאָגען אַז װען ער װעט טרינקען װיין װעט ער בּלייבען לעבען? — דאָס איז ניט ריכטיג. עס האָט געדאַרפט אַזוי שטעהן: די קוועלע פון אַלע קראַנקהייטען בּין איך, דאָס בּלוט. די הויפּט מעדיצין בּין איך, דער װיין."

האָט מען אויף דעם טויער געענדערט די אויפשריפט און מען האָט אָנגעשריבען: "דער אידישער חכם זאָגט: "די קוועלע פון אַלע קראַנקהייטען בּין איך, דאָס בּלוט. די הויפּט מעדיצין בּין איך, דער װיין. דאָרט װאו עס איז ניטאָ קיין װיין מוז דער מענש אָנקומען צו רפואות".

## 30

# אַ פּראַקטישער ביישפּיעל

רבי ינאי האָט אין זיין גאָרטען געהאַט אַ בּוים װאָס איז אַריינגעקומען אין גאַס. אין זיין נאַכבאַרשאַפט איז געװען נאָך אַ מאַן װאָס זיינער אַ בּוים איז אויך אַריינגעקומען אין

גאָס. רבי ינאי האָט געדענקט אַז די מענשען פון דער גאַס האָבען געדאַרפט זיין צופריעדען פון דעם בוים, וועמעס געדיכטער שאטען האָט זיי בעשיצט פון זון. אָבער די שכנים האָבען זיך בעקלאָגט אַז די צווייגען פון רבי ינאי'ס בוים און אויך פון דעם אַנדערענ'ס בוים פערשטעלען דעם וועג.

איז דער אייגענטהימער פון דעם אַנדער בוים געקומען צו רבי ינאי פרעגען וואָס ער דענקט צו טהאָן. "געה יעצט אַהיים און קום צו מיר מאָרגען", האָט איהם רבי ינאי געענטפערט.

דער שכן איז אַוועק. אין יענער נאַכט האָט רבי ינאי געהייסען זיינעם אַ דיענער, ער זאָל אָרונטערהאַקען זיין בוים.

אויף מאָרגען, אַז דער שכן איז געקומען, האָט צו איהם רבי ינאי געזאָגט: "געה און זעה: אויב מיין בוים איז אונטערגעהאַקט זאָלסטו אויך דיינעם אונטערהאַקען, און אויב ניט דאַרפסטו דיינעם ניט טשעפּען".

אַט אַזוי האָט רבי ינאי דעם שכן געצייגט אַ פּראַקטישען ביישפּיעל. דער מענש דאַרף צוערשט זיך אַליין אויסבעסערען, נאָכדעם זאָל ער אַנדערע אויסבעסערען.

## 31

# צופיעל טרויער איז א שווערע לאַסט

ווען דער בית המקדש איז חרב געוואָרען צום צווייטען מאָל האָבען זיך ביי אידען געפונען אַ סך מענשען, פּרושים, וואָס האָבען אויף זיך גענומען ניט צו עסען קיין פלייש און ניט צו טרינקען קיין וויין. איז צו זיי געקומען ר' יהושע און האָט צו זיי געזאָגט: "וואָרום עסט איהר ניט קיין פלייש און טרינקט ניט קיין וויין?" האָבען זיי געענטפערט: "ווי קענען מיר עסען פלייש וואָס דאָס פלעגט מען מקריב זיין אויפ'ן מזבח און יעצט האָבען מיר מעהר קיין קרבנות? און ווי קענען מיר טרינקען וויין מיט וועלכען מען פלעגט דעם מזבח בעגיסען און יעצט האָבען מיר מעהר קיין מזבח?"

"אויב אַזוי," האָט ר' יהושע געזאָגט, "דאַרפען מיר דאָך קיין ברויט אויך ניט עסען, ווייל זייט דער בית המקדש איז חרב געוואָרען האָט מען אָבגעשאַפט קרבנות פון מעהל."

„האסט גוט געזאגט," האבען זיי געענטפערט. „מען קען אויסקומען מיט פרוכטען אנשטאט ברויט."

„פרוכטען האבען מיר אויך ניט געדארפט עסען," האט ר' יהושע געזאגט, „ווייל פון פרוכטען פלעגט מען ברייגנען בכורים (די ערשטע פרוכט פון גארטען) אין ירושלים, און יעצט, אז בכורים זיינען אבגעשאפט געווארען, דארפען מיר אפשר קיין פרוכטען אויך ניט עסען."

„אפשר קענען מיר אויסקומען מיט אזעלכע פרוכטען פון וועלכע מען פלעגט ניט דארפען ברייגנען בכורים?" האבען די טרייע קינדער פון ירושלים געענטפערט.

„לאמיר אויפהערען צו טרינקען וואסער," האט ר' יהושע ווייטער געזאגט, „ווייל מען האט אבגעשאפט נסוך המים."

האבען די פרושים געשוויגען. זיי האבען ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען. און ר' יהושע, זעהענדיג אז ער האט זיי געבראכט צום שכל, האט צו זיי געזאגט:

„קינדער, קומט, איך וועל אייך עפעס זאגען. גאר ניט טרויערען איז ניט מעגליך, ווייל עס איז אויף אונז דאך געפאלען אזא ביטערע גזרה, אבער צו פיעל טרויערען קען מען אויך ניט, ווייל מען קען אויפ'ן פאלק ניט ארויפלייגען קיין דינים מעהר ווי די מאיאריטעט מענשען קענען פערטראגען."

## 32

# די משלים פון רבה בר בר חנה

### א.

רבה בר בר חנה האט אזוי געזאגט:

מענשען וואס פאהרען איבער'ן ים האבען מיר דערצעהלט פון די געפעהרליכע כוואליעס וואס זינקען שיפען. „איידער אזא כוואליע קומט אן", האבען די רייזענדע דערצעהלט, „בעווייזט זיך פאראויס א ווייסער ליכט שטראהל, און מיר קלאפען אויף דעם מיט שטעקענס אויף וועלכע עס איז אנגעשריבען גאט'ס הייליגער נאמען. און דאן ווערט די כוואליע שטיל."

ב.

און ווייטער האָט רבה אזוי געזאָגט:

רייזענדע איבער'ן ים האָבען מיר דערצעהלט:

"צווישען איין כוואַליע און די אַנדערע איז דאַ א שטרעקע פון דריי הונדערט מייל, און די הויך פון יעדע כוואַליע איז אויך דריי הונדערט מייל. איין טאָג זיינען מיר געגאַנגען אין וועג, אויפ'ן ים, האָט אונז א כוואַליע אויפגעהויבען ביז צו דעם אָרט וואו עס געפינט זיך דער קלענסטער פון אַלע שטערען וועלכער איז געווען אזוי גרויס ווי א שייער פון פערציג מאָאס זענעפט. און ווען די כוואַליע וואָלט אונז אויפגעהויבען א ביסעל העכער, וואָלטען מיר פערברענט געוואָרען פון היץ. און מיר האָבען געהערט ווי איין כוואַליע שרייט אויס צו דער דאָזיגער וואָס האָט זיך אויפגעהויבען אזוי הויך: "מיין חברתה! האָסטו עפּעס איבערגעלאָזען אויף דער וועלט וואָס דו האָסט נים פערפלייצט, דאָס איך זאָל דאָס קענען פערניכטען?" און די אַנדער כוואַליע ענטפערט: "ווייסטו דען נים די מאַכט פון דעם וועלט הערשער, וואָס לאָזט אונז ניט אַריבערגעהן ווייטער פון זאַמד, אפילו אויף אזוי ווייט ווי די ברייטקייט פון א פאָדים?"

ג.

רבה האָט דערצעהלט:

איינמאָל האָב איך געזעהן הורמיז דעם מכשף וועלכער איז געלאָפען אויף די שפּיצען פון דעם מויער וואָס רינגעלט אַרום די שטאָדט. אונטען האָט געריטען א רייטער אויף א פערד און האָט דעם מכשף ניט געקענט אָניאָגען. איינמאָל האָט דער מכשף אנגעזאָטעלט צוויי מויל-אייזלען און האָט זיי געשטעלט אויף צוויי בריקען וועלכע זיינען געווען ווייט איינער פון אנדערען און אָבגעזונדערט מיט א טייך. דער מכשף איז געשפּרונגען פון איין מויל-אייזעל צו דער אנדערער, און האָט דערביי געהאַלטען צוויי כוסות וויין, און שפּרינגענדיג האָט ער דעם וויין איבערגעגאָסען פון איין בעכער אין דעם אנדערען און האָט אפילו א טראָפּען ניט פערלאָרען. דער סוף איז געווען אז דער

מלך האט זיך פאר דעם מכשף אנגעהויבען צו שרעקען און ער האט געגעבען א בעפעהל אז מען זאל איהם הרג'ענען.

ד.

איינמאל האב איך געזעהן א פראש וואס איז געווען אזוי גרויס ווי די פעסטונג הגרוניא. און ווי גרויס איז געווען די פעסטונג הגרוניא? זי איז בעשטאנען פון זעכציג הייזער. איז געקומען א שלאנג און האט איינגעשלונגען דעם פראש. נאכדעם איז געקומען א וואראנע און האט איינגעשלונגען די שלאנג און זיך אוועקגעזעצט אויף א צווייג פון א בוים. יעצט קענט איהר זעהן ווי גרויס עס איז די שטארקייט פון דעם בוים.

ווען רב פפא בר שמואל האט דאס געהערט, האט ער בעמערקט: "ווען איך וואלט דערביי ניט געווען און דאס אליין צוגעזעהן, וואלט איך דאס גאר ניט געוואלט גלויבען."

ח.

איינמאל זיינען מיר געפאהרען אויף א שיף, האב איך געזעהן א פיש. איז אין די נאזלעכער פון דעם פיש אריין א קליינע חיה'לע און האט איהם דערשטיקט אויף טויט. דער ים האט דעם טויטען פיש ארויסגעווארפען צום ברעג און דער פיש, וועלכער איז געווען זעהר גרויס, איז געפאלען אויף דער יבשה מיט אזא קראפט דאס ער האט חרב געמאכט זעכציג שטעדט. עס האבען פון איהם געגעסען פרידשעהייד די איינוואוינער פון זעכציג שטעדט און די איינוואויגער פון אנדערע זעכציג שטעדט האבען פון איהם גענומען גרויסע חלקים אויף איינצוזאלצען. פון איינעם פון זיינע אויגען האט מען ארויסגעצאפט דריי הונדערט קריגלעך אויל.

אין צוועלף חדשים ארום, אז איך בין ווידער אהין געקומען, האב איך געזעהן ווי מענשען זעגען אויס ברעטער פון די ביינער פון דעם פיש, און מיט די ברעטער בויען זיי אויף ווידער די זעכציג שטעדט וואס דער גרויסער פיש האט חרוב געמאכט.

ו.

איינמאל זיינען מיר געפאהרען אויף א שיף. האבען מיר געזעהן א גרויסען פיש ביי וועמען אויפ'ן רוקען האט זיך אנגעקליבען זאמד. אויפ'ן זאמד איז געוואקסען א זומפף מיט גרינעם גראז. האבען מיר געמיינט אז דאס איז א קליינער אינזעל. זיינען מיר ארויף אויף דעם אינזעל, גע־מאכט א פייער, און מיר האבען גענומען באקען און קאכען. ווען דער פיש האט דערפיהלט אז זיין רוקען ברענט האט ער זיך איבערגעקעהרט און מיר זיינען אריינגעפאלען אין וואַ־סער. און ווען ניט די שיף וואלטען מיר זיכער דערטרונ־קען געווארען.

ז.

איינמאל זיינען מיר געפאהרען אין א שיף. האבען מיר זיך באגעגענט מיט א גרויסען פיש אזוי גרויס איז דער פיש געווען דאס עס האט אונז גענומען דריי טעג מיט דריי נעכט צו פאהרען פון דעם פלוס־פעדער וואס איז ביי איהם געווען ביים קאפ ביז צום פלוס־פעדער וואס איז געווען ביי איהם נעבען עק. דער פיש איז געגאנגען נעגען ווינד און מיר מיט'ן ווינד. טאמער מיינט איהר אז די שיף איז גע־גאנגען לאנגזאם? האט רב דימי אבגעשאצט אז עס האט גענומען ביי דער שיף אבצוגעהן זעכציג מייל אזוי לאנג ווי פיעל עס נעהמט אנצואווארעמען א קליינע כלי וואסער. ווען א מענש וואס איז געשטאנען אויף דער יבשה האט געשאסען מיט א פיילענבויגען אויף דער שיף, איז די שיף אוועק פון ציעל שנעלער ווי די קויל איז אנגעקומען.

ח.

איינמאל זיינען מיר געפאהרען אין א שיף, האבען מיר געזעהן א פויגעל שטעהן ביז די קניע אין וואסער און זיין קאפ האט געגרייכט ביז'ן הימעל. האבען מיר געדענקט אז דער וואסער איז ניט טיעף ווייל עס גרייכט נאר ביז די קניע פון דעם פויגעל, און מיר האבען געוואלט ארונטערגעהן און זיך באדען. איז ארויס א בת קול און האט געזאגט: "איהר זאלט דא ניט ארונטערגעהן, ווייל ביי אן ארבייטער איז דא איינמאל ארונטערגעפאלען זיין האק, איז שוין זיבען יאהר

זייט די האק זינקט און האט נאך נים דערגרייכט דעם גרונט. און נים דערפאר ווייל דער וואסער איז אזוי טיעף, נאר ווייל דער וואסער איז זעהר שארף.״

ט.

איינמאל בין איך געגאנגען אין מדבר. האב איך דארט געזעהן אזעלכע פעטע גענז ביי וועמען די פעדערען פלעגען ארויספאלען פון גרויס פעטקייט, און פון אונטען זיי האט געפלאסען א שטראם שמאלץ. האב איך די גענז גע־פרעגט: ״האט אימיצער פון אייך מיין חלק עולם הבא?״ האט איין גאנז מיר געצייגט א פאלקע און די אנדערע א פליגעל.

י.

איינמאל זיינען מיר געגאנגען אין מדבר. האט זיך צו אונז אנגעשלאסען אן אראבישער סוחר וועלכער האט גע־קענט צייגען גרויסע קונצען. ער פלעגט נעהמען א ביסעל ערד אין האנד, א שמעק טאבאק און זאגען: דער וועג פיהרט צו יענעם ארט און יענער צו יענעם ארט. האבען מיר איהם געפרעגט, ווי ווייט מיר זיינען פון וואסער. האט ער געבעט־טען מיר זאלען איהם געבען א הויפען ערד. אז מיר האבען איהם געגעבען די ערד האט ער געזאגט: ״אכט מייל״. שפעטער, אז מיר זיינען אבגעגאנגען א ביסעל ווייטער, האבען מיר איהם ווידער געגעבען א הויפען ערד, האט ער גע־זאגט: ״יעצט זיינען מיר בלויז דריי מייל ווייט.״ נאכדעם האבען מיר דיזען הויפען ערד איבערגעביטען אויף דעם פריהערדיגען. איהם אויסצופרובירען, אבער מיר האבען איהם נים געקענט כאפען ביי א טעות.

יא

אן אראבישער סוחר האט צו מיר איינמאל געזאגט: ״קום מיט מיר און איך וועל דיר צייגען די אידען וואס זיינען אויסגעשטארבען אין מדבר״ (נאכדעם ווי זיי זיינען ארויס פון מצרים). זיינען מיר געגאנגען און איך האב זיי אנגע־קוקט. זיי האבען אויסגעזעהן ווי פער׳שכור׳טע און זיי זיינען געלעגען אויפ׳ן רוקען. ביי איינעם פון זיי זיינען די קניע געוועזן אויסגעבויגען ארויף. דער סוחר איז רייטענדיג אויף זיין קעמעל דורכגעגאנגען אונטער די קניע און אויפהוי־

בענדי א שפיעז אין האנד האָט ער די קניע ניט געקענט גרייכען.

איך האָב אָבגעשניטען ביי איינעם פון די מתים א ווינקעל פון זיין טלית צוזאמען מיט א ציצה. האָבען זיך אונזערע קעמלען אָבגעשטעלט און ניט געוואָלט זיך ריהרען פון אָרט. "אפשר האָסטו עפּעס צוגענומען?" האָט דער סוחר געזאָגט. "עס איז א כלל אז איינער נעהמט עפּעס צו ביי זיי קען ער זיך ניט ריהרען ווייטער." האָב איך אומגעקעהרט די ציצה און די קעמלען האָבען גענומען גהען ווייטער. ווען איך בין געקומען צו די רבנן און זיי דערצעהלט וועגען דער ציצה וואָס איך האָב אָבגעשניטען אין מדבר, האָבען זיי פון מיר געלאכט. זיי האָבען געזאָגט: "צו וואָס האָסטו עס געטהאָן? דו האָסט געוואָלט וויסען אויב די ציצה איז געוועזן אויסגעפלאָכטען לויט דעם דין פון בית שמאי, אָדער פון בית הלל, האָסטו געקענט זעהן ווי זיי זיינען געמאכט, און דאָס וואָלט דיר פערשפּאָרט צרות."

יב.

שפּעטער האָט מיר דער אראבישער סוחר געזאָגט: "קום און איך וועל דיר ציינען דעם בארג סיני". בין איך געגאנגען און האָב געזעהן ווי דער בארג סיני איז בעוואכט פון עגדישען און אז זיי זיינען געשטאנען האָבען זיי אויסגעזעהן ווי ווייסע אייזלען. איך האָב געהערט א בת קול זאָגען: "וועה איז מיר וואָס איך האָב געשוואָרען, און יעצט אז איך האָב שוין געשוואָרען ווער וועט מיך פון מיין שבועה פריי מאכען!" ווען איך בין געקומען אהיים און האָב דאָס דערצעהלט צו די רבנן, האָבען זיי געזאָגט: "יעדער וואָס האָט אזא נאָמען ווי דיינער איז א נאר און אן אייזעל. האָסט גלייך געדארפט זאָגען "איך בעפריי דיך פון דיין שבועה." דאָס איז דאָך די שבועה וואָס גאָט האָט געגעבען צו האַלטען די אידען אין גלות."

זאָגט די גמרא, אז רבה בר בר חנה האָט געמיינט אז די שבועה איז די וואָס גאָט האָט געגעבען אז ער זאָל מעהר קיין מבול ניט ברייגגען אויף דער וועלט און דערפאר האָט ער די שבועה ניט געוואָלט אויפלעזען.

יג.

ווידער האָט צו מיר געזאָגט יענער סוחר: "קום און איך וועל דיר צייגען די בני קרח וועמען די ערד האָט איינגע־

שלונגען.״ בין איך געגאַנגען און האָב געזעהן אין יענעם אָרט צוויי שפּאַלטען אין דער ערד פון וועלכע עס איז געגאַנגען אַ רויך. האָב איך גענומען אַ ביסעל פריש געשאָרענע וואָל, איינגעמונקט אין וואַסער, האָב דאָס ארויפגעטהאָן אויף דעם שפּיץ פון אַ שפּיעז און דאָס אריינגעלאָזען אין דעם רויד־כיגען שפּאַלט. ווען איך האָב דעם שפּיעז ארויסגעצויגען האָב איך געזעהן אַז די וואָל איז געוועזן צוברענט. ״הער זיך איין וואָס זיי ריידען, די בני קורח״, האָט דער סוחר צו מיר געזאָגט. און איך האָב געהערט ווי זיי זאָגען: ״משה און זיין תורה זיינען אמת און מיר זיינען ליגנער.״

״יעדען חודש״, האָט מיר דער סוחר דערצעהלט, ״קעהרט מען זיי איבער דאָ, אין גיהנם, אזוי ווי מען קעהרט איבער פלייש אין אַ טאָפּ, אום עס זאָל זיך בעסער קאָכען, און זיי זאָגען: ״משה און זיין תורה זיינען אמת און מיר זיינען ליגנער.״

## יד

איינמאָל זאָגט צו מיר יענער סוחר: ״קום און איך וועל דיר צייגען דעם אָרט וואו הימעל און ערד קומען זיך צוזאַ־מען.״ בין איך מיט איהם אַהין געגאַנגען און האָב דאָרט געזעהן אַ פענסטער אויף אַ פענסטער. האָב איך גענומען מיין שפּייז־קאָרב, האָב אוועקגעשטעלט אין איינעם פון די פענסטער, פון הימעל, און זיך געשטעלט דאַוונען. ווען איך האָב אָבגעדאַוונט און געוואָלט צונעהמען מיין קאָרב האָב איך איהם דאָרט ניט געפונען. זאָג איך צום סוחר: ״קען דען זיין אַז דאָ זאָלען זיך געפינען גנבים?״ האָט ער מיר געענטפערט: ״אָט דער פענסטער וואו דו האָסט דיין קאָרב אוועקגעשטעלט איז אַ הימלישער ראַד וועלכער דרעהט זיך אַרויף און אראָב. וואַרט דאָ אָב ביז מאָרגען אין אַ דיזער צייט, וועסט עס דאָ געפינען.״

# 33

# משלים פון ר׳ יוחנן און אנדערע

ר׳ יוחנן דערצעהלט:

איינמאָל זיינען מיר געפאָהרען אין אַ שיף, האָבען מיר געזעהן אַ פיש וואָס האָט ארויסגעשטעקט זיין קאָפּ פון וואַ־

סער און זיינע אויגען האבען געלויכטען ווי צוויי לבנות, און פון זיינע נאזלעכער האט געפלאסען א שטראם וואסער אזוי גרויס ווי צוויי טייכען פון סוריא.

רב ספרא דערצעהלט:

איינמאל זיינען מיר געפאהרען אין א שיף, האבען מיר געזעהן א פייש ארויסשטעקען זיין קאפ פון וואסער, און ער האט געהאט הערנער אויף וועלכע עס איז געווען אנגעשריבען: „איך בין פון די קלענערע בעשעפעניסען פון ים און איך בין דריי הונדערט מייל גרויס, און איך געה צום מויל פון לויתן ער זאל מיך איינשלינגען.‟

רב אשי האט געזאגט אז דאס איז געווען א ים־ציעג, וועלכע גראבט אין אבגרונד פון ים צו געפינען שפייז פאר זיך, און דערפאר האט זי הערנער.

ר׳ יוחנן דערצעהלט:

איינמאל זיינען מיר געפאהרען אין a שיף, האבען מיר געזעהן אין וואסער א קאסטען אויסגעזעצט מיט פערל און בריליאנטען, און ארום דעם קאסטען האט זיך געפונען א פיש פון דעם סארט וואס הייסט „כרשא‟. איז איינער, א גרטער שווימער, אריין אין וואסער ארויפצוברייננגען דעם קאסטען, איז דער פיש בייז געווארען און האט ביי איהם געוואלט אברייסען א פוס. האט דער שווימער א ווארף געטהאן א לאגעל מיט עסיג, איז דער פיש אנטלאפען. אבער ווען דער שווימער האט געוואלט ארויפברייננגען דעם קאסטען, איז ארויס א בת־קול פון הימעל און געזאגט: „וואס ווילט איהר פון דעם קאסטען פון ר׳ חנינא בן דוסא׳ס ווייב? ווען משיח וועט קומען וועט זי אין דעם האלטען תכלת צו די ציצית פון די צדיקים‟.

רב יהודה הינדואה דערצעהלט:

איינמאל בין איך געפאהרען אין א שיף, האב איך געזעהן אין וואסער א טייערען שטיין ארום וועלכען עס האט זיך געפונען א האיפיש. איז א שווימער ארונטער אין וואסער דעם שטיין ארויסנעהמען. איז געקומען דער האיפיש און האט פאר כעס געוואלט איינשלינגען אונזער שיף. איז געקומען א וואראנע און האט אבגעביסען זיין קאפ. איז דער ים געווארען רויט פון זיין בלוט. נאכדעם איז געקומען אן אנדער האיפיש און האט דעם שטיין געלייגט אויף זיין טויטען חבר און איהם צוריק לעבעדיג געמאכט. האט

דער לעבעדיג געוואָרענער האַיפיש ווידער געוואָלט איינ־שלינגען די שיף. איז ווידער געקומען יענער פויגעל, האָט איהם צום צווייטען מאָל אָבגעביסען זיין קאָפּ. דער שוויי־מער האָט אַ כאַפּ געטהאָן דעם טייערען שטיין און איהם געוואָרפען צו דער שיף. נאָכדעם האָט ער געמאַכט אַ פּראָ־בע, אויב דאָס איז דער ריכטיגער שטיין. ער האָט עס אַרויפ־געלייגט אויף צוויי איינגעזאַלצענע פויגלען, זיינען די פויג־לען אוועקגעפלויגען מיט דעם טייערען שטיין אויף זיי.

רבי אליעזר און רבי יהושע זיינען געפאָהרען אין אַ שיף. רבי אליעזר איז געשלאָפען און ר' יהושע איז געווען וואַכ־דיג. פּלוצלונג האָט ר' יהושע אַ ציטער געטהאָן און ר' אליעזר האָט זיך אויפגעכאַפּט און געפרעגט: "וואָס האָסטו זיך אזוי דערשראָקען, יהושע?" האָט יהושע איהם געענט־פערט: "איך האָב געזעהן אַ גרויסע ליכט אין ים." האָט ר' אליעזר געזאָגט: "פיעלייכט האָסטו דאָס געזעהן די אויגען פון דעם לויתן, אויף וועלכען אַ פּסוק זאָגט, אַז זיינע אויגען לייכטען ווי דער מאָרגענשטערען."

## 34

# די וואונדערליכע גראָז

רב אשי האָט געזאָגט:

רב הונא בר נתן האָט מיר דערצעהלט: איינמאָל זיי־נען מיר געגאַנגען אין מדבר, און מיר האָבען געהאַט אַ זיי־טעל פלייש מיט אונז. האָבען מיר איהם צושניטען, אויס־געשניטען די אָדערען, כשר געמאַכט און געלאָזט ליגען אויפ'ן גראָז. ביז מיר האָבען געבראַכט האָלץ, זיינען די צו־שניטענע חלקים פלייש צוזאַמענגעוואַקסען און עס איז ווי־דער געוואָרען אַ גאַנצער זייטעל. האָבען מיר איהם אָבגע־בראָטען.

אין צוועלף חדשים אַרום, אַז מיר זיינען ווידער געקו־מען צו דעם זעלבען אָרט, האָבען מיר געזעהן ווי די קייהלען גליהען נאָך. ווען איך בין געקומען צו אמימר און האָב איהם דערצעהלט די געשיכטע, האָט ער מיר דעם וואונדער אזוי ערקלערט:

"יענע גראָז בעזיצט אזא נאַטירליכע אייגענשאַפט גאַנץ צו מאַכען, און יענע האָלץ האָט אזא נאַטור וואָס זיינע קויה־לען האַלטען אָן דעם פייער פאַר אַ לאַנגע צייט."

## 35

# די שטראָף פון שר של ים

ר' יהודה האָט אזוי געזאָגט אין נאָמען פון רב:

ווען גאָט האָט געהאלטען אין בעשאפען די וועלט האָט ער געזאָגט צום שר של ים: "עפען אויף דיין מויל און שלינג איין אלע וואסערען פון דער וועלט." האָט דער שר של ים געענטפערט: "רבונו של עולם! עס איז מיר גענוג ווען איך וועל קענען אויסהאלטען דאָס וואָס איך האָב שוין." הערענדיג אזא תשובה האָט איהם דער אויבערשטער בעשטראָפט מיט טויט.

## 36

# די גרויסע בריליאנטען פון ירושלים

רבי יוחנן האָט געזאָגט:

אין דער צוקונפט וועט דער אויבערשטער בריינגען טייערע שטיינער און פערל וואָס זיינען דרייסיג איילען די לענג און דרייסיג די ברייט און ער וועט אין זיי אויסהאקען פענסטער וואָס וועלען זיין צעהן איילען ברייט און צוואנציג איילען הויך, און ער וועט זיי אריינשטעלען אין די טויערען פון ירושלים.

איינער פון די תלמידים וואָס האָט דאָס געהערט האָט לאכענדיג געזאָגט: "היינטיגע צייטען זעהט מען ניט בריליאנטען וואָס זאָלען זיין אפילו גרויס ווי די איי פון א טויב. היינט ווי קען עס געמאָלט זיין אז עס זאָלען זיך געפינען אזעלכע גרויסע פערל און עדעל שטיינער?"

א צייט שפּעטער איז דער תלמיד געפאָהרען אויפ'ן ים. איז מיט זיין שיף געשעהן אן אונגליק און עס איז געזונקען. ווען דער תלמיד איז געווען אויפ'ן גרונד פון ים האָט ער געזעהן ווי מלאכים זעגען גרויסע בריליאנטען און פערל וואָס זיינען דרייסיג איילען ביי דרייסיג, און זיי האקען אויס אין די שטיינער פענסטער צעהן איילען די ברייט און צוואנציג די הויך. האָט דער תלמיד געפרעגט: "צו וואָס איז דאָס אזוינס?" האָט מען איהם געענטפערט: "דאָס זיינען די פענסטער וואָס דער אויבערשטער וועט אריינשטע־

לען אין די טויערען פון ירושלים." דער תלמיד איז צוריק געקומען צו רבי יוחנן און האָט געזאָגט: "דרש'ן רבי! דיר פּאַסט זיך צו דרש'ענען. אַזוי ווי דו האָסט געזאָגט, אַזוי האָב איך טאַקע געזעהן."

"דו פוסטער יונג!" האָט רבי יוחנן אויסגערופען. "און אויב דו וואָלסט דאָס ניט געזעהן וואָלסטו ניט געגלויבט? דו מאַכסט שפּאָט פון די רייד פון די חכמים!" רבי יוחנן האָט אויף איהם א קוק געטהאָן און פון דעם תלמיד איז געוואָרען א הויפען ביינער.

## 37

## דער פּאַטער טהוט בעסער ווי דער זוהן

דער פּאַטער פון שמואל פלעגט אויספערקויפען זיין תבואה אין דער צייט פון דרעשען, ווען תבואה איז געווען ביליג, און ניט האַלטען אויף יקרות. דער זוהן, שמואל, פלעגט זיין תבואה האַלטען אויף שפּעטער, אין דער צייט ווען עס ווערט טייערער, אָבער ער פלעגט עס פערקויפען אַזוי ביליג ווי אין דער צייט פון דרעשען.

האָבען די חכמים געזאָגט, אַז דער פּאַטער האָט געטהאָן בעסער פאַר'ן זוהן, ווייל מיט דעם וואָס ער האָט פון אָנפאַנג פערקויפט ביליג האָט ער געבראַכטען דעם יקרות, אַז עס זאָל שפּעטער ניט טייערער ווערען.

## 38

## אברהם אבינו דער וועלט קאַפּיטאַן

חנן בר רבא האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב:
יענעם טאָג אין וועלכען אברהם אבינו איז פון דער וועלט אוועק, האָבען זיך די גרעסטע לייט פון יענעם דור אויסגעשטעלט אין א שורה און געזאָגט:
"וועה איז צו דער וועלט וואָס האָט פערלאָרען איהר פיהרער און וועה איז צו דער שיף וואָס האָט פערלאָרען איהר קאַפּיטאַן."

## 39

# קליינליכע זאכע

אין ספר בן סירא איז געשריבען:

אלעם האב איך געוואוינען אויף א וואג און איך האב קיין לייכטערע און קיין קליינליכערע זאך ווי קלייען נים נעפונען, און קליינליכער פון קלייען איז אן איידים וואס זיצט ביים שווער אויף קעסט, און קליינליכער פון אן איידים איז אן ארימאן, אן אורח, וואס נעהמט אריין אן אנדער אורח, און קליינליכער פון אן אורח איז א מענש וואס גיט א תשובה איידער ער הערט אוים גוט וואס מען פרעגט איהם.

## 40

# אלעס טהאן — צו מענשען ניט אנקומען

אין שופטים (י״ח) ווערט דערצעהלט ווי די שלוחים פון שבט דן האבען געפונען יהונתן, א יונג פון שבט לוי, וועלכער האט זיך פערדונגען צו זיין א גלח ביי געצענדיענער.

דערצעהלט די גמרא, אז די שלוחים האבען דעם אינגעל אזוי געפרעגט: ״ווי קומט דאס צו דיר? דו שטאמסט דען נים פון משה׳ן? היינט ווי שיקט עס זיך, אז דו זאלסט ווערען א גלח ביי געצענדיענער?״ האט ער זיי געענטפערט: ״איך האב מיר בקבלה פון מיינע עלטערען, אז בעסער זאל זיך א מענש פערדינגען צו עבודה זרה איידער אנצוקומען צו לייטען.״

עס מיינט נים גראדע עבודה זרה, נאר עס מיינט וואס נאר פאר אן אונווירדיגע ארבייט וואס איז ניט לויט דעם מענשען׳ס כבוד, אזוי ווי רב האט געזאגט צו רב כהנא: ״שינד אב א נבלה אין מיטען מארק, אבי צו פערדיענען אויפ׳ן לעבען, און זאג ניט: איך בין א גרויסער מאן און עס פאסט מיר ניט אזא ארבייט.״

יהונתן האט שפעטער תשובה געטהאן און האט געענדערט זיין נאמען אויף שבואל (וואס מיינט: זיך אומגעקעהרט צו גאט). דוד המלך, זעהענדיג אז שבואל האלט געלד זעהר טייער, האט ער איהם געמאכט פאר זיין שאצמייסטער. ווען שלמה איז געווארען מלך האט ער ארונ־

טערגעוואָרפען זיין פּאָטער'ס מיניסעטריום, און שבואל וועלכער איז געוואָרען אוים שאצמייסטער, האָט זיך גענומען צו זיין אַלטער פּראָפעסיאָן — ער איז ווידער געוואָרען אַ גלח אין אַ קלויסטער פאר געטשקעס, כאָטש ער אַליין האָט ניט געגלויבט אין די געטצען. אַז אימיצער פלעגט איהם ברייגנען אַן אָקס, אַ באַראַן, אָדער אַ ציגעלע פאר אַ קרבן צום געטשקע, פלעגט איהם דער אידישער גלח זאָגען: "וואָס טויג דיר אויסברייגנגען אַ גאַנצע בהמה? דער געטש ניט ער עסט, ניט ער טרינקט, ניט ער קען טהאָן גוטס, ניט ער קען טהאָן שלעכטס." דער נאַרישער געצענדיענער פלעגט בלייבען אין אַ פערלעגענהייט און פרעגען: "וואָס דען זאָל איך טהאָן? ווי זאָל איך אויסבעטען אַ ביסעל מזל ביים געטשקע?" פלעגט דער גלח ענטפערען: "געה ברייגג מיר אַ טעלער ווייסען מעהל און אַ צעהנדליג אייער אויף דעם. און דערפאַר וועל איך פאר דיר אויסבעטען אַ ביסעל מזל." יענער פלעגט די זאַכען ברייגנען, און אַז ער פלעגט אַוועקגעהן, פלעגט דער גלח זיך מאַכען אַ מאָהלצייט.

איינמאָל האָט איהם איינער געפרעגט: "אויב די געטשקעס קענען גאָרנישט אויפטהאָן, טאַ וואַרום נאַרסטו מענשען?" האָט דער גלח געענטפערט: "איך טהו דאָס, כדי איך זאָל האָבען אויף צו לעבען."

## 41

# לאה'ס שוואַכע אויגען

לאה האָט געהאַט שוואַכע אויגען, ווערט דערצעהלט אין חומש, און רב האָט געזאָגט אַז דאָס איז אַ קאָמפּלימענט פאר איהר און ניט אַ פעהלער. לאה האָט בעקומען שוואַכע אויגען דורך אַזאַ געשיכטע:

איינמאָל האָט לאה געהערט צוויי מענשען ריידען צווי־שען זיך אַזוי: "רבקה האָט צוויי זיהן און לבן האָט צוויי טעכטער. די עלטערע מיידעל וועט נעהמען דעם עלטערען בחור, און די אינגערע — דעם אינגערען."

האָט לאה גענומען נאָכפרעגען וואָס פאר אַ מענש דער עלטערער בחור (עשו) איז און אין וואָס ער פערברענגט זיין צייט. האָט מען איהר געענטפערט אַז ער איז אַ יענער און אַז ער בערויבט מענשען. "און וואָס טהוט דער אינגערער?" האָט זי געפרעגט. האָט מען איהר געענטפערט: "אַ פרומע־

און א היים זיצער." (דאָס איז געווען יעקב) האָט לאה גע־
ווײַנט אזוי לאַנג ביז עס זײַנען ביי איהר ארויסגעפאלען די
אויגענברעמען.

42

# דער רבי און זײַנע תלמידים

רבא האָט איינמאָל געזאָגט צו רב פפא און צו רב הונא: "ווען איינער וועט קומען צו אייך מיט מיינעם א געשריבענעם פסק דין און איהר וועט אין דעם זעהן עפּעס א ווידערשפּרוך, זאָלט איהר עס ניט צורייסען ביז איהר וועט קומען צו מיר און מיך ווענען דעם פרעגען. אויב איך וועל עס אייך קענען ערקלערען וועל איך דאָס טהאָן, און אויב נים וועל איך צוריקנעהמען מיין פסק דין. נאָך מיין טויט זאָלט איהר מיין פסק דין ניט צורייסען און אויך ניט לערנען פון דעם א ביישפּיעל. צורייסען זאָלט איהר ניט, דען ווען איך וואָלט געלעבט וואָלט איך פיליכט אייך געקענט ערקלערען דאָס וואָס שיינט ביי אייך צו זיין ניט רעכט. און קיין בייר שפּיעל זאָלט איהר פון דעם לערנען, ווייל א ריכטער קען נאָר אורטיילען פון דעם וואָס זײַנע אויגען זעהען".

43

# דער פערטריבענער זוהן

יוסף בן יועזר האָט געהאַט א זוהן וואָס האָט זיך אויפ־געפיהרט ניט ווי עס געהערט צו זיין. דער פאָטער האָט געהאַט א בעכער פול מיט רענדלעך, און ניט וועלענדיג אז דער זוהן זאָל איהם ירש'ענען, האָט יוסף בן יועזר מנדר געווען דאָס געלד פאר'ן בית המקדש. דער זוהן איז אוועק און האָט החתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון דעם יואוועליר וואָס פלעגט מאַכען קרוינען פאר ינאי המלך.

ווען זיין ווייב האָט א קינד געבוירען האָט איהר מאַן, דער פערטריבענער זוהן, געקויפט פאר איהר א פיש. אויפ־שניידענדיג דעם פיש האָט ער אין איהם געפונען א טייערען פערל.

"הער צו, מיין מאַן", האָט די יונגע פרוי געזאָגט.

"טראָג דאָס ניט צום קעניג, ווייל זיי וועלען דאָס ביי דיר צונעהמען פאר קליינגעלד. טראָג דאָס בעסער אוועק צום שאצמייסטער פון בית המקדש, וועלכער דאַרף דאָס האָבען פאר'ן אפוד. אָבער דו זאָלסט אויף דעם קיין פרייז ניט שטעלען, ווייל אויב דו וועסט אויף דעם שטעלען אַ קליינעם פרייז וועסטו שוין ניט קענען בעטען מעהר, נאָר דו זאָלסט לאָזען דעם שאצמייסטער אָבשאצען פיעל דאָס איז ווערטה".

האָט ער געטהאָן אזוי ווי זיין ווייב האָט איהם געראַטהען און האָט דעם טייערען פערל געבראכט אין בית המקדש. דער שאצמייסטער האָט דעם פערל אָבגעשאצט אין דרייצעהן בעכער מיט רענדלעך, און ער האָט צום יונגען מאַן געזאָגט: "זיבען האָבען מיר, אָבער זעקס פעהלען אונז". האָט דער יונגער מאַן געענטפערט: "גיט מיר די זיבען און די זעקס וואָס אייך פעהלען שענק איך אויפ'ן בית המקדש".

האָט מען פערשריבען אין די ביכער: "יוסף בן יועזר האָט אריינגעטראָגען אין בית המקדש איין בעכער מיט רענדלעך, אָבער זיין זוהן האָט געשענקט זעקס".

אנדערע זאָגען פערקעהרט. מען האָט אין די ביכער פערשריבען: "יוסף בן יועזר האָט אריינגעבראכט אַ בעכער מיט רענדלעך, אָבער זיין זוהן האָט ארויסגענומען זיבען בעכער מיט רענדלעך."

## 44

# ניט געפאָלגט די צוואה

די רבנן האָבען דערצעהלט אזא געשיכטע:

איינער אַ מאַן האָט געהאַט קינדער וועלכע האָבען זיך ניט אָרענטליך אויפגעפיהרט, האָט ער גענומען און האָט אָבגעשריבען אלע זיינע גיטער צו יונתן בן עוזיאל. וואָס האָט יונתן בן עוזיאל געטהאָן אז דער מאַן איז געשטאָרבען? אַ דריטעל האָט ער פערקויפט, אַ דריטעל האָט ער מנדב געווען פאר צדקה, און אַ דריטעל האָט ער אומגעקעהרט צו דעם פערשטאָרבענעם'ס קינדער.

ווען שמאי האָט פון דעם דערהערט איז ער געקומען צו יונתן בן עוזיאל, איהם פירגעהאלטען פאר וואָס ער האָט ניט געפאָלגט די צוואה.

האָט יונתן געזאָגט צו שמאי: "אויב דו קענסט צוריק

קריגען דאָס וואָס איך האָב פערקויפט און דאָס וואָס איך האָב אוועקגעגעבען אויף צדקה, קענסטו דאַן צוריק קריגען דאָס וואָס איך האָב אומגעקעהרט צו די יורשים".

שמאי איז אוועק צופריעדען וואָס יונתן האָט איהם בעזיעגט און ער האָט אין שפאַס אויסגערופען

"אַי, האָט מיר בן עוזיאל דערלאַנגט!"

## 45

# ניט א נאר נאָר סתם א חצוף

א יונגער בחור'ל וואָס איז נאָך נים געווען קיין צוואַנציג יאָהר אַלט האָט פערקויפט זיין פאָטער'ס גיטער. נאָכדעם האָט ער חרטה בעקומען אויף דעם פערקויף און ער איז געקומען צו רבא'ן צו האָבען א דין תורה מיט די קויפער. די קרובים פון דעם בחור'ל האָבען איהם אָנגעלערנט: "אַז דו וועסט קומען צו רבא'ן זאָלסטו עסען טייטלען און די קערנער זאָלסטו וואַרפען איהם אין פנים". דער בחור'ל האָט אַזוי געטהאָן, און ווען רבא האָט געזעהן זיין אויפפיהר האָט ער בעשלאָסען אַז דער בחור'ל האָט קיין שכל און רבא האָט געזאָגט: "זיין פערקויף איז קיין פערקויף ניט".

ווען מען האָט געדאַרפט אויסמאַכען דעם פאַפּיער וואָס מאַכט בטל דעם פערקויף, האָבען די קויפער אָנגעלערנט דעם בחור'ל אַז ער זאָל זאָגען צו רבא'ן: "א גאַנצע מגלת אסתר קאָסט אָנצושרייבען א גילדען און פאר אזא פּאַפּירל וואָס דער רבי שרייבט אָן פערלאַנגט ער אויך א גילדען!" דער בחור'ל האָט די קויפער געפאָלגט און האָט אַזוי געזאָגט.

"אויב אזוי, האָט ער דאָך שכל", האָט רבא געזאָגט, "איז זיין פערקויף א ריכטיגער פערקויף".

"ס'טייטש!" האָבען די קרובים פּראָטעסטירט. "דיזע ווערטער האָבען איהם די קויפער אויסגעלערנט!"

"ווען ער קען אַזעלכע רייד פערשטעהן און האָט שכל זיי איבערצוזאָגען איז געגוג א בעוויז אַז ער פערשטעהט וואָס ער האָט צו טהאָן. און דאָס וואָס ער האָט אויף מיר געוואָרפען די קערנער פון די טייטלען איז דאָס סתם חוצפה", אַזוי האָט רבא גע'פסקנ'ט.

## 46

# ניט שענד און ניט לויב

פאַר רבי'ן איז איינמאָל געבראכט געוואָרען אַ וועקסעל וועלכער איז געווען צוזאַמענגעלייגט און צוקניימשט. רבי האָט אין דעם וועקסעל ניט געקענט זעהן דעם דאַטום. "אפשר איז דער דאַטום פערלאָרען געגאַנגען צווישען די קנייטשען?" האָט געזאָגט רבי שמעון זיין זוהן. רבי האָט נאָכגעזוכט און האָט דעם דאַטום געפונען. נאָכדעם האָט רבי ווידער גענומען צייגען אַז דער וועקסעל איז ניט מיט אַלעמען. "וואָס ווילסטו פון מיר?" האָט זיין זוהן רבי שמעון געזאָגט. "ניט איך האָב דעם וועקסעל געשריבען, יהודה חייטא האָט עס געשריבען".

"רייד ניט קיין לשון הרע!" האָט רבי זיך אָנגעביי־זערט. "עס איז געגוג פאַר דיר צו זאָגען אַז דו האָסט דעם וועקסעל ניט געשריבען. צו וואָס דאַרפסטו ריידען אויף אַן אַנדערען?"

אַן אַנדער מאָל האָט זיך געמאַכט אַזאַ געשיכטע. רבי שמעון איז געזעסען און האָט געזאָגט תהלים אין געגענוואַרט פון רבי, זיין פאָטער. רבי האָט בעמערקט די שעהנע שריפט פון דעם ספר תהלים און ער האָט אויסגערו־פען: "ווי שעהן און ווי פינקטליך דאָס איז געשריבען!"

"ניט איך האָב דאָס געשריבען, דאָס האָט געשריבען יהודה חייטא", האָט רבי שמעון געענטפערט.

"רייד ניט קיין לשון הרע!" האָט רבי אויסגערופען.

רב דימי ערקלערט די זאַך אַזוי: אַ מענש דאַרף ניט צופיעל ריידען וועגען די מעלות פון דעם אַנדערען, ווייל פון צופיעל ריידען וועגען יענעם'ס מעלות קען ער אויך אַרויס־קומען אויף יענעם'ס חסרונות.

## 47

# דער פעלשער

אַ מאַן האָט געהאַט אַ וועקסעל אויף וועלכען עס זיינע געווען אונטערשריבען רבא און רב אחא בר אדא. ווען

רבא האָט געזעהן דעם וועקסעל האָט ער געזאָגט: "ערש־טענס איז דאָס ניט מיין אונטערשריפט, און צווייטענס שרייב איך זיך קיינמאָל ניט אונטער פריהער, פאר רב אחא". האָט ער דעם מאַן געלאָזט בינדען און יענער האָט זיך מודה געוועזן אז ער האָט געפעלשט די אונטערשריפטען. "מילא", האָט רב געזאָגט, "מיין אונטערשריפט איז דיר געוועזן לייכט נאָכצומאַכען ווייל איך בין יונג און האָב אַ גלייכען כתב, אָבער ווי האָסטו געקענט נאָכמאַכען די האַנד־שריפט פון רב אחא וועלכער איז שוין אַן אַלטער מאַן און זיין האַנד ציטערט?" האָט דער פעלשער אויסגעזאָגט אז ווען ער האָט געדאַרפט פעלשען די חתימה פון רב אתא האָט ער זיך געשטעלט אויף אַ שאָקעלדיגען בריק.

# מסכת סנהדרין

## 1

## בעסער פערשעהמט ווערען אידער פערשעהמען

רבן גמליאל האָט איינמאָל געהייסען אז מען זאָל איהם צוזאמענרופען זיבען תלמידי חכמים אום צו מאכען אן עיבור יאָהר. אין דער פריה, ווען ער איז אריינגעקומען אין זיין אויבערשטיבעל, וואו אזעלכע אסיפות פלעגען אָבגעהאלטען ווערען, האָט ער דאָרט געפונען אכט אנשטאט זיבען. דער דין איז אז ביי אזא אסיפה קענען אנטייל נעהמען נאָר די זיבען וואָס זיינען איינגעלאַדען געוואָרען פאר דעם צוועק.

"דער וואָס איז געקומען ניט געבעטענערהייד זאָל אזוי גוט זיין און אַרונטערגעהן", האָט רבן גמליאל געזאָגט.

האָט זיך אויפגעשטעלט שמואל הקטן און האָט געזאָגט:

"איך בין געקומען אָהן אן איינלאַדונג, און ניט איך בין געקומען אנטייל נעהמען אין בעשטימען דעם עיבור, איך בין בלויז געקומען צוזעהן און לערנען ווי דאָס געהט צו."

"זיץ, מיין זוהן", האָט רבן גמליאל געזאָגט, "דו קענסט דאָ פערבלייבען. דו ביזט אפילו גענוג פּאַסענד אז מען זאָל אַלע יאָהר מיט דיר מאכען דעם עיבור, נישטמעהר, דער דין איז אז דעם עיבור מאכט מען נאָר מיט די וואָס זיינען לכתחלה איינגעלאַדען געוואָרען פאַר דעם צוועק."

שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט אז ניט שמואל הקטן איז געקומען אונגעבעטענערהייד, נאָר אן אנדערער. שמואל האָט גענומען די שולד אויף זיך כדי יענער זאָל ניט פער־שעהמט ווערען.

אזא פאַל איז אויך פאָרגעקומען ביי רבי.

רבי איז איינמאָל געזעסען און האָט גע׳דרשנ׳ט פאר זיינע תלמידים. מיט אמאָל האָט ער דערשפירט א ריח פון קנאָבעל. האָט רבי געזאָגט: "דער וואָס האָט געגעסען קנאָ־

בעל זאָל ארויסגעהן." האָט זיך רבי חייא אויפגעהויבען פון זיין אָרט און איז ארויסגעגאַנגען. האָבען זיך אַלע אויפ־געהויבען און זיינען ארויס נאָך איהם. און עס פערשטעהט זיך אז דיזער שטומער פּראָטעסט האָט רבי'ן פערשאפט א סך פערדרוס.

אויף מאָרגען, אין דער פריה, אז רבי שמעון, דער זוהן פון רבי, האָט בעגעגענט רבי חייא'ן, האָט ער איהם גע־פרעגט: "ביזטו דאָס געווען וואָס האָסט געגעסען קנאָבעל און דורכדעם פערשאפט מיין פאָטער פערדרוס?"

"חס ושלום!" האָט רבי חייא געענטפערט. "איך וועל אַזא זאך ניט טהאָן, אָבער איך האָב געוואָלט פערהיטען פון שאַנדע דעם איינעם וואָס האָט דאָס יא געטהאָן."

מיט רבי מאיר האָט אויך געטראָפען אן עהנליכע גע־שיכטע.

א פרוי איז אריינגעקומען אין דעם בית המדרש פון רבי מאיר, בעת ער האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים, און האָט צו איהם געזאָגט:

"אימיצער פון אייך האָט מיט מיר חתונה געהאט און איך וויים ניט ווער."

האָט רבי מאיר גלייך גענומען און אָנגעשריבען א גט און האָט דאָס געגעבען צו דער פרוי. די תלמידים האָבען געפאָלגט דעם ביישפּיעל און האָבען אַלע אָבגעג'גט די פרוי. און מיט דעם האָבען זיי פערהיט פון שאַנדע זייערען א חבר.

## 2

# די קללה פון קריעג

רב הונא האָט געזאָגט:

קריעג צווישען מענשען איז אזוי ווי א טייך וואָס נעהמט אריבער זיינע ברעגען. אויב מען האַלט איהם ניט אָב בע־צייטענס, צוגיסט ער זיך און פערפלייצט אַלעס ארום און ארום.

אביי קשישא (דער אַלטער) האָט געזאָגט:

קריעג איז געגליכען צו א נייעם בריקעל וואָס פון אָנ־פאַנג שאָקעלט ער זיך אין וואַסער, אָבער מיט דער צייט ווערט ער אריינגעטראָטען פעסט. אזוי ווערט די שנאה פער־פעסטיגט פון קריעג.

איינער האָט אמאָל געזאָגט א ווערטעל:

"וואויל איז צו דעם מענשען וואָס געוואוינט זיך צו הערען ווי מען בעליידיגט איהם און ער פערשוויינט. ער געוואוינט זיך צו מיט דער צייט און עס אַרט איהם ניט." און עס ווערט דערצעהלט אז דער פערפאסער פון דעם ווערטעל האָט אליין פערשוויגען הונדערט בעליידיגונגען.

אמאָל האָט איינער געזאָגט: "ווען די ליעבע צווישען מיר און מיין פרוי איז געווען שטארק פלעגען מיר קענען ליעגען אויף דעם שארף פון א מעסער און עס איז געווען פאר אונז גערא̇ם, היינט אז אונזער ליעבע איז אָבגעשוואכט געוואָרען איז א בעט פון זעכציג מאָאס פאר אונז איינג."

## 3

# די שטימע פון הימעל

די רבנן האָבען אזוי געלערנט:

זייט די לעצטע נביאים, חגי, זכריה און מלאכי זיינען געשטאָרבען איז אוועקגענומען געוואָרען די נבואה פון די אידען, אָבער פון דעסטוועגען פלעגט מען זיך דערוויסען א סך זאכען דורך א בת קול. איינמאָל זיינען די אידישע חכמים געזעסען ביי א בעראטהונג אין דעם אויבערשטיבעל פון גוריא, אין יריחו, האָבען זיי געהערט ווי א בת קול פון הימעל רופט אויס: "עס איז דאָ איינער צווישען אייך וואָס פערדיענט אז די שכינה זאָל אויף איהם רוהען, אזוי ווי אויף משה רבינו, אָבער דער דור איז ניט פאסענד פאר דעם." האָבען די חכמים געוואָרפען זייערע בליקען אויף הלל הזקן. זיי האָבען פערשטאנען אז דער בת קול האָט איהם געמיינט. און ווען ער איז געשטאָרבען האָט מען איהם מספיד געווען: "וועה אויף דעם חסיד, וועה אויף דעם עניו, דער תלמיד פון עזרא!"

א צווייטען מאָל זיינען די חכמים געזעסען ביי אן אסיפה, אין אן אויבערשטיבעל, אין יבנה. האָט א בת קול פון הימעל צו זיי אויסגערופען: "עס איז דאָ איינער צווישען אייך וואָס פערדיענט אז די שכינה זאָל אויף איהם רוהען, אָבער זיין דור איז ניט פאסענד פאר דעם." האָבען די חכמים געוואָרפען זייערע בליקען אויף שמואל הקטן. זיי האָבען געוואוסט אז איהם האָט דער בת קול געמיינט. אז

ער איז געשטאָרבען האָט מען איהם מספיד געווען: "וועה אויף דעם חסיד, וועה אויף דעם עניו, דער תלמיד פון הלל."

אין איין איינציגען פאַל האָט די נבואה זיך יא בעווי־זען נאָך די נביאים און דאָס איז אין דעם פאַל פון שמואל הקטן. פאר זיין טויט האָט ער נביאות געזאָגט אז רבי שמעון בן גמליאל הנשיא און רבי ישמעאל כהן גדול וועלען פער־לירען זייער לעבען דורכ'ן שווערד, זייערע חברים דורך אן אנדער טויט, און אז די אידען וועלען אויסגעשטעלט ווערען צו פערפאָלגונג, צו רויב און צו גלות.

## 4
## די פאָרזיכטיגקייט פון א תלמיד חכם

ווען פאר רב הונא'ן פלעגט פאָרקומען א דין תורה פלעגט ער צוזאמענרופען צעהן רבנן פון רב'ס בית מדרש, זיי זאָ־לען איהם העלפען, דען טאָמער וועט ער מאכען א טעות זאָל אויף איהם פאַלען בלויז א קליינער טייל פון דער פעראנט־וואָרטליכקייט.

ווען פאר רב אשי'ן פלעגט פאָרגעבראכט ווערען א שאלה וועגען טריפה, פלעגט ער צוזאמענרופען אלע קצבים פון דער שטאָט מחסיא (סורא) וועלכע האָבען גוט געקענט די דינים פון כשר און טריפה, אום די פעראנטוואָרטליכקייט זאָל ניט פאַלען אויף איהם אליין.

## .5
## ר' יהודא בן בבא'ס העלדענטהאַט

איינמאָל איז ארויס א גזרה אויף אידען אז דער וואס וועט אימיצען געבען סמיכה אויף רבנות זאָל בעשטראפט ווערען מיט'ן טויט, און דער וואס וועט די סמיכה אננעהמען זאָל קריגען די זעלבע שטראָף, און די שטאָדט אין וועלכע מען וועט די סמיכה געבען זאָל חרב ווערען, און די גרענע־צען פון דעם ארט זאָלען פערניכטעט ווערען. וואס האט גע־טהאן ר' יהודה בן בבא? ער איז אוועק און האט זיך גע־זעצט צווישען צוויי בערג, צווישען איין גרויסע שטאָדט און ד' אנדערע, צווישען איין תחום שבת און דעם אנדערן, צווי־

שען אושא און שפרעם, און ער האט געגעבן סמיכה צו פינף זקנים. און דאס זיינען: ר׳ מאיר, ר׳ יהודה, ר׳ שמעון, ר׳ יוסי און ר׳ אלעזר בן שמוע.

ווי נאר די אידישע שונאים האבען זיך פון דעם דער־וואוסט, זיינען זיי געקומען די אידישע חכמים הרג׳ענען.

"לויפט!" האט ר׳ יהודה בן בבא אויסגערופען צו זיינע תלמידים. "ענטלויפט און רעטעט אייער לעבען!"

"רבי!" האבען זיי געזאגט, "וואס וועט אבער זיין מיט דיר? דו ביזט דאך שוין אן אלטער מאן און קענסט ניט לויפען".

"איך וועל דא בלייבען און וועל זיך ניט ריהרען פון ארט אזוי ווי א שטיין", האט ר׳ יהודה געענטפערט.

עס ווערט דערצעהלט אז די שונאים זיינען פון דארט ניט אוועק ביז זיי האבען אין איהם אריינגעשטאכען דריי הונדערט אייזערנע שפיזען און זיי האבען דורכגעלעכערט זיין קערפער אזוי ווי א זיפ.

## 6

## געוואלט אויסמיידען כבוד

רבי זירא איז געווען א גרויסער עניו און האט געוואלט אויסמיידען אז מען זאל איהם געבען סמיכה אויף רבנות. ער האט געהאלטען מיט רבי אלעזר וועלכער האט געזאגט: "דערוויימער זיך פון כבוד וועסטו לאנג לעבען." א צייט שפעטער האט ער געהערט אז רבי אלעזר האט געזאגט, אז א מענש ווערט ניט גרויס סיידען מען איז איהם צוערשט מוחל אלע זיינע זינד, האט ער זיך געמאכט א תאר׳ץ און האט אנגענומען די סמיכה.

## 7

## א שעהנער קבלת פנים

ר׳ אבהו איז געווען זעהר רייך און איז געווען הויך געאכטעט אין קעניג׳ס הויף. ער איז געווען א זעלטען שעה־נער מאן, נאך שעהנער פון ר׳ יוחנן, ווייל ר׳ יוחנן האט קיין באָרד נעהאט און זיין שעהנקייט איז געווען ווי פון א פרוי.

ר' אבהו איז אבער געווען בעגאבט מיט דעם פולען מענער־שען הדרת פנים.

ווען ר' אבהו פלעגט קומען פון דער ישיבה אויף א בעזוך אין קיסר'ס הויף, פלעגען דעם קיסר'ס הויפדאמען ארויסגעהן איהם מקבל פנים זיין, און זיי פלעגען איהם בע־גריסען מיט א קאהר, זינגענדיג:

"דער האר פון זיין פאלק, דער פיהרער פון זיין נאציאן, דער שעהנער, דער ליכטיגער, געבענשט זאל זיין דיין קומען מיט שלום!"

## 8

# שווער צו משפט'ן א מלך

א קנעכט פון ינאי המלך האט גע'הרג'עט א מענשען. האבען די אידישע חכמים מורא געהאט צו משפט'ן דעם מערדער. אבער שמעון בן שטח וועלכער איז געווען א שוואָ־גער פון ינאי המלך האט צו די חכמים געזאגט: "אייער חוב איז איהם צו משפט'ן." האבען די חכמים געשיקט א שליח צו ינאי המלך און איהם אנגעזאגט: "דיין קנעכט האט א מענשען געטויטעט." דער קעניג האט זיי דעם מערדער אָב־געשיקט, זיי זאלען איהם משפט'ן. האבען די חכמים ווידער געשיקט א שליח צו ינאי המלך און איהם אנגעזאגט: "דו דארפסט אויך קומען פאר'ן געריכט, ווייל מען קען קיין קנעכט ניט משפט'ן סיידען אין דער געגענווארט פון זיין האר." ינאי המלך איז געקומען און האט זיך אוועקגעזעצט.

"ינאי המלך!" האט צו איהם געזאגט שמעון בן שטח. "שטעל זיך אויף און זאלען די עדות זאגען וואס זיי וויסען. זאלסט וויסען זיין אז ניט פאר אונז שטעהסטו, נאר פאר דעם וואס האט מיט זיין שפרוך בעשאפען די וועלט."

דעם קעניג האט עס פערדראסען. האט ער געענטפערט:

"איך וויל זיך ניט פערלאזען אויף דעם וואס דו זאגסט. איך וויל הערען וואס דיינע חברים זאגען."

ינאי המלך האט זיך א קעהר געטהאן רעכטס, האבען די חכמים וואס זיינען געזעסען אויף דער רעכטער זייט אראבגעלאזען זייערע פנים'ער צו דער ערד. ער האט זיך א קעהר געטהאן לינקס האבען די וואס זיינען געזעסען אויף דער לינקער זייט ארונטערגעלאזען זייערע פנים'ער צו דער

ערד. שמעון בן שטח איז געוואָרען אויפגערעגט צוליעב דעם משא פנים וואָס מען האָט ארויסגעציייגט דעם קעניג, האָט ער מיט כעס אויסגערופען:

"איהר מענשען מיט שרעקעדיגע געדאַנקען! זאָל דער וואָס איז העכער איבער אלע געדאַנקען זיך מיט אייך אָב־רעכענען!"

באַלד איז געקומען דער מלאך גבריאל און האָט די ריכ־טער נידעריגעשלאָגען צו דער ערד און זיי זיינען געשטאָרבען.

# 9

## זיך בעוואָרענט געגען זינד

און שאול המלך האָט גענומען זיין טאָכטער מיכל, ד פרוי פון דוד, און האָט איהר אָבגעגעבען צו פלטי בן ליש. אזוי ווערט דערצעהלט אין שמואל.

ר' יוחנן זאָגט:

פלטי האָט זיך געוואָלט פערהיטען פון זינד. האָט ער אין בעט, צווישען מיכל און זיך, אריינגעשטאָכען א שווערד. ער האָט די פרוי געהאַלטען אזוי ווי זי וואָלט נאָך געווען די פרוי פון דוד. ער האָט איהר ליעב געהאַט און האָט געוויינט וואָס זיי קענען ניט זיין מעהר ווי צוויי גוטע פריינד. און דערפאַר איז פלטי'ס נאָמען שפּעטער געענדערט געוואָרען אויף פלטיאל, אָדער פלטי־אל. דאָס מיינט: גאָט האָט מיך פערהיט פון זינד.

# 10

## דער שענסטער דור

"פאַלש איז דער חן, נאַריש איז די שעהנקייט, די וואָס האָט מורא פאַר גאָט איז לויבענסווערטה" — אזוי האָט שלמה המלך געזאָגט.

רבי שמואל בר נחמן, אין נאָמען פון ר' יונתן, ערקלערט דאָס אזוי:

פאַלש איז דער חן — דאָס מיינט דעם דור פון משה און יהושע. נאַריש איז די שעהנקייט — דאָס מיינט דעם דור פון חזקיה. די וואָס האָט מורא פאַר גאָט איז לויבענס־

װערטח — דאָס איז דער דוד פֿון רבי יהודה בר אלעאי. אין זײַנע צײַטען זײַנען אידען געװען אזױ שטארק איבערגעגעבען צום לערנען, דאָס זעקס תלמידים האָבען געהאט צװישען זיך בלױז אײן מלבוש, און זײַנען דאָך געזעסען און געלערנט און זיך גאָר ניט געקימערט װעגען זײער אָרימקײט.

## 11

# ארונטער און ארונטער

ריש לקיש זאָגט:

צוערשט, אײדער שלמה המלך האָט גענומען גױ'אישע װײַבער האָט ער געקיניגט אױך אױף די מלאכים, אָבער נאָכדעם האָט ער געקיניגט בלױז אױף די מענשען פֿון דער װעלט. נאָכדעם האָט ער געקיניגט בלױז אױף די אידען. שפּעטער איז ער געװען קעניג בלױז איבער ירושלים. נאָך שפּעטער האָט ער געקיניגט בלױז איבער זײַן בעט. צולעצט האָט ער פֿערלאָרען אױך זײַן בעט און האָט געקיניגט בלױז איבער זײַן שטעקען.

און דאָס איז װאָס שלמה המלך האָט געזאָגט: "װאָס פֿאר א נוצען האָב איך געהאט פֿון מײַן גאנצע מיה?"

## 12

# דוד'ס פֿרעמדע קינדער

רב יהודה האָט געזאָגט:

פֿיער הונדערט קינדער האָט דוד המלך געהאט פֿון די שעהנע פֿרױען װאָס ער האָט געפֿאנגען אין פֿערשידענע מלחמות, און אלע זײַנען געװען פֿוסטע יונגען װאָס פֿלעגען פֿערברײַנגען זײער צײַט אין פֿריזירען זײערע לאָקען, זיצען אין בענילטע װאָגענס און געהן אין פֿראָנט פֿון סאָלדאטען, און זײ זײַנען געװען די פֿױסט העלדען פֿון דוד'ס הױז.

## 13

# א מאַנ'ס ערשטע װײַב

רבי אלעזר האָט געזאָגט:

װען א מאן גט אָב זײַן ערשטע װײַב איז די טראָגעדיע

אזוי גרויס אז אפילו דער מזבח פערגיסט אויף דעם טרערען.
רבי יוחנן האָט געזאָגט:
ווען ביי א מאַן שטארבט זיין ערשטע פרוי איז דער אומגליק אזוי גרויס אזוי ווי דער בית המקדש יואָלט הרוב געוואָרען אין זיינע צייטען.
רבי אלכסנדראי האָט געזאָגט:
א מענש וואָס זיין פרוי שטארבט ביי זיין לעבען ווערט די וועלט פינסטער פאַר איהם.

## 14

# ניט געגלויבט דעם בעל תשובה

א קצב איז איינמאָל געכאפט געוואָרען ביים פערקויפען טריפה פלייש פאַר כשרה. האָט איהם ר׳ נחמן אריינגעלייגט אין חרם און איהם געמאכט פאַר אויס קצב. איז דער קצב געגאנגען און האָט זיך פערלאָזען די האָאָר מיט די נעגעל, אזוי ווי איינער וואָס נעהמט אויף זיך א תשובה. ר׳ נחמן האָט איהם שוין געוואָלט צוריקגעבען זיין הכשר. אָבער רבא האָט צו איהם געזאָגט: "מאָמער נאַרט ער דאָס און איז ניט ערנסט. נאָר ווי זאָל ער תשובה טהאָן? אויף דעם האָט רב אידי בר אבין געזאָגט, אז דער וואָס איז פערדעכטיגט אויף טריפות זאָל געהן אין אַן אָרט וואו מען קען איהם ניט און זאָל טהאָן עפעס א מצוה ביי וועלכער ער בעזיעגט א נסיון. ער זאָל, למשל, אומקעהרען איינעם א טייערע זאך וואָס יענער האָט פערלאָרען, אָדער ער זאָל ארויסוואַרפען טריפה פלייש און ליידען ביי דעם א גרויסען פערלוסט, און מיט דעם איבערצייגען אז זיין עהרליכקייט איז גרעסער ווי זיין ליעבע צו געלד."

## 15

# א אידישער שטייער איינמאַהנער

דער פאטער פון ר׳ זירא איז דרייצעהן יאהר געווען א שטייער איינמאַהנער. ווען דער הויפט בעאמטער פון דער פראָווינץ פלעגט דאַרפען קומען אין שטאָדט נאָך די צינזען, פלעגט ר׳ זירא׳ס פאטער ארויסגעהן אין גאס און צו־

גרייטען די שטאָדט לייט אַז זיי זאָלען זיך נים וואַרפען צו־פיעל אין די אויגען ווען דער הויפּט בעאַמטער וועט קומען. אַז ער פלעגט זעהן איינעם פון די לומדים פלעגט ער אַ זאָג טהאָן דעם פסוק פון ישעיה: "לך עמי, בא בחדריך", (געה, מיין פאָלק, בעהאַלט זיך אין דיינע צימערן) און דאָס איז געווען אַן אנצוהערעניס אַז מען דאַרף זיך ניט ווייזען אין גאַס. אַז ער פלעגט זעהן אַזוי אַ שטאָדטיגען מענשען, וואָס איז נים געווען אַ למדן, פלעגט ער איהם זאָגען מיט פּשוט׳ע דבורים: "דער הויפּט בעאַמטער קומט אין שטאָדט, און אַז ער קומט נאָר אַריין וועט זיין זעהר ביטער. ער וועט קוילען אַ פאָטער פאַר׳ן זוהן אין די אויגען, און דעם זוהן אין די אויגען פון דעם פאָטער". און אַזוי פלעגען זיך אַלע שטאָדטלייט בע־האַלטען.

אַז דער הויפּט בעאַמטער פלעגט שוין קומען, פלעגט ר׳ זירא׳ס פאָטער צו איהם זאָגען: "אַ פוסטע שטאָדט — נימאַ פון וועמען שטייערען צו מאָהנען".

# 16

## ניט יעדע מאַיאָריטעט איז אַ גערעכטע

שבנא איז געווען דער אויפזעהער פון מלך חזקיה׳ס הויז, אין דער צייט וואָס סנחריב האָט בעלאַגערט ירושלים און חזקיה האָט געפיהרט אַ שטאַרקען פערטיידיגונגס קאַמפּף געגען איהם, האָט זיך אין ירושלים געפונען אַ פּאַרטיי וואָס האָט זיך געוואָלט אונטערגעבען צום שונא. דער אַנפיהרער פון דיעזער פּאַרטיי איז געווען שבנא. שבנא האָט גערעדט פאַר דרייצעהן פערזאַמלונגען און ער האָט זיי בעוואוינען פאַר פריעדען. חזקיה האָט געוואונען בלויז עלף פערזאַמלונ־גען. שבנא האָט אָנגעשריבען אַ צעטעל צו סנחריב מיט די ווערטער: "שבנא און זיינע נאָכפאָלגער האָבען בעשלאָסען זיך אונטערצוגעבען, חזקיה און זיינע נאָכפאָלגער ווילען זיך ניט אונטערגעבען". אָט דעם צעטעל האָט ער אָנגעבונ־דען צו אַ פייל און האָט עס אַריינגעשאָסען אין דעם פיינד־ליכען לאַגער.

זעהענדיג אַז די מאַיאָריטעט איז פעראייניגט געגען איהם, האָט חזקיה פערלאָרען דעם מוטה און האָט אָנגע־

הויבן זיך צו שרעקן. ער האט געזאגט: "טאמער חס ושלום האלט דער אייבערשטער מיט דער מאיאריטעט, און אז די מאיאריטעט האט בעשלאסען זיך אונטערצוגעבען צום שונא. קען דאך זיין אז ער וויל אז מיר זאלען זיך אויך אונטער־געבען". איז געקומען ישעיה הנביא און האט געזאגט: "דענק ניט אז אלעם וואס דאס פאלק מאכט אב איז אן אבמאך". ער האט געמיינט צו זאגען אז דאס איז געווען א בונט פון רשעים.

## 17

## אויסגעזאגט א סוד פון חדר

אמאל איז געווען א תלמיד אין דעם בית מדרש פון רבי אמי און עס איז אויף איהם ארויס א קלאנג אז ער האט אבגעטראגען א לשון הרע נאכדעם ווי מען האט עס אין בית מדרש געהאלטען אין געהיים צוויי און צוואנציג יאהר. האט איהם ר' אמי ארויסגעשיקט פון בית מדרש, זאגענדיג: "אט ער האט אויסגעזאגט א סוד פון הדר".

## 18

## נתן מיט די ליכטיגע שטראהלען

אין די צייטען פון רבי עקיבא האט געלעבט א רייכער מאן מיט'ן נאמען "נתן דצוציתא", עס הייסט נתן מיט די ליכטיגע שטראהלען. די געשיכטע ווי ער האט בעקומען דיזען צונאמען איז אזוי:

נתן האט זיך פערליעבט אין א פערהייראטע פרוי מיט'ן נאמען חנה. די פרוי איז געווען א גרויסע שעהנ־הייט. איהר מאן איז אמאל געווען רייך, נאר איז שפעטער זעהר פעראָרימט געווארען. נתן האט די פרוי אזוי ליי־דענשאפטליך געליעבט דאס ער איז קראנק געווארען. דאָק־טוירים האבען געזאגט אז ער קען קיינמאל אריבערלעבען זיין קראנקהייט סיידען די פרוי וועט ווערען זיינע. האבען די אידישע געלעהרטע געזאגט: "בעסער זאל ער שטארבען און ניט קומען צו א זינד." די דאקטוירים, זעהענדיג אז זיין לאגע ווערט ערגער, האבען געזאגט, פיליירט איז מענ־

ליך אז די פרוי זאָל קומען צו איהם און מיט איהם בלויז א ביסעל שמועסען, ווען דאָס איהם פיליכט טרייסטען. אָבער אפילו צו ריידען מיט איהם האָבען די חכמים פער־באָטען.

חנה'ס מאַן האָט זיך דערוויייל פערדרעהט אין גרויסע חובות, און אז עס איז געקומען דער טערמין און ער האָט ניט געקענט צאָהלען האָט מען איהם אריינגעזעצט אין תפיסה. זיין פרוי האָט געשפינט טאָג און נאַכט, האָט שווער און ביטער געארבייט אום צו קענען קויפען ברויט פאַר זיך און פאַר איהר מאַן. א לאנגע צייט איז דער ארי־מער מאַן געזעסען אין תפיסה, ביז דער לעבען איז איהם נמאס געוואָרען. און איינמאָל זאָגט ער צו זיין פרוי:

"דו ווייסט, חנה, אז דער וואָס רעטעט איין נפש פון טויט איז גלייך ווי ער האָט גערעטעט א גאנצע וועלט מיט מענשען, און אזוי ווי מיר איז זעהר ביטער און דער לעבען האָט מיר זיך שוין צוגעגעסען, בעט איך דיך או דו זאָלסט רחמנות האָבען אויף מיר און געהן צו דעם רייכען נתן, איהם בעטען ער זאָל דיר לייהען געלד צו בעצאָהלען מיינע חובות, איך זאָל קענען ארויס פריי און דו ועסט מיט דעם מיך רעטען פון טויט."

"וואָס רעדסטו?" האָט די פרוי אויסגערופען. "ווי קען איך צו איהם געהן? דו ווייסט דאָך אז ער איז קראנק און האַלט ביים שטאַרבען אויס גרויס ליעבע צו מיר. און יעצט וועל איך דיר נאָך עפּעס דערצעהלען: זייט מען האָט דיך אריינגעזעצט אין געפענגניס און איך בין געבליבען איינע אליין, שיקט מיר נתן יעדען טאָג זיינע מענשען מיט גרויסע סומען געלד, אָבער איך וויל ביי זיי די געלד ניט אָנגעהמען און איך טרייב זיי פון הויז. היינט ווי קען איך געהן בעטען ביי איהם אז ער זאָל מיר געלד לייהען?" אזוי האָט די פרוי גע'טענה'ט, אָבער דער מאַן וועמען עס איז שוין געווען זעהר שלעכט, האָט ווידער אָנגעהויבען איהר צו בעטען אז זי זאָל דאָך געהן צו נתן'ען, לייהען געלד און איהם בעפרייען פון תפיסה. דאָ איז די פרוי ארויס פון געדולד און האָט מיט כעס אויסגערופען:

"ווען דו וואָלסט געהאַט פערשטאַנד וואָלסטו פון מיר אזא זאַך ניט געפאָדערט. איך האָב מורא אז צוליעב די

צרות און דיין לאַנגען זיצען אין תפיסה ביזטו פון זינען אַרונטער."

א ברוגז'ע איז די עהרליכע, אָרענטליכע חנה אוועק אַהיים, און פאַר דריי טעג כסדר האָט זי איהר מאַן קיין איינציגען מאָל ניט בעזוכט.

אויפ'ן פערטען טאָג האָט חנה'ן אַנגענומען א שטאַר־קער רחמנות געפיהל. די האַרץ האָט איהר געזאָגט אַז איהר מאַן איז זעהר קראַנק און האַלט שוין ביים שטאַרבען. איז די פרוי אוועק צו דער תפיסה. זי האָט געפונען איהר מאַן שוין נאָהנט צום טויט. "גאָט וועט זיך מיט דיר אָב־רעכענען און דיך בעשטראָפען פאַר מיין טויט". האָט דער מאַן אין גרויס פערצווייפלונג אויסגערופען. "איך פער־שטעה יעצט אַז דו ווילסט אַז איך זאָל שטאַרבען, און דו זאָלסט קענען ווערען די פרוי פון דעם רייכען נתן."

"אויב דו ווילסט איך זאָל דוקא געהן צו איהם". האָט די פרוי געענטפערט, "דאַן גיב מיר א גט. וועל איך זיין פריי און מעגען געהן צו איהם."

"אָט דאָס האָב איך דאָך געזאָגט," האָט דער מאַן גע־טענה'ט מיט בימערקייט. "איך האָב געזאָגט אַז דאָס איז דיין איינציגער בעגעהר, פריי צו ווערען פון מיר כדי דו זאָלסט קענען נעהמען דעם רייכען נתן."

די פרוי האָט אויסגעבראָכען אין א געוויין און האָט געקלאָגט:

"ווער האָט עס ווען געהערט ביי אידען אַזא זאַך, אַז אַן איינענער מאַן זאָל זאָגען צו זיין פרוי: "געה און זינדיג מיט א פרעמדען מאַן אום ארויסצוקריגען געלד פון איהם!"

"געה!" האָט דער מאַן אויסגעשריען. "געה אוועק פון מיר. אויב דו האָסט קיין רחמנות אויף מיר וועט דער אייבערשטער רחמנות האָבען אויף מיר."

ווידער איז די פרוי אוועק אַהיים מיט א צובראָכענער האַרץ. לאַנג האָט זי געטראַכט פון איהר אונגליק און פון איהר מאַן'ס אונגליק. איהר האַרץ איז צוגאַנגען פאַר גרויס מיטלייד. ענדליך האָט זי בעשלאָסען צו טהאָן איהר מאַנ'ס פערלאַנג, געהן צו דעם רייכען נתן בעטען ביי איהם שטי־צע, און מיט דעם צו רעטען דעם לעבען פון איהר מאַן.

איידער זי איז געגאַנגען האָט חנה אויסגעשפרייט איהר'ע הענד צום הימעל און האָט אַזוי געבעטען: "גאָט אין

הימל! איך בעט דיך העלף מיר און פערהיט מיך אז איך זאל ניט ארייגפאלען אין א זינד." נאכדעם איז זי אוועק צו נתן'ס הויז.

ווען נתן'ס קנעכט האבען איהר געזעהן אנקומען, זיי־נען זיי אריינגעלאפען אנזאגען זייער האר: "די שעהנע חנה איז דא. זי ווארט ביים טויער."

נתן האט ניט געוואלט גלויבען דאס אזא גליק איז איהם געשעהן, האט ער געזאגט צו די קנעכט: "אויב עס וועט זיך ארויסצייגען אז דאס איז אמת וועל איך אייך מאַ־כען פריי. געהט, לאזט איהר אריין."

די דיענער האבען געעפענט די טויערען פון הויף. און ווען חנה איז שוין געווען אין הויף, איז א דיענסט אריינ־געלאפען צו נתן און האט איהם אנגעזאגט די בשורה: "חנה איז שוין אין הויף!"

"דיר וועל איך שענקען דיין פרייהייט", האט נתן מיט גרויס שמחה געענטפערט. ער איז געווען אזוי גליקליך, דאס ער האט יעדען איינעם געוואלט גליקליך מאכען.

חנה איז אריינגעקומען אין נתן'ס צימער. ער האט איהר אנגעקוקט און בעטראכט איהר בלענדענדע שעהנ־הייט. דער גליקליכסטער מאמענט פון זיין לעבען איז גע־קומען.

"זאג מיר וואס ווילסטו און וואס פערלאנגסטו פון מיר", האט נתן געזאגט מיט געפיהל. "אלעס וואס דו פאַ־דערסט וועט געטהאן ווערען. דיין מינדעסטער פערלאנג וועט ערפילט ווערען."

"מיין פערלאנג איז", האט חנה געענטפערט מיט אוי־גען וואס זיינען געווען פול טרערען, "אז דו זאלסט מיר גע־בען גענוג געלד צו בעפרייען מיין מאן פון תפיסה. און גאט וועט דיך בעלוינען פאר דער גרויסער צדקה."

נתן האט בעפוילען זיינע דיענער אז מען זאל דער פרוי געבען דאס פערלאנגטע געלד, און חנה האט איהם בעדאנקט.

"זעה", האט נתן געזאגט, "איך האב דיר געגעבען וואס דו האסט פערלאנגט. און יעצט וויל איך פון דיר צוריק עפּעס פערלאנגען. דו ווייסט אז איך בין געפעהרליך קראנק אויס גרויס ליעבע צו דיר. אויב דו ווילסט רעטען מיין לע־בען דאן בלייב ביי מיר. ווער מיין געליעבטע."

"הער צו," האט חנה געענטפערט, "איך בין יעצט אין

דיינע הענד, אונטער דיין שוץ, און איך האָב ניט קיין מוטה זיך צו שטעלען נעגען דיר. אָבער איך וויל דיך בלויז דער־מאָנען, אז יעצט איז געקומען דער גרויסער מאָמענט פון דיין לעבען אין וועלכען דו קענסט געווינען עולם הבא. זעה, בערענק זיך, איידער דו בענעהסט די גרויסע זינד. אין איין רגע מאכסטו מיך און מיין מאן אונגליקליך אויף דער וועלט און זיך אליין אויף יענער וועלט. אָט איז געקומען דער מאָמענט ווען דיין לאנג יאָהרינער פערלאנג קען ערפילט ווערען, אָבער בעטראכט וואָס דו קענסט געווינען ווען דו וועסט זיך אין דעם מאָמענט בעהערשען און מיך ארויסלאָזען פון דאנען ריין און אונבעפלעקט. פון דעם יעצטיגען מאָ־מענט הייננט אָב דיין גאנצע צוקונפט. ווערטו זיך בעהער־שען, ווערטו דיין גאנצען לעבען פיהלען גליקליך מיט דעם געדאנק, אז דו האסט געוואונען א גרויסען זיעג איבער זיך אליין און דו ווערסט פערדעכענט ווערען פאר א צדיק. ווערסטו זיך אונטערגעבען צו דעם נסיון, ווערסטו דיין גאנצען לעבען פיהלען אונגליקליך וואָס אין א שוואכען מאָמענט האסטו אונגליקליך געמאכט אַן אונשולדיגע פרוי און דו אליין האסט פערלאָרען עולם הבא. זאָל דיין קלאָרער פערשטאנד בעהערשען דיין ווילדע ליידענשאפט!"

נתן האָט זיינע אויגען ניט אראָבגענומען פון דער שעה־נער חנה די גאנצע צייט וואָס זי האָט גערעדט צו איהם. איהרע ווערטער האָבען ניט פערפעהלט זייער ציעל. ווי נאָר זי האָט געענדיגט, האָט נתן, וועלכער איז די גאנצע צייט געלעגען, זיך אנגעטהאָן א כח, זיך אויפגעהויבען פון בעט, איז געפאלען צו דער ערד און האָט גענומען בעטען נאָט אזוי: "גיב מיר קרעפטען, העלף מיר צו פערטרייבען דעם שטן פון מיין הארצען! פיהר מיך, רבונו של עולם, אין א גלייכען וועג. זיי מיר מוחל אויף מיינע פריהערדיגע זינד און שטארק מיין הארץ אז איך זאָל תשובה טהאָן אויף ווייטער."

און ווי נאָר ער האָט געענדיגט זיין תפילה, האָט נתן געפיהלט, אז ער איז געוואָרען אַן אנדער מענש. ער איז געלייטערט געוואָרען. ער האָט בעקומען פרישע כחות. א נייע ליכט האָט ער געזעהן מיט זיינע אויגען.

"געבענשט זאָלסטו זיין פון נאָט וואָס דו האסט מיט דיינע קלוגע רייד מיך פערהיט פון זינד," האָט נתן געזאָגט

צו חנה׳ן. ״גײה אהײם און לעב אין גליק און אין פריערן מיט דײן מאן.״

די פרוי איז אװעק, זי האָט אױסגעצאָהלט איהר מאנ׳ס חובות און האָט איהם בעפרײט פון תפיסה. נאָכדעם האָט זי איהר מאן דערצעהלט אלעס װאָס איז פאָרגעקומען צװישען איהר און דעם רײכען נתן. אָבער דער מאן האָט איהר ניט געגלױבט. ער האָט געהאַט אַ פערדאַכט, אַז זי דערצעהלט איהם ניט דעם גאַנצען אמת. עס קען דאָך ניט זײן, דאָס אַזאַ מאַן װי נתן, װעלכער איז געװען אין איהר אַזױ שטערבליך פערליעבט, זאָל זיך ענטזאָגען פון איהר װען ער האָט איהר געקענט האָבען. און װאָס מעהר די פרוי האָט געזוכט אָבצו־לײקענען דעם חשד, אַלץ מעהר האָט זיך צופלאַמט די אײ־פערזוכט אין איהר מאַן.

אַ צײט שפּעטער האָט זיך געטראָפען אַזאַ געשיכטע: אײנמאָל, װען דער גרױסער רבי עקיבא האָט אַרױסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער פון זײן בית מדרש, האָט ער געזעהן אַ מאַן רײטען אויף אַ פערד און אויף דעם מאַנ׳ס קאָפּ איז געװען אַ גרױסע ליכט װאָס האָט געשײנט אַזױ װי די שטראַהלען פון דער זון. האָט רבי עקיבא צוגערופען אײנעם פון זײנע תלמידים און האָט איהם געפרעגט: ״װײסטו אפשר װער דער רײטער איז?״ האָט דער תלמיד געענטפערט: ״דאָס איז נתן דער אױסגעלאַסענער.״ רבי עקיבא האָט צוגערופען עטליכע אַנדערע תלמידים און האָט זײ געפרעגט: ״איהר זעהט עפּעס אויף דעם רײטער׳ס קאָפּ?״ האָבען די תלמידים געענטפערט: ״נײן״. רבי עקיבא האָט דאַן געהײסען אַז מען זאָל דעם רײטער בעטען אַז ער זאָל אַרײנקומען אין בית מדרש. װען נתן איז אַרײנגעקומען, האָט ר׳ עקיבא צו איהם געזאָגט: ״מײן זוהן! בעת דו האָסט געריטען האָב איך אויף דײן קאָפּ געזעהן אַ גרױסע ליכט און איך װײס אַז דו װעסט האָבען אַ סך עולם הבא. בעט איך דיר אַז די זאָלסט מיר ערצעהלען װאָס פאַר אַ גרױסע מצוה דו האָסט געטהאָן אין דײן לעבען.״

נתן האָט דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע מיט חנה׳ן, װי ער האָט די פרוי געליעבט זעהר שטאַרק פאַר פיעלע יאָהרען, װי די ליעבע איהם האָט קראַנק געמאַכט, װי ער האָט אָנגעװענדעט אַלע מיטלען איהר אָװעקצונעהמען פון איהר מאַן, און װען זי איז ענדליך צו איהם געקומען, האָט ער בעהערשט זײן שלעכטען װילען און האָט תשובה גע־

טהאָן. רבי עקיבא האָט איהם זעהר בעוואונדערט און האָט געזאָגט: "דו האָסט באמת געטהאָן א גרויסע זאַך מיט דעם וואָס דו האָסט בעזיעגט דיין לײדענשאַפט. און דערפאר האָט גאָט בעלייכט דיין קאָפּ מיט זונען שטראַהלען. און נאָך א גרעסערע ליכט וועט אויף דיר שיינען אויף יענער וועלט. און יעצט, מיין זוהן, אויב דו ווילסט מיך פאָלגען, בלייב ביי מיר און איך וועל מיט דיר לערנען תורה."

נתן איז געוואָרען א תלמיד ביי ר' עקיבא'ן און איז געזעסען אין בית מדרש און האָט געלערנט. ער האָט געלערנט אזוי פלייסיג דאָס אין א קורצער צייט איז ער געשטיגען אזוי הויך אין לערנען, דאָס רבי עקיבא האָט איהם אוועקגעזעצט נעבען זיך.

איין טאָג האָט הנה'ס מאַן בעזוכט רבי עקיבא'ס בית מדרש. האָט ער דאָרט דערזעהן ווי נתן זיצט נעבען רבי עקיבא'ן און לערנט. האָט ער געפרעגט ביי איינעם פון די תלמידים ווי קומט נתן צו אזא גדולה. האָט איהם דער תלמיד דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע. און זוען דער מאַן האָט דאָס געהערט, האָט ער איינגעזעהן, אז זיין פרוי האָט געזאָגט דעם אמת, און אז זי איז ריין פון זינד. איז ער אוועק אהיים, האָט א קוש געטהאָן זיין פרוי אין קאָפּ, און האָט צו איהר געזאָגט: "זיי מיר מוחל, מיין פרוי, וואָס איך האָב דיך חושד געוועזן אומזיסט. ערשט היינט האָב איך זיך דערוואוסט אז דו ביזט ריין ווי א מלאך."

נתן איז שפּעטער בערימט געוואָרען אלס "מר עוקבא" און ער איז געוואָרען אב בית דין. און אז די תלמידי חכמים פלעגען צו איהם שרייבען וועגען א שאלה פלעגען זיי איהם אזוי אדרעסירען:

"צו מר עוקבא, וועמעס שטראַהלען עס לייכטען ווי דער שיין פון בתיה'ס זוהן." דאָס מיינט משה רבינו, וועמען עס האָט ערצויגען בתיה, די טאָכטער פון פרעה.

## 19

# א פערשפּעטיגטע תשובה

אין דער נאכבארשאַפט פון ר' זירא האָבען געוואוינט מענשען וואָס זיינען געוועזן גרויסע רשעים. און פון דעסטוועגען איז ר' זירא געוועזן גוט צו זיי און ער פלעגט זיי מקרב זיין. ער האָט געגלויבט, אז מיט גוטסקייט וועט ער זיי בע־

ווענען אז זיי זאָלען תשובה טהאָן און ווערען גוט און פרום. אָבער די רבנן האָבען ניט געוואָלט לײדען וואָס ר׳ זירא צײנט זיי ארוים פריינדשאפט.

שפעטער, אז ר׳ זירא איז געשטאָרבען, האָבען די רשעים געזאָגט: "ביז יעצט פלעגט ר׳ זירא פאר אונז בעטען גאָט, אָבער ווער וועט יעצט פאר אונז בעטען?" האָבען זיי זיך ווענען דעם טיעף פערטראכט און האָבען תשובה געטהאָן.

## 20

# ווארום אדם איז בעשאפען אן איינציגער

פארוואס איז אדם בעשאפען געווארען איין איינציגער און ניט א סך מענשען אויף א מאָל, דאס איז ערשטענס צו ציינען אז א מענש איז א גאנצע וועלט, און אז ווער עס ברײנגט אום איין איינצעלנעם אידישען נפש ווערט דאס איהם פערדרעכענט אזוי ווי ער וואלט אומגעבראכט א גאנצע וועלט, און ווער עס רעטעט איין איינצעלנעם אידישען נפש איז אזוי ווי ער רעטעט א וועלט.

צווייטענס: צוליעב שלום, כדי איין מענש זאל זיך ניט גרויס האלטען איבער דעם אנדערן און זאגען: "איך קום ארויס פון א גרעסערן אדם ווי דו". דריטענס: די אפיקורסים זאלען ניט זאגען דאס אזוי ווי עס זיינען בעשאפען געוואָרען א סך מענשען אויף א מאָל, איז דאך דאס א בעווייז אז עס איז דאָ מעהר ווי איין בעשעפער. און פערטענס: כדי צו ציינען די גרויסקייט פון דעם אייבערשטען. א מענש גיסט אויס א סך מטבעות פון איין פאָרעם זיינען זיי אלע גלייך. און דער מלך מלכי המלכים, געבענשט זאל זיין נאָמען זיין. האט יעדען מענשען בעשאפען אין דעם פאָרעם פון אדם און קיין איין מענש איז גלייך צום אנדערען, און דעריבער דארף יעדער מענש האבען זעלבסט רעספעקט און זאגען צו זיך אליין: "פון מיינטוועגען איז די וועלט בעשאפען געוואָרען. לאָמיך די וועלט ניט פערלירען צוליעב א נארישע לײדענשאפט!"

## 21

# די שטראָף פֿערזאַמט ניט

ר' שמעון בן שטח דערצעהלט:

זאָל איך אזוי דערלעבען א נחמה אויף אידען, ווי איך אליין האב געזעהן ווי איינער איז נאכגעלאָפען אן אנדערן אין א חורבה אריין, בין איך נאכגעלאָפען און אז איך בין אריין אין חורבה, האב איך געזעהן ווי ער האלט א מעסער אין האנד, פון דעם מעסער האט גערונען בלוט, און דער ער־מאָרדעטער האט זיך געצאַפּעלט אין דער גסיסה. האב איך געזאָגט צום מאן מיט'ן מעסער אין האנד: "זאָג מיר, דו רשע, ווער האט דיזען מענשען גע'הרג'עט? איך אדער דו? קיין אנדערער איז דאָ דאך ניט געוועזן. אבער וואס קען איך טהאָן? איין עדות איז ניט גענוג דיך צו פער'משפט'ן. זאָל דער וואס ווייס אלע פערבאָרגענע געדאנקען בעשטראָפען דעם וואס האט גע'הרג'עט זיין מיטמענשען."

דערצעהלט מען, אז אידער זיי האבען צייט געהאט זיך צו ריהרען פון אָרט איז געקומען א שלאנג, האט א ביס געטהאָן דעם מערדער און ער איז געפאלען טויט.

## 22

# דער ערשטער מענשענמאָרד

ווען קין האט געוואָלט הרג'ענען זיין ברודער הבל, האט ער ניט געוואוסט פון וואנען די נשמה קומט ארויס ביי א מענשען. האט קין איהם געמאכט פול מיט ביילען און וואונדען און הבל האט נאך אלץ געלעבט. ביז ער איז גע־קומען צום האלז. אט דאָ האט ער געענדיגט זיין לעבען.

## 23

# פון דער לונג אויף דער צונג

יהודה און חזקיה, די קינדער פון ר' חייא, זיינען גע־זעסען ביי רבי'ס טיש און געגעסען. די גאנצע צייט פון עסען זיינען זיי געווען שטיל און האָבען גאָרנישט גערעדט. האָט רבי געזאָגט צו זיינע דיענער: "גיט די יונגען מעהר

וויין צו טרינקען, כדי זיי זאָלען עפּעס זאָגען.״ אז זיי האָבען זיך אָנגעטרונקען און זיינען געוואָרען א ביסעל בערוישט, האָבען זיי געזאָגט: „משיח וועט אנדערש ניט קומען סיידען עס וועלען צוערשט אויסשטארבען די צוויי הערשענדע קלאסען ביי אידען, דער ראש גלות פון בבל און דער נשיא פון ארץ ישראל, ווייל זיי זיינען שטיינער אין וועג פאר׳ן אידישען פאָלק.״

אזוי ווי רבי איז געווען א נשיא, האָט עס איהם פער־דראָסען און ער האָט צו די צוויי יונגע תלמידים געזאָגט: „איהר רוקט מיר דערנער אין מיינע אויגען.״

„רבי!״ האָט זיך אָבגערופען ר׳ חייא, דער פאָטער פון די צוויי יונגען, „עס זאָל דיך ניט פערדריסען וואָס זיי זאָגען. דו ווייסט דאָך, אז די צאָהל פון „יין״ בעטרעפט זיעבציג און די צאָהל פון „סוד״ בעטרעפט אויך זיעבציג. אז עס געהט אריין דער וויין געהט ארויס דער סוד. ווען א מענש טרינקט זיך אָן איז אלעס וואָס ביי איהם אויפ׳ן לונג געהט ארויס אויף דער צונג.״

## 24

## די בעשאפונג פון אדם הראשון

ווארום איז אָדם הראשון בעשאפען געוואָרען פרייטאָג, דעם זעקסטען טאָג, און ניט גלייך אום דעם ערשטען טאָג? איין מיינונג איז, טאָמער וואָלט ער זיך גרויסהאלטען, וואָלט מען איהם געקענט זאָגען: „דער מוק, וואָס איז אזא קליינע חיה׳לע, איז פריהער פון דיר בעשאפען געוואָרען, הייסט עס אז דו ביסט גאָר ניט אזא יחסן״. נאָך א מיינונג איז, אז ער זאָל גלייך קענען אָנפאנגען מיט א מצוה, עס הייסט שבת האלטען. ווידער איז דאָ א מיינונג, אז ער זאָל קענען גלייך אָנפאנגען מיט דער שבת׳דיגער סעודה. עס איז דאָ א משל אויף דעם. א מלך, א בשר ודם, האָט צוערשט אויסגעבויט א שעהנעם פאלאסט, האָט דעם פאלאסט בעציערט און אָנ־געגרייט א שעהנע סעודה, און ערשט נאָכדעם האָט ער איינ־געלאדען געסט.

ר׳ מאיר זאָגט:

די ערד פון וועלכע אָדם איז בעשאפען געוואָרען איז געזאמעלט געוואָרען פון דער גאנצער וועלט.

ר׳ יוחנן בר חנינא זאגט:

צוועלף שטונדען האט זיך געצויגען יענער טאג אין וועלכען אדם איז בעשאפען געווארען. אין דער ערשטער שטונדע איז געזאמעלט געווארען די ערד פון וועלכע ער האט געדארפט בעשאפען ווערען. די צווייטע שטונדע איז פערטיג געווארען זיין קערפער. די דריטע שטונדע זיינען ארויס זיינע גלידער. די פערטע — איז אין איהם אריין א נשמה. די פינפטע — האט ער זיך געשטעלט אויף די פיס. די זעקסטע — האט ער געגעבען נעמען צו אלע לעבעדיגע בעשעפעניסען. די זיעבטע — האט ער בעקומען חוה׳ן פאר א פרוי. די אכטע — האבען זיי געהאט צוויי קינדער. די נײנטע — איז ער פערזאגט געווארען ניט צו עסען פון עץ הדעת. די צעהנטע — האט ער געזינדיגט. די עלפטע — איז ער פער׳משפט געווארען. די צוועלפטע — איז ער פערטריבען געווארען פון גן עדן.

רב יהודה זאגט:

אײדער דער אייבערשטער האט בעשאפען אדם הראשון האט ער צוערשט בעשאפען א גרופע מלאכים און ער האט זיי געפרעגט: "ווילט איהר איך זאל בעשאפען א מענשען אין אונזער געשטאלט?" האבען די מלאכים געענטפערט: "רבונו של עולם, זאג אונז, וואס וועט דער מענש טהאן? ווי וועט ער זיך אויפפיהרען?" האט דער אייבערשטער זיי געזאגט ווי דער מענש וועט זיך אויפפיהרען. האבען די מלאכים געזאגט דעם פסוק (תהלים, ח׳): "וואס איז דער מענש אז דו זאלסט דענקען פון איהם? וואס איז דער זוהן פון ערד אז דו זאלסט זיך רעכנען מיט איהם?" האט ער, כביכול, אנגעצייגט מיט זיין קליינעם פינגער אויף זיי און די מלאכים זיינען פערברענט געווארען.

נאכדעם האט ער בעשאפען א צווייטע גרופע מלאכים, איז מיט זיי פארגעקומען גראדע דאס זעלבע ווי מיט דער ערשטער גרופע. ווען ער האט בעשאפען די דריטע גרופע, האבען די מלאכים געזאגט: "וואס פאר אן עצה קענען מיר דיר געבען. אז די פריהערדיגע האבען גארנישט אויסגעפיהרט מיט זייערע עצות? די גאנצע וועלט איז דאך דיינע. וואס דו ווילסט טהאן אויף דיין וועלט דאס קענסטו טהאן."

ווען דער אייבערשטער האט גענומען אויסרעכענען וואס די מענשען וועלען טהאן און ער איז געקומען צום דור

הפלגה אוי צום דור המבול, וועלכע זיינען געווען זעהר פער־דארבען, האבען די מלאכים געזאגט: "נו, רבונו של עולם, האבען די פריהערדיגע מלאכים נים געהאט רעכט?" אבער דער אייבערשטער האט זיי געענטפערט מיט א פסוק (ישעיה, מו): "און ביז דער עלטער בין איך דערזעלבער און איך וועל זיי דולדען."

רב יהודה האט געזאגט אין נאמען פון רב:

ווען אדם איז בעשאפען געווארען איז ער געווען גרויס פון איין עק וועלט ביז'ן אנדער עק וועלט. אבער נאכדעם ווי ער האט געזינדיגט, האט דער אייבערשטער אויף איהם ארויפגעלייגט זיין האנד און האט איהם קליין געמאכט.

# 25

# פון רבי מאיר'ס משלים

ר' יוחנן האט געזאגט:

דריי הונדערט משלים וועגען פוקסען האט רבי מאיר געהאט, אבער אונז איז בלויז דאס פערבליבען:

א פוקס האט איינמאל געזאגט צו א וואלף: "אויב דו ווילסט געניסען א גוטען מאהלצייט, געה אריין ערב שבת אין דעם הויף פון א אידען, העלף איהם מאכען שבת, וועט ער דיך דערפאר איינלאדען צו דער שבת'דיגער סעודה."

דער וואלף האט געפאלגט די עצה פון דעם פוקס. אבער ווי נאר ער האט זיך בעוויזען אין דעם אידען'ס הויף, איז די גאנצע הויז געזינד איהם בעפאלען מיט שטעקענס, און דער וואלף איז קוים ענטלאפען מיט'ן לעבען. דער וואלף איז אוועקגעלאפען צום פוקס און האט איהם געוואלט צור־רייסען א לעבעדיגען. "זיי נים אין כעס", האט דער פוקס געזאגט, "ניט איך בין שולדיג און ניט דו ביזט שולדיג אין דעם וואס מען האט דיך געשלאגען. שולדיג איז דיין פאַ־טער. הער אויס וואס איך וועל דיר דערצעהלען. א איך האט איינמאל געבעטען דיין פאטער ער זאל איהם העלפען צוגרייטען אויף שבת און דערפאר וועט ער איהם לאדען צו דער סעודה, האט דיין פאטער זיך ניט געקענט דערוואר־טען. ער האט אויפגעפרעסען די גאנצע סעודה און דעם אידען ניט איבערגעלאזען אפילו א ביינדעל. און אט פאר די זינד פון דיין פאטער האט מען דיך געשלאגען. אבער

זאלסט זיך גאר ניט זארגען. איך וועל דיך פיהרען אין אז אנדער ארט וואו מיר וועלען ביידע קענען האבען א גוטע סעודה."

דער פוקס האט דעם וואלף צוגעפיהרט צו א ברונען אויף וועלכען עס האט זיך געפונען א וועלצעל. פון דעם וועלצעל האבען זיך אויף א שטריק אראבגעלאזען צוויי עמער. ווען איין עמער פלעגט ארונטערגעהן, פלעגט דער אנדער עמער ארויפגעהן. נעהמט דער פוקס, זעצט זיך אריין אין אן עמער און לאזט זיך ארונטער אין ברונען אריין. פרעגט איהם דער וואלף: "וואס מהוסטו דארט?" ענט־פערט דער פוקס: "דא געפינט זיך פלייש און קעז און אלע גוטע זאכען צום עסען." דער פוקס האט איהם געהייסען א קוק טהאן אויף דעם געשטאלט פון דער לבנה וואס האט זיך אבגעשפיגעלט אין ברונען. "זעהסט וואס פאר א פייי־נער קעז?" האט דער פוקס גערייצט דעם וואלף'ס אפעטיט.

דער וואלף האט זיך מעהר ניט געקענט איינהאלטען און ער האט געזאגט: "ווי קום איך שוין ארונטער?"

"זעץ זיך אריין אין דעם אנדער עמער וועסטו אויך ארונטערקומען", האט דער פוקס געענטפערט.

אבער ווען דער וואלף האט זיך ארונטערגעלאזען אין ברונען איז דער פוקס ארויפגעצויגען געווארען. "ווי וועל איך יעצט ארויסגעהן?" האט דער וואלף געפרעגט מיט שרעק. און דער פוקס האט איהם געזאגט דעם פסוק (משלי, יא): "א צדיק רעטעט זיך פון א צרה און א רשע פאלט אריין אנשטאט איהם."

## 26

# די קליגע פרינצעסין

א קיסר האט אמאל געזאגט צו רבן גמליאל: "אייער גאט איז א גנב. ווייל ער האט אויף אדם הראשון ארויפגע־ווארפען א שלאף און ביי איהם ארויסגענומען א ריפ". האט די טאכטער פון קיסר געזאגט צו רבן גמליאל: "לאמיך געבען מיין פאטער אן ענטפער".

האט די פרינצעסין געזאגט צום הערשער: "גיב מיר א ריכטער".

„צו וואָס דאַרפסטו אַ ריכטער?" האָט דער קיסר געפרעגט.

„גנבים זיינען אריין צו מיר ביינאַכט, זיי האָבען צוגענומען אַ זילבערנעם קריגעל און איבערגעלאָזען אַ גאָלדענעם", האָט די טאָכטער געענטפערט.

„הלואי זאָלען זיי צו אונז קומען יעדען טאָג", האָט דער קיסר געלאַכט.

„נו", האָט די טאָכטער אויסגערופען מיט נצחון, „האָט אדם הראשון ניט געטראָפען אַזאַ גליק? ער האָט פערלאָרען אַ ריפּ און האָט דערפאַר בעקומען אַ טרייע פרוי וואָס איז איהם געוועזען אַזוי ווי אַ דיענסט".

„איך מיין", האָט דער קיסר געזאָגט, „אַז גאָט האָט אדמ'ן ניט געדאַרפט איינשלעפערען. ער האָט דאָס געדאַרפט טהאָן פאַר זיינע אויגען".

„פאַטער!" האָט די פרינצעסין ווייטער געזאָגט. „הייס מיר ברייגנען אַ שטיק פלייש".

דער קיסר האָט געלאָזט ברייגנען אַ שטיק פלייש. די פרינצעסין האָט עס אריינגעטהאָן אונטער די הייסע אַש צום בראַטען, אין געגענוואַרט פון איהר פאָטער, און אַז עס איז פערטיג געוואָרען האָט זי צו איהם געזאָגט: „נאַ, עס דעם בראַטען".

דער קיסר האָט אָבער דעם בראַטען ניט געוואָלט עסען. ער האָט צוגעזעהן ווי מען האָט געבראַכט אַ רויה שטיק פלייש, ווי מען האָט דאָס געלייגט אויף אַש, און ווי דאָס שטיק פלייש איז איינגעריכט געוואָרען אין אַש ביי דעם בראָטען.

„עס עקעלט מיר", האָט דער קיסר געזאָגט.

„זעהסטו", האָט די פרינצעסין געזאָגט, „ווען אדם הראשון וואָלט צוגעזעהן ווי מען שניידט איהם אויס אַ ריפּ און ווי פון דעם ריפּ ווערט בעשאַפען אַ פרוי פאַר איהם, וואָלט זי ביי איהם אויך פער'מיאוס'ט געוואָרען".

## 27

# דער קיסר און רבן גמליאל

איינמאָל האָט דער קיסר געזאָגט צו רבן גמליאל: „איך ווייס וואָס אייער גאָט טהוט און וואו ער געפינט זיך". האָט

רבן גמליאל א זיפּ געטהאָן. "וואָס זיפּצסטו?" האָט דער קיסר געפרעגט.

"איך האָב א זוהן", האָט רבן גמליאל דערצעהלט, "איז ער ערגעץ ווייט אין די גרויסע שטעדט ביים ים, און עס בענקט זיך מיר זעהר שטארק נאָך איהם. קענסטו מיר אפשר זאָגען וואו ער געפינט זיך?"

"ווי קען איך דאָס וויסען וואו ער איז?" האָט דער קיסר געזאָגט.

"אויב דו ווייסט ניט וואָס עס טהוט זיך אויף דער ערד, הייגט ווי קענסטו וויסען וואָס עס טהוט זיך אין הי־מעל?" האָט רבן גמליאל אויסגערופען.

א צווייטען מאָל האָט דער קיסר געזאָגט צו רבן גמליאל: "אין אייער תהלים שטעהט אז גאָט האָט אויסגעצעהלט די שטערען. וואָס איז דאָס פאר א וואונדער? איך קען אויך צעהלען די שטערען".

האָט רבן גמליאל געלאָזט ברענגען קארשען, האָט זיי אריינגעטהאָן אין א זיפּ, און דרעהענדיג די זיפּ אין אלע זייטען, האָט ער געזאָגט צום קיסר: "צעהל מיר איבער די קארשען".

"שטעל אוועק די זיפּ", האָט דער קיסר געזאָגט. "ווי קען איך צעהלען אז דו האלטסט די זיפּ אין איין דרעהען?"

"די שטערען אין הימעל שטעהען אויך ניט אויף איין אָרט", האָט רבן גמליאל געענטפערט.

אנדערע זאָגען אז די געשיכטע איז אזוי געווען.

דער קיסר האָט זיך בעריהמט אז ער ווייס די צאָהל פון די שטערען. האָט רבן גמליאל געזאָגט צו איהם: "זאָג מיר צוערשט ווי פיעל צייהנער דו האָסט אין מויל". האָט דער קיסר אריינגעלייגט א פינגער אין מויל און אָנגעהויבען צו צעהלען.

"זעהסט", האָט רבן גמליאל געזאָגט, "דאָס וואָס ביי דיר אין מויל געפינט זיך ווייסטו ניט, הייגט ווי ווייסטו וואָס עס געפינט זיך אין הימעל?"

## 28
## דעם אפּיקורס שטראָף

דער קיסר האָט איינמאָל געזאָגט צו רבי תנחום: "קומט לאָמיר ווערען אלע איין פאָלק". האָט רבי תנחום געענט־

פערט: "זאָלען מירביידע אזוי לעבען וואָס פאר א גוטער פּלאַן דאָס איז! אָבער אזוי ווי מיר זיינען שוין געאידישט און מיר קענען ניט ווערען קיין גוים, דאַרפט איהר זיך לאָזען אידישען און ווערען אזוי ווי מיר".

"דו האָסט גוט געזאָגט", האָט דער קיסר צוריק גע־ענטפערט, "אָבער ווער עס שפּאַרט איבער א קיסר דעם קומט אז מען זאָל איהם וואַרפען צו די ווילדע חיות".

האָט מען רבי תנחום געוואָרפען צו די ווילדע חיות, אָבער זיי האָבען איהם ניט גענעסען. האָבען אלע בעוואונ־דערט דעם גרויסען נס. איז דאָרט געווען אַן אפּיקירס וואָס האָט ניט געגלויבט אין נסים. האָט ער געזאָגט: "די חיות זיינען ניט הונגעריג און דערפאר עסען זיי איהם ניט". האָט מען געמאַכט א פּראָבע און מען האָט דעם אפּיקורס גע־וואָרפען צו די חיות, האָבען זיי איהם גלייך אויפגעגעסען.

## 29

# אין זון בעלייכט די גאַנצע וועלט

דער קיסר האָט אמאָל געזאָגט צו רבן גמליאל. "איהר, אידען, זאָגט, אז וואו עס איז דאָ א מנין אידען קומט די שכינה צו זיי, אויף אזא אופן מוזען דאָך זיין א סך שכינות אויף דער וועלט, פאר יעדען מנין א שכינה".

אנשטאט אַן ענטפער האָט רבן גמליאל אריינגערופען דעם קיסר'ס דינער און האָט איהם א קלאַפּ געטהאָן אי־בער'ן קאַרק. "פאר וואָס שלאָגסטו איהם?" האָט דער קיסר געפרעגט. "דערפאר וואָס ער האָט אריינגעלאָזען די זון אין הויז", האָט רבן גמליאל געענטפערט.

"אָבער די זון שיינט דאָך איבער דער גאַנצער וועלט!" האָט דער קיסר אויסגערופען.

"טאָ הער זיך איין", האָט רבן גמליאל געענטפערט, "מה דאָך די זון וואָס איז בלויז איין טייל פון צעהן מיליאָן פון דעם אייבערשטענס שיין, קען בעלייכטען א גאַנצע וועלט, היינט ווי איז שוין די שכינה — די קען געוויס בעלייכטען א גאַנצע וועלט אויף אמאָל".

## 30

# אין ענטפער אויף צוויי קשיות

אן **אפיקורס** האט איינמאל געזאגט צו רבי אבהו: "אייער גאט איז א שפאס טרייבער. איינמאל האט ער גע־הייסען יחזקאל הנביא ליעגען א צייט אויף דער לינקער זייט און א צווייטען מאל האט ער איהם געהייסען ליעגען אויף דער רעכטער זייט".

אזוי ווי דער אפיקורס האט גערעדט, איז אנגעקומען א תלמיד און האט געבעטען אז רבי אבהו זאל איהם ערקלע־רען צו וואס מען מאכט איינמאל אין זיבען יאהר שמיטה.

"יעצט וועל איך אייך עפעס זאגען וואס וועט פערענט־פערען ביידענס פראגען. דער אייבערשטער האט געזאגט צו די אידען: "זעקס יאהר זאלט איהר זייען אייערע פעלדער און דעם זיבעטען יאהר זאלט איהר האבען שמיטה און די ערד ניט זייען, אום איהר זאלט וויסען אז די ערד איז מיינע". די אידען האבען אבער ניט געהיט דעם אבמאך. אין דער וועלט פיהרט זיך אז ווען די מענשען פון א לאנד בעגעהען א פערברעכען געגען זייער מלך, איז אויב ער איז א שלעכ־טער הרג'עט ער אוים אלעמען. אויב ער איז א בעל רחמנות הרג'עט ער אוים בלויז א העלפט. און אויב ער איז זעהר א גרויסער בעל רחמנות שטראפט ער בלויז די גרויסע מענער, די פיהרער פון פאלק. אזוי איז אויך דער אייבערשטער. ער האט געשטראפט יחזקאל'ן אום ריין צו וואשען די זינד פון אידישען פאלק".

## 31

# גאט האט פיינט מסירה

ווען דער אייבערשטער האט געזאגט צו יהושע, "ישראל האט געזינדיגט", האט יהושע געפרעגט: "זאג מיר, ווער האט געזינדיגט?" האט דער אייבערשטער געזאגט: "איך בין דען א מוסר? ווילסט וויסען ווער איז דער זינדיגער טא נעהם און ווארף גורל." יהושע האט אזוי געטהאן און דער גורל איז געפאלען אויף עכן. האט עכן געזאגט צו

יהושע: "אַ גורל איז קיין בעוויז. עס מוז דאָך אויף איי־נעם פאַלן. דו און אלעזר הכהן זייט דאָך די צוויי גרעסטע מענשען פון אונזער דור, און דאָך אַז איך זאָל וואַרפען אויף אייך גורל, וועט אויף איינעם פון אייך דער גורל מוזען פאַלן."

"איך בעט דיך", האָט יהושע געזאָגט, "לאָך ניט אָב פון גורל, ווייל ארץ ישראל וועט צוטיילט ווערען צווישען אידען דורך אַ גורל."

## 32

# אַ אידישער זינדיגער

ר' אבא בר זבדי זאָגט:

אַ איד, כאָטש ער האָט געזינדיגט, בלייבט ער אַלץ אַ איד. דאָס איז וואָס מענשען זאָגען אַ ווערטעל: אַ רויז, כאָטש זי איז ארומגערינגעלט פון דערנער, בלייבט דאָך אַלץ אַ רויז."

## 33

# די פערביטענע מתים

אמאָל איז אַ אידישער שטייער איינמאָהנער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער רשע, געשטאָרבען גראָדע אין דעם זעלבען טאָג אין וועלכען עס איז געשטאָרבען אַ רב, אַ גרוי־סער צדיק. אַלע שעהנסטע מענשען פון דער שטאָדט זיינען געקומען צו דער לויה פון דעם רב. צו דערזעלבער צייט האָ־בען די קרובים פון דעם שטייער איינמאָהנער איהם געפיהרט צו זיין קבורה. צוערשט איז געגאַנגען די גרויסע לויה פון דעם רב, און הינטען האָט זיך נאָכגעשלעפּט די מטה אויף וועלכע די משפחה לייט האָבען געטראָגען דעם שטייער איינ־מאָהנער. פּלוצלונג זיינען זיי אַלע בעפאַלען געוואָרען פון רויבער. די מלוים זיינען צולאָפען און האָבען איבערגעלאָזען די מטות אין מיטען פעלד. בלויז איין תלמיד וועלכער איז געווען זעהר געטריי צום רב האָט זיין לעבען איינגעשטעלט און איז ניט אָבגעטראָטען פון דער מטה.

אויף מאָרגען זיינען געקומען די שעהנע בעלי בתים פון

שטאַרט צו בעערדיגען דעם רב, האָבען זיי די מטה זיינע פערביטען אויף דער מטה פון דעם שטייער איינמאָהנער, און זיי האָבען דעם שטייער איינמאָהנער מקבר געווען מיט גרויס כבוד. און כאָטש דער תלמיד האָט די גאַנצע צייט געשריען אַז דאָס איז ניט דער רב, האָבען זיי איהם ניט געהערט. שפּעטער זיינען אָנגעקומען די קרובים פון דעם שטייער איינמאָהנער און האָבען דעם רב בעערדיגט צווישען זייערע לייט.

דער תלמיד האָט די זאַך זיך שטאַרק גענומען צום הארצען און ער האָט זיך געפרעגט: "וואָס פאַר אַ זינד האָט מיין רבי בעגאַנגען דאָס אויף איהם איז געקומען אַזאַ שטראָף צו בעערדיגט ווערען מיט אַזאַ בזיון און ליגען צווישען שלעכטע מענשען? און וואָס האָט דער רשע אַזוינס געטהאָן וואָס איהם איז בעשערט געוואָרען צו האָבען אַזאַ שעהנע קבורה מיט אַזוי פיעל כבוד?" ביינאַכט איז דער רבי איהם געקומען צו חלום און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט:

"מיין קינד, זאָלסט זיך גאָר ניט ערגערען. איך קען דיר צייגען מיין פּלאַץ אין גן עדן און דער רשע ווי ער בראָט זיך אין גיהנם. ווילסטו וויסען פאַר וואָס מיר האָבען זיך פערביטען ביי דער לויה, וועל איך דיר דערצעהלען. איינמאָל האָב איך געהערט ווי מען בעליידיגט אַ תלמיד חכם און איך האָב ניט פּראָטעסטירט, און דערפאַר בין איך געשטראָפט געוואָרען. און אָט דער רשע האָט איינמאָל אָנגעגרייט אַ גרויסע סעודה פאַר דעם שטאָדט פערוואַלטער, אָבער דער פערוואַלטער האָט ניט געקענט קומען. האָט דער שטייער איינמאָהנער פערטיילט די סעודה צווישען אָרימע לייט, און דאָס איז זיין לוין וואָס ער האָט בעקומען אַ שעהנע לויה."

"און ווי לאַנג וועט דער שטייער איינמאָהנער פערבלייבען אין גיהנם?" האָט דער תלמיד געפרעגט.

"ער וועט דאָרט בלייבען ביז עס וועט שטאַרבען שמעון בן שטח און פערנעהמען זיין אָרט אין גיהנם", האָט דער רבי געענטפערט.

"און פאַר וואָס קומט שמעון בן שטח אַזאַ שטראָף?" האָט דער תלמיד געפרעגט.

"דערפאַר", האָט דער רבי געזאָגט, "ווייל אין אשקלון געפינען זיך אידישע מכשפות און ער ברייגנט זיי ניט פאַר'ן בית דין".

אויף מאָרגען, אַז דער תלמיד איז אויפגעשטאַנען פון

שלאָף איז ער אוועק צו שמעון בן שטח און האָט איהם דער־צעהלט וואָס דער רבי האָט איהם געזאָגט אין חלום. וואָס האָט שמעון בן שטח געטהאָן? ער האָט צוזאַמענגערופען אכציג הויכע געזונטע בחורים, און האָט יעדען איינעם גע־געבען א גרויסע פאַס און אין יעדער פאַס איז געווען בע־האַלטען א מאַנטעל. דעם טאָג האָט גראדע זעהר שטארק גערעגענט.

"היט זיי גוט אָב", האָט שמעון בן שטח געזאָגט צו די בחורים. "זיי זיינען אכציג שטיק. און ווי נאָר איהר וועט אריין אין זייער לאַגער, זאָל יעדער איינער א כאַפּ טהאָן איינע פון די מכשפות און איהר אויפהויבען פון דער ערד. און דאַן קען איהר כשוף ניט האָבען קיין מאַכט. דאָס איז דער איינציגער וועג ווי מיר קענען זיי בייקומען. "נאכדעם איז שמעון בן שטח אוועק צו די מכשפות אין זייער פאַ־לאַסט, און די בחורים האָט ער געלאָזט וואַרטען אין דרויסען. ווען ער איז אריינגעקומען האָבען איהם די מכשפות געפרעגט: "ווער ביזטו?" האָט ער זיי געענטפערט:

"איך בין א מכשף און איך בין געקומען זיך מיט אייך פערמעסטען אין כשוף מאַכען."

"וואָס פאַר א קונצען קענסטו מאַכען?" האָבען די מכשפות געפרעגט.

"איך וועל אייך ציינען א קונץ, אז איך וועל אראָבבריינ־גען אהער אכציג בחורים און אלע וועלען זיין אין טרוקענע קליידער, כאָטש עס רעגענט היינט אזוי שטארק", האָט שמעון בן שטח געענטפערט.

"א נו, לאָמיר זעהן", האָבען די מכשפות אויסגערופען.

שמעון בן שטח איז ארויסגעגאַנגען, האָט א וואונק גע־געבען צו די בחורים, און זיי האָבען ארויסגענומען די טרו־קענע מאַנטלען פון די פעסער, ארויפגעוואָרפען אויף זיך און זיך געציינט פאַר די מכשפות גאַנץ טרוקענע. און בעת די מכשפות זיינען געשטאַנען מיט אָפענע מיילער און בע־וואונדערט דעם קונץ, האָט יעדער איינער פון די בחורים א כאַפּ געטהאָן א מכשפה אויף זיינע הענד און איהר אויפ־געהויבען פון דער ערד. די מכשפות האָבען פערלאָרען זייער מאַכט, און די בחורים האָבען זיי געטראָגען אויף די הענד און געבראַכט צו אַן אָרט וואו מען האָט זיי גע׳משפט און גלייך אויפגעהאַנגען.

די קרובים פון די מכשפות האָבען גענומען זוכען נקמה.

זיי האָבען זיך צוזאַמענגערעדט און געמאַכט אַ בלבול אויף דעם זוהן פון שמעון בן שטח און צוגעשטעלט עדות וועלכע האָבען איהם בעשולדיגט אין אַזאַ זינד פאַר וועלכע עס קומט סקילה. דער בית דין האָט געמוזט פאָלגען דעם דין און האָט פער׳משפט דעם בעשולדיגטען אַז מען זאָל איהם פערשטיינען צום טויט. ווען מען האָט דעם אונשולדיג פער׳משפט׳ען ארויסגעפיהרט צום טויט, האָט ער אַזוי געזאָגט צום בית דין:

״אויב איך בין שולדיג אין דעם פערברעכען זאָל מיין טויט ניט זיין אַ כפרה אויף מיינע זינד, אָבער אויב איך בין אונשולדיג זאָל מיין טויט זיין אַ כפרה אויף מיינע זינד און אויף אייערע זינד, און די עדות וואָס האָבען פאַלש געזאָגט אויף מיר זאָלען בעקומען זייער שטראָף פון גאָט״.

ווען די עדות האָבען דאָס געהערט, האָבען זיי חרטה בעקומען און זיך מודה געווען אַז זיי האָבען געמאַכט אַ בלבול צוליעב נקמה. אָבער פון דעסטוועגען האָט דער בית דין דעם משפט ניט געענדערט, ווייל דער דין איז עדות קענען ניט חרטה האָבען אויף זייערע רייד, און אפילו דער יחוס פון זיין פאָטער האָט דעם אונגליקליכען ניט געקענט בע־פרייען פון טויט.

## 34

# אן אום־כבוד פאַר׳ן בעשעפער

פאַרוואָס האָט די תורה אָנגעזאָגט אַז אַ פערברעכער וואָס איז פער׳משפט געוואָרען צום טויט זאָל מען דעם זעלבען טאָג בעערדיגען? ר׳ מאיר ערקלעהרט דאָס מיט אַ משל.

אַמאָל זיינען געווען צוויי ברידער, אַ צווילינג, און זיי זיינען געווען זעהר ענהליך איינער צום אנדערן. איינעם האָט דאָס פאָלק געקרוינט פאַר אַ מלך און דער אנדערער איז געוואָרען אַ רויבער. דער אנדערער איז געגאַנגען אויף אַ גוטען וועג און ער איז געקרוינט געוואָרען פאַר אַ מלך.

איינמאָל אַז מען האָט דעם רויבער געכאַפּט האָט דער מלך געהייסען איהם הייגגען. מענשען וואָס זיינען פערביי־געגאַנגען און געזעהן דעם רויבער הייגגען, האָבען געזאָגט: ״זעה, דער מלך הייגגט!״ האָט דער מלך געגעבען אַ בעפעהל אַז מען זאָל דעם געהאַנגענעם אַרונטערנעהמען, אום ער זאָל

איהם ניט פערשאפען קיין בזיונות.

דער נמשל איז, דער מענש וואָס איז בעשאפען געוואָרען אין דעם פאָרעם פון גאָט.

## 35

## די שטראָף פון כבוד זוכער

ווען נדב און אביהו, די קינדער פון אהרן, האָבען זיך פערזינדיגט מיט דעם וואָס זיי האָבען געבראכט פרעמדע פייער אין גאָט'ס הויז, געגען זיין געבאָט, (ויקרא י) איז ארויס א פייער פון הימעל און האָט זיי פערברענט.

אבא יוסי בן דוסתאי זאָגט, אז צוויי פייערדיגע פעדים זיינען ארויס פון קדשי קדשים און האָבען זיך צוטיילט אויף פיער. צוויי זיינען אריין אין די נאָזלעכער פון איינעם און צוויי זיינען אריין אין די נאָזלעכער פון אנדערען, און זיי זיינען פערברענט געוואָרען אינערליך. זייערע קליידער זיי־נען געבליבען אונבעשעדיגט.

נאָך א צייט פריהער, אז משה און אהרן פלעגען געהן אין גאס, פלעגען נדב און אביהו נאָכגעהן, און נדב פלעגט זאָגען צו זיין ברודער: "ווען וועלען שוין די פאָר אלטע לייט שטארבען און מיר וועלען קענען פיהרען דאָס פאָלק ?" האָט דער אויבערשטער צו זיי געזאָגט: "מיר וועלען זעהן, ווער וועט וועמען בעגראָבען". רב פפא האָט וועגען דעם בעמערקט: "אָט דאָס איז וואָס מענשען זאָגען א ווערטעל: "עס זיינען דאָ א סך אלטע קעמלען וואָס שלעפען אויף זיך פעל מיט פעלען פון אָפגעשונדענע יונגע קעמלען".

## 36

## דער ת"ח און דער עם הארץ

ר' אלעזר זאָגט:

ווי זעהט אויס א תלמיד חכם ביי אן עם הארץ אין די אויגען ? אנפאנגס, דעם ערשטען מאָל וואָס ער זעהט איהם, ווי א קרינעל פון גאָלד. ווען דער תלמיד חכם רעדט מיט איהם זעהט ער שוין אויס ווי א קרינעל פון זילבער. געניסט עפעס

דער תלמיד חכם ביים עם הארץ, האָט ער שוין א פּנים פון א ליימענעם קריגעל, וואָס אז ער צוברעכט זיך קען מען איהם שוין ניט פעריכטען.

## 37

# אדם הראשון א וועגעטאַריאַנער

רב יהודה האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב :

"אדם הראשון איז ניט ערלויבט געווען צו עסען פלייש. דען אין דער תורה שטעהט אז גאָט האָט געגעבען די פלאַנ־צען צו עסען פאַר'ן מענשען אזוי ווי פאר אלע לעבעדיגע בעשעפעניסען. ערשט אין די צייטען פון די בני נח איז דעם מענשען ערלויבט געוואָרען צו עסען פלייש.

## 38

# צו וואָס קנאה קען ברייגנען

ר' שמעון בן מנסיא זאָגט :

"וועה געשריען, וואָס פאר א גרויסען און ניצליכען דינ־נער די וועלט האָט פערלאָרען ! דען ווען דער שלאנג וואָלט ניט געזינדיגט, וואָלט יעדער איד ביי זיך געהאט צוויי גוטע שלאַנגען און זיך מיט זיי שאפען. איינעם וואָלט ער געשיקט אין צפון און דעם אנדערען אין דרום, איהם צו ברייגנען טייערע שטיינער און פערל, און נאָך מעהר : ער וואָלט מיט דעם שלאנג געקענט ארבייטען די ערד אין זיין גאָרטען.

און ווי אזוי האָט דער שלאנג געזינדיגט ?

אדם הראשון איז געזעסען אין גן עדן ביי א טיש און מלאכים האָבען פאר איהם געבראָטען פלייש און אָבגעקיהלט פאר איהם ווייך. דער שלאנג האָט דאָס געזעהן, האָט ער שטארק מקנא געווען, און דאָס האָט געפיהרט צו דעם וואָס דער שלאנג האָט געזינדיגט און געמאכט אדם און חוה'ן צו זינדיגען.

## 39

# פלייש פון הימעל

ר' יהודה פרעגט:

ווי אזוי קומט אָדם צו עסען פלייש אין גן עדן? עס איז דאָך איהם נשווען פערבאָטען צו עסען פלייש. דער תירוץ איז אַז דאס איז געווען פלייש פון הימעל, אזוי ווי עס איז געווען דער פאַל מיט רבי שמעון בן חלפתא. ר' שמעון איז איינמאָל געגאַנגען אין וועג, האָט ער זיך בעגעגענט מיט הונגעריגע לייבען. די לייבען האָבען גענומען ברומען אויף איהם, אזוי ווי זיי נעהמען זיך איהם אויפצורייסען. האָט ר' שמעון געזאָגט דעם פסוק (תהלים, קד): "די לייבען שרייען זיי ווילען עסען!" זייגען גלייך אַראָבגעפאַלען פון הימעל צוויי גאַנצע זייטלעך פלייש. איין זייטעל האָבען די לייבען אויפגעגעסען און איינעם האָבען זיי איבערגעלאָזען. ר' שמעון האָט דעם איבערגעבליבענעם זייטעל פלייש מיטגענומען אין בית מדרש. האָט מען איהם געפרעגט: "איז דאס פלייש טמא אָדער טהור?" האָט ער געענטפערט: "קיין טמא זאַך בען קומט ניט אַרונטער פון הימעל".

## 40

# די הייליגע קעלבער

די גלחים וואס האָבען געדיענט עבודה זרה האָבען געהאַט אַ קונץ ווי אַריינצוכאַפּען רייכע מענשען און זיי שעבטען אַלס קרבנות צו די קעלבער וועמען זיי האָבען געדיענט אַלס געצען. די גלחים פלעגען די קעלבער פריהער גוט אויסהונגערען, און נאָכדעם, ווען זיי פלעגען די קעלבער געבען עסען פלעגען די גלחים ביי זייערע קאַריטעס אוועקשטעלען לעבענס גרויסע בילדער פון רייכע לייט. עסענדיג פלעגען די קעלבער קוקען אויף די בילדער און מיינען אַז דאס זייגען די מענשען וואס גיבען זיי עסען.

די גלחים פלעגען אַ צייט שפּעטער די קעלבער לאַ־

זען געהן אין גאס, אין אן ארט וואו די רייכע לייט פלעגען דארפען דורכגעהן. ווען די קעלבער האבען דערזעהן די מענשען צו וועמעס פנים'ער זיי זיינען אזוי געוואוינט גע־ווען, האבען זיי געמיינט אז דאס זיינען די וואס גיבען זיי עסען. פלעגען די קעלבער נאכגעהן די רייכע לייט און לעקען זייערע הענד. און די גלחים פלעגען קומען און זאגען צו די רייכע מענשען: "די הייליגע געטצען רופען אייך. זיי ווילען אייך האבען פאר קרבנות." און די רייכע לייט פלעגען מוזען גשתן און זיך לאזען קוילען צו דער עבודה זרה.

## .41

# מוטער ליעבע

דער פאטער פון חזקיה מלך יהודה האט איהם, ווען ער איז געווען קליין, געוואלט פערברענען אלס קרבן צו די געט־צען. אבער די מוטער האט דעם קינד'ס לייב אויסגעשמירט מיט דעם בלוט פון דער סלמנדרא און דער פייער האט אויף איהם ניט געווירקט. ער איז ארויס א לעבעדיגער.

די סלמנדרא איז געווען א קליינע בעשעפעניס וואס פלעגט ארויסקומען פון א קאלך־אויווען וועלכען מען האט געהייצט זיבען יאהר כסדר. ווען איינער האט זיך בעשמירט מיט דעם בלוט פון דער סלמנדרא האט קיין פייער איהם ניט געקענט פערברענען.

## .42

# וואָרום אידען האבען געדיענט געטצען

רב יהודה האט געזאגט אין נאמען פון רב:

די אידען וואס האבען געדיענט עבודה זרה האבען אין דעם ניט געגלויבט. געטצענדיענער זיינען זיי געווארען נאר צוליעב דעם כדי זיי זאלען זיך קענען בעפרייען פון אידיש־קייט און פיהרען א לעבען פון אויסגעלאסענהייט.

## .43

# דער קליינער געטצענדיענער

אין א הונגער יאָהר איז אליהו הנביא ארומגעגאנגען איבער די גאַסען פון ירושלים אום צו העלפען די מענשען וואָס האָבען זיך דאָרט געוואלגערט, געשוואָלענע פאר הונגער. ער האָט געפונען א קליין קינד וועלכער איז געלעגען א געשוואָלענער אין מיסט. האָט ער דעם קינד געפרעגט: "פון וואָס פאר א משפחה ביזטו?" האָט דאָס קינד איהם געזאָגט. האָט אליהו הנביא געפרעגט: "איז דאָ נאָך ווער פערבליבען פון יענער משפחה?" האָט דאָס קינד געענטפערט: "קיינער, אויסער מיר."

"הער צו", האָט אליהו הנביא געזאָגט, "ווילסטו איך זאָל דיך עפּעס לערנען וואָס וועט דיך אויפהאַלטען ביים לעבען?"

"יא", האָט דאָס קינד געענטפערט.

"דאַן זאָג יעדען טאָג שמע ישראל, גאָט איז אונזער האר, גאָט איז איין איינציגער."

"חס וחלילה, מען טאָהר ניט דערמאָנען גאָט'ס נאָמען. אזוי האָבען מיך מיינע עלטערען געלערנט", האָט דאָס קינד געזאָגט. און גלייך האָט ער פון זיין שויס ארויסגענומען א געטשקע און האָט עס געקוסט און געדריקט צום הארצען מיט גרויס ליעבשאפט, ביז זיין בויך האָט זיך געשפּאָלטען פון הונגער, דער געטש איז ביי איהם פון האַנד ארויסגעפאלען און ער איז אויף דעם געפאלען א טויטער.

## .44

# די הייליגקייט פון שבת בעשטעטיגט

טורנוסרופוס דער רשע האָט איינמאָל געפרעגט ביי ר' עקיבא: "מיט וואָס איז שבת הייליגער פון אנדערע טעג אין וואָך?"

"זאָג מיר", האָט רבי עקיבא צוריק געפרעגט א פראגע, "מיט וואָס ביזטו גרעסער פון אנדערע לייט?"

"ווייל דער מלך האָט מיך געמאכט פאר א גרויסען האר", האָט טורנוסרופוס געענטפערט.

"שבת איז אויך בעשטימט געוואָרען פון דעם גרויסען מלך אין הימעל אַז אַלע זאָלען איהם האַלטען מיט כבוד", האָט רבי עקיבא געענטפערט.

"ניט דאָס מיין איך", האָט טורנוסרופוס אָנגעהויבען צו דרייהען מיט זיין צונג, "איך וויל פרעגען: ווער זאָגט עס אַז היינט איז שבת? טאָמער איז דאָס גאָר אַן אַנדער טאָג פון וואָך?"

"דאָס קען בעשטעטיגען דער טייך סמבטיון", האָט רבי עקיבא געענטפערט. "א גאַנצע וואָך וואַרפט דער טייך פון זיך שטיינער אָבער שבת רוהט ער. די בעלי אוב וואָס ברייני־גען אַרויס טויטע פון זייערע קברים קענען בעשטעטיגען, ווייל שבת קענען זיי זייער וואונדער ניט בעווייזען. דער קבר פון דיין פאָטער קען דאָס בעשטעטיגען, ווייל א גאַנצע וואָך גערט פון איהם א רויך און שבת זעהט מען דאָס ניט."

טורנוסרופוס האָט זיך געפונען נידערגעשלאָגען און ער האָט מיט פערדרוס געזאָגט: "האָסט מיין פאָטער בעליי־דיגט, פערשעהמט, געלעסטערט."

## .45

# וואונדער פון צדיקים

רבא האָט געזאָגט:

ווען צדיקים וואָלטען געווען ריין פון זינד וואָלטען זיי געהאַט די מאַכט צו בעשאַפען א וועלט.

רבא אַליין האָט איינמאָל בעשאַפען א מענשען און האָט איהם געשיקט צו ר' זירא. ר' זירא האָט צו דעם מענשען גערעדט, אָבער יענער האָט איהם ניט געקענט ענטפערען. עס איז געווען א מענש מיט אַלע פּרטים, אָבער צו מאַכען איהם צו ריידען האָט רבא ניט געקענט. ווען ר' זירא האָט געזעהן אַז דער מענש רעדט ניט, האָט ער זיך אין איהם איינגעקוקט און געזאָגט: "דו ביזט די אַרבייט פון מענשען, קעהר זיך אום צוריק צו דיין ערד."

ר' חנינא און ר' הושעיא פלעגען זיצען יעדען ערב שבת און לערנען דעם ספר יצירה, און מיט א הייליגען שפּרוך פלע־גען זיי בעשאַפען א קאַלב און דאָס עסען שבת.

# 46

# וואנדער פון שווארצקינסטלער

רב אשי דערצעהלט:

איך האָב איינמאָל געזעהן אַ שווארצקינסטלער מאַכען אַזאַ קונץ: ער פלעגט אַ ניס טהאָן און נאָכדעם אַרויסציהען שטיקער זיידענצייג פון זיינע נאָזלעכער.

רב האָט איינמאָל דערצעהלט צו רבי חייא:

איך האָב געזעהן ווי אַן אַראַבישער סוחר האָט גענומען זיין שווערד און דערמיט צושניטען זיין קעמעל. נאָכדעם האָט ער אַ קלונג געטהאָן מיט אַ גלעקעל און דער קעמעל איז צוריק לעבעדיג געוואָרען און זיך געשטעלט אויף די פיס.

זעירא איז אַמאָל געקומען אין אַלכסנדריא של מצרים, האָט ער דאָרט געקויפט אַ קעמעל. ווען ער האָט דעם קעמעל געפיהרט צום וואַסער איהם אָנצוטרינקען, איז דער קעמעל פערשוויאונדען געוואָרען און עס איז פון איהם געוואָרען אַ הילצערנער בריקעל. דאָס האָבען די שווארצקינסטלער אָבגעטהאָן אַ שפּיצעל.

ינאי איז איינמאָל געקומען אין אַן אַכסניא, האָט ער געבעטען: „גיט מיר אַ טרונק וואַסער". האָט אַ פרוי איהם געבראַכט אַ געטראַנק פון וואַסער געמישט מיט מעהל. ינאי האָט בעמערקט, אַז די פרוי שעפּצעט עפּעס מיט די ליפּען, האָט ער בעקומען אַ פערדאַכט אַז זי וויל איהם אָפּטהאָן אַ כשוף. אום זיך צו בעוואָרענען געגען איהר, האָט ער די משקה ניט געטרונקען. ער האָט בלויז געמאַכט אַן אָנשטעל אַז ער טרינקט און האָט אָבגעגאָסען פון דעם אַביסעל אויף דער ערד. פון דעם ביסעל אָבגעגאָסענע וואַסער איז באַלד געוואָרען קליינע שלענגעלעך. ער האָט דאָס געטהאָן אַזוי געשיקט, דאָס די פרוי האָט גאַר ניט בעמערקט ווי ער האָט אָבגעגאָסען. נאָכדעם האָט ער געזאָגט צו דער פרוי: „איך האָב שוין געטרונקען. יעצט טרינק דו אַביסעל." ווי נאָר די פרוי האָט אַ טרונק געטהאָן, איז זי גלייך פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַן אייזעל. האָט ער איהר געטריבען אין מאַרק אַריין און אַלע האָבען געמיינט אַז דאָס איז אַ ריכטיגער אייזעל, ביז עס איז געקומען אַ פריינדין פון דער פרוי און זי האָט איהר דערקענט. האָט די פריינדין איהר צוריקגעבראַכט

צו איהר פריהערדיגען געשטאלט און אלע האבען געזעהן אז ינאי פיהרט א פרוי פאר'ן ציימעל.

## .47

# דער לעצטער טאָג פון רבי אליעזר

ווען רבי אליעזר איז קראנק געוואָרען זיינען געקומען רבי עקיבא און זיינע חברים איהם מבקר חולה זיין. רבי אליעזר איז געזעסען אין פּאוויליאָן און זיי זיינען געזעסען אין שפּייזע זאאל. דאָס איז געווען אום ערב שבת. און ווען עס האָט אָנגעהויבען צו ווערען שפּעטלעך, איז אין פּאוויליאָן אריינגעקומען הורקנוס זיין זוהן, אראָבצונעהמען די תפלין פון זיין פאטער. (אין יענע צייטען פלעגט מען די תפילין טראָגען א גאנצען טאָג, אויסער שבת) האָט רבי אליעזר אויף איהם אָנגעשריען און הורקנוס איז ארויס א בעליידיגטער. "איך האָב מורא" — האָט הורקנוס געזאָגט צו זיינע חברים —אז מיט מיין פאָטער האלט זעהר שלעכט. עס שיינט מיר אז ער האָט שוין פערלוירען זיין פערשטאנד." רבי אליעזר האָט דאָס געהערט און ער האָט געענטפערט: "דעם פערשטאנד האָט ער פערלוירען און זיין מוטער. ווי פערלאָזט מען אזעלכע ארבייט ווי בעהאלטען דעם טשאָלענט און בענשען ליכט, אזא וויכטיגע ארבייט, וואָס אויב מען פערפעהלט עס, קומט סקילה, און מען זאָרגט זיך וועגען דעם וואָס איך האָב מיינע תפילין ניט אראָבגענומען, און דאָס איז דאָך א קליינינקייט." זעהענדיג אז ער איז ביים קלאָהרען פערשטאנד, זיינען די תלמידים אריינגעקומען אין פּאוויליאָן און זיך געזעצט ביי פיער איילען ווייט פון איהם, ווייל רבי אליעזר איז געווען אין חרם.

"וואָס זייט איהר געקומען?" האָט ער זיי געפרעגט.

"מיר זיינען געקומען לערנען תורה", האָבען זיי איהם געענטפערט.

"און ביז איצט וואו זייט איהר געווען? פאר וואָס זייט איהר א לאנגע צייט ניט געקומען?"

"ווייל מיר האָבען קיין צייט געהאט," האָבען זיי געענטפערט.

רבי אליעזר איז פון זייער ענטפער ניט געווען צופריעדען און ער האָט געזאָגט, אזוי ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך:

"איך בין משיקאווע צו וויסען אויב זיי וועלען שטארבען מיט זייער אייגענעם טויט."

"און מיט וואס פאר א טויט וועל איך שטארבען?" האט רבי עקיבא געפרעגט.

"דיין טויט וועט זיין דער שווערסטער פון זיי אלעמענס," האט רבי אליעזר געענטפערט.

נאכדעם האט רבי אליעזר גענומען זיינע צוויי ארעמס און האט זיי ארויפגעלעגט צו זיך אויפ'ן הארצען און האט געזאגט:

"וועה צו אייך, מיינע צוויי ארעמס, וואס איהר זייט אזוי ווי צוויי ספרי תורה. פיעל תורה האב איך אליין גע־לערנט, פיעל תורה האב איך צו אנדערע געלערנט. פיעל תורה האב איך געלערנט און פון מיינע לעהרער גארנישט געמינערט, אזוי ווי א הונט וואס טרינקט פון ים אין דער ים בלייבט אימער פול. און מיינע תלמידים האבען פון מיר גארנישט אוועקגענומען אפילו וויפיעל א פינזעל נעהמט אוועק פון א רעהר מיט פארב. הונדערטע און טויזענדער זאכען האב איך געלערנט מיט מיינע תלמידים און עס האט מיך קיינער א קשיא געפרעגט, אויסער עקיבא בן יוסף. איינמאל בין איך מיט איהם געגאנגען אין פעלד. האט ער געזאגט צו מיר: "רבי, לערן מיך די דינים פון פלאנצען אוגערקעס." האב איך נאר א זאג געטהאן איין ווארט און די פעלד איז געווארען פול מיט אוגערקעס. נאכדעם האט ער געזאגט צו מיר: "רבי! דו האסט מיך געלערנט ווי מען פלאנצט אוגערקעס, צייג מיר יעצט ווי מען רייסט זיי אויס פון גארטען." האב איך געזאגט נאך א ווארט און די אלע אוגערקעס זיינען זיך צוזאמענגעקומען אין איין ארט."

די תלמידים האבען אויפגעהערט זיין ערצעהלונג. שבת איז שוין געווען נאהענט און זיי האבען געזעהן אז זיין ענדע קומט שוין באלד. האבען זיי איהם א פרעג געטהאן א דין פון טהרות. דאס איז געווען דערזעלבער דין צוליעב וועלכען רבי אליעזר האט זיך צוקריעגט מיט די אנדערע תנאים און זיי האבען איהם דערפאר אין הרם אריינגע־לייגט.

"טהור!" האט רבי אליעזר געענטפערט. און מיט דעם ווארט "טהור" איז ארויס זיין נשמה.

דאן האט זיך רבי יהושע אויפגעשטעלט און אויסגע־רופען:

"דער חרם איז ארונטער! ארונטער איז דער חרם!"

ביי דער לויה האָט רבי עקיבא געריסען אויף זיך זיין לייב ביז זיין בלוט האָט גערונען אויף דער ערד, און ער האָט רבי אליעזר'ן בעקלאָגט: "איך האָב ביי זיך א סך געלד, אָבער איך האָב ניט קיין חלפן וואס זאָל מיר דאס געלד אויסבייטען". מיינען האָט ער געמיינט, איך האָב א סך קשיות צו פרעגען אָבער עס איז מעהר ניטאָ ווער עס זאָל מיר זיי פערענטפערן.

## .48

## אן אידעאלער לעבען

דער וואָס ליעבט זיין פרוי אזוי ווי זיך אליין און רעס־פעקטירט איהר מעהר ווי זיך אליין, און דער וואס ערציהט זיינע זיהן און טעכטער אין א גלייכען וועג, און מאכט זיי חתונה נאָהענט צו זייער צייט, אויף איהם זאָגט דער פסוק: "און דו וועסט זיין זיכער מיט שלום אין דיין הויז". (איוב, ה').

ווער עס ליעבט זיינע שכנים, איז מקרב זיינע קרובים, און מאכט חתונה אן אָרימע פלימעניצע און לייהט געלד צו אן אָרימאן ווען ער איז אין א נויטה, אויף איהם זאָגט דער פסוק: "דאן אז דו וועסט רופען וועט דיר גאָט ענטפערן" (ישעיה, נ"ח).

## .49

## איין שטראָף און א צווייטע

דער זיידע פון רבי פרידא האָט איינמאָל, אין די טויערען פון ירושלים, געפונען א קאָפּ פון א מענשען און אויף דעם קאָפּ איז געווען אָנגעשריבען: "זאת ועוד אחרת", וואָס מיינט, איין שטראָף און א צווייטע. האָט ער דעם קאָפּ בע־גראָבען אָבער די ערד האָט איהם ארויסגעוואָרפען. האָט ער דעם קאָפּ א צווייטען מאָל בעגראָבען, האָט איהם די ערד ווידער ארויסגעוואָרפען. האָט ער צו זיך געזאָגט: "דאס מוז זיין דער קאָפּ פון יהויקים אויף וועלכען דער נביא ירמיה האָט נביאות געזאָגט אז ער וועט בעגראָבען ווערען מיט א שענדליכער קבורה און זיין קערפער וועט זיך וואלגערען

אין די טויערען פון ירושלים. און אזוי ווי ער איז געווען א מלך איז ניט שעהן אז זיין קאָפּ זאָל זיך אזוי וואַלגערען". האָט ער דעם קאָפּ איינגעוויקעלט אין זייד און האָט עס בע־האלטען ביי זיך אין דער חיים, אין א קאַסטען. ווען זיין פרוי איז געקומען און האָט דעם טויטען קאָפּ געפונען אין קאַסטען האָט זי דאס פערטרויט צו א שכנה. האָט די שכנה געזאָגט: "דער קאָפּ מוז זיין פון זיין ערשטע פרוי וועלכע ער קען ניט פערגעסען". די פרוי איז געווארען שטארק איי־פערזיכטיג. האָט זי איינגעהייצט דעם אויווען און האָט דעם קאָפּ פערברענט. ווען דער מאַן איז אהיים געקומען און האָט זיך דערוואוסט וואס זיין פרוי האָט געטהאָן, האָט ער גע־זאָגט: "יעצט פערשטעה איך וואס עס איז געווען אָנגע־שריבען, איין שטראָף און א צווייטע".

## .50

# אברהם אבינו אויף דער פּראָבע

רבי יוחנן דערצעהלט אין נאָמען פון ר' יוסי בן זמרא:

ווען יצחק איז ענטוואוינט געוואָרען פון דער ברוסט, האָט זיך דער שטן אויפגעשטעלט פאר'ן אייבערשטען און האָט געזאָגט:

"זעה, אָט דער אלטער אברהם, וועמען דו האָסט צו הונדערט יאהר געשענקט א קינד. האָט געמאכט אזוי פיעל סעודות, און פון די אלע סעודות האָט ער אפילו ניט געקענט אָבשפּאָרען א קליין טייבעלע צו ברייגנען דיר א קרבן."

האָט דער אייבערשטער געענטפערט: "ער האָט דען די סעודות געמאכט צוליעב זיך? דאָס האָט ער זיי געמאכט צוליעב דער שמחה וואס ער האָט בעקומען א זוהן. ווען איך זאָל איהם אפילו זאָגען אז ער זאָל זיין זוהן שעכטען צו מיר פאר א קרבן, וועט ער דאס גלייך טהאָן." אָט דערפאר האָט דער אויבערשטער געשטעלט אברהם'ן אויף דער פּראָבע.

רבי שמעון בר אבא זאָגט אז גאָט האָט ביי אברהם אבינו געבעטען יצחק'ן פאַר א קרבן אלס א טובה. און ער גיט אויף דעם א משל. א מלך, א בשר ודם, האָט געפיהרט א סך מלחמות מיט זיינע שונאים, האָט ער ביי זיך געהאט א גענעראל, א גרויסער גבור, וועלכער האָט די שונאים יעדען

מאָל בעזיעגט. איינמאָל האָבען די שונאים געמאכט געגען דעם מלך אַ מלחמה, וואָס איז געווען די גרעסטע פון אַלע. האָט דער מלך געזאָגט צום נבור: „איך בעט דיך זאָלסט מיר ביישטעהן אין דיעזער מלחמה, אַז ניט איך פערלוירען דיין גאַנצע רעפּוטאַציע פון פריהער.“ אַזוי האָט געזאָגט דער אויבערשטער צו אברהם אבינו: „איך האָב דיך פּריבירט מיט אַזוי פיעל נסיונות און דו ביזט זיי אַלע ביינעשטאַנען, בעט איך דיך אַז דו זאָלסט מיר ביישטעהן אויך אין דעם נסיון כדי מען זאָל ניט זאָגען אַז די פריהערדינע נסיונות זיינען גאָרנישט.“

ווען דער שטן האָט געזעהן אַז אברהם האָט אויסגעהאַלטען די פּראָבע און איז אוועק מיט יצחק'ן איהם ברייננגען פאַר אַ קרבן, איז דער שטן איהם פערלאָפען דעם וועג און האָט צו איהם געזאָגט: „זעה אברהם, האָט גאָט געראַדפט דיך שטעלען אויף אַזאַ שווערע פּראָבע און דיר פערשאַפען אומזיסטע שמערצען? דו, וואָס האָסט מענשען געלערנט שעהנע זאַכען, געשטאַרקט די שוואַכע און געהויבען די געפאַלענע, זאָל אויף דיר קומען אַזאַ שווערע שטראָף?“

האָט אברהם געענטפערט:

„איך וועל מיך האַלטען ביי מיין פרומקיים.“

„דיין פרומקייט איז דאָך אָבער ניט מעהר ווי אַ נאַרעשקייט“, האָט דער שטן געזאָגט.

„קיין עהרליכער מענש איז נאָך ניט פערלוירען געגאַנגען,“ האָט איהם אברהם געענטפערט.

זעהענדיג אַז ער קען איהם ניט בייקומען, האָט דער שטן געזאָגט:

„איך האָב אונטערגעהערט ווי מען זאָגט אין הימעל אַז דו וועסט ברייננגען אַ שעפּס פאַר אַ קרבן, אָבער ניט דיין זוהן יצחק.“

„עס קען זיין אַז דאָס איז אמת“, האָט אברהם געענטפערט, „אָבער דאָס איז שוין די שטראָף פון אַ ליגנער, דאָס ווען ער וויל שוין איינמאָל זאָגען אַן אמת, גלויבט מען איהם אויך ניט.“

## .51

# בעווייזע אויף תחית המתים

די קעניגין קלעאפאטרע האט געפרעגט ביי ר' מאיר'ן: "וויי וועלען די טויטע אויפשטעהן צו תחית המתים, נאקעט אדער בעקליידעט?" האט רבי מאיר געענטפערט: "מען קען נעהמען א ביישפיעל פון ווייץ. מה דאך א ווייץ וואס ווען מען פערזייהט עס אין דער ערד איז עס נאקעט, און אז עס שפראצט אויף איז דאס בעקליידעט, היינט צדיקים וועלכע מען בעערדיגט אין קליידער וועלען דאך געוויס אויפשטעהן בעקליידעט".

דער קיסר האט געפרעגט ביי רבן גמליאל: "איהר זאגט אז די טויטע וועלען אויפשטעהן — ווי קען דאס זיין: פון די טויטע ווערט דאך ערד, היינט ווי קען ערד לעבען?"

דעם קיסר'ס טאכטער, וועלכע איז דערביי געווען, האט געזאגט צו רבן גמליאל: "לאז מיך און איך וועל איהם ענטפערן. און די פרינצעסין האט געזאגט צו איהר פאטער: "אין אונזער שטאדט זיינען דא צוויי טעפער. איינער מאכט זיינע טעפ פון וואסער, דער אנדערער פון ליים. טא ווער איז א גרעסערער קינסטלער?"

"דער וואס מאכט פון וואסער", האט דער קיסר געענטפערט.

"זעהסטו אז דו גלויבסט אז א טעפער קען מאכען טעפ פון וואסער, דארפסטו דאך אודאי גלויבען אז גאט קען צוריק בעשאפען דעם מענשען פון ערד."

אן אפיקורס האט געזאגט צו רבי אמי:

"איהר זאגט אז די טויטע וועלען צוריק לעבעדיג ווערען. אבער ווי קען דאס זיין? די טויטע ווערען דאך ערד, און ווי קען ערד לעבען?"

"איך וועל דיר דאס פערענטפערן מיט א משל," האט האט רבי אמי געזאגט. "א מלך, א בשר ודם, האט געזאגט צו זיינע קנעכט: "געהט און בויט מיר גרויסע פאלאסטען אין אן ארט וואו עס איז ניטא קיין ערד און קיין וואסער." זיינען זיי געגאנגען און האבען געבויט. אין א צייט ארום זיינען די פאלאסטען צופאלען. האט דער מלך געזאגט צו זיי:

"געהט און בויט אויף אנדערע פּלאַצן אין אַן אָרט וואו עס איז דאָ אי ערד אי וואסער." האָבען די קנעכט געזאָגט: "מיר קענען ניט." איז דער מלך אין כעס געוואָרען אויף זיי און האָט געזאָגט: "אין אַן אָרט וואו עס איז ניט געווען ערד אָדער וואסער האָט איהר געבויט, יעצט אַז איהר האָט ערד און וואסער, דאַרפט איהר דאָך געוויס בויען."

דער משל מיינט אזוי: ווען מענשען, וואָס זיינען קיינמאָל אויף דער וועלט געווען קענען געבוירען ווערען און לעבען, דאַרפען דאָך מענשען וואס האבען שוין איינמאל גע־לעבט געוויס קענען ווידער לעבען.

## .52

# א קרומער רוקען אָבער א גלייכער קאָפּ

גביהה בן פסיסא האָט געהאט א קרומען רוקען, אָבער א גלייכען קאָפּ. איינמאָל האָט אַן אפיקורס געזאָגט צו איהם: "וועה אייך, איהר רשעים, וואָס איהר זאָגט אַז די טויטע וועלען ווידער לעבעדיג ווערען. ווי קען דאס זיין? אז לעבעדיגע קענען ניט לעבען און מוזען שטאַרבען, טאָ ווי קענען טויטע לעבען?" האָט איהם גביהה געענטפערט: "וועה צי אייך, וואס איהר זייט די אמת'ע רשעים, וואס זאגען אַ די טויטע וועלען ניט אויפשטעהען תחית המתים. זעה, בעטראַכט נאָר! די לעבעדיגע וואָס זיינען קיינמאָל אויף דער וועלט געווען זיינען געקומען צום לעבען, הייסט די וואָס זיינען שוין געווען אויף דער וועלט, קענען דאָך געוויס לעבען."

"וואָס?" האָט דער אפיקורס אויסגערופען מיט כעס, "דו רופסט מיך רשע? ווען איך זאָל נאָר וועלען גיב איך דיר אַזאַ שטויס אַז דיין רוקען וועט זיך אויסגלייכען."

"אויב דו וועסט אזוי טהאָן", האָט גביהה געלאַסען גע־ענטפערט, "וועסטו קריגען אַ נאָמען פאר אַ גרויסען דאָקטאָר און דו וועסט קריגען גוט בעצאָהלט."

## 53.

# דאָס רעכט אויף ארץ ישראל

די מענשען פון דער לאַנד אפריקאַ, וועלכע האָבען געשטאַמט פון די כנענים, האָבען אַ מאָל גערופען די אידען צו אַ פּראָצעס פאַר אלכסנדר מוקדון. זיי האָבען גע'טענה'ט אַז ארץ ישראל איז זייערע, ווייל זי ווערט אין דער תורה גערופען „ארץ כנען", די לאַנד פון די כנענים.

האָט גביהה בן פּסיסאַ געזאָגט צו די אידישע חכמים:

„גיט מיר די ערלויבנים און איך וועל געהן מיט זיי זיך משפּט'ן פאַר אלכסנדר מוקדון. אויב זיי וועלען מיך בעזיגען, וועט איהר קענען זאָגען אַז זיי האָבען בעזיעגט אייערן אַ פּראָסטען מענשעל, און אויב איך וועל זיעגען, וועט איהר קענען זאָגען אַז די תורה פון משה רבינו האָט זיי בעזיעגט."

די חכמים האָבען איהם געגעבען די ערלויבנים. גביהה איז אוועק מיט זיי זיך משפּט'ן און ער האָט צו זיי אַזוי נעזאָגט: „פון וואַנען ברייננט איהר אייער בעוויז אַז דאָס לאַנד איז אייערע? פון דער תורה? איך וועל אויך ברייננען אַ בעוויז פון דער תורה. נח האָט געזאָגט אַז כנען זאָל זיין פערשאָלטען. אַז עבד עבדים זאָל ער זיין ביי זיינע ברידער. נו, עס איז דאָך בעוואוסט, אַז וואָס אַ קנעכט פאַרמאָגט געהערט עס צו זיין האַר. אייער לאַנד געהערט דאַרום צו אונז. און נאָכמעהר, שוין אַ שעהנע עטליכע יאָהר אַז איהר האָט אונז ניט געדיענט."

האָט אלכסנדר געזאָגט צו די כנענים: „גיט איהם אַן ענטפער."

„גיב אונז דריי טעג צייט", האָבען זיי געבעטען.

אלכסנדר מוקדון האָט זיי געגעבען דריי טעג צייט אַז ענטפער פאָרצובערייטען, האָבען זיי געזוכט און ניט געפונען וואָס צו זאָגען. זיינען זיי אנטלאָפען און האָבען איבערגעלאָזען זייערע פעלדער וועלכע זיינען געוועזן פערזייהט און זייערע וויינגערטנער, וועלכע זיינען געוועזן פערפלאַנצט. און אַזוי ווי דאָס איז געוועזן דער זיעבעטער יאָהר (שמיטה) און די אידען האָבען קיין פעלד ארבייט געקענט טהאָן, זיינען זיי די פעלדער און די גערטנער צוניץ געקומען.

## .54

# געבומען וואס זיי האט געקומט

איינמאל זיינען מענשען פון מצרים געקומען צו אלכסנדר מוקדון און האבען די אידען אזוי פערקלאגט: "אין אייער תורה ווערט דערצעהלט אז איידער אייערע עלטערן זיינען ארויס פון מצרים האבען זיי געליהען זילבערנע און גאלדענע כלים און זיינען מיט דעם ארויס פון לאנד. טא גיט אונז אב צוריק אונזער גאלד און זילבער."

איידער די אידישע חכמים האבען געגעבען זייער ענט־פער, האט גביהה בן פסיסא געזאגט צו זיי: "גיט מיר די ערלויבניס וועל איך געהן מיט זיי צום משפט פאר אלכסנדר מוקדון. נעמט עס אזוי זיין: אויב זיי וועלען געווינען, וועט איהר זיי קענען זאגען: "א פראסטען מענשעלע אונזערען האט איהר בעזיעגט." און אויב איך וועל געווינען דעם משפט, וועט איהר קענען זאגען אז די תורה פון משה רבינו האט זיי בעזיעגט."

די חכמים האבען איהם געגעבען די ערלויבניס. גביהה איז אוועק צום פראצעס און האט צו די קלעגער אזוי געזאגט:

"וואו האט איהר גענומען די מעשה אז אונזערע עלטער־רען האבען אוועקגעפיהרט פון מצרים גאלד און זילבער?"

"מיר האבען דאס גענומען פון אייער תורה", האבען די בני מצרים געענטפערט.

"אויב אזוי", האט גביהה געזאגט, "וועל איך מיינע בעווייזע אויך ברייגנען פון קיין אנדער ארט ווי פון דער תורה. עס ווערט אין דער תורה דערצעהלט אז די אידען זיי־נען געווען אין מצרים פיער הונדערט מיט דרייסיג יאהר. יעצט בעצאהלט אונז פאר דער שקלאפישער ארבייט וואס ששים רבוא (זעקס הונדערט טויזענד) מענשען האבען גע־מהאן אין א משך פון פיער הונדערט און דרייסיג יאהר."

די בני מצרים האבען געשוויגען און ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

"גיט איהם אן ענטפער", האט אלכסנדר מוקדון געזאגט צו זיי.

"מיר קענען ניט אויף דער מינוט", האבען זיי געזאגט. "גיב אונז דריי טעג צייט אויף צו בעראטהען זיך."

דער קעניג האָט זיי געגעבן צייט, אָבער די דריי טעג זיינען אריבער און זיי האָבען קיין ענטפער ניט געקענט גע־בען. פאר שרעק טאָמער וועלען די אידען ביי זיי ווייטער מאָהנען געלר פאר דער ארבייט וואָס זייערע עלטערען האָ־בען געטהאָן אין מצרים, זיינען די בני מצרים ענטלאָפען און האָבען איבערגעלאָזען זייערע פעלדער וועלכע זיינען געווען פערזייהט און זייערע גערטנער וועלכע זיינען געווען פער־פלאַנצט צו די אידען. נראָדע איז דאָס געווען א שמיטה יאָהר.

## .55

# א צוואה קען מען ניט ענדערען

איינמאָל זיינען געקומען די שטאָם קינדער פוי ישמעאל און פון קטורה צו אלכסנדר מוקדון און האָבען פערפיהרט א פראָצעס געגען די אידען. זיי האָבען אזוי גע׳טענה׳ט: ״ארץ ישראל איז אונזערע אזוי ווי אייערע, ווייל מיר זייר נען אלע די קינדער פון אברהם.״

האָט גביהה בן פסיסא געזאָגט צו די אידישע חכמים: ״לאָזט מיך און איך וועל געהן זיך משפט׳ן מיט זיי. וועלען זיי געווינען וועט איהר ניט האָבען וואָס זיך צו שעהמען. איהר וועט זאָגען אז זיי האָבען בעזיעגט אן אוניוויסענדען מענשען. און אויב איך וועל געווינען וועט עס זיין א כבוד פאר דער תורה.״ די חכמים האָבען איינגעוויליגט אז ער זאָל געהן. גביהה האָט זיך געמעלדעט צום פראָצעס, און ער האָט אזוי געזאָגט צו די קלעגער:

״לאָמיר זעהן, פון וואַנען נעהמט איהר אייערע בעווייזע, פון דער תורה? וועל איך מיינע בעווייזע אויך ברייני־גען פון דער תורה. דאָרט שטעהט אז אברהם האָט אוועק־געגעבען זיין גאַנצען פערמעגען צו יצחק, און צו די קינדער פון זיינע קעפס ווייבער האָט ער אויך געגעבען מתנות (בראשית, כה). הייסט אז א פאָטער מאַכט א צוואה פאר זיינע קינדער ביים לעבען און פערטיילט יעדען זיין חלק, קען דען איינער עפעס האָבען צום אנדערען?״

## .56

# דער גוף און די נשמה

דער קיסר אנטאָנינוס האָט איינמאָל געזאָגט צו רבי: ״דער גוף און די נשמה קענען זיך ביידע בעפרייען פון שטראָף אויף יענער וועלט פאַר דעם מענשען׳ס זינד. ווי אזוי? דער גוף קען זאָגען: ״די נשמה האָט געזינדיגט. דען וואָס קען איך אליין טהאָן אָהן דער נשמה? א בעווייז איז, דאָס זייט די נשמה איז אוועק פון מיר ל״עג איך אין קבר שטיל אזוי ווי א שטיין.״ און די נשמה קען זאָגען: ״דער גוף האָט געזינדיגט. מען זעהט דאָך, אז זייט איך האָב דעם גוף פערלאָזען פליה איך אין דער פרייער לופט אזוי ווי א פויגעלע וואָס איז ריין פון זינד.״

״איך וועל דאָס דיר פערענטפערען מיט א משל״, האָט רבי געזאָגט. ״א מלך, א בשר ודם, האָט געהאט א שעהנעם ווייגגארטען, אין וועלכען עס איז געווען שעהנע, צייטיגע פרוכט. האָט דער מלך אריינגעזעצט אין דעם ווייגגאָרטען צוויי שומרים. איינער איז געווען א לאָמער און דער אנ־דערער א בלינדער. האָט דער לאָמער געזאָגט צו דעם בלינ־דען: ״איך זעה שעהנע, צייטיגע פרוכטען אין גאָרטען. קום, לאָמיך זיך ארויפזעצען אויף דיר, מיר וועלען צוקומען צו די פרוכטען און מיר וועלען זיי קענען עסען.״ האָט דער לאָ־מער זיך ארויפגעזעצט אויף דעם בלינדען און זיי האָבען גע־נומען די פרוכטען און געגעסען. א צייט שפּעטער איז גע־קומען דער מלך, דער אייגענטימער פון גאָרטען, און האָט ביי זיינע שומרים געפרעגט: ״וואו זיינען דאָס אהינגעקומען די שעהנע, די צייטיגע פרוכטען?״ האָט דער בלינדער גע־זאָגט: ״וואָס וויים איך? איך האָב דאָך קיין אויגען ניט, היינט ווי האָב איך געקענט זעהן?״ און דער לאָמער האָט געזאָגט: ״איך בין דאָך א לאָמער, היינט ווי האָב איך גע־קענט געהן נעהמען די פרוכטען?״ טאָ, וואָס האָט דער מלך געטהאָן? ער האָט ארויפגעזעצט דעם לאָמען אויף דעם בלינ־דען און האָט זיי גע׳משפט אזוי ווי זיי וואָלטען געווען איין מענש. אזוי וועט דער אייבערשטער אויך טהאָן. ער וועט די נשמה צוריק אריינגעבען אין דעם טויטען קערפּער און זיי משפּט׳ן צוזאמען.״

## .57

# ווען די זון געהט אונטער

אנטאנינוס האָט איינמאָל געפרעגט ביי רבי:

"פאר וואָס געהט אויף די זון אין מזרח און געהט אונ־טער אין מערב?"

"ווען עס וואָלט געווען פערקעהרט וואָלסטו אויך גע־פרעגט א קשיא", האָט רבי געענטפערט.

"איך מיין צו זאָגען, ווארום געהט זי אונטער אין מערב. זי האָט געדארפט אונטערגעהן אין דעם זעלבען אָרט וואו זי איז אויפגעגאנגען. א מענש געהט ארוים דורך דער זעלבער טיהר פון וועלכער ער איז אריין."

"די זון געהט אונטער אין מערב ווייל זי דארף זיך בוי־קען פאר דער שכינה וועלכע איז אין מערב", האָט רבי ער־קלערט.

"אויב אזוי", האָט אנטאנינוס געזאָגט, "האָט די זון געדארפט אָבגעהן ביז א העלפט פון דעם הימעל, זיך א בוק טהאָן, און דערנאָך אונטערגעהן אין מזרח."

"ווען די זון וואָלט אונטערגעגאנגען אין מיטען טאָג", האָט רבי געענטפערט, "וואָלטען מענשען נים געוואוסט ווען זייער ארבייט צו ענדיגען, און פאר רייזענדע וואָלט געווען זעהר שווער אָנצוקומען אויף אן אכסניא איידער עס ווערט פינסטער."

## .58

# די מארטירער פון טהאָל דורא

רבי אליעזר זאָגט:

די מתים וואָס יחזקאל הנביא האָט לעבעדיג געמאכט, האָבען זיך אויפגעשטעלט אויף זייערע פיס, געזונגען א לויב געזאנג צו גאָט און זיינען נאָכדעם ווידער געשטאָרבען.

רבי יהודה זאָגט, אז די גאנצע מעשה איז אין אמת'ן בלויז א משל.

רבי אלעזר, דער זוהן פון רבי יוסי הגלילי, זאָגט:

די מתים וואָס יחזקאל האָט לעבעדיג געמאכט זיינען

אוועק אין ארץ ישראל, האָבען דאָרט גענומען ווייבער און האָבען געהאַט זיהן און טעכטער.

רבי יהודה בן בתירא האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט די רייד אזוי בעשטעטיגט:

"איך קום ארויס פון יענע לעבעדיג געוואָרענע און דאָס זיינען די תפילין וואָס מיין פאָטער האָט מיר איבערגעלאָזען, וועלכע ער האָט גע'ירשנ'ט פון זיי."

רבי יוחנן האָט געזאָגט:

די מתים וואָס יחזקאל האָט לעבעדיג געמאכט זיינען די מאַרטירער וואָס זיינען געפאַלען אין דעם טהאָל פון דורא. די מעשה איז אזוי געוועזען:

ווען נבוכדנאצר האָט פערטריבען די אידען אין גלות, זיינען צווישען די פערטריבענע געוועזען אזעלכע יונגע לייט וועלכע האָבען פערדונקעלט די זון מיט זייער שעהנקייט, און אז די פרויען פון די כשדים האָבען געזעהן די שעהנע אידיי־שע יונגע לייט, האָט זיך אין זייערע הערצער אָנגעצונדען א פייער פון ליעבע. האָבען זיי פון דעם דערצעהלט צו זייערע מענער און די מענער האָבען דאָס איבערדערצעהלט צום מלך. האָט נבוכדנאצר געגעבען א בעפעהל אז מען זאָל די יונגע לייט אויס'הרג'ענען. אָבער טויטערהייד זיינען די יונגע געפאַנגענע נאָך געוועזען אזוי שעהן, דאָס די כשדיות האָבען זייער אויגען ניט געקענט אראָבנעהמען פון זיי. האָט דער מלך געהייסען אז פערד זאָלען זיי צוטרעטען ביז פון זייער שעהנקייט איז קיין שפור פערבליבען.

## .59

# א פערדיענטער פאטש אין פנים

רבי תנחום, דער זוהן פון חנילאי, האָט אזוי געזאָגט:

נאָכדעם ווי נבוכדנאצר האָט אריינגעוואָרפען חנניה מישאל און עזריה אין קאַלך אויווען און עס איז זיי געשעהן א נס און זיי זיינען ארויס לעבעדיגע, זיינען מענשען פון פרעמדע פעלקער געקומען און אויסגעפאַטשט די אידען אין פנים, און געזאָגט: "איהר האָט אזא גרויסען גאָט וואָס טהוט אזעלכע וואונדער, און איהר בוקט זיך צו נבוכדנאצר'ס צלם!"

די אידען האָבען זיך פערשעהמט און געזאָגט דעם פסוק (דניאל, ט): "נערעכט ביזטו גאָט און מיר דאַרפען זיך שעה־מען."

## .60

# די שטראָף פון פאַלשע נביאים

די צחיי פאַלשע נביאים אחאָב בן קוליה און צדקיה בן מעשיה האָבן געוואָרפען אַן אויג אויף נבוכדנאצר׳ס טאָכ־טער. האָבן זיי גענומען זוכען אַ וועג ווי איהר צו פער־פיהרען. פריהער איז צו איהר געקומען אחאָב און האָט גע־זאָגט: ״גאָט פערלאַנגט אַז דו זאָלסט טהאָן אַלעס וואָס צדקיה וועט דיר הייסען.״ נאָכדעם איז געקומען צדקיה און האָט געזאָגט: ״גאָט וויל אַז דו זאָלסט טהאָן אַלעס וואָס אחאָב פערלאַנגט פון דיר.״ די פרינצעסין איז אַוועק צו איהר פאָטער און האָט עס איהם דערצעהלט. ״איך גלויב דאָס ניט״, האָט נבוכדנאצר געזאָגט, ״אַז דער אידישער גאָט זאָל דאָס האָבען פערלאַנגט. איך ווייס אַז ער האָט פיינט אויסגעלאַסענהייט. אויב זיי וועלען צו דיר קומען נאָך אַמאָל שיק זיי צו מיר.״

ווען די פאַלשע נביאים זיינען ווידער געקומען צו דער פרינצעסין האָט זי זיי אָבגעשיקט צום קעניג.

״ווער האָט אייך געזאָגט אַזעלכעס?״ האָט זיי נבוכדנאצר געפרעגט. ״איך האָב געפרעגט ביי מישאל חנניה און עזריה און זיי האָבען מיר געזאָגט אַז דאָס איז פערבאָטען.״

״מיר זיינען אויך אַזעלכע נביאים ווי זיי״, האָבען די פאַלשע נביאים גע׳טענה׳ט. ״אונז האָט גאָט אַזוי געזאָגט און זיי האָט ער דאָס ניט געזאָגט.״

״איך וויל אייך פּרובירען אַזוי ווי איך האָב אויספּרו־בירט חנניה מישאל און עזריה״, האָט נבוכדנצאר געזאָגט.

די פאַלשע נביאים האָבען זיך ערשראָקען ווען זיי האָ־בען געהערט פון קעניג אַז ער וויל זיי אריינוואַרפען אין קאַלך אויוועז, האָבען זיי זיך געוואָלט אויסדרעהען פון דער סכנה און זיי האָבען געזאָגט:

״זיי זיינען געווען דריי, איז זייער זכות געווען אַזוי גרויס דאָס דער פייער האָט זיי ניט געשאַדט, אָבער מיר זיי־נען בלויז צוויי.״

״קלייבט זיך אויס אַ דריטען צו אייך״, האָט דער קע־ניג געענטפערט.

האָבען די צוויי פאלשע נביאים אויסגעקליבען יהושע כהן גדול. זיי האָבען זיך געטראכט, דער כהן גדול איז דאָך א גרויסער צדיק, וועט צוליעב זיין זכות דער פייער קיין מאכט האָבען.

האָט מען יהושע כהן גדול אריינגעוואָרפען אין קאלך אויוועז צוזאמען מיט די צוויי פאלשע נביאים, און א נס איז געשעהן. די צוויי פאלשע נביאים זיינען פערברענט געוואָרען און יהושע כהן גדול איז ארויס א לעבעדיגער, בלויז זיינע קליידער זיינען פערברענט געוואָרען.

"איך וויים אז דו ביזט א גרויסער צדיק", האָט נבוכדנאצר געזאָגט צום כהן גדול, "אָבער פאר וואָס זיינען דיינע קליידער פערברענט געוואָרען? אָט, ביי חנניה מישאל און עזריה זיינען די קליידער געבליבען גאַנץ."

"זיי זיינען געווען דאָך דריי צדיקים און איך בין גע־ווען בלויז איינער", האָט יהושע ערקלערט.

"טאָ פאר וואָס איז אברהם ניט פערברענט געוואָרען אין קאלך אויוועז? ער איז דאָך אויך געווען בלויז איין איינציגער", האָט נבוכדנאצר געפרעגט.

"ווייל אברהם איז געווען איינער אליין און קיין רשעים זיינען געווען מיט איהם, האָט דער פייער קיין מאכט געהאט, אָבער איך האָב געהאט צוויי רשעים מיט מיר, האָט דער פייער יא געהאט מאכט", האָט יהושע ערקלערט.

אָט דאָס איז וואָס מענשען זאָגען א ווערטעל: "אז מען ווארפט אריין אין אויוועז צוויי טרוקענע שייטלען האָלץ און איינעם א נאסען, מאכען די טרוקענע אז דער נאסער זאָל אויך ברענען."

## .61

## גלות צוערשט, גאולה נאָכדעם

דער אייבערשטער האָט געוואָלט מאכען חזקיה המלך פאר משיח און סנחריב'ן וועלכער האָט געפיהרט קריעג מיט איהם, פאר גוג און מגוג, אין וועמעס צייטען עס מוז קומען משיח. האָט זיך אוועקגעשטעלט די מדת הדין אין הימעל און האָט אזוי געזאָגט: "רבונו של עולם! מה דאָך דוד המלך וואס האָט פאר דיר געזונגען אזוי פיעל לויב געזאנגען און דו האָסט איהם ניט געמאכט פאר משיח, זיינט חזקיה וואס

דו האָסט איהם אזוי פיעל נסים געמהאָן און ער האָט פאַר דיר קיין שירה געזונגען, טאָ פאַר וואס קומט איהם צו ווערען משיח?"

"איך וועל פאַר איהם זינגען שירה!" האָט די ערד זיך אָבגערופען.

"רבונו של עולם! ריכט אויף דעם צדיק", האָט דער מלאך וואס פערוואַלטעט די וועלט געבעטען.

"מען קען נים — עס איז א געהיימנים", האָט א בת קול געענטפערט. "משיח'ס קומען מוז אָבגעלייגט ווערען".

"וועה איז מיר, וועה איז מיר!" האָט דער נביא ישעיה אויסגערופען.

"אידען וועלען נאָך מוזען ליידען, זיי וועלען מוזען אי־בערקומען איין גלות און א צווייטען", האָט דער בת קול געזאָגט.

## .62

## דער אויל האָט בעזיעגט דעם שווערד

דער אויל וואס חזקיה המלך האָט געלאָזט בריענען אין אלע שולען און בתי מדרשים האָט בעזיעגט דעם שווערד פון סנחריב וועלכער איז געקומען מלחמה האַלטען מיט די אידען. ווען דער שונא האָט בעלאַגערט ירושלים האָט חזקיה אריינגעשטאָכען א שווערד ביי דער טיהר פון בית המדרש און האָט געזאָגט: "ווער עס גיט זיך ניט אָב מיט תורה לערנען זאָל דערשטאָכען ווערען מיט דעם שווערד". האָט מען געזוכט פון דן ביז באר שבע און מען האָט ניט געפונען אן איינציגען עם הארץ. נאָכדעם האָט מען געזוכט פון גבת ביז אנטיפרס און מען האָט ניט געפונען א קינד אָדער א פרוי וואס איז ניט געווען קלאָר אין אלע דינים וואס א אידיש קינד דאַרף וויסען.

## .63

## סנחריב'ס מפלה

ווען סנחריב האָט געדאַרפט געהן אויף ירושלים האָבען זיינע שטערנזעהער איהם געזאָגט:

"אייל זיך אונטער. היינט איז דער טאָג וואס דו קענסט

די אידען בעזיעגען. היינט איז דער לעצטער טאָג וואס עס היינגט נאָך אויף זיי די שטראָף פון גאָט פאר דעם וואס זיי האָבען אויסגע'הרג'עט די כהנים פון דער שטאָדט נוב. אויב דו קומסט היינט אין ירושלים וועסטו די שטאָדט איינגעהמען. און אויב דו וועסט פערשפעטיגען וועסטי זי ניט איינ־נעהמען.

דער וועג צו ירושלים איז נאָך געוועזן ביי צעהן טעג ווייט, אָבער סנחריב האָט זיך אונטערגעאיילט, און א וועג וואס האָט געדארפט דויערען צעהן טעג האָט ער געמאכט אין איין טאָג. אז ער איז אָנגעקומען אין ירושלים האָט מען פאר איהם אויסגעשפרייט טעפיכער ביז ער איז ארויף אויף א הויכען אָרט פון וואנען ער האָט געקענט זעהן די גאנצע שטאָדט. ער האָט געבאפט א בליק אויף ירושלים און די שטאָדט האָט ביי איהם אויסגעזעהן זעהר קליין. דאן האָט ער געזאָגט:

איז דאס די ירושלים צוליעב וועלכע איך האָב בעמיהט מיין ארמעע און צוליעב וועלכע איך האָב אויפגע־רודערט מיין גאנצע מדינה? עס איז דאָך די קלענ־סטע און די שוואכסטע פון אלע שטעדט וועלכע איך האָב איינגענומען מיט מיין שטארקער האנד!"

אזוי ריידענדיג האָט ער געשאָקעלט מיט זיין קאָפּ, גע־פיהרט מיט זיינע הענד און געצייגט אויף דעם בית המקדש, אזוי ווי ער וואָלט אָבגעלאכט פון דער הויז וועלכע איז גע־ווען די פעסטונג פון אידישען פאָלק.

"לאָמיר שוין ליגען אונזערע הענד אויף דעם", האָבען זיינע סאָלדאטען געזאָגט.

"איהר זייט היינט מיעד, איהר זייט ערשט געקומען פון א ווייטען וועג", האָט סנחריב געענטפערט. "מאָרגען וועט יעדער איינער פון אייך מיר ברייגגען א שטיין פון דער גע־ביידע און עס וועט זיין אויס בית המקדש!"

האָט מען דעם אָנפאל אָבגעליינט אויף מאָרגען. ביי־נאכט איז געשעהן דער גרויסער וואונדער. א מלאך איז אין מיטען דער נאכט געקומען און האָט צושלאָגען סנחריב'ס סאָלדאטען. ווען סנחריב איז אויפגעשטאנען אין דער פריה האָט ער געפונען אן ארמעע מיט טויטע פגרים.

## .64

# דוד'ס ברירה

ווען ישבי, דער זוהן פון ערפה, איז ארויס גענגען דוד המלך און האָט איהם געוואָלט טויטען, (שמואל ב, כא) האָט דער אייבערשטער אזוי געזאָגט צו דוד'ן:

"ביז וואַנען וועט דיין זינד פערשוויגען ווערען? צו־ליעב דיר איז אויסגעשלאַכטעט געוואָרען נוב די כהנים שטאָדט, צוליעב דיר איז דואג האדומי געוואָרען א מוסר, און צוליעב דיר זיינען גע'הרג'עט געוואָרען שאול און זיינע דריי זיהן. יעצט קלייב זיך אליין אויס א שטראָף. ווילסטו אַז די קינדער דיינע זאָלען אויסשטאַרבען און עס זאָל פון דיר קיין דור בלייבען, אָדער דו זאָלסט אריינפאלען אין די הענד פון דיינע שונאים?" האָט דוד געענטפערט: "בעסער לאָמיך אריינפאלען אין די הענד פון מיינע שונאים, איידער איך זאָל ניט איבערלאָזען א דור אויף דער יועלט."

איין טאָג איז דוד ארויס אויף יאַגד. איז געקימען דער שטן און האָט זיך פערשטעלט פאר א הירש. דוד האָט אויף איהם געשאָסען, אָבער די פיילען האָבען ניט געטראָפען דעם ציעל. אזוי האָט דוד זיך נאָכגעיאָגט דעם פערשטעלטען שטן, ביז דער שטן האָט איהם פערשלעפט אין דער לאנד פון די פלשתים. ווען ישבי פון נוב האָט איהם דערזעהן, האָט ער אויסגערופען: "אָט דאָס איז דאָך דער וואָס האָט גע'הרג'עט מיין ברודער גלית." האָט ער דוד'ן געבונדען און האָט איהם אריינגעשטופט אונטער א פרעס מיט וועלכען מען דריקט אָליוועס. איז אָבער דוד'ן געשעהן א נס און די ערד איז א ביסעל איינגעזונקען אונטער איהם און דאָס האָט ניט דערלאָזט או ער זאָל צודריקט ווערען אויף טויט.

יענער טאָג איז געווען ערב שבת. אבישי בן צרויה וועלכער איז געווען פון דוד המלך'ס גרעסטע העלדען, איז געשטאַנען און האָט געוואַשען זיין קאָפּ. האָט ער בע־מערקט טראָפּענס בלוט אין דעם וואסער. אנדערע זאָגען אז א טויב איז געקומען, האָט זיך אוועקגעשטעלט פאר איהם, געפּאטשט מיט די פליגלען, געריסען פון זיך פעדערען און געברומט אזוי ווי פון א וועהטאָג. האָט אבישי געזאָגט: "די אידען זיינען דאָך געגליכען צו א טויב, מסתמא איז דאָ

עפּעס אַן אונגליק. דוד מלך ישראל מוז זיין אין עפּעס אַ צרה."

אבישי איז אוועק אין קעניגליכען פּאַלאַסט און ער האָט דוד'ן ניט געפונען. איז ער געגאַנגען אין בית מדרש, האָט ער איהם דאָרט אויך ניט געפונען.

זעהענדיג אז דוד איז אין סכנת נפשות, האָט אבישי זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ מויל עזעל און עס איז איהם געשעהן אַ נס, אַז די ערד איז איהם אנקעגען געלאָפען און ער האָט די לאַנגע רייזע געמאַכט אין אַ זעהר קורצער צייט. ווען ער איז אָנגעקומען אין דער לאַנד פון די פּלשתים האָט ער געזעהן ערפּה'ן, די מוטער פון ישבי, זיצען און שפּינען. ווי נאָר זי האָט איהם דערזעהן האָט זי אַ שליידער געטהאָן אויף איהם דעם שפּינדעל מיט דעם צוועק איהם צו דער'הרג'ענען. זעהענדיג אַז זי האָט איהם ניט געטראָפען, האָט זי צו איהם געזאָגט: "קום אהער, בחור'ל, ברייגג מיר מיין שפּינדעל". האָט ער דעם שפּינדעל איהר געוואָרפען אין קאָפּ און זי איז געפאַלען טויט.

ווען ישבי האָט אבישי'ן דערזעהן, האָט ער געזאָגט: "יעצט זיינען זיי דאָ צוויי, וועלען זיי מיך טויטען." האָט ער אַ כאַפּ געטהאָן דוד'ן און האָט איהם אַ וואָרף געטהאָן אין דער הויך, אין דער לופט, און האָט אריינגעשטאָכען אַ שווערד אין דער ערד מיט דעם שפּיץ אַרויף, כדי דוד זאָל פאַלען אויף דעם שווערד. אָבער אבישי האָט געזאָגט אַ היילינען שפּרוך און דוד איז געבליבען הייננען צווישען הימעל און ערד. דוד אליין האָט עס ניט געקענט טהאָן, ווייל אַ געפאַנגענער קען זיך אליין ניט בעפרייען פון תפיסה.

"ווי קומסטו אהער?" האָט אבישי געפרעגט.

האָט דוד איהם דערצעהלט ווי גאָט האָט איהם פּאַרגע־ליינט צוויי שטראָפען און ווי ער האָט זיך אויסגעקליבען בעסער אריינצופאַלען אין שונא'ס הענד, איידער צו שטאַר־בען אָהן קינדער.

"קעהר איבער דיין געבעט", האָט אבישי געזאָגט, "דאגה זיך ניט וועגען קינדער."

"אויב אזוי העלף מיר בעטען", האָט דוד געזאָגט.

האָט אבישי איהם געהאָלפען תפילה טהאָן.

אבישי האָט ווידער ארויסגעזאָגט אַ היילינען שפּרוך און דוד איז אַרונטער אויף דער ערד. נאָכדעם האָבען זיי גענומען לויפען אהיים.

ישבי איז זיי נאָכגעלאָפען.

ער האָט זיי אָנגעיאָגט אין איין דאָרף, אין א צווייטען דאָרף, ביז זיי האָבען זיך אומגעקעהרט צו איהם און געזאָגט: "געה צוריק אהיים, וועסטו זעהן אז דיין מוטער איז שוין אין קבר." ווען ישבי האָט דאָס דערהערט האָט ער פערלאָרען זיין גאנצע גבורה. דאן האָבען זיי איהם דער'הרג'עט.

.65

# דער נס מיט חזקיה המלך

ווען אחז המלך איז געשטאָרבען האָט גאָט דעם טאָג אָבגעקירצט פון צוועלף שטונדען אויף צוויי, כדי עס זאָל ניט בלייבען קיין צייט איהם צו בעערדיגען מיט פאראד, ווייל אחז איז געווען א רשע. דערפאר ווען חזקיה איז געזונד געווארען פון זיין קראנקהייט האָט דער אייבערשטער צוריק געגעבען די צעהן שטונדען און האָט יענעם טאָג פון צוועלף שטונדען פערלייגגערט אויף צוויי און צוואנציג.

אין בבל האָט מען גאָר ניט געקענט פערשטעהן פאר וואָס דער טאָג ציהט זיך אזוי לאנג. האָט מרודך בלאדן דער זוהן פון בלאדן, דער מלך פון בבל, געפרעגט ביי זיינע מענשען: "וואָס איז דאָ געשעהן?" האָבען זיי איהם געענטפערט: "חזקיה איז געווען קראנק און איז געזונד געוואָרען".

"אויב ער איז אזא גרויסער מענש, ווי פאסט עס זיך אז איך זאָל איהם ניט שיקען א בעגריסונג?" האָט בלאדן געזאָגט.

גלייך האָט בלאדן דער זוהן פון בלאדן אָנגעשריבען און אוועקגעשיקט אזא בריעף צו חזקיה המלך:

"פריעדען צום מלך חזקיה. פריעדען צו דער שטאָדט ירושלים. פריעדען צו דעם גרויסען גאָט".

נבוכדנאצר איז דאן געווען בלאדן'ס סעקרעטער, און אין דער צייט ווען מען האָט די בעגריסונג געשריבען איז ער דערביי ניט געווען. שפעטער, אז ער איז געקומען און ער האָט זיך דערוואוסט פון דער בעגריסונג וואָס מען האָט געשיקט צום אידישען קעניג, האָט ער געפרעגט: "וואָס האָט איהר דאָרט געשריבען?" בלאדן האָט איהם איבערגעגעבען דעם גאנצען אינהאלט. "וואָס?" האָט נבוכדנאצר אויסגע־

רופען. "איהר רופט איהם גרויסער גאָט און איהר שטעלט איהם צום לעצט? אזוי האָט איהר בעדאַרפט שרייבען: פריעדען צו דעם גרויסען גאָט. פריעדען צו דער שטאָדט ירושלים. פריעדען צום מלך חזקיה".

"דער וואָס קען אַ בריעף אזוי שעהן פערפאַסען, דער זאָל טהאָן די ארבייט דאָס צו פערריכטען", האָט בלאדן געזאָגט.

נבוכדנאצר אליין האָט זיך געלאָזט לויפען נאָך דעם שליח וואָס האָט דעם בריעף געפיהרט נאָך ירושלים, אָבער ווי ער איז נאָר אָבגעגאַנגען פיער טריט איז געקומען דער מלאך גבריאל און האָט איהם אָבגעשטעלט.

רבי יוחנן האָט געזאָגט: ווען גבריאל וואָלט איהם ניט אָבגעשטעלט וואָלט דער זכות פון דעם רשע נבוכדנאצר געווען אזוי גרויס, אז ער וואָלט געהאַט די מאַכט אין גאַנ־צען אומצובריינגען דעם אידישען פאָלק.

## .66

# בלאדן בן בלאדן

וואָרום האָט זיך דער קעניג פון בבל גערופען בלאדן דער זוהן פון בלאדן? די מעשה איז אזוי געווען. בלאדן דער פאָטער איז געווען דער ריכטיגער מלך, האָט איהם געטראָפען אַ סיבה וואָס זיין געזיכט איז פערענדערט גע־וואָרען און ער האָט בעקומען אַ פּנים פון אַ הונד. האָט מען אוועקגעזעצט זיין זוהן אויפ'ן טהראָן, און אז ער פלעגט אונטערשרייבען דעקרעטען פלעגט ער זיך חתמ'נען "בלאדן, דער זוהן פון בלאדן דער קעניג".

## .67

# נבוזראדנ'ס לעצטער האמער

נבוזראדן איז געווען דער גענעראל וועמען נבוכדנאצר דער מלך פון בבל האָט געשיקט איינצונעהמען ירושלים. אין דער קאַרעטע פון נבוזראדן איז געווען אויסגעקריצט דאָס בילד פון נבוכדנאצר, וועמען ער איז געווען זעהר

געטריי און פאר וועמען ער האט מורא געהאט, אזוי ווי ער וואלט זיך אימער געפונען אין זיין געגענוואַרט.

דריי הונדערט מיליאיזלען אנגעלאדען מיט אייזערנע האמערס, פון שארפען אייזען וואס שניידט אייזען, האט גבוכדנאצר געשיקט צו נבוזראדן. אבער די אלע האמערס זיינען צובראכען געווארען ביי דעם ערשטען טויער פון ירושלים. זעהענדיג אז נענען די אידען איז שווער מלחמה צו האלטען, האט נבוזראדן זיך געוואלט צוריק קעהרען. ער האט געזאגט: "איך האב מורא אז איך זאל ניט האבען אזא סוף ווי סנחריב, וועמעס ארמעע איז אויסגעשטארבען אין איין נאכט". איז ארויס א בת קול און האט געזאגט:

"דו שפרינגער דער זוהן פון א שפרינגער! נעהם און שפרינג אריין! עס איז געקומען די צייט דאס דער בית המקדש זאל חרב ווערען".

ביי נבוזראדן איז נאך פערבליבען איין האמער. האט ער מיט דעם גראבען זייט פון האמער גענומען קלאפען אין דעם טויער און דער טויער האט זיך געעפענט. דאן איז נבוזראדן אריינגעגאנגען אין ירושלים. ער איז געגאנגען און יעדען איינעם וואס ער האט בעגעגענט האט ער גע־הרג'עט ביז ער איז אנגעקומען צום בית המקדש.

נאכדעם האט ער דעם בית המקדש אנגעצונדען, האט זיך דער בית המקדש אויפגעהויבען אזוי ווי ער וואלט געוואלט אריינגעהן אין הימעל. האט מען פון הימעל איהם צוריק ארונטערגעשטופט. נבוזראדן איז געווארען זעהר שטאלץ ביי זיך, איז ארויס א בת קול און האט געזאגט:

"וואס האלטסטו זיך אזוי גרויס? א פאלק וואס עס איז איהם שוין בעשערט געווען פון הימעל אומצוקומען האסטו אומגעבראכט, א פאלאסט וואס האט געדארפט פער־ברענט ווערען האסטו פערברענט, מעהל וואס איז שוין צו־מאלט געווארען האסטו צומאלען".

## .68

## קברים שעהנער פון פאלאסטען

עולא האט דערצעהלט:

עמון און מואב זיינען געווען די שלעכטע שכנים פון ירושלים. ווען זיי האבען געהערט ווי די נביאים זאגען נביאות אז ירושלים וועט חרוב ווערען, האבען זיי געשיקט

שלוחים צו נבוכדנאצר און איהם אנגעזאגט: "געה יעצט אויף די אידען מלחמה האלטען". האט ער געענטפערט: "איך האב מורא אז איך זאל ניט האבען אזא סוף ווי עס האבען געהאט די פריהערדיגע וואס זיינען געגאנגען מלחמה האלטען מיט די אידען".

האבען עמון און מואב איהם ווידער געשיקט זאגען: "האסט ניט וואס מורא צו האבען. דער אידישער גאט איז יעצט אין דער היים ניטא".

האט נבוכדנאצר געפרעגט: "אפשר איז ער נאהנט ארום און קען צו יעדער צייט צוריק קומען?"

"ניין", האבען זיי געשיקט איהם זאגען, "ער איז אוועק גאנץ ווייט".

"איז דא אפשר ביי אידען א גרויסער צדיק וואס קען בעטען פאר זיי?" האט נבוכדנאצר געפרעגט.

"ניט געבליבען אפילו איין איינציגער צדיק ביי אי־דען", האט מען איהם דורך די שלוחים געענטפערט.

"עס קען דאך אמאל זיין אז די אידישע רשעים זאלען תשובה טהאן און ווערען גוט און פרום, און בעטען פאר זייער פאלק", האט ער געזאגט.

"תשובה טהאן קענען זיי נ׳ט, ווייל עס איז שוין ארי־בער די צייט וואס זייער גאט האט זיי געגעבען תשובה צו טהאן", האבען די שלוחים געענטפערט.

"עס איז דאך אבער יעצט ווינטער צייט און עס רעגענט און עס שנעהט".

"פאר דעם דארפסטו קיין מורא האבען, ווייל דו קענסט געהן אונטער די בערג. עס איז דארט דא א וועג וואס בע־שיצט פון רעגען און שנעע".

"אבער אין ירושלים גופא רעגענט דאך, טא וואו וועל איך זיך אהינטהאן מיט מיין ארמעע?"

האבען זיי איהם געשיקט זאגען: "די אידישע קברים און הייהלען זיינען שעהנער פון דיינע פאלאסטען".

## .69

# אן אמת׳ע שטאדט

רבא האט איינמאל אזוי געזאגט:

אמאל פלעג איך מיינען אז עס איז ניטא קיין אמת אויף דער וועלט, האט מיר איינער פון די רבנן דערצעהלט,

אז ווען מען זאָל איהם געבען אלס דאָס גוטס פון דער גאנ־
צער וועלט וואָלט ער קיין ליגען געזאָגט. אָט וואָס מיט איהם
האָט איינמאָל פּאַסירט:

איינמאָל איז ער געקומען אין אַן אָרט וואָס הייסט
קושטא. (קושטא מיינט אמת) די מענשען פון דער שטאָדט
האָבען אימער געהאלטען ווארט און האָבען קיינמאָל קיין
ליגען געזאָגט. קיינמאָל איז אין דער שטאָדט א מענש גע־
שטאָרבען פאר דער צייט. די שטאָדט איז איהם אזוי גע־
פעלען געוואָרען דאָס ער האָט בעשלאָסען דאָרט צו פערבלייי־
בען. האָט ער דאָרט א שידוך געטהאָן, געגומען א ווייב פון
דער שטאָדט און זי האָט איהם געבוירען צוויי קינדער.

איין טאָג, אז זיין פרוי איז געשטאנען און האָט גע־
וואשען איהר קאָפּ, איז געקומען א שכנה און האָט אָנגע־
קלאַפּט אין טיהר. האָט ער זיך געטראכט, עס פּאַסט עפּעס
ניט אריינצולאָזען א פרעמדען מענשען אין הויז, אין אזא
צייט. האָט ער צו דער שכנה געזאָגט אז זיין פרוי איז יעצט
ניט אין דער היים.

גלייך נאָכדעם זיינען ביי איהם געשטאָרבען דיביידע
קינדער. איז אין שטאָדט געוואָרען א טומעל. צוויי קינ־
דער שטאַרבען — אזא זאך איז דאָרט קיינמאָל געשעהן.
זיינען די מענשען פון דער שטאָדט געקומען פרעגען, ווי אזוי
דאָס איז געשעהן. האָט ער זיי דערצעהלט די מעשה ווי ער
האָט געזאָגט א ליגען.

"מיר בעטען דיך", האָבען די שטאָדט לייט געזאָגט,
"געה אוועק פון אונזער שטאָדט און רייץ אויף אונז ניט אָן
דעם טויט."

## .70

## משיח'ס צייטען

רבי נהוראי זאָגט:

משיח וועט קומען אין אזא צייט ווען אינגלעך וועלען
בעליידיגען עלטערע מענשען, און עלטערע וועלען שטעהן
אויף די פיס פאר אינגערע, און א טאָכטער וועט זיך ארויס־
שטעלען געגען דער מוטער, און א שנור געגען א שוויגער,
און דער גאנצער דור וועט האָבען א פּנים אזוי ווי א הונט,
און א זוהן וועט זיך ניט שעהמען פאר'ן פאָטער.

רבי נחמיה זאָגט:
דער דור אין וועלכען משיח וועט קומען וועט זיין פול מיט עזות. די פרומע וועלען ווערען קרומע, טרויבען וועלען זיין א סך און ויין וועט זיין טהייער.
אנדערע זאָגען:
משיח וועט ניט קומען ביז עס וועט זיך אויסנעהמען די לעצטע פרוטה פון בייטעל. אנדערע זאָגען: משיח וועט ניט קומען סיידען אידען וועלען שוין אויפגעבען האָפנונג צו ערלייזט ווערען.

## .71

# אזוי ענטפערט מען א נאַר

דער פערזישער קעניג, שבור מלכא, האָט איינמאָל געהערט אז אידען גלויבען דאָס משיח וועט קומען רייטענדיג אויף אן אייזעל. האָט ער אין שפּאס געזאָגט צו שמואל'ן:
"איהר, אידען, זאָגט אז משיח וועט קומען אויף אן אייזעל. ווי פּאסט עס זיך פאַר אזא גרויסען מאן צו רייטען אויף אן אייזעל? איך וועל איהם בעסער שיקען דעם שעהנסטען פערד וואָס איך האָב".
שמואל האָט ניט לאַנג געטראַכט און האָט איהם אזוי געענטפערט:
"א נו, וואָס פאַר א שעהנעם פערד האָסטו? האָסטו אפשר א פערד פון הונדערט קאָלירען?"
שבור מלכא וועלכער איז געוועזן זעהר שטאָלץ אויף זיינע פערד, האָט געשוויגען. אזא שעהנעם פערד האָט ער ניט געהאַט.

## .72

# ווען קומט משיח?

רבי יהושע בן לוי האָט איינמאָל געטראָפען אליהו הנביא שטעהן ביי דער היהל פון רבי שמעון בן יוחאי.
איך בעט דיך, פיהר מיך אין יענער וועלט", האָט ר' יהושע בן לוי געבעטען.
"אויב די שכינה וואָס איז דאָ מיט אונז וועט ערלויבען", האָט אליהו געענטפערט.

זיי האָבען בעקומען די ערלויבנים און זיי זיינען נע־קומען צו יענער וועלט. זיי זיינען געווען באנאנד, אָבער ר׳ יהושע האָט געהערט א שטימע פון א דרימען. האָט ר׳ יהושע געפרעגט ביי דער שטימע: "ווען קומט משיח?" האָט די שטימע געענטפערט: "געה פרעג איהם אליין. משיח׳ן".

"און וואו געפינט ער זיך?"

"ביי דעם טויער פון רוים?"

"און וואָס פאר א סימן קען איך האָבען אויף איהם?"

"ער זיצט צווישען אָרימע אביונים, געפּלאָגטע נעבעך, קראנקע און פערוואונדעטע. און ער איז אויך אזוי ווי זיי. וועסט בעמערקען אז אלע קראנקע בינדען אויף אלע זייערע וואונדען אויף אמאָל און נאָכדעם בינדען זיי איבער זייערע וואונדען אויף אמאָל, אָבער ער אליין, משיח, באנדאזשירט זיינע וואונדען איינציגווייז, ווייל טאָמער וועט מען איהם אין מיטען דריגען הייסען געהן אויסלייזען די אידען פון גלות, וויל ער ניט פערלירען אפילו א מאָמענט צייט".

ר׳ יהושע בן לוי איז אהין אוועק, און אז ער האָט משיח׳ן געפונען, האָט ער צו איהם געזאָגט:

"פריעדען צו דיר מיין האר און לעהרער!"

"פריעדען צו דיר אויך, דער זוהן פון לוי", האָט משיח געענטפערט.

"ווען קומסטו?" האָט ר׳ יהושע געפרעגט.

"היינט קום איך", האָט משיח געענטפערט.

איז ר׳ יהושע אוועק א פערשעהמטער צו אליהו הנביא.

"וואָס האָט ער דיר געזאָגט?" האָט אליהו געפרעגט.

"ער האָט געזאָגט: פריעדען צו דיר, דער זוהן פון לוי".

"דאָס איז א סימן", האָט אליהו הנביא געזאָגט, "אז דו און דיין פאָטער זיינען געזיכערט מיט עולם הבא, ווייל אנדערש וואָלט ער אזוי ניט בעגריסט דיך און דייז פאָטער׳ס נאָמען".

"ער האָט מיר אָבער געזאָגט א ליגען", האָט ר׳ יהושע זיך בעקלאָגט, "ער האָט געזאָגט אז היינט וועט ער קומען און ער קומט ניט".

האָט אליהו אזוי ערקלערט:

"ער וועט קומען היינט, אויב אידען וועלען אין דעם טאָג תשובה טהאָן און ווערען גוט און פרום".

## .73

# אז מען האט א טאכטער

א פאטער וואס האט א טאכטער שלאפט איבער איהר קיין נאכט. ווען זי איז נאך א קליינע מיידעלע זארגט ער זיך טאמער חבר'ט זי זיך מיט שלעכטע חבר'טעס און זיי לערנען איהר שלעכטע זאכען. אז זי ווערט א ביסעל עלטער האט ער מורא טאמער לאזט זי זיך אוועק אויף א קרומען וועג. אז זי ווערט שוין א כלה מויד האט ער מורא טאמער בעקומט זי ניט קיין חתן. אז זי האט שוין חתונה האט ער מורא טאמער וועט זי קיין קינדער האבען. און אז זי האט שוין קינדער און ווערט שוין אן עלטערע פרוי, שרעקט זיך זיין הארץ טאמער ווערט זי א מכשפה.

## .74

# יסורים דארף מען אננעהמען פאר ליעב

רבה בר בר חנה דערצעהלט:

אז רבי אליעזר איז קראנק געווארען זיינען געקומען זיינע תלמידים איהם מבקר חולה זיין. האט ער צו זיי געזאגט:

"א גרויסער צארן האט זיך היינט אויסגעגאסען אויף דער וועלט".

ווען די תלמידים האבען דאס געהערט האבען זיי פערשטאנען אז ער רעדט דאס פון זיינע ווייטאגען, האבען זיי גענומען וויינען. בלויז איין רבי עקיבא האט געלאכט.

"וואס לאכסטו?" האבען די אנדערע תלמידים געפרעגט.

"און וואס וויינט איהר?" האט ער זיי געפרעגט.

"ווי זאלען מיר ניט וויינען", האבען זיי געזאגט, "אז אזא גרויסער מאן וואס איז געגליכען צו א ספר תורה, ליגט אין אזעלכע יסורים".

"אט דערפאר לאך איך טאקי", האט רבי עקיבא זיי געענטפערט. "פערשטעהט איהר מיך אזוי: ווען איך וואלט געזעהן אז אונזער רבי'ן געהט גוט, זיין ווין ווערט ניט זויער, די פלאקס אויף זיין פעלד ווערט ניט פערדארבען.

זיין אויל ווערט נים טוכלע, זיין האָניג ווערט ניט קאַליע, וואָלט איך זיך געטראַכט, טאָמער חס ושלום עסט ער אויף זיין חלק עולם הבא אויף דער וועלט, אָבער יעצט אַז איך זעה אַז אויף דער וועלט האָט ער יסורים, ווייס איך וואָס עס איז אָנגעגרייט פאַר איהם אויף יענער וועלט, און אָט דערפאַר פרעה איך מיך".

"אָבער, עקיבא, פאַר וואָס קומט מיר יסורים?" האָט רבי אליעזר געפרעגט.

"רבי!" האָט ר' עקיבא געענטפערט, "דו אליין האָסט דאָך מיט אונז געלערענט דעם פסוק פון קהלת, אַז עס איז ניטאָ איין צדיק אויף דער וועלט וואָס זאָל ניט האָבען גע־זינדיגט אין זיין לעבען".

אַ צווייטען מאָל זיינען צו רבי אליעזר געקומען מבקר חולה זיין פיער זקנים: ר' טרפון, ר' יהושע, ר' אלעזר בן עזריה און ר' עקיבא. און יעדער איינער האָט געזאָגט אַ פּאָאַר טרייסט ווערטער צו רבי אליעזר.

רבי טרפון האָט געזאָגט: "דו ביזט פאַר אידען וויכ־טיגער ווי רעגען. ווייל רעגען איז נויטיג נאָר אויף דער וועלט, און דיין תורה גילט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט".

רבי יהושע האָט געזאָגט: "דו ביזט פאַר אידען וויכ־טיגער פון דער זון, ווייל די זון שיינט דאָך נאָר אויף דער וועלט, און דו, רבי, שיינסט פאַר בײדע וועלטען".

רבי אלעזר בן עזריה האָט געזאָגט: "דו ביזט די אידען ליעבער ווי פאָטער און מוטער, ווייל פאָטער און מוטער האָט מען נאָר אויף דער וועלט, און דו, רבי, ביזט צו אידען אַ פאָטער אויף בײדע וועלטען".

רבי עקיבא האָט געזאָגט: "זאָלען דיר דיינע יסורים וואויל בעקומען ווייל זיי פערגיבען אויף דיינע זינד".

## .75

# יסורים ברייגגען צו תשובה

מנשה דער זוהן פון חזקיה המלך איז געווען זעהר זינדיג און איז ניט געגאַנגען אין די וועגען פון זיין פאָטער. דערפאַר האָט גאָט אויף איהם אָנגעשיקט די אַרמעע פון מלך אשור, און זיי האָבען איהם גענומען געפאַנגען און איהם אָנגעטהאָן גרויסע יסורים.

מען האָט איהם אַריינגעזעצט אין אַ קופּערנעם קעסעל און געמאַכט אונטען אַ פייער. אין זיינע שמערצען האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. ער האָט צו זיך אַזוי געטראַכט: זאָל איך בעטען ביים אייבערשטען, איז ער דאָך ביי׳ז אויף מיר. זאָל איך בעטען ביי די געטשקעס, האָבען זיי דאָך קיין ווערטח. וואָס האָט ער געטהאָן? האָט ער צוערשט גע־בעטען ביי די גרויסע געטשקס, האָבען זיי איהם ניט גע־ענטפערט. האָט ער נאָכדעם געבעטען ביי די קליינע געטש־קעס האָבען זיי איהם אויך ניט געענטפערט. האָט ער צו־לעצט געזאָגט צום אייבערשטען: „אויב דו קענסט ענטפערען מיין געבעט טאָ ענטפער, און אויב ניט וועל איך מוזען זאָגען אַז דו ביזט אַזוי ווי זיי". גלייך האָט איהם גאָט גע־ענטפערט. אָט פון דעם איז צו זעהן אַז יסורים ברייננגען צו תשובה.

## .76

## ירבעם׳ס שווינדעל

ירבעם האָט ניט געוואָלט אַז די אידען זאָלען געהן נאָך ירושלים גאָט בעטען. האָט ער זיך בעראַטהען און האָט געמאַכט צוויי גאָלדענע קעלבער. איינעם האָט ער געשטעלט אין בית אל און דעם אַנדערען אין דן. און ער האָט געזאָגט צו די אידען (מלכים א, י״ב): „גענוג אייך צו שלעפּען זיך אין ירושלים, אָט דאָ האָט איהר אייערע גע־טער וואָס האָבען אייך אַרויסגעצויגען פון מצרים".

מיט ועמען האָט ער זיך בעראַטהען? אָט דאָ צייגט זיך אַרויס וואָס פאַר אַ שווינדעל ירבעם האָט בעגאַנגען. ער האָט אַזוי געטהאָן: ער האָט אַוועקגעזעצט אַ רשע נעבען אַ צדיק און האָט זיי געפרעגט: „וועט איהר זיך אונטער־שרייבען אויף אַלעם וואָס איך וויל טהאָן?" האָבען זיי גע־וואוינליך געענטפערט: „יאָ". זאָגט ער צו זיי ווייטער: „איך וויל ווערען אַ מלך". ענטפערען זיי: „יאָ". פרעגט ער ווייטער: „וועט איהר טהאָן אַלעם וואָס איך הייס אייך?" ענטפערען זיי ווידער: „יאָ".

„אפילו זיך בוקען צו עבודה זרה?"

„דאָס ניין!" ענטפערט דער צדיק ענטשלאָסען.

רופט זיך דאָן אָב דער רשע צום צדיק: „שוין! ושע קען

זיך דיך לייגען אוים׳ן שכל, דאס אזא מענש ווי ירבעם מיינט טאקע אז מיר זאלען זיך בוקען צו געטצען? דאס וויל ער אונז בלויז פרובירען, אויב מיר וועלען פאלגען זיין ווארט אדער ניט״. האט דער צדיק זיך געלאזט אבנארען פון דעם רשע און ער האט אויך אונטערשריבען אז ער איז גרייט זיך צו בוקען צו עבודה זרה. אזוי איז דאס אויסגעקומען אז ירבעם האט זיך בעראטהען מיט די וויכטיגסטע מענשען איידער ער האט איינגעפיהרט זיין עבודה זרה.

## 77.

## ירבעם דער כבוד זוכער

איינמאל האט דער אייבערשטער געזאגט צו ירבעם:

״אויב דו וועסט תשובה טהאן, וועלען איך, דו און דוד המלך שפאצירען צוזאמען אין גן עדן״.

״און ווער וועט געהן פריהער?״ האט ירבעם געפרעגט. פרעגט.

״דוד״, האט דער אייבערשטער געענטפערט.

״אויב אזוי, וויל איך ניט״, האט ירבעם געזאגט און איז פערבליבען ביי זיין רשעות.

## 78.

## זייער חכמה האט זיי בעפרייט

צוויי אידען זיינען געפאנגען געווארען אין הר הכרמל און דער פערזישער בעאמטער, וואס האט זיי געפאנגען, איז זיי נאכגעגאנגען. הערט ער ווי איין איד זאגט צום אנדערען: ״דא האט געמוזט פריהער פון אונז דורכפאהרען א קעמעל וואס איז בלינד אויף אן אויג, און איז אנגעלאדען מיט צוויי פעסער, איינע מיט וויין און די אנדערע מיט אויל, און די צוויי מענשען וואס פיהרען דעם קעמעל איז איינער א איד און דער אנדערער א פערזיער.״

רופט זיך אב דער פאנגער צו זיי: ״איהר פאלק מיט׳ן הארטען נאקען! איהר מאדנע מענשען וואס איהר זייט! פון וואנען ווייסט איהר דאס אלעס?״

האבען זיי דאס איהם אזוי ערקלערט:

"געוואוינליך אז א קעמעל נעהמט דורך עסט ער די גראָז פון ביידע זייטען פון וועג. אָבער דאָ זעהט מען אז דער קעמעל האָט געגעסען בלויז פון איין זייט וועג. דאָס צייגט אז פון דער אנדער זייט קען ער ניט זעהן. אז ער פיהרט איין פאַס וויין און די צווייטע איז מיט אויל קען מען זעהן פון דעם וואָס האָט ארונטערגעטריפט פון די פעסער אויף דער ערד. וויין טראָפּענס אז זיי פאַלען צו דער ערד זינקען זיי איין, אָבער פון אויל שווימען די טראָפּענס פון אויבען־אויף. וועגען די צוויי מענשען זיינען וואָס פיהרען דעם קעמעל איז אויך לייכט צו דערקענען. אז א איד עסט וואַרפט ער די ברעקלעך אָן א זייט, אָבער אז א פערזיער עסט וואַרפט ער די ברעקלעך אויפ'ן מיטען וועג."

דער בעאמטער איז נייגעריג געוואָרען צו וויסען אויב דאָס איז אמת, איז ער נאָכגעלאָפען ביז ער האָט אָנגעיאָגט דעם קעמעל מיט זיינע פיהרער. און אז ער האָט אויסגע־פונען אז אלעס וואָס די צוויי געפאנגענע אידען האָבען גע־זאָגט איז אמת, האָט ער זיי ביידען געקוסט אין קאָפּ, האָט זיי אוועקגעפיהרט צו זיך אהיים, האָט פאר זיי געמאכט א גרויסע סעודה און האָט געטאנצט פאר זיי און געזונגען: "געבענשט זאָל זיין דער וואָס האָט אויסערוועהלט די קינ־דער פון אברהם און ער האָט זיי געגעבען א טייל פון זיין חכמה!"

נאָכדעם האָט ער זיי ארומגעפיהרט איבעראל און די וואָס האָבען געזאָלט זיין זייערע הארען זיינען געוואָרען זיי־ערע בעדיענער. צולעצט האָט ער זיי בעפרייט איי זיי זיי־נען אוועק אהיים.

## .79

# א געווין ביינאכט

ביי א פרוי וואָס האָט געוואוינט אין דער נאכבארשאפט פון רבן גמליאל איז געשטאָרבען איהר זוהן, וועלכער איז געווען זעהר א געראָטענער אינגעל. די מוטער האָט געוויינט נאָך איהר קינד די גאנצע נאכט. עס ליעגט אזוי אין דער נאטור פון דעם מענשען, אז ער הערט איינעם וויינען ביי־נאכט, ווערט ער אזוי געריהרט דאס ער מוז אויך וויינען. און ווען רבן גמליאל האָט געהערט דעם יאמער פון דער אָרי־

מער מוטער האָט ע ־יך דערמאָנט אָן דעם חורבן בית המקדש און ער האָט אזוי פיעל מרעהרען פערנאָמען דאָס זיינע ברע־מען זיינען איהם אויסגעקראָכען. אויף מאָרגען אז זיינע תלמידים האָבען בעמערקט ווי ער זעהט אויס, האָבען זיי איהר אוועקגענומען פון זיין נאַכבארשאַפט.

## .80

## ניט דער מענש דארף שטראָפען

רב יהודה דערצעהלט אין נאָמען פון רב :

די חכמים האָבען איינמאָל געוואָלט אריינעהמען שלמה המלך אין דעם צעטעל פון די אידישע מלכים וואָס האָבען קיין עולם הבא. האָט זיך פאר זיי בעוויזען דער געשטאַלט פון דוד המלך און האָט זיך זיי צו די פיס געוואָרפען און גע־בעטען אז זיי זאָלען דאָס ניט טהאָן, אָבער די חכמים האָ־בען דאָס ניט געאכט. איז ארויס א בת קול פון הימעל און האָט געזאָגט : "אָט דעם מענשען וואָס האָט פריהער געבויט א הויז פאר מיר און נאָכדעם פאר זיך, און נאָך מעהר : מיין הויז האָט ער פערטיג געמאַכט אין זיבען יאָהר און זיין הויז האָט געדויערט צו בויען דרייצעהן יאָהר, אָט איהם ווילט איהר שיקען אין גיהנם ?" האָבען די חכמים אויך ניט גע־אכט. צולעצט איז ארויס א צווייטער בת קול און האָט גע־זאָגט : "מיט וואָס פאר א רעכט האָט איהר צו פערטיילען שטראָפען און זאָגען רעות ווער עס זאָל געהן אין גן עדן, און ווער ניט ?"

ערשט דאַן האָבען די חכמים געענדערט זייער בעשלוס.

## .81

## ווען שונאים ווערען פריינד

די צוויי פעלקער מואב און מדין האָבען קיינמאָל גע־לעבט בשלום און זיינען אימער געווען אין קריעג. אָבער ווען זיי האָבען געוואָלט בעקעמפפען די אידען האָבען זיי געמאַכט שלום.

דאָס איז א משל מיט צוויי הינט וואָס האָבען זיך גע־פונען אין איין סטאַדע און זיי האָבען איינער דעם אנדערען

שטאַרק פיינד געהאַט. איינמאָל איז אַ וואָלף בעפּאַלען איי־נעם פון זיי. האָט זיך דער אַנדערער געטראַכט: אויב איך וועל איהם היינט ניט העלפען וועט מאָרגען קומען דער וואָלף און וועט מיך טויטען. האָבען זיך ביידע צוזאַמען ארויסגע־שטעלט געגען דעם וואָלף און זיי האָבען איהם דער׳הרג׳עט.

רב פּפּא האָט געזאָגט: ״אַט דאָס איז וואָס מענשען זאָגען אַ ווערטעל: ״אַז צוויי קעץ מאַכען אַ שמחה׳לע איז דאָס אַ שלעכטער סימן.״

## 82.

# די בייזע רגע

פריהמאָרגענס, אַז די זונן שיינט אויף, און די מלכים, די געצענדיענער, טהוען אָן די קרוינען אויף זייערע קעפּ און בוקען זיך צו דער זונן, ווערט דער אייבערשטער בייז, אָבער זיין כעס דויערט בלויז אַ רגע — אַזוי ווערט געזאָגט אין נאָמען פון רבי מאיר.

און ווען איז דיזע רגע? דאָס איז אין דעם מאָמענט ווען עס ווערט וויים דער קאַם פון דעם האָהן, און דוקא ווען ער ווערט אין גאַנצען וויים און עס זעהען זיך אין דעם קיין רויטע פעדים.

אין דער נאַכבאַרשאַפט פון רבי יהושע ב׳ לוי האָט געוואוינט אַן אפיקורס וואָס פלעגט איהם דערגעהן די יאָח־רען. איינמאָל האָט ר׳ יהושע בן לוי גענומען אַ האָהן און האָט איהם צוגעבונדען פאַר אַ פוס. נאָכדעם האָט ער זיך אוועקגעזעצט וואַרטען, טראַכטענדיג, ווען עס וועט קומען די בייזע רגע ווען דעם האָהן׳ס קאַם ווערט וויים וועט ער דעם אפיקורס שילטען. ווען עס האָט געדאַרפט אָנקומען יענע צייט האָט ר׳ יהושע איינגעדרעמעלט, האָט ער צו זיך געזאָגט: ״דאָס צייגט אַז עס איז ניט שעהן דאָס אַ צדיק זאָל בעשטראָפען מענשען״.

## .83

# בעסער א קללה פון א פריינד, איידער א ברכה פון א שונא

רבי שמואל בר נחמני האָט געזאָגט:

עס איז בעסער די קללה מיט וועלכער אחיה דער נביא פון שלה האָט געשאָלטען די אידען, איידער די ברכה מיט וועלכער בלעם האָט זיי געבענשט. אחיה האָט די אידען געשאָלטען (מלכים א, יד): אז גאָט וועט זיי אזוי שלאָגען אז זיי וועלען ציטערען ווי עס ציטערט דער ראָהר (טראָסטניק) וואָס וואַקסט ביים וואַסער. וואָס איז די נאַטור פון דעם ראָהר? ער שטעהט אין וואַסער, זיין שטאַם בענייט זיך, זיינע וואָרצלען זיינען זעהר פיעל, און ווען עס קומען און בלאָזען די שטאַרקסטע ווינטען אין דער וועלט קענען זיי איהם ניט אויסרייסען פון אָרט, דען ער שאָקעלט זיך און בויגט זיך מיט'ן ווינט. און ווען עס ווערט שטיל זעהט מען איהם שטעהן אויף זיין אָרט, אזוי ווי עס איז גאָרניש געשעהן.

בלעם האָט די אידען געבענשט און פערגליכען צו א צעדערבוים (במדבר, כד). און וואָס איז די נאַטור פון א צעדערבוים? ניט אימער שטעהט ער ביים וואַסער, זיין שטאַם בענייט זיך ניט, זיינע וואָרצלען זיינען זעהר ווייניג. און ווי עס קומט נאָר א שטאַרקער דרום ווינט אזוי רייסט ער איהם אויס און שליידערט איהם צו דער ערד.

## .84

# בלעם'ס עצה

בלעם האָט אזוי געזאָגט צו בלק'ן: "איך וועל דיר געבען אן עצה. דער גאָט פון די אידען האָט זעהר פיינט אויסגעלאַסענהייט, און זיי שליין, די אידען, האָבען שטאַרק ליעב ליינוואַנטענע קליידער. זאָלסטו טהאָן אזוי: שטעל אויס אין די גאַסען פאַווילאָנען און זעץ אין זיי הורין אויסגעלאַסענע פרויען. אין יעדען פאַווילאָן זעץ אוועק אן עלטערע אין דרויסען און א איינגערע פון אינוועייניג".

בלעם האט בלק'ן ערקלערט זיין גאנצע פלאן און דער רעזולטאט איז געווען אזוי:

ווען די אידען זיינען געקומען און האבען זיך געלאזט וואויל געהן, עסען און טרינקען און אמוזירען זיך, און זיינען ארוים אין מארק, וואו די פאוויליאנען זיינען געווען אויפ־געשטעלט, פלעגט די אלטע אבשטעלען א אידען און איהם פרעגען: "אפשר ווילסטו קויפען ליינווענטענע קליידער?" די אלטע פלעגט איהם זאגען א גלייכען מקח, אבער די איני־גערע וואס פלעגט זיצען אינווענינ, פלעגט אויסרופען: "קום אריין אהער, איך וועל דיר אבגעבען פאר א חעלפט, פאר א דריטעל פון דעם פרייז".

או דער איד פלעגט שוין אריינקומען, פלעגט זי צו איהם זאגען: "זייט א ביסעל, דו ביזט ביי מיר ווי אן אייגענער מענש, א בן בית. זיץ און קלייב זיך אליין אויס סחורה". און דערווייל פלעגט זי אנצייגען אויף קריגלעך יויין וואס זיינען געשטאנען נעבען איהר און זאגען: "ווילסטו טרינקען א ביסעל וויין?" און ווי נאר דער איד האט געטרונקען פון דעם וויין האט זיך אין איהם אנגעצונדען אן אונריינער פייער. דאן פלעגט זי ארויסנעהמען א געטשקע פון איהר שויס און דעם אידען צוריידען אז ער זאל דיענען צום געטש־קע און לייקענען אין תורת משה.

## .85

## דער קעמעל האט געוואלט הערנער

בלעם איז געגאנגען צו די מלכים פון מדין בעטען זי זאלען איהם בעצאהלען פאר די פיער און צוואנציג טויזענד אידען וואס זיינען געפאלען אין דער מגיפה דורך זיין עצה, איז ער אבער דארט דער'הרג'עט געווארען צוזאמען מיט די מלכי מדין. אזוי זאגט רבי יוחנן.

מר זוטרא בר טוביא בעמערקט וועגען דעם: אט דאס איז וואס מענשען זאגען א ווערטעל: "דער קעמעל איז געגאנגען זוכען הערנער האט מען ביי איהם זיינע אויער'ען אויך אבגעשניטען".

## .86

# דער אייך פון א נסיון

רב יהודה האָט געזאָגט אין נאָמען פון רב:

קיינמאָל זאָל א מענש זיך ברייננגען צו א נסיון, ווען מיר זעהען אז אפילו אזא גרויסער מאַן ווי דוד מלך ישראל האָט זיך געבראַכט צו א נסיון און ער איז דאָך אריינגעפאַלען. די מעשה איז אזוי געווען.

איינמאָל האָט דוד געזאָגט: "רבונו של עולם! פאַר וואָס זאָגט מען דער גאָט פון אברהם, דער גאָט פון יצחק, דער גאָט פון יעקב און מען זאָגט ניט דער גאָט פון דוד?"

האָט דער אייבערשטער געענטפערט: "זיי האָב איך אויספּרובירט, אָבער דו ביזט ביי מיר נאָך ניט אויספּרובירט געוואָרען".

"רבונו של עולם!" האָט דוד געבעטען, "פּרוביר מיך אויך".

"איך וועל דיך פּרובירען", האָט דער אייבערשטער געזאָגט, "און כאָטש יענע האָב איך ניט געוואָרנט, וויל איך דיך דאָך וואָרנען אז דו וועסט האָבען א שווערען נסיון ביי־צושטעהן".

איינמאָל האָט דוד שפּאַצירט איבער דעם דאַך פון זיין הויז, האָט ער פון דאָרט געזעהן ווי די שעהנע בת שבע שטעהט אונטען און וואַשט איהר קאָפּ. זי איז געווען פאַר־שטעלט מיט א שירם. איז געקומען דער שטן און האָט זיך פערשטעלט פאַר א פויגעל. דוד האָט אויף דעם פויגעל געשאָסען און האָט געטראָפען אין שירם וועלכער האָט זיך צוריסען. ערשט דאַן האָט דוד געזעהן ווי אמת שעהן בת שבע איז געווען, און ער האָט פערגעסען אז ער איז געשטעלט געוואָרען אויף א פּראָבע. ער האָט געשיקט נאָך דער פרוי און איהר געהייסען ברייננגען צו זיך.

און אזוי איז ער אין דער פּראָבע דורכגעפאַלען.

## .87

# נח דער צדיק

נח איז געווען אַן אמת׳ער צדיק אין זיין דור, אזוי דער־צעהלט די תורה.

רבי יוחנן זאָגט: דאָס מיינט אז אין פערגלייך מיט די מענשען פון זיין דור איז נח געווען א צדיק, אָבער אין אנדערע דורות וואָלט מען איהם ניט געקענט רופען צדיק. און רבי חנינא גיט אויף דעם א משל.

א פאַס ווייז איז געשטאַנען אין א קעלער וועלכער איז געווען פול מיט פעסער עסיג. אזוי לאנג ווי דער וויין געפינט זיך צווישען עסיג פיהלט מען אז דער וויין האָט א געשמאַקען אראָמאַט. נעהמט מען דעם וויין אוועק פון דעם עסיג, אזוי שפירט זיך שוין ניט זיין אראָמאַט אזוי שטארק.

ריש לקיש זאָגט: ווען נח האָט געקענט זיין א צדיק אין זיין דור האָט ער אין אנדערע דורות געקענט זיין נאָך א גרעסערער צדיק. און רבי אושעיא גיט אויף דעם אזא משל.

א פלעשעלע מיט שמעקעדיגען בוימאייל איז געשטאַנען אין א שמוציגען אָרט און דאָך האָט די פלעשעלע ארויסגע־געבען פון זיך א טייערען ריח. היינט ווי בעסער שמעקט די פלעשעלע ווען זי שטעהט אין אן אפטייק?

## 88.

## געגעבען צו פערזוכען עולם הבא

איידער דער אייבערשטער האָט געבראַכט דעם מבול, האָט ער די מענשען פון יענעם דור געגעבען צו פערזוכען עולם הבא, כדי זיי זאָלען וויסען וואָס זיי האָבען פערלאָרען צוליעב זייערע שלעכטע מעשים.

## 89.

## נאָר צו מענשען ניט אָנקומען

ווען נח האָט צום צווייטען מאָל ארויסגעשיקט די טויב פון זיין תיבה, צו אויסגעפינען אויב עס איז דאַ נאָך א סך וואַסער אויף דער ערד, איז זי צוריקגעקומען מיט א בלאַט פון אן אוילבערט בוים.

רבי אלעזר ערקלערט די בעדייטונג פון דעם בלאַט אזוי: די טויב האָט געזאָגט: „רבונו של עולם! מיין שפייז מעג זיך זיין ביטער אזוי ווי אן אוילבערט בוים אָבער עס זאָל קומען פון דיין האנד. איידער מיין שפייז זאָל זיין אזוי

זיס ווי האָניג און עס זאָל קומען פון דער האַנד פון אַ מענ־
שען".

## 90

# אַ שמועס צווישן אליעזר און שם

רב חנא דערצעהלט:

אליעזר דער קנעכט פון אברהם האָט איינמאָל געפרעגט
ביי שם, דער עלטסטער זוהן פון נח: „זאָג מיר, ווי האָט
איהר געקענט אויפפאַסען אויף אַזוי פיעל בעשעפעניסען אין
דער תיבה?"

„מיר האָבען טאַקע געהאַט גרויס זאָרג און מיה", האָט
שם געענטפערט. „עס זיינען דאָ בעשעפעניסען וואָס זייער
נאַטור איז צו עסען בייטאָג, האָבען מיר זיי געדאַרפט שפּיי־
זען בייטאָג. און עס זיינען דאָ אַזעלכע וואָס זייער געוואוינ־
הייט איז צו עסען ביינאַכט, האָבען מיר זיי געמוזט שפּייזען
ביינאַכט. דאָרט האָט זיך געפונען אַ חיה מיט דעם נאָמען
„זיקתא", האָט מיין פאָטער ניט געוואוסט וואָס איהר עסען
צו געבען. איינמאָל איז מיין פאָטער געזעסען און געשניטען
מילגרוימען, איז פון דעם ארויסגעפאַלען אַ וואָרים און די חיה
האָט עס אויפגעגעסען. זייט יענעם טאָג פלעגט מיין פאָטער
אוועקלייגען פאַר איהר האַלב צופוילטע פרוכטען און ווען עס
פלעגט ווערען ווערעמדיג, פלעגט די זיקתא עסען. דאָרט איז
געווען אַ פויגעל, וועלכע האָט געהייסען אורשינא, אָדער
„חול". פלעגט ער ליגען און שלאָפען די גאַנצע צייט אין
זיין קעמערעל. איינמאָל פרעגט איהם מיין פאָטער: „דו
ווילסט גאָר ניט עסען?" האָט דער פויגעל געענטפערט:
„איך זעה, אַז דו האָסט אַזוי פיעל שווערע ארבייט מיט די
אַנדערע, האָב איך דיך ניט געוואָלט בעמיהען". ווען מיין
פאָטער האָט געהערט אַזעלכע רייד, האָט ער אויסגערופען:
„עס זאָל זיין דער ווילען פון דעם אויבערשטען, אַז דו זאָלסט
קיינמאָל ניט שטאַרבען". און דער פויגעל לעבט אייביג.

„זאָג מיר", האָט שם געפרעגט ביי אליעזר, „וואָס האָט
איהר געטהאָן ווען די מלכים פון מזרח און מערב זיינען גע־
קומען מיט אייך מלחמה האַלטען?"

„עס איז געווען אזוי:“ האט אליעזר דערציילט. „דער אייבערשטער האט גענומען אברהם׳ן און האט איהם אוועקגעזעצט ביי זיין רעכטער האנד. פלעגען מיר שליידערן אויף אונזערע שונאים ערד פלעגט פון דעם ערד ווערען שווערדען. מיר פלעגען ווארפען שטרוי און עס פלעגט פון דעם ווערען פיילען.“

## 91.

## די רשעים פון סדום און עמורה

אז די מענשען פון סדום און עמורה פלעגען ווארפען אן אויג אויף א מאן וואס האט א סך געלד פלעגען זיי זיך קלינגען ווי דאס געלד ביי איהם ארויסצוקריגען. אמאל פלעגען זיי איהם אריינגנארען אין אן ארט וואו עס איז געשטאנען א שוואכע וואנט. אימיצער פלעגט די וואנט א שטויס טהאן, דער רייכער מאן פלעגט דער׳הרג׳עט ווערען און נאכדעם פלעגט מען ביי איהם צו נעהמען זיין געלד. און אמאל פלעגען זיי טהאן אזוי. איינער פון זיי פלעגט קומען צו א רייכען מאן מיט א פלעשעלע שמעקעדיגע אויל, פון זעהר א טייערען סארט, און זאגען: „האט די פלעשעלע אויל אין ביי מיר זעהר טייער, און אזוי ווי איך האב מורא אז מען וועט דאס ביי מיר גנב׳ענען בכן בין איך געקומען צו דיר אז דו זאלסט עס פאר מיר בעהאלטען צווישען דיינע אוצרות.“

דער רייכער מאן פלעגט צונעהמען די פלעשעלע און ער פלעגט עס בעהאלטען צווישען זיינע אוצרות. שפעט ביינאכט פלעגט דער מאן וואס האט געבראכט די פלעשעלע קומען מיט זיינע פריינד, זיי פלעגען נאכשפירען דעם ריח פון די שמעקעדיגע אויל ביז זיי פלעגען דערגעהן וואו דאס ליעגט בעהאלטען, און דאן פלעגען זיי צונעהמען די אוצרות פון דעם רייכען מאן.

---

ר׳ יוסי פון צפורי האט איינמאל דערצעהלט די מעשה אין א דרשה, זיינען אין יענער נאכט געשעהן דריי הונדערט גנבות וואס גנבים האבען אונטערגעגראבען בעהאלטענע אוצרות. זיינען די מענשען פון דער שטאדט געקומען צו

ר׳ יוסי און האבן צו איהם גע׳טענה׳ט: "דו האסט די גנבים געצייגט א וועג." האט ער זיי געענטפערט: "איך האב דען געוואוסט אז ביי אייך געפינען זיך גנבים? איך האב געמיינט אז איהר זייט אלע עהרליכע לייט."

---

ביי די רשעים פון סדום איז געווען איינגעפיהרט, דאס איינער וואס פערמאגט אן אקס דארף ער פאשען די שטאדט בהמות איין טאג, דער וואס האט גארנים, דארף פאשען צווי מעג. האט זיך דארט געפונען א יתום וואס האט זיך אויפגעהאלטען ביי זיין מוטער, אן ארימע אלמנה, און ער האט גאר נים געהאט קיין פיה. האט מען איהם געצוואונגען צו פאשען די בהמות פון דער גאנצער שטאדט. וואס מהוט דער יתום? נעהמט ער און הרג׳עט אוים אלע בהמות און זאגט: "ווער עס האט געהאט א בהמה זאל זיך נעהמען איין פעל. ווער עס האט נים געהאט זאל זיך נעהמען צוויי פעלען." האבען זיי געפרעגט: "וואס איז דאס אזוינס פאר א ארדנונג?" האט דער יתום אזוי געענטפערט: "איך האב געהאנדעלט לויט דעם ביישפיעל וואס איהר האט מיר געצייגט."

---

פיער ריכטער זיינען געווען אין סדום. איינער האט געהייסען ליגנער, דער צווייטער האט געהייסען שווינדלער, דער דריטער פעלשער, דער פערטער כאבארניק. ווען אי־מיצער איז געקומען זיך בעקלאגען אויף איינעם אז יענער האט ביי זיין אייזעל אבגעשניטען אן אויער, פלעגען די ריכטער פסקנ׳ען אז ער זאל דעם אייזעל אבגעבען צו דעם אנגעקלאגטען און יענער זאל דעם אייזעל ביי זיך האלטען ביז דער אויער וועט צוריק אבוואקסען. אויב איינער איז געקומען זיך קלאגען אויף אן אנדערען דאס ער האט איהם געמאכט א וואונד, פלעגען די ריכטער פסקנ׳ען אז דער גע־שלאגענער זאל דעם שלעגער בעצאהלען פאר בלוט לאזען.

---

ווייטער איז אין סדום געווען איינגעפיהרט, דאס פאר איבערגעהן א בריק פלעגט מען מוזען צאהלען א טאקסע פון פיער גילדען. ווען איינער האט געוואלט איינשפארען די פיער גילדען און איז אריבערגעגאנגען אין וואסער, האט מען איהם נאכדעם ווען ער איז געקומען אויף דעם אנדער

זיין טייך, געצוואונגען צו בעצאהלען אכט גילדען. איינ־מאל איז אהין געקומען א וועשער, האט ער געוואלט איינ־שפארען די טאקסע פאר'ן געהן איבער'ן בריק, איז ער אריבער אין וואסער. ווען מען האט ביי איהם נאכדעם גע־פאדערט ער זאל בעצאהלען אכט גילדען, האט ער ניט גע־וואלט צאהלען. האט מען איהם געשלאגען ביז בלוט. ווען ער איז געקומען צו די ריכטער האבען זיי איהם פער־משפט אז ער זאל די שלעגער בעצאהלען פאר דער אפעראציאן פון בלוט לאזען.

---

אליעזר דער קנעכט פון אברהם איז איינמאל געקומען אין סדום, האט מען איהם דארט געמאכט א וואונד. ווען ער איז געקומען צו א ריכטער, זיך צו בעקלאגען, האט דער ריכטער גע'פסקנ'ט אז אליעזר זאל בעצאהלען זיין אנגרייפער פאר בלוט לאזען. נעהמט אליעזר און גיט דעם ריכ־טער אזא זעטץ דאס ער האט זיך בעוואשען מיט בלוט. "וואס איז דאס?" האט דער ריכטער געפרעגט. "דאס וואס מיר קומט יעצט ארויס פון דיר", האט אליעזר געענטפערט, "בעצאהל דעם וואס האט מיך געשלאגען, און מיין געלד בלייבט ביי מיר."

---

ביי די מענשען פון סדום איז געווען אן אבמאך, דאס ווען איינער וועט איינלאדען א פרעמדען מענשען צו א שמחה, זאל מען ביי דעם וואס האט איינגעלאדען צונעהמען זיינע קליידער.

איינמאל איז אליעזר געקומען אין סדום. האט איהם קיינער געוואלט געבען עסען. אין שטאדט איז גראדע יענעם טאג געווען א חתונה, און אזוי ווי אליעזר איז געווען שטארק הונגעריג האט ער זיך געלאזט געהן צו דער חתונה, אפשר וועט ער דארט קענען עפעס געניסען. ער איז גע־קומען און האט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, נעבען דעם לעצטען. האט מען איהם געפרעגט: "ווער האט דיך אהער איינגעלאדען?" האט אליעזר געזאגט שטיל צו דעם מאן וואס איז נעזעסען נעבען איהם: "דו האסט דאך מיך איינ־געלאדען, ניט אמת?" יענער מאן האט זיך ערשראקען. ער האט זיך געטראכט: ווען ער רעדט עס ארויס העכער און די אנדערע מענשען הערען דאס אז איך האב איהם איינ־

געלאדען וועלען זיי פון מיר אראבנעהמען די קליידער. האט ער געכאפט זיין מאנטעל און איז ארויסגעלאפען פון הויז. אזוי האט אליעזר געטהאן צו א צווייטען, א דריטען, ביז דער גאנצער טיש איז ליידיג געווארען. נאכדעם האט ער אויפגעגעסען זייער סעודה.

---

אין סדום איז געווען א בעטעל וועלכע מען האט געהאלטען פאר אורחים. אויב דער אורח איז געווען צו לאנג פלעגט מען איהם אונטערשניידען די פיס אז ער זאל זיך פאסען צו דער בעטעל. אויב ער איז געווען צו קורץ, פלעגט מען איהם אזוי לאנג ציהען די גליעדער ביז מען פלעגט איהם אבייסען א גליעד.

איינמאל איז אהין געקומען אליעזר, האט מען איהם איינגעלאדען זיך צו לייגען אין דער בעטעל, האט ער געזאגט: "זייט מיין מוטער איז געשטארבען האב איך אויף זיך גענומען א נדר אז איך זאל קיינמאל נים שלאפען אין א בעט."

---

ווען עס פלעגט אמאל אהין קומען אן ארימאן, פלעגט איהם יעדער איינער שיינקען א נדבה א רענדעל, און אויף דעם רענדעל איז געווען אויסגעקריצט דער נאמען פון דעם געבער. שפייז פלעגט מען דעם ארימאן ניט טאהרען פערקויפען, און אז ער פלעגט שטארבען פון הונגער פלעגט יעדער איינער קומען און צונעהמען זיין רענדעל.

---

אין סדום האט זיך געפונען א מיידעל איז זי געווען גאנץ אנדערש ווי איהרע שטאדט לייט. איינמאל האט זי רחמנות בעקומען אויף אן ארימאן וועלכער איז אויסגעגאנגען פאר הונגער. אבער אזוי ווי זי האט מורא געהאט איהם צו געבען עסען, איז איהר איינגעפאלען א קלוגער איינפאל. ווען זי איז געגאנגען נאך וואסער, האט זי אין איהר עמער מיטגענומען א שטיקעל ברויט, און ווען זי איז פערבייגעגאנגען דעם ארימאן האט זי איהם דאס ברויט געגעבען. עטליכע מאל האט זי דאס געטהאן, ביז די זאך האט זיך דערוואוסט. די רשעים פון סדום האבען פאר דער בארימהארציגער מיידעל אויסגעטראכט א שרעקליכע שטראף. זיי האבען איהר אין גאנצען אויסגעשמירט אין

האָניג און האָבען אויפגעהאנגען אויף אַ בוים. ביהגען זיינען געקומען און האָבען די אונגליקליכע מיידעל צוביסען אויף טויט.

## .92

## צוגעצאָהלט דעם גנב

איינמאָל איז אַ מאַן פון דעם לאַנד עילם געגאַנגען אין וועג און ער האָט געהאַט מיט זיך אַן אייזעל וועלכער האָט געטראָגען אַ טייערע קאָלדרע, געפּאַרבט אין פערשידענע קאָלירען, און די קאָלדרע איז געווען אָנגעבונדען צום אייזעל מיט אַ שטריק. פאַרנאַכט, ווען די זון האָט שוין געהאַלטען אין אונטערגעהן, איז דער רייזענדער אָנגעקומען אין סדום. ער האָט זיך אַרומגעדרעהט אין די גאַסען און געזוכט אַ נאַכט־לעגער, אָבער קיינער האָט איהם געוואָלט אין הויז אַריינלאָזען. דער רייזענדער האָט געמיינט אַז עס וועט איהם אויס־קומען צו נעכטיגען אין גאַס, אָבער ווען עס האָט שוין אָנ־געהויבען צו ווערען פינסטער, האָט זיך בעוויזען אַ מאַן פון סדום און זיין נאָמען איז געווען הידוד.

"וואָס טהוסטו דאָ?" האָט הידוד דעם פרעמדען גע־פרעגט.

"איך קום פון עילם", האָט דער רייזענדער געענטפערט. "איך בין אהער אָנגעקומען אָט דיזען פאַרנאַכט און קיינער וויל מיך אין הויז אַריינלאָזען. איך האָב מיין אייגען ברויט און וואַסער, אויך שטרוי און האָבער פאַר מיין אייזעל. איך דאַרף גאַרנישט פון קיינעם, בלויז אַז מען זאָל מיך לאָזען איבערנעכטיגען."

"קום מיט מיר", האָט הידוד געזאָגט. "דו װעסט אין גאַס ניט נעכטיגען."

דער רייזענדער האָט זיך געפרעהט וואָס ער האָט ענד־ליך געפונען אַ נאַכטלעגער און עס איז איהם גאָר ניט איינ־געפאַלען אַז דער הידוד איז איינער פון די געפעהרליכסטע שווינדלער פון סדום.

הידוד האָט זיין גאַסט געבראַכט צו זיך אַהיים. ער האָט ביי איהם צוגענומען זיין אייזעל מיט דער טייערער קאָלדרע און דעם שטריקעל, און געבראַכט אין זיין שטאַל. דעם גאַסט האָט ער אַריינגעפיהרט אין הויז, האָט איהם געגעבען אַ שעה־

געם מאַהלצייט און געמאכט פאַר איהם א וויי‍כען, בעקוועמען געלעגער.

דער גאסט האָט איבערגענעכטיגט די נאכט. אין דער פריה, אז דער גאסט האָט געוואָלט אוועקגעהן, האָט איהם הידוד ניט געלאָזען. "דו מוזט צוערשט עסען פריהשטיק", האָט הידוד געזאָגט, "נאָכדעם וועסטו געהן דיין וועג."

דער גאסט האָט איהם געפאָלגט. ביידע האָבען זיך געזעצט עסען און טרינקען, און זיי האָבען אזוי לאַנג געגעסען און געטרונקען און פרעהליך פערבראכט, דאָס די צייט איז שנעל אוועק, און ווען דער רייזענדער האָט זיך אויפגעהויבען אוועקצוגעהן, האָט הידוד געזאָגט צו איהם:

"וואוהין וועסטו יעצט געהן? זעה, דער טאָג איז שוין באַלד אוועק. בלייב שוין דאָ נאָך א נאכט."

דער רייזענדער האָט איהם ניט געקענט ענטזאגען און איז פערבליבען אויף נאָך א נאכט.

אויפ'ן צווייטען פריהמאָרגען, אז דער רייזענדער האָט געוואָלט אוועקגעהן, האָט הידוד איהם ווידער געבעטען אז ער זאָל פערבלייבען אויף נאָך א טאָג, אָבער דער גאסט האָט זיך אויפגעהויבען פעסט ענטשלאָסען אז ער מוז געהן, און ער האָט גענומען אָנזאָטלען זיין אייזעל און זיך מאכען גרייט צו דער רייזע. אין מיטען דערינען איז אָנגעקומען הידוד'ס פרוי און האָט געזאָגט צו איהר מאַן: "דער גאסט איז ביי אונז געזעסען צוויי טעג, געגעסען און געטרונקען, זאָל ער יעצט בעצאָהלען." אָבער הידוד האָט איהר געענטפערט: "דו שווייג."

ווען דער רייזענדער איז פערטיג געוואָר־ען מיט אָנזאָטלען זיין אייזעל האָט ער געזאָגט צו הידוד'ן: "יעצט גיב מיר מיין קאָלדרע און דעם שטריקעל וואָס איך האָב דיר געגעבען צו בעהאַלטען."

"איך פערשטעה ניט וואָס דו זאָגסט," האָט הידוד געענטפערט.

"איך מיין אָט דעם שטריקעל מיט דער פיינער קאָלדרע, וועלכע איז געפארבט מיט פערשידענע קאָלירען.

"א, יעצט פערשטעה איך", האָט הידוד געזאָגט. "דו האָסט אין חלום געזעהן א קאָלדרע מיט א שטריקעל און דו ווילסט אז איך זאָל דיר זאָגען די בעדייטונג פון דעם חלום. וועל איך דיר טאַקע זאָגען. דער שטריקעל בעדייט אז דיין

לעבען וועט זיך ציהען זעהר לאנג ווי א שטריק און דאס וואס דו האסט געזעהן א קאלדרע מיט פערשידענע פארבען צייגט אז דו וועסט האבען א גארטען און עס וועלען אין איהם וואקסען פערשידענע פרוכטען."

"ניין, מיין הער", האט דער גאסט געזאגט. "עס איז ניט געווען א חלום. איך האב דיר די זאכען געגעבען אויפ'ן וואהר."

"איך פערשטעה", האט הידוד געזאגט, "בעת דו האסט די זאכען געזעהן אין חלום, האט זיך דיר אויסגעוועבען אז דו זעהסט די זאכען ריכטיג אזוי ווי אויפ'ן וואהר. וועסטו טאקע לאנג לעבען און דו וועסט האבען א שעהנעם גארטען. מענשען צאהלען מיר געוואוינליך פיער זילבערנע טאלערס פאר א פתרון חלום, אבער ביי דיר וועל איך מעהר ווי דריי טאלער ניט נעהמען."

דער רייזענדער איז געווארען שטארק בייז. ער האט געמאכט א גרויסען געוואלד און געשלעפט הידוד'ן אין גע־ריכט. דארט האט דער רייזענדער דערצעהלט דעם ריכטער זיין געשיכטע ווי הידוד האט איהם בערויבט, אבער הידוד האט אלעס אבגעלייקענט. ער האט געזאגט אז דעם רייזענ־דען האט זיך דאס בלויז גע'חלום'ט וועגען דער קאלדרע מיט'ן שטריקעל.

"עס איז אמת", האט דער ריכטער געזאגט צום רייזענ־דען, "הידוד איז טאקע פותר חלום מענשען פאר געלד."

"אבער עס איז דאך ניט געווען קיין חלום!" האט דער רייזענדער געשריען.

"עס איז יא געווען א חלום", האט הידוד געזאגט. "איך וועל שוין ניט נעהמען דריי טאלער פאר פותר זיין דעם חלום. יעצט פערלאנג איך מיין פולען מקח — פיער טאלער. און אויסער דעם וויל איך אז ער זאל מיר בעצאהלען פאר די צאהלצייטען וואס ער האט ביי מיר געגעסען."

"איך וועל דיר בעצאהלען פאר די מאהלצייטען, אבער גיב מיר אב מיין שטריק מיט דער קאלדרע", האט דער רייזענדער זיך געבעטען.

"וואס ווילסטו פון מיר?" האט הידוד גע'טענה'ט. "האב איך דיר דען שוין ניט געזאגט אז דו וועסט לאנג לע־בען און דו וועסט האבען א גארטען מיט שעהנע פרוכטען? און יעצט בעצאהל מיר פיער זילבערנע טאלערס פאר דעם וואס איך האב דיר פותר חלום געווען און אויך פאר די מאהל־

צייטען וואָס דו האָסט ביי מיר געגעסען."

דאָ איז דער רייזענדער ארויס פון געדולד און גענומען מאכען גרויסע געוואלדען, אָבער הידוד האָט איהם אריבער־געשריען. נעהמט דער ריכטער און טרייבט זיי ביידען ארויס פון הויז. אין גאס האָט דער רייזענדער ניט אויפגעהערט צו מאכען גוואלדען געגען דעם רויבער. זיינען זיך אָנגע־לאָפען מענשען פון שטאָדט, און זיי האָבען אלע גענומען שרייען און ליארמען אויפ'ן גאסט און האָבען איהם צולעצט ארויסגעיאָגט פון סדום. און דער רייזענדער איז אוועק ווייטער מיט א צובראָכענעם געמיטה.

## 93.

# צוויי פרויען

"א קלוגע פרוי בויט א הויז, א נארישע פרוי צושטערט עס", אזוי האט געזאגט שלמה המלך. א ביישפיעל קען מען זעהן פון קרח'ס פרוי און די פרוי פון און בן פלת.

ווען די פרוי פון און בן פלת האט זיך דערוואוסט אז איהר מאן האט זיך אנגעשלאסען צו דעם בונט וואס קרח און זיינע לייט האבען געמאכט, האט זי געזאגט צו איהר מאן: "וואס איז פאר דיר דער אונטערשייד? אויב משה וועט זיגען און בלייבען דער האר וועסטו אלץ זיין בלויז א תלמיד, און אויב קרח וועט זיגען וועסטו אויך זיין בלויז א תלמיד."

"אבער וואס זאל איך טהאן?" האט און בן פלת גע־ענטפערט, "אז איך האב זיך שוין אנגעשלאסען צו דער פער־שווערונג?"

"איך וועל דיר זאגען, מיין מאן", האט די פרוי גע־זאגט. "איך האב א פלאן ווי זיי צו פערטרייבען פון דא־נען. קרח אליין זאגט דאך אז אלע אידען זיינען הייליג. וועלען זיי דאך אהער ניט אריינקומען געגען מיין ווילען. דו בלייב זיצען אין הויז, און איך וועל דיך רעטען פון זיי."

די פרוי האט איהם אנגעטרונקען מיט וויין, איהם גוט איינגע'שיכור'ט און געלייגט שלאפען. נאכדעם האט זי צו־ווארפען איהרע האאר און זי האט זיך אוועקגעזעצט ביים טיהר, און יעדער איינער וואס איז צוגעקומען און האט איהר דערזעהן זיצען מיט צוואווארפענע האאר, איז ער גלייך ענט־לאפען. און אזוי האט זי פערהיט איהר מאן ביז די ערד

האט איינגעשלונגען קרח'ן מיט זיין גאנצע באנדע.
קרח'ס פרוי האט געזאגט צו איהר מאן: "זעה וואס משה האט געמהאן. ער אליין איז געווארען א גאנצער מלך. זיין ברודער האט ער געמאכט פאר כהן גדול, זיינע פלימעניקעס האט ער געמאכט פאר דעם כהן גדול'ס אונטערס. אל דאס גוטס, ווי תרומה און מעשר געהערט צו זיי. און נאך מעהר. משה האט אייך געהייסען אבגאלען די האאר פון לייב. כדי איהר זאלט האבען א פנים פון חוזק. פון נאראנים."
"אבער משה אליין האט דאך אויך אבגעגאלט זיינע גאנצע האאר", האט קרח געענטפערט.
"וואס פערשטעהסטו ניט?" האט די פרוי געזאגט. "ביי משה'ן איז רעכט געווען זיך אליין אבצוגאלען די האאר ··י איהר זאלט זיך אלע אבגאלען — מיר נישט, דיר נישט."

## .94

# פאר וואס משה איז בעשטראפט געווארען

משה רבינו איז געקומען צו גאט מיט א טענה: "זייט איך בין געקומען צו פרעה'ן צו ריידען אין דיין נאמען האט ער פאר די אידען נאך ערגער געמאכט." (שמות, ה) האט דער אייבערשטער אויסגערופען:
"וועה צו די וואס זיינען פון דער וועלט אוועק און מען געפינט ניט זייער גלייכען! פיעלע מאל האב איך זיך בעוויזען צו אברהם, צו יצחק און צו יעקב, און זיי האבען ניט געצווייפעלט ווענען מיר און זיי האבען מיך ניט געפרעגט "מה שמך?" — ווי מיין נאמען איז. צו אברהם'ן האב איך צו־געזאגט אבצוגעבען דאס גאנצע לאנד, און דאך, אז ער האט געדארפט מקבר זיין שרה'ן האט ער קיין פיער איילען ערד פאר א קבר ניט געפונען ביז ער האט בעצאהלט פיער הונדערט שקל זילבער. און פון דעסטוועגען האט ער ניט געצווייפעלט אין מיר. יצחק'ן האב איך אויך צוגעזאגט אז ער וועט קענען וואוינען אין דעם לאנד און אז איך וועל זיין מיט איהם און איהם געבען מיין ברכה. האבען זיינע קנעכט איינמאל געדארפט האבען א ביסעל וואסער און ניט געקענט קריגען. ביז זיי האבען געמוזט אנפיהרען א מלחמה פאר א טרונק וואסער. און פון דעסטוועגען האט יצחק אויך ניט געצווייפעלט אין מיר. און יעקב'ן האב איך געגעבען דעם זעלבען פערשפרעכען. און ווען ער האט געוואלט אין דעם

לאנד אויפשטעלען זיין געצעלט האט ער קיין ארט ניט גע־פונען ביז ער האט געמוזט קויפען א שטיקעל לאנד פאר הונ־דערט קשיטא. און פון דעסטוועגען האט ער אויך איז מיר ניט געצווייפעלט. קיינער פון זיי האט מיך געפרעגט מיין נאמען. און דו האסט פריהער מיך געפרעגט ווי מיין נאמען איז, און נאכדעם האסטו מיך פירגעהאלטען וואס איך האב די אידען ניט בעפרייט אזוי גיך ווי דו האסט געוואלט. וועסט יעצט זעהן וואס איך וועל טהאן פרעה'ן. דו וועסט אבער ניט זעהן וואס איך וועל טהאן צו די איין און דרייסיג מלכים וועמעס לאנד איך וועל אוועקגעבען צו די אידען."

95

# געדולדיג צו אלעמען

ווען משה איז ארויף אין הימעל האט ער געפונען דעם אייבערשטען שרייבענדיג "ארך אפים". דאס מיינט אז ער איז געדולדיג צו די וואס בעגעהען א זינד. האט משה גע־זאגט: "רבונו של עולם! דאס מיינט אז דו ביזט געדולדיג בלויז מיט צדיקים". האט דער אייבערשטער געענטפערט: "מיט רשעים אויך".

"די רשעים זאלען פערלארען געהן!" האט משה אויס־געדופען.

"וועסט זעהן", האט דער אייבערשטער געזאגט, "דו וועסט נאך דערמאנען מיינע ווערטער".

ווען די אידען האבען געזינדיגט און משה האט פאר זיי געבעטען רחמים, האט דער אייבערשטער געזאגט צו משה'ן: "האסטו דען אליין מיר ניט געזאגט אז געדולדיג זאל איך זיין בלויז מיט צדיקים?"

"אבער רבונו של עולם!" האט משה גע'טענה'ט, "דו האסט דאך געזאגט אז מיט רשעים וועסטו אויך זיין גע־דולדיג".

# מסכת מכות

## .1

## רבי עקיבא'ס טרייסט

רבן גמליאל, רבי אלעזר בן עזריה, רבי יהושע און רבי עקיבא זיינען איינמאָל געגאַנגען אין וועג, האָבען זיי געהערט די פרעהליכע געשרייען וואָס קומט פון א לוסטיגען עולם, פון די הייסע מינעראַל בעדער וואו די רוימער האָבען זיך געבאָדען. האָבען זיי אָנגעהויבען צו וויינען און רבי עקיבא האט געלאכט. האבען זיי געפרעגט: "עקיבא, ווארום לאכסטו?" האָט ער זיי צוריק געפרעגט: "ווארים וויינט איהר?"

"ווי זאָלען מיר ניט וויינען", האָבען זיי געענטפערט "אז מיר זעהען ווי די געצענדיענער וואָס בוקען זיך צו געטשקעס און רויכערען ווייהרויך צו אָבגעטער זיצען רוהיג און לעבען גליקליך אויף זייער לאַנד און מיר זיינען אין גלות און דער בית המקדש וועלכער איז דער פוסבענקעל פון אונזער גאָט איז פערברענט?"

"אָט דערפאַר טאַקע לאַך איך", האָט רבי עקיבא געענטפערט. "איך בעטראַכט די זאַך אַזוי: ווען גאָט קען זיין אַזוי גוט צו די וואָס זינדיגען געגען איהם, היינט ווי נאָך בעסער קען ער זיין צו די וואָס פאָלגען זיין געבאָט?"

א צווייטען מאָל זיינען זיי אַלע געגאַנגען נאָך ירושלים. ווען זיי זיינען אָנגעקומען צום בארג צופים, פון וואַנען עס זעהט זיך די גאַנצע שטאָדט, האָבען זיי קריעה געריסען. ווען זיי זיינען אַנגעקומען צום הר הבית האבען זיי געזעהן ווי א פוקס לויפט אַרויס פון דעם אָרט וואו די הויז פון

קדשי קדשים, דער הייליגסטער קאמער פון בית המקדש, איז געשטאנען. האָבען זיי אנגעהויבען צו וויינען און רבי עקיבא האָט געלאכט.

"וואָס לאכסטו?" האָבען זיי געפרעגט רבי עקיבא'ן.

"וואָס וויינט איהר?" האָט ער זיי געפרעגט.

"ווי זאָלען מיר ניט וויינען", האָבען זיי געזאָגט, "אז אויף דעם הייליגסטען אָרט פון בית המקדש געהען יעצט ארום פוקסען?"

"אָט דערפאר לאך איך טאקע", האָט רבי עקיבא ער־קלערט. "מיר האָבען געהאט צוויי גרויסע מענשען, אוריהו הכהן און זכריהו בן יברכיהו. דער ערשטער האָט נביאות געזאָגט אז ירושלים וועט צואקערט ווערען און דער הר הבית וועט ווערען א ווילדערניש. דער אנדערער האָט גע־זאָגט, אז אידען וועלען ווידער זיצען אין ירושלים און דערלעבען א גוטען עלטער. איידער איך האָב געזעהן אז דעם ערשטענס נבואה איז מקוים געוואָרען האָב איך אלץ מורא געהאט טאָמער וועט ניט מקוים ווערען די נבואה פון דעם צווייטען. אָבער יעצט, זעהענדיג אז דעם ערשטענס נבואה איז שוין מקוים געוואָרען, בין איך שוין זיכער אז די גוטע נבואה פון דעם אנדערען וועט אויך מקוים ווערען".

"דו האָסט אונז געטרייסט, עקיבא!" האָבען זיינע חברים אויסגערופען.

# מסכת שבועות

## 1.

## א בעריהמער קומט ניט שלאָגען

ר׳ נחמן האָט אזוי געזאָגט:

אז איינער נעהמט א האַק אין האַנד און זאָגט: "איך געה אָרונטערהאַקען דעם טייטעלבוים פון יענעם און יענעם", און שפּעטער געפינט מען טאַקע יענעם'ס טייטעל־בוים אַרונטערגעהאַקט און ליגען אויף דער ערד, איז דאָס נאָך אַלץ קיין בעווייז אַז דער מאַן האָט טאַקע דעם בוים אַרונטערגעהאַקט. ווייל א מענש האָט א נאַטור זיך צו בעריהמען און צו סטראַשען, אָבער טהאָן וועט ער ניט.

# מסכת עדיות

## 1

## כבוד מוז מען פערדיענען

עקביא בן מהללאל האָט פיער דינים גע׳פסקנ׳ט אנדערש ווי די אנדערע חכמים פון זיין צייט. האָבען זיי צו איהם געזאָגט: "עקביא! ענדער דיין מיינונג וועגען די פיער דינים און מיר וועלען דיך מאכען פאר דעם העכסטען ריכטער ביי אידען". האָט ער זיי געענטפערט: "מיר איז בעסער אז מען זאָל מיך רופען "נאר" מיין גאנצען לעבען, איידער איך זאָל זיין איין שעה א רשע פאר דעם אייבערשטען, און מען זאָל ניט זאָגען אז צוליעב כבוד האָב איך געענדערט מיין מיינונג".

ווען עקביא האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען האָט ער געזאָגט צו זיין זוהן: "יעצט, אז איך וועל שטאַרבען דאַרפסטו שוין ניט האַלטען מיט מיר אין די פיער דינים און די קענסט אָננעהמען די מיינונג פון די אנדערע חכמים".

"און פאַרוואָס ווילסטו ניט ענדערען דיין מיינונג?" האָט דער זוהן געפרעגט.

"מיין זוהן!" האָט עקביא ערקלערט. "איך האָב מיין מיינונג געלערענט פון א גרויסע צאָהל חכמים און זיי האָבען זייער מיינונג געלערנט פון א גרויסע צאָהל חכמים, אָבער דו האָסט געהערט איין מיינונג פון אן איינצעלנעם מענשען און א צווייטע מיינונג פון א גרויסע צאָהל מענשען, דאַרפסטו אויסקלייבען די מיינונג פון דעם איינצעלנעם און זיך האַלטען ביי דער מאַיאָריטעט".

"פּאָטער!" האָט דער זוהן געבעטען, "זאָג אָן דיינע חברים אז זיי זאָלען מיך רעספּעקטירען".

"איך קען אזא בעפעהל זיי ניט געבען", האָט עקביא געענטפערט.

"האָסט אפשר אין מיר געזעהן עפּעס אן אי־רעכט?" האָט דער זוהן געפרעגט.

"ניין", האָט עקביא געענטפערט. "אָבער רעספּעקט דאַרף מען אליין פערדיענען. אויב דו וועסט זיך אויפפיהרען ריכטיג וועלען זיי אליין דיך רעספּעקטירען, אויב דו וועסט זיך ניט ריכטיג אויפפיהרען וויל איך ניט אז זיי זאָלען דיך רעספּעקטירען בלויז צוליעב מיין צוואה".

# מסכת עבודה זרה

## ו

## די אומות העולם פאר'ן געריכט

ווען משיח וועט קומען וועט דער אייבערשטער נעמען א ספר תורה, איהר אוועקלייגען אין זיין שויס און זאגען: ״ווער עס האט זיך אבגעגעבען מיט דער תורה זאל קומען און אבנעהמען זיין לוין״.

גלייך וועלען זיך צוזאמענלויפען די געמצענדיענער. איז א גרויס אונארדנונג. וועט דער אייבערשטער זיי זאגען: ״לויפט ניט אין אזא אונארדנונג. נאר זאל יעדע אומה קומען בעזונדער, זיך ניט צומישען, אום איהר זאלט קענען הערען וואס איך רעד צו אייך״.

אזוי ווי די קעניגרייך פון רוים איז די חשוב'סטע און איהרע געזעצע ווערען אנגענומען אין דער גאנצער וועלט, קומט זי אריין די ערשטע. פרעגט דער אייבערשטער: ״מיט וואס האט איהר זיך בעשעפטיגט?״ וועלען די רוימער ענטפערען:

״רבונו של עולם! א סך מערק האבען מיר געגרינדעט, א סך בעדער האבען מיר געבויט, א סך גאלד און זילבער האבען מיר געזאמעלט, און די אלע זאכען האבען מיר געטהאן נאר פון די אידען'ס וועגען, אז זיי זאלען קענען זיצען רוהיג און לערנען תורה״.

"איהר גרויסע וועלט־נארען!" רופט אויס דער אייבערשטער. "אלעס וואס איהר האט געטהאן האט איהר געטהאן צוליעב אייער אייגענעם נוצען. איהר האט איינגעפיהרט מערק אום אין זיי אוועקצוזעצען אויסגעלאסענע פרויען. איהר האט געבויט בעדער אום זיך צו וואוילטינען. און וועגען די גאלד און זילבער וואס איהר האט געזאמעלט, ווייסען דאך אלע אז גאלד און זילבער איז מיינס".

גלייך דערויף נעהען זיי ארויס בעטריבט. און ווי נאר עס נעהט ארויס די קעניגרייך פון רוים קומט אריין די קעניגרייך פון פערזיען. רב יוסף האט איינמאל די פערזיער אזוי כאראקטעריזירט: "זיי עסען ווי א בער, טרינקען ווי א בער. קלייבען אן אויף זיך פלייש ווי א בער, זיינען בעוואקסען מיט האאר ווי א בער. און זיי האבען קיינמאל קיין רוה ווי א בער".

"מיט וואס האט איהר אבגעגעבען אייער צייט?" פרעגט זיי דער אייבערשטער.

"מיר האבען אויסגעלייגט א סך בריקען, מיר האבען איינגענומען א סך שטעדט און געפיהרט א סך מלחמות. און דיזע אלע זאכען האבען מיר געטהאן כדי די אידען זאלען קענען זיצען רוהיג און לערנען".

"די אלע זאכען וואס איהר האט געטהאן האט איהר געטהאן צוליעב זיך", ענטפערט זיי דער אייבערשטער. "איהר האט אויסגעלייגט בריקען אום צו קענען מאהנען צינזען. איהר האט איינגענומען שטעדט כדי איהר זאלט פון זיי קענען נעהמען סאלדאטען און שטייערן. און דאס וואס איהר בעריהמט זיך מיט אייערע מלחמות, ווייס מען דאך אז מלחמות קומען פון מיר".

און די פערזיער נעהען אויך ארויס בעטריבט.

## 2

## ווי נאט לאבט

ר' נחמן בר יצחק האט געזאגט:

גאט לאבט ניט פ ו ן זיינע בעשעפענישען, נאר ער לאבט מ י ט זיינע בעשעפעניסען.

## 3

# פאר וואס אידען לידען

רבי אבהו האט איינמאל גערעדט גוטעס וועגען רב ספרא פאר די רעגירונגס בעאמטע און זיי געזאגט אז ער איז א גרויסער מאן. און דערפאר האבען די בעאמטע בע־פרייט רב ספרא'ן פון צינזען אויף דרייצעהן יאהר.

איין טאג האבען די בעאמטע געטראפען רב ספרא'ן אין גאס, און וויסענדיג אז ער איז געלעהרטער מאן, האבען זיי איהם געפרעגט א פראגע: "נאט האט געזאגט דורך עמוס הנביא: "אייך, אידען, האבען איך אנערקענט פון אלע שטאמען פון דער ערד און דערפאר וועל איך זיך מיט אייך אברעכענען פאר אלע אייערע זינד". טא ווי קומט עס? אז אימיצער האט עפעס א כעס דארף ער עס אויס־לאזען צו זיין פריינד?"

רב ספרא האט געשוויגען. ער האט זיי גארנים געקענט ענטפערען. האבען זיי איהם בעליידיגט און איהם וועה געטהאן. דערווייל איז אנגעקומען ר' אבהו. האט ער די בעאמטע געפרעגט: "פאר וואס קוועלט איהר איהם?" האבען זיי געענטפערט: "דו האסט אונז געזאגט אז ער איז א גרויסער מאן און ער קען אונז אפילו נים ערקלערען דעם פירוש פון א פסוק".

"איך האב אייך געזאגט אז ער קען גוט גמרא, אבער האב איך אייך דען געזאגט אז ער קען תנ"ך?" האט ר' אבהו פערענטפערט.

"און פאר וואס טענסטו תנ"ך?" האבען די בעאמטע געפרעגט.

"איך מוז קענען", האט ר' אבהו געענטפערט. "ווייל איך קום אפט צווישען אייך און דארום קוק איך אפט אריין אין תנ"ך, כדי איך זאל זיין גרייט מיט אן ענטפער ווען מען פרעגט מיך עפעס. אבער ער קומט נים אין אייער געזעלשאפט, דערפאר קוקט ער נים אריין".

"נו, זאג דו אונז פאר וואס גאט שטראפט די אידען מעהר פון אלע פעלקער". האבען די בעאמטע געבעטען.

"איך וועל דאס אייך פערענטפערען מיט א משל", האט ר' אבהו געזאגט. "איינעם האט געקומט געלד פון צוויי

מענשען. איין בעל חוב איז זיינער א פריינד, דער אנדערער איז זיינער א שונא. דעם גוטען פריינד לאזט ער אויס־צאהלען ביסלעך־ווייז. דעם שונא ווארט ער און ווארט, און צום סוף מאהנט ער ביי איהם אויף אלעם אויף אמאל".

## 4.

# די אידען און די תורה

רבי יוחנן האט געזאגט:

ווען דער אייבערשטער האט געוואלט אוועקגעבען זיין תורה צו די מענשען האט ער גענומען די תורה און האט איהר ארומגעטראגען צווישען אלע פעלקער און קיינער האט די תורה געוואלט אננעהמען, ביז ער איז געקומען צו די אידען.

רב אבדימי בר חמא זאגט:

די אידען האבען אויך די תורה ניט געוואלט אננעהמען, נאר גאט האט גענומען דעם בארג סני, געהאלטען איבער די קעפ פון די אידען אזוי ווי א דאך און האט צו זיי געזאגט: "אויב איהר נעהמט אז די תורה איז גוט, און אויב ניט ווערט איהר בעגראבען אויפ'ן ארט".

רבי שמעון בן לקיש זאגט:

ווען דער אייבערשטער האט בעשאפען די וועלט, האט ער אבגעמאכט מיט זיינע בעשאפונגען, די מעשה בראשית, אזוי: "אויב די אידען וועלען אננעהמען די תורה איז גוט, אויב ניט וועל איך פון אלעם צוריק מאכען תהו ובהו".

## 5

# פאלשע גרים

אין משיח'ס צייטען וועלען קומען די געטצענדיענער און זיך אליין מגייר זיין. זיי וועלען אנטהאן תפלין אויף זייערע קעפ, תפלין אויף זייערע ארעמס, ציצית אויף זייערע קליידער און מזוזות אויף זייערע טיהרען. ווי נאר זיי דערזעהן זיך אז גוג און מגוג קומען מלחמה האלטען מיט די אידען און מיט משיח'ן, אזוי ווארפט אוועק יעדער גר זיין אידישקייט און ער ווערט צוריק א גוי.

# 6
# אדם׳ס שרעק

די רבנן האבען געלערנט:

ווען אדם האט געזעהן אז דער טאג ווערט אלץ קלענער און קלענער, האט ער צו זיך געזאגט: ״וועה איז מיר, אפשר איז דאס דערפאר וואס איך האב געזינדיגט׳ דערפאר ווערט די וועלט פינסטער און עס וועט צוריק ווער׳ן תהו ובהו. און אפשר איז דאס דער טויט צו וועלכען מ׳י האט מיך פער׳משפט אין הימעל״. האט ער אכט טעג כסדר געפאסט און געבעטען. אבער ווי נאר עס איז אנגעקומען תקופת טבת און דער טאג האט אנגעהויבען צו ווערען גרעסער און גרעסער, האט ער געזאגט: ״דאס מוז אזוי זיין די נאטור פון דער וועלט״. איז ער געגאנגען און האט געמאכט אכט טעג יום טוב.

אויף דעם אנדער יאהר האט ער געמאכט צוויי ימים טובים. איין יום טוב ווען דער טאג ווערט קלענער און דעם אנדערען ווען דער טאג ווערט גרעסער.

די ימים טובים זיינען שפעטער פערבליבען ביי די גוים, מיט דעם אונטערשייד דאס אדם האט די ימים טובים געמאכט צו גאט און זיי האבען געפייערט צו די געטצען.

אנדערע רבנן האבען אזוי געלערנט:

דעם טאג וואס אדם הראשון איז געבוירען געווארען, ווען ער האט געזעהן ווי די זון געהט אונטער, האט ער געזאגט: ״וועה איז מיר, אפשר צוליעב מיין זינד ווערט די וועלט פינסטער און אלעס ווערט ווידער תהו ובהו. און אפשר איז דאס דער טויט צו וועלכען מען האט מיך פער׳־משפט אין הימעל״. האט ער געפאסט און געוויינט א גאנצע נאכט, און חוה איז געזעסען אנקעגען איהם און האט אויך געוויינט. אבער ווען ער האט דערזעהן דעם מארגענשטערען אויפגעהן און עס איז ווידער ליכטיג געווארען, האט אדם געזאגט: ״אזוי מוז זיין די נאטור פון דער וועלט״. און ער האט זיך געטרייסט און געבראכט א קרבן צו גאט.

## 7

# אידען זיינען די טייערסטע עדעלשטיינער

רב דימי האָט דערצעהלט:

צוויי און דרייסיג מלחמות האָבען די רוימער אָנגע־פיהרט געגען די גריכען און זיי האבען די גריכען ניט געקענט בייקומען ביז די אידען י״ האָבען אָנגעשלאָסען צו זיי. און אזוי האָבען די רוימער אָבגעמאכט מיט די אידען: ״אויב מיר וועלען איינגעהמען דאָס לאַנד, און אונזערער א מענש וועט דאָרט ווערען מלך, זאָל מען פון אייערע לייט מאכען גובערנאַטאָרען. און אויב אייערער א מענש וועט ווערען מלך זאָל מען פון אונזערע מאכען גובערנאַטאָרען.״

נאָך דעם אָבמאך האָבען די רוימער געשיקט שלוחים צו די גריכען און זיי אזוי אָנגעזאָגט: ״ביז יעצט האָבען מיר געפיהרט קריעג, יעצט וועלען מיר פערהאַנדלען אונזערע סכסוכים על פי דין. אָט וועלען מיר אייך פרעגען א פראַגע. אז אימיצער האָט א פערל און אַן עדעלשטיין, און ער וויל איינעם פון זיי איינפאַסען, מיט וועלכען מאַכט ער פאר א פונדאַמענט צום צווייטען?״

״דער פערל ווערט א פונדאַמענט פאר׳ן עדעלשטיין, ווייל אַן עדעלשטיין איז חשוב׳ער״, האָבען די גריכען געענט־פערט.

״און ווי איז אז איינער האָט אַן עדעלשטיין און א זמאַ־ראַגד, וואָס איז נאָך פיינער פון א געוואוינליכען עדעל־שטיין?״ האָבען די רוימער געפרעגט א צווייטע פראַגע.

״דאַן מאכט מען פאר א פונדאַמענט דעם עדעלשטיין״, איז געווען דער ענטפער.

״און ווי איז אז איינער האָט א ספר תורה און א זמאַ־ראַגד — וועלכען זאָל ער מאַכען פאר א פונדאַמענט?״

״דעם זמאַראַגד.״

האָבען די רוימער ווידער געשיקט זייערע שליחים, אז זיי זאָלען אזוי זאָגען:

״אויב אזוי, זאָלט איהר וויסען זיין אז מיר האָבען ביי זיך די אידען מיט דעם ספר תורה, און איהר דאַרפט ווערען דער פונדאַמענט פאר אונז.״

האָבען זיך די גריכען געמוזט אונטערגעבען.

# 8

# רבי און אַנטאָנינוס

רבי יהודה הנשיא, אָדער ווי מען פלעגט איהם רופען סתם "רבי", איז געווען זעהר בעפריינדעט מיט דעם רוימישען קיסר אַנטאָנינוס, און זייער פריינדשאַפט האָט א מערקווירדיגע היסטאָריע, עס ציהט זיך נאָך פון זייערע מוטערס.

רבי איז געבוירען געוואָרען אין דער צייט ווען די רוימישע רעגיערונג האָט פערבאָטען צו מל'ן אידישע קינדער. רבי'ס עלטערען האָבען איינגעשטעלט זייער לעבען און האָבען זייער קינד דאָך מל געווען. אימיצער האָט פון דעם געגעבען צו וויסען דעם קיסר און ער האָט גלייך געשיקט מען זאָל איהם ברייגנען דעם קינד.

דעם קיסר'ס פרוי איז געווען זעהר בעפריינ־עט מיט רבי'ס מוטער, און ווען זי האָט זיך דערוואוסט אין וואָס פאַר א סכנה איהר פריינדין געפינט זיך, האָט זי געזוכט א מיטעל ווי צו רעטען די פריינדין מיט איהר קליינעם אינגעלע. די קעניגין האָט געהאַט א אינגעלע, אַנטאָנינוס, וועלכער איז געווען גראָדע אין דעם זעלבען עלטער ווי ־ער אינגעלע פון איהר פריינדין. האָבען זיך די צוויי פריינדינס צוזאמענגערעדט און האָבען זייערע קינדער געביטען. ווען דעם קיסר'ס שלוחים האָבען איהם געבראַכט דעם אינגעל פון דער אידישער הויז, האָט דער קיסר געזעהן אז ער איז ניט געמל'ט, און ניט וויסענדיג אז דאָס איז זיין אייגענער קינד האָט ער איהם צוריק געשיקט צו דער אידישער פרוי.

דער אידישער אינגעל האָט געזויגען די ברוסט פון דער קעניגין און אַנטאָנינוס האָט געזויגען די ברוסט פון דער אידישער פרוי.

א ביסעל שפּעטער האָבען די מוטערס זיך צוריק אָבגעביטען זייערע קינדער. אָבער די אידישע מילך וואָס אַנטאָנינוס האָט איינגעזויגען אין זיך, האָט געהאַט א גרויסע ווירקונג אויף זיין ענטוויקלונג. אז ער איז אויסגעוואַקסען און איז שוין געוואָרען א מלך, איז ער געווען גאַנץ אַנדערש פון די אַנדערע רוימישע הערשער. ער האָט פיינד געהאַט מלחמות, און פלעגט אויף מלחמה געהן נאָר דאַן ווען ער איז געווען געצוואונגען צו דעם. ער פלעגט זאָגען: "דער לעבען פון איין מענשען פון מיין פאָלק איז ביי מיר טייערער ווי

דער טויט פון טויזענד פון מיינע שונאים.״ און דערפאר האט מען איהם א נאמען געגעבען אנטאנינוס, דאס מיינט ״דער בארמהארציגער״.

די מילך פון רבי׳ס מוטער האט אויף איהם געמאכט נאך א ווירקונג, און דאס איז וואס ער איז פערבליבען א הייסער פריינד פון אידען, און צו רבי׳ן איז ער געוועזן איבערגעבען אזוי ווי א דיענער צו זיין האר.

ווען רבי יהודה איז שוין געווארען א נשיא האט אנטאנינוס זיך אויפגעהאלטען אין א שטאדט אין ארץ ישראל, וועלכע ער האט א נאמען געגעבען ״רומי״, אדער רוים. פון אנטאנינוס׳עס הויז ביז רבי׳ס האט זיך געצויגען א לאנגע הייהל, אונטער דער ערד. ווען אנטאנינוס פלעגט וועלען מאכען רבי׳ן א בעזוך פלעגט ער געהן דורך דיזער הייהל.

יעדען טאג פלעגט אנטאנינוס שיקען רבי׳ן א זאק מיט געלד און פון אויבען איז געווען אנגעשאטען מעהל. אום די דיענער וואס פלעגען טראגען דעם זאק זאלען ניט וויסען אז אין דעם געפינט זיך געלד. רבי, וועלכער איז אליין געוועזן זעהר רייך, האט געזאגט צו אנטאנינוס: ״איך דארף ניט דיין געלד, איך האב גענוג אייגענע.״ און אנטאנינוס פלעגט איהם ענטפערען: ״בעהאלט דאס פאר דיינע אייניקלעך און אור־אייניקלעך. ניט אימער קען זיין אין רוים א גוטער הערשער וואס וועט זיין גוט צו זיי, וועלען זיי פון דעם געלד האבען מיט וואס צו צאהלען שטייערען.״

יעדען מאל וואס אנטאנינוס פלעגט ארויסגעהן פון זיין הויז פלעגען איהם, ווי די מאדע איז, בעגלייטען צוויי לייבוועכטער. און ווען ער פלעגט געהן צו רבי׳ן דורך דער הייהל פלעגען איהם די צוויי דיענער אויך נאכגעהן. אזוי ווי אנטאנינוס האט ניט געוואלט אז אימיצער זאל וויסען פון זיינע וויזיטען צו רבי׳ן, פלעגט ער איין דיענער איבערלאזען ביי דעם אריינגאנג צו דער הייהל און מיט דעם אנדערען פלעגט ער אוועקגעהן צו רבי׳ן. ביי דער טיהר וואס פיהרט צו רבי׳ס הויז פלעגט ער דעם דיענער דער׳הרג׳ענען. קומענדיג צוריק אהיים פלעגט ער דער׳הרג׳ענען דעם אנדער דיענער. ער האט אנגעזאגט רבי׳ן: ״אין דער צייט וואס איך קום צו דיר זאל זיך ביי דיר קיין מענש געפינען.״

איינמאל, ווען אנטאנינוס איז געקומען אין רבי׳ס הויז, האט ער ביי איהם געפונען זיצען רבי חנינא בר חמא.

״האב איך דיר ניט אנגעזאגט אז ווען איך קום צו דיר

זאָל זיך ביי דיר קיין מענש ניט געפינען?" האָט אַנטאָנינוס זיך געבייזערט.

ווען רבי האָט געזעהן אַז ר' חנינא איז אין סכנה, האָט ער געזאָגט:

"דאָס איז קיין מענש, דאָס איז א מלאך."

"זאָל ער מיר געהן רופען דעם מענשען וואָס שלאָפט ביי דער טיהר פון היכל", האָט אַנטאָנינוס געזאָגט.

רבי חנינא איז געגאנגען רופען דעם דיענער, האָט ער איהם געפונען א טויטען. רבי חנינא האָט דעם דיענער לעבעדיג געמאכט און האָט איהם אָבגעשיקט צו אַנטאָנינוס'ן.

"איך זעה", האָט אַנטאָנינוס געזאָגט צו רבי'ן, "דאָס אפילו דער קלענסטער פון אייך קען מחיה מתים זיין."

אַנטאָנינוס פלעגט רבי'ן בעדיענען, איהם דערלאַנגען עסען און טרינקען, און אז רבי פלעגט דאַרפען געהן שלאָפען, פלעגט אַנטאָנינוס זיך אוועקלייגען אויף דער ערד און פלעגט זאָגען צו רבי'ן: "געה ארויף איבער מיר אין דיין בעט אריין."

"עס פּאַסט עפּעס ניט אז איך זאָל ערנידעריגען א מלך אויף אזוי פיעל", האָט רבי געזאָגט.

"הלואי זאָל איך זיין א קישען פאַר דיר, צו זיצען אויף דעם אין גן עדן", האָט אַנטאָנינוס זיך געוואונשען. "זאָג מיר, איך בעט דיך, איך וועל האָבען גן עדן?"

"יא" האָט רבי איהם פערזיכערט.

9

# אַן עצה און פינאַנץ

אַנטאָנינוס האָט איינמאָל געשיקט א שליח צו רבי'ן איהם פרעגען אַן עצה: "אזוי ווי די קעניגליכע אוצרות ווערען אלץ ווייניגער און ווייניגער, ווי זאָלען מיר זיי ווידער פול מאכען?"

רבי האָט גענומען דעם שליח און האָט איהם אריינגעפיהרט אין א גאָרטען. רבי האָט צום שליח גאָרניט גערעדט, נאָר ער איז געגאנגען איבער'ן גאָרטען, געריסען גרויסע רעטיכער און אויף זייער אָרט איינגעפלאַנצט קליינע רעטיכער. נאָכדעם האָט ער אויסגעריסען גרויסע בוריקעס און האָט

אויף זייער אָרט איינגעפלאַנצט קליינע בוריקלעך. נאָכדעם האָט ער גענומען גרויסע חריין קעפּלעך און האָט איינגע־פלאַנצט קליינע אויף זייער אָרט.

זעהענדיג אַז רבי וויל איהם גאָרנישט זאָגען, האָט דער שליח געבעטען "גיב מיר אַ בריעף." האָט רבי געענטפערט: "דו דאַרפסט קיין בריעף."

דער שליח איז צוריק געקומען צום מלך.

"האָט ער דיר געגעבען אַ בריעף?" האָט אַנטאָנינוס געפרעגט.

"ניין", האָט דער שליח געענטפערט.

"האָט ער דיר עפּעס געזאָגט?"

"דאָס אויך ניט."

"האָט ער עפּעס געטהאָן?"

"יא, ער האָט מיך אריינגענומען אין אַ גאָרטען, געריי־סען גרויסע פלאַנצען און איינגעפלאַנצט קליינע אויף זייער אָרט."

"יעצט פערשטעה איך וואָס ער האָט געמיינט", האָט אַנטאָנינוס געזאָגט.

גלייך נאָכדעם האָט אַנטאָנינוס אַראָבגעזעצט זיינע אַל־טע גובערנאַטאָרען און אויף זייערע פּלעצער אַרויפגעזעצט נייע גובערנאַטאָרען, און זיי האָבען אריינגעבראַכט פרישע פערמעגענס אין דער קייזערליכער קאַסע.

## 10

# עצות אין דיפּלאָמאַטיע

איינמאָל האָט אַנטאָנינוס געזאָגט צו רבי'ן: "איך וויל אַז מיין זוהן אסוירוס זאָל ווערען קעניג אַנשטאָט מיר און די שטאָדט טבריא, וואו עס געפינען זיך אַלע אידישע גע־לעהרטע, זאָל ווערען פריי פון ציגזען."

האָט רבי געבראַכט אַ מענשען און האָט איהם אַרויפ־געזעצט רייטען אויף אַן אַנדער מענשען. נאָכדעם האָט ער דעם מאַן וואָס איז געווען אויבען געגעבען אַ טויב אין האַנד, און ער האָט געזאָגט צו דעם אונטערשטען אַז ער זאָל זאָגען

צו דעם וואס איז געהערן פון אויבען, אז ער זאל די טויב פריילאזען.

אנטאנינוס האט פערשטאנען דעם משל. רבי האט איהם געהייסען אז צוערשט זאל ער דערהויבען זיין זוהן אסוירוס פאר קעניג איבער זיך און איבער טבריא, און נאכדעם זאל אנטאנינוס זאגען צו זיין זוהן אז ער זאל פריי מאכען טבריא פון צינזען.

א צייט שפעטער האט אנטאנינוס זיך בעקלאגט פאר רבי'ן אז די אריסטאקראטען פון רוים פערפאלגען איהם.

רבי האט אנטאנינוס'ן גענומען אין א גארטען און האט איהם דארט ארומגעפיהרט א גאנצען טאג. געהענדיג איבער'ן גארטען האט רבי אויסגעריסען א רעטאך פון איין בייט און נאכדעם ווידער אויסגעריסען א רעטאך פון אן אנדער בייט. האט אנטאנינוס געזאגט צו זיך: "איך פערשטעה וואס ער מיינט. ער מיינט אז איך זאל פון זיי פטור ווערען איינציג־ווייז און ניט אויפרייצען זיי אלעמען אויף אמאל."

# 11

# די טאכטער פון אנטאנינוס

אנטאנינוס האט געהאט א טאכטער און איהר נאמען איז געווען גירא. איז זי אראב פון גלייכען וועג און האט געמאכט גרויס חרפה פאר איהר פאטער. אנטאנינוס האט געוואלט פרעגען ביי רבי'ן אן עצה. האט ער איהם געשיקט אזא ווייסען זענעפט וואס מען רופא גרגירא. עס מיינט "גר גירא" — גירא האט זיך פערשלעפט, עס הייסט זי האט זיך פערשלעפט מיט שלעכטע געזעלשאפט. אלס אן ענטפער האט איהם רבי געשיקט אזא סארט ארבעס וואס הייסט כוסברתא, עס מיינט "כוס ברתא", קוילע די טאכטער, דאס הייסט: ווער פון איהר פטור. אנטאנינוס'ן איז די עצה ניט געפעלען געווארען, האט ער צו רבי'ן געשיקט א גרינע ציבעלע וואס רופט זיך כרתי, דאס מיינט, ווען איך זאל דאס טהאן וועט מיין שטאם אבגעשניטען ווערען און עס וועט פון מיר קיין דור ניט איבערבלייבען. דאן האט רבי איהם געשיקט א סאלאטע וואס רופט זיך חסא, דאס מיינט: אויב אזוי קענסטו זיך אויף איהר דערבארמען און איהר מוחל זיין.

# 12

# דער באַנד פון פֿריינדשאַפֿט

אַנטאָנינוס האָט בעדיענט רבי'ן, און אדרבן, וועלכער איז געווען אַ הויכער רעגירונגס בעאַמטער, האָט בעדיענט רב'ן. ווען אַנטאָנינוס איז געשטאָרבען האָט רבי אויסגע־רופען: "עס האָט זיך צושיידט דער באַנד פון פריינדשאַפט!" ווען אדרבן איז געשטאָרבען האָט רב איהם אויך אַזוי בע־קלאָגט.

# 13

# אונקלוס דער גר

אונקלוס דער זוהן פון קלונימוס האָט זיך מגייר געווען. האָט דער קיסר געשיקט אַ ראָטע רוימישע סאָלדאַטען איהם צו אַרעסטירען. ווען די סאָלדאַטען זיינען געקומען האָט אונקלוס זיי פאַרגעלעזען פון דער תורה, זיי געצייגט די שעהנקייט פון דעם אידישען גלויבען, און זיי האָבען זיך אַלע מגייר געווען.

דער קיסר האָט געשיקט אַ צווייטען פאָלק סאָלדאַטען נאָך אונקלוס'ן, און דער קיסר האָט די סאָלדאַטען אָנגעזאָגט: "איהר זאָלט מיט איהם ניט שמועסען פון רעליגיאָנס זא־כען." ווען זיי האָבען אונקלוס'ן גענומען געפאַנגען און איהם געפיהרט צום קיסר, האָט ער צו זיי געזאָגט: "ערלויבט מיר אייך צו זאָגען עפּעס אַזוי אַ זאַך, אין דער וועלט אריין." האָבען זיי איהם ערלויבט.

"לאָמיר זעהן", האָט אונקלוס געזאָגט, "ווי פיהרט עס זיך אין דער וועלט? אַן איינפאַכער דיענער טראָגט אַ ליכט צו בעלייכטען דעם וועג פון אַ קליינעם בעאַמ־טען, דער קליינער בעאַמטער פאַר אַ גרעסערען, דער גרעסערער פאַר'ן קעניג. אבער האָט איהר ווען געזעהן אַז אַ קעניג זאָל טראָגען אַ ליכט פאַר אימיצען?

"ניין!" האָבען די סאָלדאַטען געענטפערט.

"זאָלט איהר אָבער וויסען זיין", האָט אונקלוס געזאָגט,

„אַז גאָט אַליין בעלייכט דעם וועג פאַר אידען, אַזוי שטעהט אין דער תּורה".

האָט זיך דער צווייטער פּאָלק אויך מגייר געווען.

דער קיסר האָט נאָכדעם געשיקט אַ דריטען פּאָלק און ער האָט די סאָלדאַטען אָנגעזאָגט: „איהר זאָלט מיט איהם קיין וואָרט אויסריידען וועגען קיין זאַך אין דער וועלט".

די סאָלדאַטען זיינען געקומען צו אונקלוס, האָבען איהם אַרעסטירט און געפיהרט מיט זיך. אַרויסגעהענדיג פון הויז האָט ער אַרויפגעלייגט די האַנד אויף דער מזוזה, אַ קוס גע־טהאָן און געלאַכט.

די סאָלדאַטען האָבען זיך ניט געקענט איינהאַלטען און געפרעגט: „וואָס לאַכסטו?"

האָט ער זיי אַזוי ערקלערט: „ווי זאָל איך ניט לאַכען? אין דער נאַרישער וועלט פיהרט זיך אַזוי: דער מלך זיצט אינוועניג, אין זיין פּאַלאַסט, און זיינע קנעכט שטעהען אין דרויסען און היטען איהם. אָבער ביי גאָט איז אַנדערש. זיינע קנעכט זיצען אינוועניג און ער היט זיי פון דרויסען".

ווען די סאָלדאַטען האָבען דאָס געהערט, האָבען זיי זיך אויך מגייר געווען. און מעהר האָט שוין דער קיסר ניט גע־שיקט.

# 14

# עשו געגען יעקב

ר' יהודה האָט דערצעהלט אין נאָמען פון שמואל:

אין רוים פלעגט איין מאָל אין זיבעציג יאָהר פאָרקומען אַ אידען פיינדליכע פּראָצעסיאָן אויף אַזא אופן: מען פלעגט נעהמען אַ געזונדען מענשען, גאַנץ אָהן פעהלערען, און איהם אַרויפזעצען רייטען אויף אַ הינקענדיגען. דער גאַנצער מענש פלעגט פאָרשטעלען עשו'ן און דער הינקענדיגער — יעקב'ן, צו צייגען אַז עשו רייט נאָך אַלץ אויף יעקב'ען. דעם געזונדען מענשען פלעגט מען אָנטהאָן אָדם הראשונ'ס קליידער און אויף זיין געזיכט פלעגט מען אַרויפציהען די הויט וואָס מען האָט אָפּגעשונדען פון ר' ישמעאל'ס שעהנעם פּנים, וועלכער איז געווען איינער פון די עשרה הרוגי מלכות. אויפ'ן האַלז פלעגט מען איהם אָנטהאָן אַ ציערונג פון די שעהנסטע

בריליאַנטען אויף דער וועלט און זיינע פיס פלעגט מען בע־ציערן מיט זמאַראַגד. און אַ צערעמאָניען מייסטער פלעגט געהן פאַראויס און אויסרופען: „די נבואה וואָס יעקב האָט געזאָגט וועגען משיח'ן איז אַ ליגען. דער ברודער פון אונזער האר עשו איז אַ שווינדלער. צו וואָס האָט יעקב'ן זיך גע־לוינט אויסצונאַרען ביי עשו'ן די בכורה? צו וואָס האָט דעם שווינדלער געטויגט דער שווינדעל? ווער וועט זיין צו עשו'ן אַז ער וועט לאָזען יעקב'ן זיך אַ שטעל טהאָן אויף די פיס!"

## 15
## דער טעות פון אַ געצענדיענער

די געצענדיענער האָבען אַמאָל געפאַנגען ר' אליעזר'ן און איהם געוואָלט צווינגען דיענען צו זייער עבודה זרה. אַז מען האָט איהם אַרויפגעפיהרט אויפ'ן עשאַפאָט צו משפט'ן, האָט דער פירסט, וואָס האָט איהם גע'משפט, געזאָגט צו איהם: „אַזאַ אַלטער מאַן ווי דו גיט זיך אָפּ מיט אַזעלכע נאַרישקייטען ווי די תורה!" האָט רבי אליעזר אויסגערופען: „מיין ריכטער איז גערעכט". רבי אליעזר האָט געמיינט צו זאָגען, אַז זיין ריכטער אין הימעל, דער אויבערשטער, האָט רעכט, וואָס ער שטראָפט איהם. אָבער דער פירסט האָט גע־מיינט אַז רבי אליעזר מיינט איהם. האָט דער פירסט גע־זאָגט: „אַזוי ווי דו ביזט מודה, אַז איך בין גערעכט, שווער איך ביי מיין גאָט דימוס, אַז דו ביזט פריי!"

## 16
## רבי אליעזר און רבי חנינא

רבי אליעזר בן פּרטא און רבי חנינא בן תּרדיון זיינען אַמאָל אַרעסטירט געוואָרען פאַר אָפּהיטען אידישקייט.

„וואויל איז צו דיר, ר' חנינא, וואָס דו האָסט געגען זיך בלויז איין קלאַגע, וועה איז מיר, וואָס איך האָב געגען זיך פינף קלאַגען!" האָט ר' אליעזר בן פּרטא אויסגערופען.

האָט ר' חנינא איהם געענטפערט:

„וואויל איז צו דיר, וואָס דו האָסט געגען זיך פינף קלאַ־גען, און דו וועסט פון די אַלע בעפרייט ווערען, און וועה איז

צו מיר וואָס איך האָב נעגען זיך בלויז איין קלאַגע און וועי
נים אַרויס פריי. דו האָסט זיך אָבגעגעבען אי מיט תורה,
אי מיט צדקה, און איך האָב זיך אָבגעגעבען בלויז מיט תורה
אַליין. און רב הונא האָט געזאָגט אַז דער וואָס גיט זיך אָב
בלויז מיט תורה, איז גלייך ווי ער וואָלט קיין גאָט געהאַט".

צוערשט האָט מען געבראַכט פאַר'ן געריכט ר' אליעזר
בן פרטא, וועלכער האָט געהאַט נעגען זיך פינף קלאַגען. מען
האָט פאָרגעבראַכט די ערשטע צוויי קלאַגען: "פאַרוואָס
האָסטו געלערנט תורה און פאַרוואָס האָסטו זיך אָבגעגעבען
מיט גנבה?"

"דער וואָס גיט זיך אָב מיט דער פעדער ווייסט נים וואָס
צו טהאָן מיט אַ שווערד, און ווער עס גים זיך אָב מיט לערנען
קען קיין רויבער נים זיין, און אַזוי פאַלען אוועק ביידע קלאַ־
גען," האָט ר' אליעזר געענטפערט.

"טאָ פאַרוואָס רופט מען דיך רבי, לעהרער?"

"איך בין אַ לעהרער ביי וועבער", האָט ר' אליעזר גע־
ענטפערט. "איך לערן זיי די קונסט פון וועבען."

די ריכטער האָבען געוואָלט אויסגעפינען וויפיעל ער פער־
שטעהט פון וועבעריי, האָבן זיי געלאָזט ברייננען צוויי קנוי־
לען פעדים און האָבען איהם געפרעגט: "וועלכער איז דער
לאַנגער פאָדים און וועלכער איז דער קורצער פאָדים, דער
רודך־וואַרף?"

אין דער מינוט איז געשעהן אַ נס. עס זיינען אַראָבגע־
קומען אַ פּאָאַר ביענען און זיך געשטעלט אויף די קנוילען
פעדים. איין ביען / האָט זיך געשטעלט אין דער לענג פון
דעם קנויל און די אַנדערע אין דער ברייט פון דעם קנויל, און
דאַן האָט ר' אליעזר געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

נאָכדעם האָט מען איהם געפרעגט וועגען דער פערטער
קלאַגע:

"פאַרוואָס קומסטו קיינמאָל אין דער הויז פון אבידן?"

די הויז פון אבידן איז געווען דער קלוב פון די געצענ־
דיענער, וואו זיי פלעגען פרעגען קשיות ביי אידען.

"איך בין שוין אַן אַלטער מאַן", האָט ר' אליעזר געענט־
פערט. "איך האָב מורא אַז מען וועט מיך צוטרעטען אין
דעם געדרענג."

"און ביז יעצט ווער איז דען דאָרטען צוטראָטען גע־
וואָרען?" האָבען די ריכטער געפרעגט.

איז געשעהן אַ נס, אַז אין יענעם טאָג איז דאָרט געראָדע

יא אן אלטער מאן צוטראָטען געוואָרען.

האָט מען איהם פאָרגעלייגט די פינפטע קלאגע.

"דו האסט געהאט אַ אידישען קנעכט, האסטו געפאלגט די תורה און האָסט דעם קנעכט פריי געלאָזען. דאָס געזעץ איז אז מען טאָר ניט פאָלגען די תורה."

"די גאנצע מעשה איז אַ ליגען!" האָט ר' אליעזר גע־ענטפערט.

מען האָט אויפגערופען אן עדות. דער עדות האָט זיך אויפגעשטעלט צו זאָגען וואָס ער ווייס וועגען דעם אידישען קנעכט. איז געקומען אליהו הנביא, האָט זיך פערשטעלט פאר אַ גרויסען רעגירונגס בעאמטען און האָט געזאָגט: "לאָזט איהם געהן, אזוי ווי איהם זיינען שוין געשעהן אזוי פיעל נסים, וועט איהם אין דעם אויך אַ נס געשעהן, און יענער מסור וויל בלויז ארויסצייגען זיין רשעות."

גראדע צו יענער צייט האָבען איינִיגע רוימישע אריס־טאָקראטען געדארפט האָבען אימיצען אוועקפיהרען זייערען אַ וויכטיגען בריעף צום קיסר, און זיי האָבען גרא־ע אויסגע־קליבען דעם עדות פאר אַ שליח. ער האָט גלייך געמוזט פערלאָזען דעם געריכט און געהן אויף זיין שליחות. האָט אליהו הנביא איהם אַ שליידער געטהאָן אין עק וועלט און דער עדות איז מעהר קיינמאל צוריקגעקומען.

נאָכדעם אז ר' אליעזר איז בעפרייט געוואָרען האָט מען געבראכט ר' חנינא בן תרדיון צו משפט'ן.

"ווארום האָסטו געלערנט תורה?" האָבען די ריכטער געפרעגט.

"ווייל גאָט האָט מיר אזוי געהייסען," האָט ר' חנינא געענטפערט.

גלייך האָט מען איהם פער'משפט אז ער זאָל פערברענט ווערען, אז זיין פרוי זאָל דער'הרג'עט ווערען, און אז זיין טאָכטער זאָל אריינגעזעצט ווערען צווישען אויסגעלאסענע פרויען.

און פארוואָס איז אויף זיי אלעמען געקומען אַ שטראָף?

ר' חנינא האָט זיך פערזינדיגט מיט דעם וואָס ער פלעגט אויסשפרעכען גאָט'ס הייליגען נאָמען אזוי ווי עס ווערט גע־שריבען. זיין פרוי, דערפאר ווייל זי האָט יאָס געהערט און האָט איהם ניט געווארנט. און אויף זייער טאָכטער איז גע־קומען אַ שטראָף צוליעב אזא פאסירונג:

ר' יוחנן דערצעהלט אז די טאָכטער פון רבי חנינא האָט

איינמאָל שפּאַציערט אין גאַס. האָבען איהר געזעהן רוימישע אַריסטאָקראַטען און האָבען בעוואונדערט איהר שעהנקייט: "וואָס פאַר א חנ'עוודיגען גאַנג יענע מיידעל האָט!" האָבען זיי אויסגערופען. ווען זי האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך געפּלייסט צו מאַכען איהרע טריט נאָך שעהנער.

און מיט דעם האָט זי זיך פערזינדיגט.

## 17

# פערברענט מיט דער תורה

ווען רבי יוסי בן קסמא איז קראַנק געוואָרען איז געקומען רבי חנינא בן תרדיון איהר מבקר חולה זיין. האָט ר' יוסי צו איהם געזאָגט:

"חנינא, מיין ברודער! ווייסטו דען ניט אז די רוימער איז זייער הערשאַפט געגעבען געוואָרען פון הימעל. דו זעהסט דאָך אז דיעזע מלוכה האָט פערברענט גאָט'ס טעמפּעל, האָט אויסגע'הרג'עט זיינע פרומע לייט און אומגעבראַכט זיינע בעסטע מענשען, און פון דעסטוועגען איז זי נאָך גאַנץ און אונבעשעדיגט. איז דאָך א סימן אז דאָס איז אַלץ דער ווילען פון גאָט. און איך האָב געהערט אז דו געהסט געגען די געזעצען פון דער מלוכה, און דו זיצסט און לערענסט תורה, און דו גרינדעסט קהלות איבעראַל און דו זיצסט אַליין און לערענסט מיט זיי, און א ספר תורה ליעגט ביי דיר אויפ'ן שויס!"

"עס מאַכט ניט", האָט ר' חנינא בן תרדיון געענטפערט. "דער וואָס זיצט אין הימעל וועט זיך אויף מיר מרחם זיין".

"זעה", האָט איהם פירגעהאַלטען דער קראַנקער ר' יוסי, "איך רייד צו דיר לאָגישע רייד און דו ענטפערסט מיר סתם אזוי, אז עס וועט דיר טרעפען א נס! איך האָב שטאַרק מורא אז זיי וועלען פערברענען דיך מיט דער ספר תורה צוזאַמען".

אין אייניגע טעג אַרום איז ר' יוסי בן קסמא געשטאָרבען, און ווייל ער איז געווען זעהר חשוב ביי דער רעגירונג זיינען די גרעסטע לייט פון רוים געקומען צו זיין לויה און זיי האָבען אויף איהם געזאָגט שעהנע הספדים. ווען זיי זיינען צוריקגעקומען פון דער לויה האָבען זיי געפינען רבי חנינא בן תרדיון זיצען און לערנען תורה, פאַר א גרויסען

עולם. האָבען זיי איהם גענומען און איינגעוויקעלט אין דעם ספר תורה, איהם ארומגעלייגט מיט בינטלעך צווייגען אין זיי אונטערגעצונדען. נאָכדעם האָט מען געבראכט בינטלעך וואָל, זיי איינגעווייקט אין וואסער און ארויפגעלייגט איהם אויפ'ן הארצען, כדי ער זאָל זיך לענגער מאטערען. זיין טאָכטער וועלכע איז דערביי געשטאנען האָט ביטערליך געקלאָגט:

"פאָטער! אָט דאָס האָסטו דערלעבט פאר דיין תורה?!"

אָבער ר' חנינא האָט מוטהיג געענטפערט:

"ווען איך אליין וואָלט פערברענט געוואָרען וואָלט איך טאקע געפיהלט זעהר שלעכט, אָבער יעצט ווען איך ווער פערברענט צוזאמען מיט א ספר תורה, האָף איך אז דער וואָס וועט זיך אָננעהמען די קריוודע פון דעם ספר תורה וועט אויך מיין קריוודע אָננעהמען".

"זאָג אונז, רבי, וואָס זעהסטו יעצט?" האָבען איהם געפרעגט זיינע תלמידים וואָס זיינען דערביי געשטאנען.

"איך זעה", האָט ער זיי געענטפערט פון יינע ווערטאָגען, "פארמעט ברענט און אותיות פליהען אין דער לופט".

"רבי!" האָבען די תלמידים געזאָגט, "עפען דיין מויל אום דער פייער זאָל אריין אין דיר אינעווייניג".

די תלמידים האָבען איהם די עצה געגעבען, ווייל זיי האָבען ניט געקענט צוזעהן ווי ער מאטערט זיך אזוי לאנג מיט'ן טויט. אָבער ר' חנינא האָט זיי געענטפערט:

"בעסער אז מיין נשמה זאָל צונעהמען דער וואָס האָט איהר מיר געגעבען איידער איך אליין זאָל איהר שעדיגען".

ווען דער רוימישער בעאמטער וואָס האָט געהאט די אויפזעהונג אז דער טויט אורטהייל זאָל ווערען ריכטיג אויסגעפיהרט, האָט געהערט ר' חנינא'ס רייד איז ער גערי‏הרט געוואָרען און האָט איהם געפרעגט:

"אויב איך וועל גרעסער מאכען דעם פייער אין אראָבנעהמען פון דיר די בינטלעך נאסע וואָל וועסטו מיך דערנאָר אריינגעהמען אין גן־עדן?"

"יא!" האָט ר' חנינא געענטפערט.

"שווער מיר!"

ר' חנינא האָט געשוואָרען.

דער בעאמטער האָט גלייך גרעסער געמאכט דעם פייער, האָט אוועקגענומען די בינטלעך וואָל און איז נאָכדעם אליין אויך אריינגעשפרונגען אין פייער. איז ארויס א בת קול

און האָט אויסגערופֿען: "ר' חנינא בן תרדיון און זיין הינ־ריכטער געחען ביידע אין גן־עדן אריין".

## 18

# דער גאַסט פֿון מאיר

ברוריה, די פֿרוי פֿון רבי מאיר, איז געווען די טאָכטער פֿון רבי חנינא בן תרדיון. זי האָט זיך זעהר צום האַרצען גענומען וואָס איהר שוועסטער איז פֿון די רוימער פֿער־משפּט געוואָרען צו זיצען צווישען אויסגעלאַסענע פֿרויען. האָט זי איינמאָל געזאָגט צו איהר מאַן:

"עס איז מיר זעהר מיאוס וואָס מיין שוועסטער געפֿינט זיך אין אַזאַ אָרט. און אַזוי ווי זי איז אין דעם ניט שולדיג, קענסטו אפשר געפֿינען אַ וועג איהר אַרויסצו־נעהמען?"

רבי מאיר האָט גענומען אַ גרויסע מאָס רענדלעך און איז אַוועק איהר זוכען. און ער האָט אַזוי געזאָגט צו זיך: "אויב זי איז נאָך ריין און אונשולדיג וועט מיט איהר זיכער געשעהן אַ נס און איך וועל איהר קענען בעפֿרייען, אויב זי איז שוין זינדיג וועט מיט איהר קיין נס געשעהן".

קומענדיג אין רוים האָט ר' מאיר זיך פֿערקליידט פֿאַר אַ רוימישען אָפֿיצער, האָט אויסגעפֿונען וואו די געפֿאַנגענע מיידעל געפֿינט זיך און איז צו איהר אַריינגעקומען. די מיידעל האָט איהם ניט דערקענט און האָט געמיינט אַז ער איז טאַקע אַ רוימישער אָפֿיצער. זאָגט ער צו איהר: "ליעב מיך". האָט זי איהם געענטפֿערט: "וואָרום האָסטו אויס־געקליבען גראָדע מיך? עס זיינען דאָ אַ סך שעהנערע פֿון מיר".

ווען ר' מאיר האָט איהר געהערט אַזוי ריידען, האָט ער זיך געטראַכט: דאָס ציינט אַז זי איז נאָך ריין פֿון זינד. ער האָט איהר נאָכגעשפּירט און האָט אויסגעפֿונען אַז זי זאָגט דאָס צו יעדען איינעם וואָס קומט צו איהר. רבי מאיר האָט זיך געווענדעט צו איהר וועכטער און האָט געזאָגט: "גיב מיר אַוועק די מיידעל".

"איך האָב מורא פֿאַר דער רעגיערונג", האָט יער וועכ־טער געענטפֿערט.

רבי מאיר האָט איהם געגעבען דאָס געלד וואָס ער האָט מיטגעבראכט און געזאָגט:

"דאָ האָסטו אַ גרויסע מאָס רענדלעך. אַ העלפט פון דעם וועט דיר זיין גענוג צו שמירען די רעגירונגס בעאמטע און די אנדער העלפט וועט בלייבען ביי דיר".

"און ווי וועט זיין אַז דאָס גאַנצע געלד וועט ביי מיר אוועקגעהן צו שמירען די בעאמטע, וואָס וועל איך דאַן טהאָן, אויב זיי וועלען מיך וועלען משפט'ן?"

"דו וועסט זאָגען: "דער גאָט פון מאיר, ענטפער מיר! דער גאָט פון מאיר, העלף מיר!" וועלען זיי דיך פריי לאָזען".

דעם וועכטער האָט זיך דאָס ניט געגלויבט, האָט ער געפרעגט:

"וואָס פאר אַ בעווייז קענסטו מיר צייגען אַז דאָס וועט טאקע אזוי ווירקען?"

"אָט וועסטו זעהן", האָט רבי מאיר געענטפערט.

ער האָט דעם וועכטער ארויסגעפיהרט אין דרויסען, וואו עס זיינען געשטאַנען עטליכע געפעהרליכע הינד, אזעלכע וואָס קענען אַ מענשען אויפפרעסען, ר' מאיר האָט גענומען אַ שטיינדעל און האָט אַ וואָרף געטהאָן אויף די הינד.

אין אַן אויגענבליק זיינען די הינד איהם בעפאַלען און האָבען איהם געוואָלט צורייסען.

"גאָט פון מאיר, העלף מיר!" האָט רבי מאיר אויסגערופען, און די הינד האָבען איהם גלייך צורוה געלאָזט.

דער וועכטער, זעהענדיג אַז מען קען זיך אויף ר' מאיר'ס ווערטער פערלאָזען, האָט ער איהם אָבגעגעבען די מיידעל. שפּעטער האָט זיך די זאך דערגאַנגען און מען האָט דעם וועכטער פער'משפט צום טויט. ווען מען האָט איהם געבראכט צום עשאפאַט האָט ער אויסגערופען:

"גאָט פון מאיר העלף מיר!"

אַז די ריכטער האָבען דערהערט די ווערטער האָבען זיי געהייסען איהם ארונטערלאָזען.

"וואָס זיינען דאָס געווען פאר אַ ווערטער?" האָבען די ריכטער געפרעגט.

האָט זיי דער וועכטער דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע.

מען האָט גלייך אויסגעקריצט אַ בילד פון ר' מאיר אויף דעם טויער פון רוים און מען האָט בעקאַנט געמאכט, אַז ווער עס וועט איהם זעהן זאָל איהם פאַנגען. איין טאָג

האָבען איהם מענשען דערזעהן, האָבען זיי געגומען איהם נאָכלויפען. רבי מאיר, זעהענדיג אז מען לויפט איהם נאָך, האָט ער זיך אָבגעשטעלט ביי א טעפּעל מיט א טרפה אכילה, האָט אין דעם אריינגערוקט א פינגער און אָבגעלעקט אַן אנדער פינגער.

"דאָס איז ניט דער", האָבען זיינע נאָכיאָגער געזאָגט. "רבי מאיר וואָלט קיין טרפה ניט פערזוכט".

און אזוי האָט ער זיך געראַטעוועט פון זייערע הענד.

## 19

# אַן אומגליקליכער שפּאַס

איינמאָל האָט ברוריה, די פרוי פון רבי מאיר, געלעזען אין א ספר דעם ווערטעל וואָס די חכמים האָבען געזאָגט: "נשים דעתן קלות", עס הייסט אז פרויען זיינען לייכטזיניג. האָט זי געלאַכט פון דעם און האָט אויף דעם ספר, ביי דעם ווערטעל, צוגעשריבען: "א חוץ ברוריה".

"מען טאָהר ניט לאַכען פון די רייד פון אונזערע חכמים", האָט רבי מאיר איהר געוואָרנט. "עס וועט נאָך אמאָל קומען א צייט וואָס דו וועסט צוגעבען אז די חכמים האָבען רעכט געהאַט".

נאָכדעם האָט רבי מאיר אָבגעמאַכט מיט איינעם פון זיינע תלמידים אז ער זאָל בעפריינדעט ווערען מיט ברוריה'ן און איהר צוריידען אז זי זאָל איהם ליעבען. א לאַנגע צייט איז דער תלמיד איהר נאָכגעגאַנגען, ביז ברוריה האָט בעוויליגט זיך צו טרעפען מיט איהם אין א בעשטימטען אָרט און זיך דורכריידען. ווען ברוריה איז געקומען צו דעם אָרט האָט זי אנשטאַט דעם תלמיד דאָרט געטראָפען איהר אייגענעם מאַן.

פאַר גרויס שאַנדע האָט זי זיך דעם לעבען גענומען, און רבי מאיר איז פאַר צער אנטלאָפען פון א"י ישראל קיין בבל.

## 20

# גאָט׳ס שעהנע מעשים

רבי שמעון בן גמליאל איז איינמאָל געשטאַנען אויף א הויכען אָרט, אויפ׳ן הר הבית, און ער האָט געזעהן א כותית, אַ טונקעל פארביגע פרוי, וועלכע איז געווען אויסער־געוואוינליך שעהן, האָט ער מיט פרומער בעגייסטערונג אויסגערופען:

”ווי גרויס זיינען דיינע מעשים, אָה, גאָט!”

ניט די פרוי האָט ער בעוואונדערט, נאָר די שעהנע אַרבייט פון דעם וועלט בעשעפער.

## 21

# גוטע וועכטער

די רבנן דערצעהלען:

איינמאָל האָט רבי שטארק געליטען אויפ׳ן מאַגען. האָט ער געפרעגט: ”איז דאָ אימיצער וואָס וויים דעם דין, אויב דער עפּעל וויין פון די וואָס גיטען וויין פאר די גוים איז אסור צו טרינקען, אָדער עס איז מותר?” האָט זיך אָבגע־רופען רבי ישמעאל ברבי יוסי און האָט געזאָגט: ”איינמאָל האָט מיין פאָטער געליטען אויפ׳ן מאַגען, האָט מען איהם געבראכט אלטען, זיבעציג יעהריגען וויין פון געצענדיענער און ער האָט געטרונקען און איז געהיילט געוואָרען”.

”וואָס?” האָט רבי אויסגערופען. ”דו ווייסט אזא גוטע זאך און דו שווייגסט און לאָזט מיך ליידען!”

גלייך האָט מען גענומען נאָכזוכען און מען האָט גע־פונען אין דער נאָכבארשאפט א געצענדיענער וואָס האָט ביי זיך געהאַט גאנצע דריי הונדערט פעסער זיבציג יעהריגען עפּעל וויין. רבי האָט געטרונקען און איז געהיילט געוואָרען. דאן האָט ער געזאָגט:

”געבענשט זאָל זיין דער אייבערשטער וואָס האָט אי־בערגעגעבען זיין שעהנע וועלט אין די הענד פון גוטע וועכטער”.

## 22

# וואָרום גאָט דולדעט געצענדיענסט

די רבנן דערצעהלען:

איינמאָל האָבען גוי'אישע פילאָזאָפען געפרעגט די אידישע געלעהרטע: „אויב אייער גאָט איז געגען געצענדיענסט, טאָ פאַר וואָס שאַפט ער דאָס ניט אָפּ?"

האָבען די אידישע געלעהרטע געענטפערט:

„ווען די געצענדיענער וואָלטען געדיענט צו אַ זאַך, אין וועלכע די וועלט נויטיגט זיך ניט, וואָלט ער זיכער דאָס פערניכטעט, אָבער זיי דיענען דאָך צו די זון, לבנה און שטערען. זאָל ער פערניכטען זיין שעהנע וועלט צוליעב די נאַרען? נישט מעהר, ער האָט די וועלט איינגעפיהרט זעהר פיין, און די נאַרען, וואָס פיהרען איבער די וועלט, וועלען בעקומען זייער שטראָף. נאַט אייך אַ ביישפּיעל: איינער האָט גע־גנב'עט אַ מאָס ווייץ און האָט די גע'גנב'עטע ווייץ פערזייהט אין דער ערד. זאָל די ווייץ ניט וואַקסען, ווייל עס איז גע'גנב'עט? ניין. די וועלט געהט זיך מיט איהר גאַנג און די נאַרען, וואָס ווילען קאַליע מאַכען די שעהנע וועלט, וועלען מוזען אָפּגעבען דין וחשבון".

אַ פילאָזאָף האָט געפרעגט ביי רבן גמליאל:

„אין אייער תורה שטעהט, אַז אייער גאָט איז אַ גאָט פון נקמה, טאָ פאַר וואָס שטראָפט ער די וואָס דיענען עבודה זרה און ניט די עבודה זרה אליין?"

„איך וועל דיר דאָס ערקלעהרען מיט אַ משל," האָט רבן גמליאל געענטפערט. „אַ מלך, אַ בשר ודם, האָט געהאַט אַ זוהן, און יענער זוהן האָט געהאָדעוועט אַ הינטעל, און האָט דעם הינטעל אַ נאָמען געגעבען נאָכ'ן פאָטער, און אַז דער זוהן שווערט, זאָגט ער: איך שווער ביי דעם הונט, מיין טאַטע. און ווען דער מלך האָט פון דעם דערהערט, אויף וועמען ווערט ער בייז? אויפ'ן הונט, אָדער אויף דעם זוהן? געוויס אויפן' זוהן".

„וואָס!" האָט דער פילאָזאָף זיך בעליידיגט. „הונט רופסטו די עבודה זרה? זאָלסט וויסען זיין, אַז די געצען זיינען אַ ווירקליכע קראַפט".

„וואָס אַזוינס ווירקליכעס האָסטו אין זיי געזעהן?" האָט

רבן גמליאל געפרעגט.

„איך וועל דיר דערצעהלען", האָט דער פילאָזאָף גע־ענטפערט. „איינמאָל האָט אין אונזער שטאָדט אויסגע־בראָכען א פייער און עס איז פערברענט געוואָרען די גאנצע שטאָדט, אָבער די הויז אין וועלכע די עבודה זרה האָט זיך געפונען איז גאנץ געבליבען".

„דאָס וועל איך דיר אויך ערקלעהרען מיט אַ משל", האָט רבן גמליאל געזאָגט. „א לאנד האָט זיך פערזינדיגט נעגען א מלך. טאָ וועמען געהט דער מלך שטראָפען? די לעבעדיגע, אָדער די טויטע? עס פערשטעהט זיך אז ער שטראָפט נאָר די לעבעדיגע".

## 23

## פון וואָס קומט אייפערזוכט?

דער פעלד מארשאל אגריפס האָט געפרעגט ביי רבן גמליאל: „אין אייער תורה שטעהט אז גאָט איז אייפער־זיכטיג אויף די געצען. ווי קען דאָס זיין? געוואוינליך איז אַ מענש א חכם אייפערזיכטיג אויף אַן אנדער חכם, א גבור אויף אַ גבור, אַן עושר אויף אַן עושר. אָבער ווי קען אייער גאָט זיין אייפערזיכטיג אויף געצען וואָס זיי זיינען ביי איהם גאָרנישט?"

האָט רבן גמליאל געענטפערט:

„איך וועל דיר דאָס ערקלערען מיט א משל. א מאַן וואָס האָט געהאט א פרוי האָט זיך גענומען נאָך אַ פרוי. אויב די אַנדער פרוי איז שעהנער און קליגער ווי די ערשטע פערשטעהט די ערשטע אז עס איז גאנץ נאטירליך וואָס איהר מאַן ליעבט די צווייטע פרוי. אָבער אויב די צווייטע פרוי איז אַ מיאוס'ע און שטעהט ניעדריגער פון דער ערשטער, פערדריסט די ערשטע ווען זי זעהט אז דער מאַן ציינט יע־נער ארוים גרויס ליעבע."

## 24

## נסים וואָס זיינען בלויז א צופאל

איינער א איד האָט אמאָל געפרעגט ביי רבי עקיבא: „ביי מיר און ביי דיר אין הארצען ווייסען מיר אז דער דיע־

נען צו שטערען און מזלות איז גאַרנישט ווערטה, אָבער קענסטו מיר דאָס ערקלערען וואָס איך האָב געזעהן, ווי הינ־קעדיגע מענשען זיינען אריין אין דער קירך וואו מען דיענט צו עבודה זרה און זיי זיינען פון דאָרט ארוים געהיילטע?"

"איך וועל דיר דאָס ערקלערען מיט א משל", האָט רבי עקיבא געענטפערט. "אין א שטאָדט איז געווען איינער, אַן אָרענטליכער מענש, וועמען אלע פלעגען געבען צו בע־האלטען זייער געלד אָהן עדות. נאָר איין מאַן איז געווען וואָס האָט איהם ניט געטרויט, און יעדען מאָל יואָס ער פלעגט געבען געלד צו בעהאלטען פלעגט ער עס געבען אין דער אנוועזענהייט פון עדות. איינמאָל האָט ער פערגעסען און האָט געגעבען צו בעהאלטען אָהן עדות. זאָגט די פרוי פון דעם אָרענטליכען מענשען: "לאָמיר איהם ריזען מאָל פערלייקענען זיין געלד. ער האָט דאָך קיין עדות." האָט דער מאַן געענטפערט: "צוליעב דעם וואָס ער איז א נאַר און האָט געהאַנדעלט ניט ריכטיג זאָלען מיר פערלירען דעם צוטרויען וואָס מענשען האָבען צו אונז?" מיט יסורים און קראַנקהייטען איז אויך אזוי. ווען א קראַנקהייט ווערט אָנ־געשיקט אויף א מענשען, ווערט בעשטימט ווי לאַנג די קראַנקהייט מוז אָנהאלטען און אין וועלכען טאָג זי מוז דעם מענשען פערלאָזען. טרעפט עס אמאָל אז דער נאַרי־שער מענש געהט גראָדע אין דעם בעשטימטען טאָג אין דער הויז פון די געצען. זאָגען די יסורים, אז עס וואָלט געווען ניט מעהר ווי רעכט, אז זיי זאָלען דעם נאַרישען געצענדיע־נער ניט פערלאָזען, אָבער אַן אָבמאַך איז אַן אָבמאַך. צוליעב דעם וואָס יענער איז נאַריש זאָלען די יסורים ניט האלטען דעם אָבמאַך?"

## 25

# עולם הזה און עולם הבא

רבא האָט איינמאָל, אין א גוי'אישען יום טוב, געבראַכט א מתנת צו בר ששך, א פערזישער גובערנאַטאָר, ווייל ער האָט ניט געדיענט עבודה זרה. רבא האָט איהם געפונען זיצען ביז'ן האלז אין א פערפומירטע וואַנע, און אויסגעלאַ־סענע פרויען זיינען געשטאַנען ארום איהם. האָט בר ששך

געזאָגט צו רבא'ן: "זאָג מיר, איהר האָט אזעלכע פערגני־גענס אויף יענער וועלט?"

"מיר האָבען נאָך בעסערע", האָט רבא געענטפערט.

"און מיט וואָס זיינען זיי בעסערע?" האָט בר ששך געפרעגט.

"אייערע פערגניגענס געהען אייך ניט איין", האָט רבא ערקלערט, "ווייל איהר האָט איבער זיך די מורא פון א קאָפּ־ריזנעם מלך."

און אזוי ווי רבא שטעהט דאָרט, קוממט אָן א שליח פון מלך און זאָגט צו בר ששך אז דער מלך האָט געהייסען אז ער זאָל גלייך קומען צו איהם. עס איז דאָ א קלאגע אויף איהם.

ווען בר ששך האָט פערלאָזען זיין פאלאסט צו געהן צום מלך האָט ער געזאָגט צו רבא'ן: "די אויג וואָס וויל אָן אייך זעהן שלעכט זאָל אויסגעשטאָכען ווערען, ווייל מען זעהט דאָך ווי גאָט איז מיט אייך, און אז וואָס איהר רעדט ארויס פון מויל געשעהט עס באלד."

"אָמן!" האָט רבא געענטפערט.

און דער סוף איז געווען אז דער מלך האָט בעפוילען אז מען זאָל ביי בר ששך ארויסנעהמעןביידע אויגען.

# מסכת הוריות

## 1

## ניט דורך חכמה ווערט מען רייך

רבן גמליאל און רבי יהושע זיינען איינמאָל צוזאמען געפאָהרען אויף א שיף. רבי יהושע וועלכער איז געווען א ערפאהרענער רייזענדער האט אויפ'ן וועג מיטגענומען ברויט און אויך ווייסען מעהל, אום צו קענען באקען פרישען ברויט, אויב די רייזע וועט זיך פערלייגערען. רבן גמליאל האט מיטגענומען בלויז ברויט. ווען די רייזע האט זיך פערצויגען און ביי רבן גמליאל איז אויסגעגאנגען זיין ברויט, האט ער געמוזט לעבען אויף רבי יהושע'ס מעהל. "ווען איך וואלט געוואוסט אז די רייזע וועט זיך פערציהען וואלט איך אויך מיטגענומען מעהל", האט רבן גמליאל געזאגט.

"עס איז דא א שטערן אין הימעל, וואס די מאטראזען האלטען איהם פאר א וועג ווייזער, נאר איין מאָל אין זיעבציג יאהר קומט דער שטערן פון אן אנדער זייט און ער פיהרט אראב פון וועג", האט איהם רבי יהושע ערקלערט די אורזאכע ווארום די רייזע האט זיך פערצויגען.

"דו ווייסט אזוי פיעל און דו גיבסט זיך אָב מיט פאָהרען אויף א שיף צוליעב פרנסה!" האט רבן גמליאל זיך געוואונדערט.

"אז דו וואונדערסט זיך אזוי וועגען מיר", האט רבי יהושע געענטפערט, "פאר וואס וואונדערסטו זיך ניט אויף

דייגע צוויי תלמידים, וואס זיינען אויף דער יבשה, רבי יוחנן בן גודגדא און רבי אלעזר חסמא וואס ווייסען אפילו ווי פיעל עס איז דאָ טראָפּענס וואסער אין ים, און דאך האָבען זיי ניט געגוג ברויט צו עסען און קליידער אנצוטהאָן?"

רבן גמליאל האט ביי זיך אבגעמאכט, אז ווען ער וועט צוריק קומען אהיים וועט ער די צוויי תלמידים געבען הויכע עמטער, אום זיי זאלען האבען פון וואס צו לעבען. אבער די צוויי תלמידים האבען קיין אמט ניט געוואלט אָננעהמען.

"איך פערשטעה וואס איהר דענקט", האט רבן גמליאל געזאגט. "איהר גלויבט אז די הערשאפט וואס איך וויל אייך געבען איז ניט מעהר ווי קנעכטשאפט, ווייל א בעאמטער איז ניט מעהר ווי א דיענער צום פאָלק".

## 2

# א צדיק מעג איך געניסען עולם הזה

רב פפא און רב הונא זיינען אמאָל געקומען אויף א בעזוך צו רבא. האט זיי רבא פריהער פערהערט אין לערנען, און אז ער האט געזעהן אז זיי האבען א סך געלערענט, האט ער זיי געפרעגט: "האט איהר כאָטש א קליינעם פערמעגען וואס גיט אייך די מעגליכקייט צו לערנען מיט א רוהיגען קאָפּ?"

"יא", האבען זיי געענטפערט. "מיר האבען א שטיקעלע לאַנד און מיר האבען דערפון צו עסען".

האט רבא געזאגט:

"וואויל איז צו צדיקים וואס האבען אויף דער וועלט דאס וואס די רשעים האבען אויף דער וועלט".

## 3

# פאר דעם כבוד פון דער תורה

די מעשה איז פארגעקומען אין די צייטען פון רבן שמעון בן גמליאל. רבן שמעון איז געווען נשיא און דער ראש הישיבה. רבי מאיר האט געהאט דעם אמט פון "חכם". ער פלעגט זיצען ביי דער לינקער האנד פון דעם נשיא און דיס־

קומירען און ערקלערען די פערוויקעלטע פראגען פון דער תורה. און רבי נתן איז געווען אָב בית דין, דאס איז דער פּאָרזיצענדער פון די דיינים, די אידישע ריכטער פון יענער צייט.

אז רבן שמעון בן גמליאל דער נשיא פלעגט אריינקומען אין בית המדרש פלעגט דער גאנצער עולם זיך אויפשטעלען פאר איהם. און אז רבי מאיר און רבי נתן פלעגען אריינקומען פלעגט אויך דער גאנצער עולם זיך אויפשטעלען. דער נשיא האט איינמאָל נאָכגעטראכט וועגען דעם, און האט געזאגט: "עס האט געדארפט זיין אן אונטערשיעד צווישען מיר און זיי". האט ער איינגעפיהרט אזא רעגעל: ווען עס קומט אריין דער נשיא דארף דער גאנצער עולם זיך אויפשטעלען און קיינער טאָהר זיך ניט צוריקזעצען אויף זיין אָרט ביז דער נשיא הייסט זיי זיך זעצען. ווען עס קומט אריין דער אָב בית דין דארפען זיך אויפשטעלען צוויי שורות פון די זיצענדע, איין שורה פון איין זייט און די אנדער שורה פון דעם אנדער זייט, דורך וועלכע דער אב בית דין דארף דורכגעהן צו זיין בעשטימטען פלאץ, און זיי דארפען זיך ניט צוריקזעצען ביז ער זעצט זיך אוועק. ווען דער חכם געהט אריין בלייבט איין שורה זיצען און בלויז איינע שטעלט זיך אויף און בלייבט שטעהן ביז ער פארנעהמט זיין פלאץ.

יענעם טאָג אין וועלכען רבן שמעון בן גמליאל האט איינגעפיהרט די נייע אָרדנונג זיינען רבי מאיר און רבי נתן ניט געווען אין בית המדרש. אז זיי זיינען געקומען אויף מאָרגען, און האבען געזעהן אז דער גאנצער עולם שטעהט ניט אויף פאר זיי, האבען זיי געפרעגט: "וואָס בעדייט דאס?" האט מען זיי דערצעהלט אז דער נשיא האט איינגעפיהרט, אז מען זאל זיי ניט געבען אזא גרויסען כבוד ווי מען גיט איהם.

עס פערשטעהט זיך אז רבן שמעון בן גמליאל איז ניט אויסען געווען זיין אייגענעם כבוד, נאָר ער האט געמיינט צו פערהיטען דעם כבוד פון דער תורה און דעם רעספּעקט פאר אויטאָריטעט. אבער רבי מאיר און רבי נתן האבען גע־פיהלט אז זייער אייגענער כבוד ליידעט פון דעם.

האט רבי מאיר געזאָגט צו רבי נתן:

"איך בין א חכם און דו ביזט אן אָב בית דין. טאָ לאָמיר

זעהן צו טהאן עפעס וועגען דער זאך און צוריקשטעלען אונזער כבוד״.

„וואס קענען מיר טהאן?״ האט רבי נתן געפרעגט.

„איך האב א פלאן״ האט רבי מאיר געזאגט „מיר וועלען איהם בעטען ער זאל אונז ערקלעהרען עפעס אן ענין אין דער מסכת עוקצין, אין וועלכער ער איז ניט קלאהר, און אז ער וועט ניט וויסען וועלען מיר קענען צייגען אז ער איז ניט ווערטה צו פארטרעטען זיין אמט, וועלען מיר איהם אראבזעצען און דו וועסט ווערען נשיא אויף זיין ארט, און איך וועל ווערען אב בית דין אויף דיין ארט״.

זיי האבען געמיינט אז קיינער הערט ניט וואס זיי רײדען צווישען זיך, אבער גראדע איז רבי יעקב בן קורשאי געשטאנען ניט וויים פון זיי און האט געהערט וואס זיי האבען אבגעמאכט צווישען זיך. האט זיך רבי יעקב בן קורשאי געטראכט: „טאמער ווייס דער נשיא טאקע ניט וואס צו ענטפערן וועט מען דאך איהם ברייבגען צו א גרויסען בזיון״. דערצעהלען דעם נשיא און איהם אנזאגען אז ער זאל זיך היטען האט ער ניט געוואלט, ווייל דאס וואלט דאך געווען א רכילות. האט ער אזוי געטהאן: ער איז אויעק ביינאכט צו דעם נשיא׳ס הויז, האט זיך אוועקגעזעצט אין דרויסען הינטער דעם צימער וואו דער נשיא פלעגט זיצען, און האט אנגעהויבען צו לערנען אויפ׳ן קול די מסכת עוקצין. הערט דער נשיא ווי איינער זיצט און לערנט, און זאגט איבער די זעלבע זאך איינמאל און א צווייטען מאל, איז דאס איהם געווארען אויפפאלענד. „עפעס איז אין בית המדרש געשעהן!״ האט דער נשיא געזאגט צו זיך, און ער האט אויך גענומען לערנען די זעלבע מסכת, און האט זי גוט איינגעלערענט.

אויף מארגען, אין בית המדרש, האבען רבי מאיר און רבי נתן געזאגט צו איהם: „זאל דער רבי היינט לערנען מיט אונז די מסכת עוקצין״. דער נשיא האט זיי צוערשט געוויזען אז ער וויים די מסכת, און נאכדעם האט ער צו זיי געזאגט: „יעצט פערשטעה איך וואס אייער פלאן איז געווען, און ווען איך וואלט די מסכת ניט איינגעלערענט וואלט איהר מיך פערשעהמט פאר׳ן גאנצען עולם״.

אלס שטראף האט ער געגעבען א בעפעהל אז מען זאל זיי ארויספיהרען פון בית המדרש.

די ארויסגעטריבענע האבען אבער ניט אויפגעהערט צו זוכען נקמה. פלעגען זיי אנשרייבען הארבע קשיות אויף פאפיער און די צעטעלעך אריינווארפען אין בית המדרש. די קשיות וואס מען האט געקענט פארענטפערן האט מען פארענטפערט, און די קשיות וואס מען האט אין בית המדרש ניט געקענט פארענטפערן פלעגען זיי די תרוצים אליין אנ־שרייבען אויף צעטעלעך און זיי אריינווארפען אין בית המדרש, מיט דעם צוועק צו צייגען אז זיי קענען בעסער לער־נען און אז זיי קומט מעהר כבוד פאר'ן נשיא.

"וואס איז דאס?" האט איינמאל געפרעגט רבי יוסי. "די תורה איז אין דרויסען און מיר זיצען אינעווייניג! מע' האט זיי געדארפט צוריק אריינלאזען אין בית המדרש".

האט רבן שמעון בן גמליאל ערלויבט די פארטריבענע צוריק צו קומען אין בית המדרש, אבער ער האט אנגעזאגט אז ווען מען זאגט איבער זייערע א תורה, זאל מען ניט דער־מאנען זייערע נעמען. אנשטאט רבי מאיר זאל מען זאגען: "אחרים זאגען", און אנשטאט רבי נתן זאל מען זאגען: "יש אומרים".

שפעטער האט מען די צוויי אנגעצייגט אין חלום אז זיי זאלען געהן איבערבעטען דעם נשיא. רבי נתן איז געגאנ־גען און האט איבערגעבעטען. רבי מאיר האט געהאלטען אז א חלום דארף מען ניט נעהמען ערנסט.

# פרקי אבות

## ערשטער פרק

שמעון הצדיק פלעגט זאָגען: אויף דריי זאכען שטעהט די וועלט, אויף תורה לערנען, אויף גאָט דיענען און אויף טהאָן גוטעס צו מענשען.

---

אנטיגנוס פון שוכו פלעגט זאָגען: איהר זאָלט ניט זיין ווי קנעכט וואָס דיענען דעם האר אום צו בעקומען א לוין, נאָר איהר זאָלט זיין ווי קנעכט וואָס דיענען דעם האר ניט ערוואַרטענדיג קיין לוין.

---

יוסי בן יועזר פון צרדה זאָגט: זאָל דיין הויז זיין א פערזאמלונגס פלאַץ פאר געלעהרטע, זאָלסט זיצען אויף דער ערד, שלינגען דעם שטויב פון זייערע פיס, און אָבוואשען דיין דאָרשט מיט זייערע רייד.

---

יוסי בן יוחנן פון ירושלים זאָגט: זאָל דיין הויז זיין ברייט אָפען און אָרימע מענשען זאָלען זיין דיינע בני בית. און זאָלסט ניט פאַרברייגען אין לאַנגע שמועסען מיט דער פרוי. דאס מיינט אפילו אן אייגענע פרוי, ווער רעדט שוין וועגען אן אנדערענס פרוי.

יהושע בן פרחיה זאגט: בעזאָרג זיך מיט אַ לעהרער פון וועמען צו לערנען און אַ פריינד אין וועמען זיך צו פערטרויען, און זאָלסט יעדען מענשען אורטיילען פון דער גוטער זייט.

---

נתאי הארבלי זאָגט: דערווייטער זיך פון אַ שלעכטען שכן, חבר זיך ניט מיט אַ רשע, און צווייפעל ניט אין דעם, אַז דער שלעכטער מוז בעקומען זיין שטראָף.

---

שמעיה זאָגט: האָב ליעב די ארבייט און האָב פיינד די הערשאפט, און זוך ניט צו פיעל פריינדשאפט מיט דער רעגיערענדער מאכט.

---

הלל זאָגט: זאָלסט זיין פון די נאכפאָלגער פון אהרן, ליעבען שלום און שטרעבען צו שלום, ליעב האָבען די מענשען און זיי בעקענען מיט די גוטע לעהרען פון דער תורה.

דער וואָס זוכט זיין נאָמען גרויס צו מאַכען וועט זיין נאָמען פערלאָרען געהן, דער וואָס פארגרעסערט ניט זיין קענטשאפט פערליערט עס, דער וואָס לערנט ניט פערדיענט דעם טויט, און דער וואָס בענוצט זיך מיט דעם כביד פון דער תורה, וועט פון דער וועלט אוועק.

אויב איך וועל ניט האלטען פאר זיך ווער וועט האלטען פאר מיר? אָבער איך פאר זיך אליין וואָס פאר אַ בעטרעף האָב איך? און אויב ניט יעצט, טאָ ווען?

---

שמאי זאָגט: מאַך אָב אַ בעשטימטע צייט אויף לערנען. רייד ווענינ און טהו פיעל, און צייג יעדען מענשען אַ פריינד־ליכען פנים.

---

שמעון בן גמליאל זאָגט: מיין גאנצען לעבען האָב איך זיך ערצויגען צווישען געלעהרטע און איך האָב ניט געפונען קיין בעסערע זאַך פאר'ן מענשען ווי שווייגען, אין ניט דער לערנען איז דער עיקר נאָר דער טהאָן, און דער וואָס פער־ברייננט זיין צייט אין פוסטע פלוידעריי ברייננט זינד.

אויף דריי זאכען שטעהט די וועלט: אויף אמת, אויף געזעץ, אויף שלום.

# צווייטער פרק

רבי זאָגט:

וואָס איז דער וועג וואָס אַ מענש דאַרף זיך אויסוועהלען? דאָס איז דער וועג וואָס איז שעהן פאַר איהם אליין און שעהן פאַר לייטען.

ווען עס קומט דיר צו האַנד אַ מצוה ביי וועלכער דו קענסט עפּעס פערליערען, רעכען אויס ווי גרויס איז דער לוין פון דער מצוה. און ווען עס קומט דיר צו האַנד אַן עבירה, ביי וועלכער דו קענסט פערדיענען, רעכען אויס ווי גרויס עס איז די שטראָף פון דער עבירה.

האָב אין אויג דריי זאַכען און דו וועסט ניט קומען צו אַ זינד. זיי וויסען אַז איבער דיר איז דאָ אַן אויג וואָס זעהט, אַן אויער וואָס הערט, און אַז אַלעס וואָס דו טהוסט ווערט פערשריבען אין אַ בוך.

---

רבן גמליאל דער זוהן פון רבי יהודה הנשיא זאָגט:

אַ גוטע זאַך איז תורה צוזאַמען מיט אַ בעשעפטיגונג. ווייל די דאָפּעלטע ארבייט מאַכט פערגעסען אויף זינד. תורה אליין אָהן אַ מלאכה ווערט מיט דער צייט פערגעסען און פיהרט צו זינד.

די וואָס ניבען זיך אָב מיט פאָלקס־ארבייט ־זאָלען אַר־בייטען אָהן אייגענעם נוצען פאַר זיך.

היט זיך פון דער הערשענדער מאַכט, ווייל זיי ווייזען פריינדשאַפט צום מענשען נאָר ווען זיי האָבען פון איהם אַ נוצען, אָבער זיי שטיצען איהם ניט ווען ער איז אין נויט.

מאַך גאָט׳ס ווילען פאַר דיין ווילען, כדי ער זאָל מאַכען דיין ווילען פאַר זיין ווילען. מאַך צו גאָרנישט דיין ווילען פאַר זיין ווילען, כדי ער זאָל בטל מאַכען דעם ווילען פון אַנ־דערע פאַר דיין ווילען.

---

הלל זאָגט:

זאָלסט זיך ניט אָבשיידען פון קהל. זאָלסט ניט גלויבען אין זיך אליין ביז דיין לעצטען טאָג. זאָלסט ניט אורטיילען דיין מיטמענשען ביז דו וועסט זיין אין זיינע אומשטענדען. זאָג ניט קיין זאַך וואָס מען קען גלייך ניט פערשטעהן אין דער האָפנונג אַז מען וועט עס שפּעטער פערשטעהן. און זאָלסט

ניט אָבלייגען דעם לערנען אויף אַ פרייערע צייט, דען טאָמער וועט די פרייערע צייט קיינמאָל ניט קומען.

אַ פוסטער קאָפּ קען קיין מורא ניט האָבען פאר זינד, און עם הארץ קען ניט זיין פרום, אַ שעמעדיגער קען זיך ניט לערנען, א כעסן קען קיין לעהרער זיין, און ניט דער וואס גיט אָב זיין גאנצע צייט אויף מסחר קען זיין קלוג. דאָרט, וואו עס פעהלען מענער צו טהאָן וויכטיגע ארבייט, בעמיה זיך דו צו זיין דער מאָן.

וואָס מעהר פלייש אַ מענש קלייבט אָן אויף זיך, דאָס מעהר ווערים אין קבר. וואָס מעהר פערמעגען, דאָס מעהר זאָרג. וואָס מעהר פרויען, דאָס מעהר קאָקעטעריי. וואָס מעהר דיענסטען, דאָס מעהר אויסגעלאַסענהייט. וואָס מעהר קנעכט, מעהר רויב.

אָבער וואָס מעהר תורה, דאָס מעהר לעבען. וואָס מעהר לערנען, דאָס מעהר חכמה. וואָס מעהר ראטה, דאָס מעהר פערנונפט. וואָס מעהר צדקה, דאָס מעהר שלום.

דער וואָס שאפט זיך אַ גוטען נאָמען, געניסט ער פון דעם אליין. דער וואָס האָט זיך געשאפט תורה, געניסט עולם הבא.

---

פינף תלמידים האָט געהאט רבי יוחנן בן זכאי, און אזוי פלעגט ער אויסרעכנען זייערע מעלות:

אליעזר בן הורקנוס, אַ ברונען אויסגעקאכעלט מיט צעמענט וואָס פערליערט קיין איינציגען טראָפּען.

יהושע בן חנניא — וואויל איז זיין מוטער.

יוסי הכהן, אַ פרומער מאָן.

שמעון בן נתנאל האָט מורא פאר זינד.

אלעזר בן ערך, אַ קוואל וואָס זיין שטראָם ווערט אַלץ שטארקער.

איינמאָל זאָגט ער צו זיי: "געהט און געפינט מיר אויס וועלכער איז דער בעסטער וועג ביי וועלכען דער מענש זאָל זיך האלטען."

רבי אליעזר זאָגט: אַ גוטע אויג.
רבי יהושע זאָגט: אַ גוטער חבר.
רבי יוסי זאָגט: אַ גוטער שכן.
רבי שמעון זאגט: דער וואס זעהט פאָראויס געשעהעניסען.
רבי אלעזר זאָגט: אַ גוטע הארץ.

האָט רבי יוחנן צו זיי געזאָגט: מעהר פון אייערע ווער־טער געפעלען מיר די ווערטער פון אלעזר בן ערך, ווייל זיין געדאנק ענטהאַלט אויך אייערע.

איינמאָל האָט רבי יוחנן בן זכאי געזאָגט צו זיינע תלמידים:

"געהט און געפינט אויס וועלכער איז דער שלעכטער יועג וואָס דער מענש דאַרף אויסמיידען".

רבי אליעזר'ס ענטפער איז: א שלעכטע אויג.

רבי יהושע זאָגט: א שלעכטער חבר.

רבי יוסי זאָגט: א שלעכטער שכן.

רבי שמעון זאָגט: איינער וואָס לייהט געלד און בע־צאָהלט ניט.

רבי אלעזר זאָגט: א שלעכטע הארץ.

האָט רבי יוחנן צו זיי געזאָגט: "עס געפעלען מיר די ווערטער פון אלעזר בן ערך, ווייל זיינע רייד ענטהאַלטען אויך אייערע".

---

דריי זאַכען האָט געזאָגט יעדער איינער פון רבי יוחנן'ס תלמידים.

רבי אליעזר זאָגט: זאָל דער כבוד פון דיין חבר ביי דיר זיין אזוי טייער ווי דיין אייגענער כבוד און ווער ניט שנעל אין כעס אויף איהם. טהו תשובה א טאָג פאַר דיין טויט (און אזוי ווי א מענש ווייס ניט ווען ער וועט שטאַרבען דאַרף ער יעדען טאָג נעהמען אויף זיך צו לעבען ערענטליך). און וואַרם זיך ביי דעם פייער פון געלעהרטע מענשען.

רבי יהושע זאָגט: א בייזע אויג, א שלעכטע הארץ און פיינדשאַפט צו אנדערע פערטרייבען דעם מענשען פון דער וועלט.

רבי יוסי זאָגט: דיין חבר'ס געלד זאָל ביי דיר זיין אזוי טייער ווי דיינע אייגענע, מאַך זיך פאַסענד צום לערנען ווייל דאָס איז ניט א זאַך וואָס מען בעקומט אָהן מיה אזוי ווי א ירושה, און אלעס וואָס דו טהוסט זאָל זיין אין נאָמען פון דעם אויבערשטען.

רבי שמעון זאָגט: זאָלסט אָבהיטען קריאת שמע און דאַווענען, און ווען דו דאַווענסט מאַך ניט דיין תפלה פאַר א חוב וואָס דו ווילסט אָב'פטר'ען, נאָר אלס אַן אויסדרוק פון מיטלייד און געבעט. און האַלט ניט אויף זיך קיין פעהלערען.

רבי אלעזר זאָגט: לערן תורה מיט פלייס. זאָלסט וויסען

וואס צו ענטפערען אז אן אפיקורוס פרעגט דיך קשיות. און וויס פאר וועמען דו בעמיהסט זיך און ווער עס איז דיין בעל הבית וואס וועט דיר בעצאהלען פאר דיין ארבייט.

---

רבי טרפון זאגט:

דער טאג איז קורץ, ארבייט איז דא א סך, די ארבייטער זיינען פויל, דער לוין איז גרויס, און דער בעל הבית יאגט.

ניט אויף דיר ליגט די פפליכט די ארבייט צו ענדיגען, און ניט דו האפסט א רעכט זיך אין גאנצען צו בעפרייען פון דער ארבייט.

# דריטער פרק

עקביא בן מהללאל זאגט: קוק אויף דריי זאכען און דו וועסט קיינמאל קומען צו זינד. געדענק פון וואנען דו קומסט, וואוהין דו געהסט, און פאר וועמען דו דארפסט אבגעבען דין וחשבון.

---

רבי חנינא דער וויצע כהן גדול זאגט: בעט פאר דעם וואויל־זיין פון דער רעגירונג, ווייל ווען ניט די מורא פאר איהר וואלטען מענשען איינע די אנדערע לעבעדיגע דער־שלונגען.

---

רבי אליעזר פון ברתותא זאגט: ווען דו גיבסט צדקה גיבסט צו גאט פון דאס זייניגע, ווייל דו און דיין פערמעגען געהערען צו איהם.

---

רבי יעקב זאגט: ווער עס געהט אין וועג און לערנט, און רייסט אב אין מיטען זיין לערנען און זאגט: "ווי שעהן איז יענער בוים! ווי שעהן איז יענער פעלד!" איז גלייך ווי ער האט זיך מיט זיין לעבען פערשולדיגט.

---

רב חנינא בן דוסא זאגט: ביי וועמען זיין פרומקייט שטעהט העכער ווי זיין חכמה האט ביי איהם די חכמה א קיום, און ביי וועמען זיין חכמה שטעהט העכער ווי זיין פרומקייט האט די חכמה קיין קיום.

וועמעס גוטע מעשים איבערשטייגען זיין חכמה האט זיין חכמה א קיום, אבער ביי וועמען די חכמה איבערשטייגט זיינע מעשים האט די חכמה קיין קיום.

מיט וועמען מענשען זיינען צופריעדען איז גאָט אויך צופריעדען, אָבער מיט וועמען מענשען זיינען אונצופריעדען איז גאָט אויך אונצופריעדען.

---

רבי דוסא בן הרכינס זאָגט: דער פריהמאָרגען שלאָף, דער טרינקען וויין מיטאג צייט, דער פלוידערען מיט קליינע קינדער און דער זיצען אין די פערזאמלונגס־פּלעצער פון אונוויסענדע פערטרייבען דעם מענשען פון דער וועלט.

---

רבי עקיבא זאָגט: געלעכטער און לייכטזין געוואוינען דעם מענשען צו אויסגעלאסענהייט.

אלעס איז פאָראויסגעזעהן, און דאָך האָט דער מענש די ברירה צו זיין גוט אָדער שלעכט. די וועלט ווערט געמשפּט מיט גוטסקייט, און אלעס הייגנט אָב פון דעם פיעל דער מענש האָט אויפגעטהאָן.

אלעס ווערט געגעבען אויף באָרג און א נעץ איז פערשפּרייט אויף אלע לעבעדיגע. די קראָם איז אָפען, דער קרעמער באָרגט, דער בוך איז אָפען, די האנד פערשרייבט, ווער עס וויל קען קומען און נעהמען אויף באָרג, און די קאָלעקטאָרען געהען ארום רעגעלמעסיג און מאָהנען אויף ביי דעם מענשען סיי ער וויל, סיי ער וויל ניט, דען זיי האָבען אויף וואס זיך צו שטיצען, דער משפּט איז א גערעכטער און אלעס איז גרייט צום מאָהלצייט.

---

רבי אליעזר בן עזריה זאָגט: ווער עס פערמאָגט קיין תורה פערמאָגט קיין דרך ארץ, ווער עס פערמאָגט קיין דרך ארץ פערמאָגט קיין תורה. ווער עס בעזיצט קיין קלוגשאפט בעזיצט קיין פרומקייט, ווער עס בעזיצט קיין פרומקייט בעזיצט קיין קלוגשאפט. ווער עס בעזיצט קיין וויסען בעזיצט קיין פערשטאנד, ווער עס בעזיצט קיין פערשטאנד בעזיצט קיין וויסען. אָהן ברויט קען קיין תורה ניט זיין. אָהן תורה קען קיין ברויט ניט זיין.

וועמעס חכמה איז גרעסער פון זיינע מעשים איז געגליכען צו א בוים וואס האָט א סך צווייגען אָבער זעהר ווענינ וואָרצלען. אז עס קומט א שטארקער ווינד רייסט ער אויס דעם בוים און וואַרפט איהם אנידער. אָבער וועמעס מעשים עם זיינען גרעסער פון זיין חכמה איז געגליכען צו א בוים מיט ווענינ צווייגען אָבער מיט א סך וואָרצלען. און יועז

אפילו עס זאָלען קומען אלע ווינטען פון דער וועלט און בלאָזען אויף איהם קענען זיי איהם ניט ריהרען פון אָרט.

# פערטער פרק

בן זומא זאָגט:

ווער איז א קלוגער? דער וואס לערנט פון יעדען מענשען.

ווער איז א גבור? דער וואס קען איינהאַלטען זיין ווילען.

ווער איז רייך? דער וואס איז צופריעדען מיט דעם וואס ער פערמאָגט.

ווער איז געאכטעט? דער וואס אכטעט אנדערע מענשען.

---

בן עזי זאָגט: זאָלסט זיך פלייסען אפילו איבער א קליינע מצוה און ענטלויפען פון אן עברה, ווייל איין מצוה ציהט־צו צו אן אנדער מצוה און אן עברה ציהט צו אן עברה. אזוי קומט עס אויס, אז דער לוין פון א מצוה איז א מצוה און די שטראָף פון אן עברה איז נאָך אן עברה.

פערראכט ניט קיין מענשען און זוך קיין פעהלערען אין קיין זאך, ווייל עס איז ניטאָ א מענש וואס האָט ניט זיין שטונדע און עס איז ניטאָ א זאך וואס האָט ניט אידר פלאץ.

---

רבי לויטס פון יבנה זאָגט: זאָלסט זיך האלטען זעהר, זעהר ניעדריג, ווייל דעם מענשען'ס האָפנונג איז בלויז דער קבר.

---

רבי ישמעאל דער זוהן פון ר' יוחנן בן ברוקה זאָגט: ווער עס לערנט מיט דעם צוועק צו קענען לערנען מיט אנ־דערע העלפט מען איהם אליין צו קענען און אנדערע צו לערנען. ווער עס לערנט מיט דעם צוועק צו טהאָן די זאכען וואס ער לערנט העלפט מען איהם צו קענען, צו לערנען מיט אנדערע, צו ערפילען און צו טהאָן.

---

רבי צדוק זאָגט: זאָלסט זיך ניט אָבטיילען פון כלל, זאָלסט זיך ניט האלטען איינזייטיג ווען עס קומט דיר צו אורטיילען וועגען מענשען, און דו זאָלסט פון דיין תורה ניט מאכען א קרוין זיך גרויס צו האלטען, אויך ניט א מיטעל פאר פרנסה. און אזוי פלעגט אויך הלל זאָגען: "דער וואָס

בעטצט זיך מיט דער קרוין פון דער תורה ,וועט פערלארען געתן פון דער וועלט".

---

רבי ישמעאל זאגט: דער וואס מיידעט אויס צו זיין א ריכטער פערשפארט פיינדשאפט, אונרעכט און פאלשע שבועות.

דער וואס האלט זיך גרויס מיט זיין לערנען איז א נאר־רישער רשע און א בעל גאוה.

---

רבי יונתן זאגט: ווער עס היט אב די תורה אין ארימ־קייט, וועט ער שפעטער אבהיטען אין רייכקייט. און דער וואס פערלאזט די תורה אין רייכקייט וועט זי שפעטער פער־לאזען אין ארימקייט.

---

רבי אלעזר בן שמוע זאגט: זאל דער כבוד פון דיין תלמיד ביי דיר זיין אזוי ווי דיין אייגענער כבוד, און דער כבוד פון דיין חבר ווי די מורא פאר דיין לעהרער, און די מורא פאר דיין לעהרער ווי די מורא פאר גאט.

רבי שמעון זאגט: עס זיינען דא דריי קרוינען. די קרוין פון תורה, די קרוין פון כהנה, און די קרוין פון מלכות. אבער די קרוין פון א גוטען נאמען שטעהט העכער פון זיי אלע.

---

רבי ינאי זאגט: עס איז אונז אונמעגליך צו ערקלערע; ווארום די רשעים לעבען אין וואוילטאג, און ווארום די גוטע און פרומע ליידען.

---

רבי יעקב זאגט: דיזע וועלט איז ווי א קארידאר צו יענער וועלט. מאך זיך רעכט אין קארידאר כדי דו זאלסט קענען ארייננעהן אין פאלאסט.

---

רבי מתתיהו בן חרש זאגט: זיי דו דער ערשטער צו בעגריסען א מענשען.

זיי דער קלענסטער צווישען לייבען, איידער דער גרעס־טער צווישען פוקסען.

---

רבי שמעון בן אלעזר זאגט: זאלסט ניט איבערבעטען דיין

פריינד ווען ער איז אין כעס, טרייסט איהם ניט בעת זיין טויטער ליעגט נאָך פאַר זיינע אויגען. פרעג איהם קיין קשיות אין דעם ערנסטען מאָמענט ווען ער נעהמט אויף זיך א נדר, און זוך ניט איהם צו זעהן אין דער צייט וואָס ער שעהמט זיך פאַר דיר זיך צו צייגען.

---

אלישע בן אבויה זאָגט: דער וואָס לערנט ווען ער איז נאָך א קינד, צו וואָס איז ער געגליכען? צו טינט וואָס איז געשריבען אויף נייע פאַפּיער. און דער וואָס לערנט ווען ער איז שוין אין די עלטערע יאָהרען, צו וואָס איז ער געגליכען? צו טינט וואָס איז געשריבען אויף אָבגעריבענע פאַפּיער.

---

רבי יוסי בר יהודה פון כפר הבבלי זאָגט: דער וואָס לערנט פון די יונגע צו וועמען איז ער געגליכען? צו איינעם וואָס עסט אונצייטיגע טרויבען און טרינקט פריש געמאַכטען וויין. און דער וואָס לערנט פון אַלטע לייט צו וועמען איז ער געגליכען? צו איינעם וואָס עסט צייטיגע טרויבען און טרינקט אַלטען וויין.

---

רבי מאיר זאָגט: קוק ניט אויף דעם קריגעל, נאָר אויף דעם וואָס איז אין דעם קריגעל. אין א נייעם קריגעל קען זיין אַלטער וויין, און אין אַן אַלטען קען אַמאָל קיין נייער וויין אויך ניט זיין.

---

רבי אלעזר הקפר זאָגט: קנאה, תאוה און כבוד פערטרייבען דעם מענשען פון דער וועלט.

די וואָס ווערען געבוירען זיינען בעשטימט צו שטאַרבען, די טויטע ווידער לעבעדיג צו ווערען, די לעבעדיגע גע'משפט צו ווערען, צו וויסען, צו מאַכען אַנדערע צו וויסען, איבעראַל בעקאַנט צו מאַכען דאָס ער, גאָט, איז דער בעשעפער, דער בורא עולם, וואָס פערשטעהט אַלעס. ער איז דער ריכטער, דער עדות, דער אַנקלעגער, און ער וועט משפט'ן. געבענשט זאָל ער זיין וואָס ביי איהם איז ניטאָ קיין משוא פנים און אויך קיין שחד. און זאָלסט וויסען אַז אַלעס איז לויט דעם חשבון. און זאָלסט זיך ניט איינריידען אַז מיט'ן קבר עבדיגט זיך אַלעס און דו ווערסט בעפרייט פון שטראָף.

איבערגעוואַלד ווערסטו בעשאַפען, איבערגעוואַלד ווערסטו געבוירען, איבערגעוואַלד לעבסטו, איבערגעוואַלד

שטארבסטו, און איבערגעוואלד וועסטו אָבגעבען דין וחשבון פאר דעם מלך מלכי המלכים, הקדוש ברוך הוא.

## פינפטער פרק

דורך זיבען זאכען קען מען דערקענען א נאר און א חכם.

א חכם רעדט ניט אין געגענווארט פון דעם וואָס איז גרעסער פון איהם אין חכמה. ער געהט ניט אריין אין אנדערען אין די רייד. ער איילט זיך ניט צו ענטפער'ען איידער ער בערעכענט זיינע רייד. ער פרעגט לויט דעם ענין און ענטפערט לויט דעם ענין. ער ענטפערט אויף אן ערשטע פראגע צוערשט און אויף א לעצטע פראגע צולעצט. דאָס וואָס ער פערשטעהט ניט שעהמט ער זיך ניט צו זאָגען אז ער פערשטעהט ניט. און ער גיט צו אויפ'ן אמת. דער נאר איז אין די זיבען זאכען פונקט פערקעהרט.

---

מלחמה קומט אויף דער וועלט צוליעב פערמיידען גערעכטיגקייט, פעלשען די גערעכטיגקייט, און לערנען א פאלשען פשט אין דער תורה.

---

עס זיינען דאָ פיער זיטען ביי מענשען.

דער וואָס זאָגט, "מיינס איז מיינס און דיינס איז דיינס", איז א מענש מיט א מיטעלער זיטע. אנדער'ע זאָגען אז דאָס איז די זיטע פון סדום, (וואו יעדער מענש האָט געהאלטען פאר זיך און האָט זיך ניט געקימערט וועגען כלל).

דער וואָס זאָגט, "מיינס איז דיינס און דיינס איז מיינס", איז אן אונוויסענדער מענש.

דער וואָס זאָגט, "מיינס איז דיינס און דיינס איז דיינס", איז א צדיק.

דער וואָס זאָגט, "דיינס איז מיינס און מיינס איז אויך מיינס", איז א רשע.

---

עס זיינען דאָ פיער פערשיעדענע טעמפעראמענטען.

איינער ווערט שנעל בייז, אָבער ער לאָזט ז'ך לייכט איבערבעטען. זיין פעהלער ווערט פערלאָרען דורך זיין ־ארצוג.

דער וועמען עס איז שווער איינצו'רוגז'ען. אבער עס

איז איהם אויך שווער איבערצובעטען, פערלירט זיין פארצוג צוליעב זיין פעהלער.

דער וועמען עס איז שווער בייז צו מאכען און לייכט איבערצובעטען, איז גוט און פרום.

דער וואס ווערט לייכט בייז און עס איז שווער איהם איבערצובעטען, איז א רשע.

---

פיערערליי תלמידים זיינען דא.

דער וואס בעגרייפט שנעל און פערגעסט שנעל, פערלירט זיין פארצוג צוליעב זיין פעהלער.

דער וואס איז שווער אויף צו בעגרייפען און איז שווער אויף צו פערגעסען, פערלירט זיין פעהלער צוליעב זיין פארצוג.

דער וואס בעגרייפט שנעל און איז שווער אויף צו פער־געסען איז דער גוטער טייל פון די תלמידים.

דער וואס איז שווער אויף צו בעגרייפען און איז לייכט אויף צו פערגעסען איז דער שלעכטער טייל פון די תלמידים.

---

איי דעם ענין פון צדקה זיינען דא פיער פערשידענע כאראקטערע:

דער וואס וויל אליין געבען, אבער וויל ניט אז אנדערע זאלען געבען, איז זיין אויג קארג אויף אנדערע.

דער וואס וויל אז אנדערע זאלען געבען און ער אליין גיט ניט, איז זיין אויג קארג אויף דאס זייניגע.

דער וואס גיט אליין און וויל אז אנדערע זאלען אויך געבען, איז א צדיק.

דער וואס וויל אליין ניט געבען און לאזט אנדערע אויך ניט געבען, איז א רשע.

---

יעדע ליעבע וועלכע הייננט אב פון א מאטריעלען נוצען הערט אויף גלייך ווי דער נוצען הערט אויף. אבער די ליעבע וואס הייננט ניט אב פון א מאטריעלען נוצען הערט קיינמאל אויף. וועלכע ליעבע הייננט אב פון א מאטריעלען נוצען? דאס איז אזא ליעבע ווי פון אמנון צו תמר. און וועלכע ליעבע הייננט ניט אב פון א מאטריעלען נוצען? דאס איז אזא ליעבע ווי פון דוד און יהונתן.

---

ווער עס האט אין זיך דריזע דריי זיטען איז פון אברהם אבינו'ס תלמידים. און ווער עס האט אין זיך די אנדערע דריי זיטען איז פון די תלמידים פון בלעם הרשע.

א גוטע אויג, א בעשיידענער גייסט און א נשמה וואס הצלט זיך קליין געהערען צו די תלמידים פון אברהם אבינו.

א שלעכטע אויג, א שטאלצער גייסט און א נשמה וואס האלט זיך גרויס געהערען צו די תלמידים פון בלעם הרשע.

---

יהודה בן־תימא זאגט: צו פינף יאהר איז די צייט צו לערנען פסוק, צו צעהן יאהר משניות, צו דרייצעהן א בר מצוה, צו פופצעהן תלמוד, צו אכטצעהן צו דער חופה געהן, צו צוואנציג זוכען א פרנסה, צו דרייסיג איז א מאן אין זיין פולער קראפט, צו פערציג אין פולען פערשטאנד, צו פופציג א מאן פון ראטה, צו זעכציג שוין אן אלטער, צו זיעבציג גרויע האאר, אכציג א צייכען פון גבורה, ניינציג געהט ער איינגעבויגען, און א הונדערט יעהריגער איז אזוי ווי א מת, אן עובר בטל.

# זעקסטער פרק

רבי מאיר זאגט: ווער עס לערנט תורה מיט דעם איינ־ציגען צוועק צו קענען די תורה, איז זוכה צו א סך זאכען. און יאך מעהר: די גאנצע וועלט איז צו איהם פערפליכ־טעט. ער ווערט גערופען פריינד, בעליעבטער. ער האט ליעב גאט, ער האט ליעב די מענשען. די תורה גיט איהם צו בעשיידענהייט און אכטונג, און מאכט איהם פאסענד צו זיין פרום, עהרליך און טריי, דערווייטערט איהם פון זינד, דערנעהנטערט איהם צו גוטעס, און די וועלט בענוצט זיך מיט זיין ראטה, לעהרע, פערשטאנד און העלדענמוטה, און זי גיט איהם הערשאפט און מאכט, און די פעהיגקייט צו פארשען געזעצע, און עס ווערען פאר איהם אפען די סודות פון דער תורה, און ער ווערט ווי א קוואל וואס הערט ניט אויף און ווי א טייך וואס ווערט אלץ גרעסער, און ער ווערט בעשיידען און געדולדיג און פערצייהענד, און זי הויבט איהם און העכערט איהם איבער אלעס אין דער וועלט.

---

ווער עס לערנט פון איינעם אפילו איין פרק, אדער איין

דין, אדער איין פסוק, אדער איין ווארט, אדער אפילו איין איינציגען אות, דארף ער איהם אבגעבען כבוד. דען אזוי געפינען מיר ביי דוד מלך ישראל וועלכער האט געלערנט פון אחיתפל בלויז צוויי זאכען, האט ער איהם גערופען לעהרער, וועג ווייזער און פריינד.

---

אט אזוי פיהרט מען זיך גוען מען לערנט תורה.

עסען זאלסטו ברויט מיט זאלץ, טרינקען וואסער מיט א מאאס, שלאפען אויף דער ערד, לעבען א לעבען פון ליידען אין דער צייט וואס דיין קאפ ארבייט אויף דער תורה. אויב דו טהוסט אזוי איז דיר וואויל און גוט. וואויל איז דיר אויף ד ע ר וועלט און גוט אויף יענער וועלט.

---

זוך נים גרויסקייט און זאל זיך דיר נים גלוסטען כבוד. טהו מעהר ווי דו לערנסט.

גלוסט נים צו זיצען ביים טיש פון די קעניגע, ווייל דיין טיש איז גרעסער פון זייערען און דיין קרוין איז גרעסער פון זייער קרוין, און זיי וויסען אז דיין ארבייטס געבער איז בעגלויבט אז ער וועט בעצאהלען דעם לוין פון דיין ארבייט.

---

די תורה איז גרעסער פון כהנה און פון די קרוין, ווייל ביי א קעניג ווערען געפאדערט דרייסיג מעלות און ביי א כהן גדול פיער און צוואנציג מעלות, אבער תורה קען מען ערווייכען מיט פערציג מעלות, און דאס זיינען זיי:

מיט לערנען אויפ'ן קול, מיט א ריכטיגער אויסשפראכע, מיט פערשטאנד און קלארקייט אין הארצען, מיט מורא, אכטונג, בעשיידענהייט, בעגייסטערונג, מיט בעדיענען חכמים, מיט אנהאלטען חברים, מיט דיסקוסיאנען, מיט געלאסענקייט, מיט קענען פסוק און משניות, מיט ווייניג האנדעל, מיט ווייניג אבגעבען זיך מיט וועלטליכע זאכען, מיט ווייניג פערגניגענס, ווייניג שלאף, ווייניג שמועסען, ווייניג שפאס, מיט געדולד, מיט א גוטע הארץ, מיט צוטרויען אין געלעהרטע מיט אננעהמען יסורים פאר גוט, דער וואס קען זיין פלאץ, דער וואס איז צופריעדען מיט וואס ער פערמאגט, דער וואס בעווארענט זיינע רייד אז קיינער זאל נים אנגעהמען א פאלשע מיינונג, דער וואס פאדערט קיין דאנקבאר־

קייט, איז בעליעבט, ליעבט גאָט, ליעבט מענשען, ליעבט גערעכטיגקייט, יושר, מוסר, דערוויטערט זיך פון כבוד, האַלט זיך ניט גרויס מיט זיין לערנען, צייגט ניט ארויס אז ער האָט הנאה פון פסק'ענען דינים, העלפט זיין מיטמענשען טראַגען דעם יאָך, פערדענקט איהם צום גוטען, פיהרט איהם צום אמת פיהרט איהם צו שלום, פערטיעפט זיך אין לערנען, פרעגט, ענטפערט, הערט און גיט צו פון זיין אייגענע, לערנט מיט דעם צוועק אנדערע צו לערנען, לערנט אום צו טהאָן, דער וואָס מאַכט קליגער זיין לעהרער, און הערט זיך צו אויפמערקזאַם, און דער וואָס זאָגט א זאַך איז נאָמען פון דעם פון וועמען ער האָט דאָס געהערט.

---

רבי יוסי בן־קסמא דערצעהלט:

איינמאָל בין איך געגאַנגען אין וועג, און עס האָט מיך בעגעגענט איינער א מענש און האָט מיר געגעבען שלום און איך האָב איהם צוריק געגעבען שלום. פרעגט ער: „רבי פון וואַנען קומט איהר?" האָב איך איהם געענטפערט: „איך קום פון א גרויסע שטאָדט פון געלעהרטע און שריפט־שטעלער." האָט דער מאַן צו מיר געזאָגט: „רבי, ווילסטו קומען און וואוינען אין מיין שטאָדט, וועל איך דיר געבען א מיליאָן גאָלדענע רענדלעך און טייערע שטיינער און פערל". האָב איך איהם געענטפערט: „ווען אפילו דו גיבסט מיר די גאַנצע זילבער און גאָלד, עדעלשטיינער און פערל פון גאָר דער וועלט, וועל איך ערגעץ ניט וואוינען סיידען אין אַן אָרט וואו מען לערנט תורה. אזוי שטעהט אויך אין תהלים. דוד המלך האָט געזאָגט צו גאָט: עס איז ביי מיר ליעבער די לעהרע פון דיין מויל, איידער טויזענדע גאָלד און זילבער". און נאָך מעהר, ווען א מענש שטאַרבט בעגלייטען איהם ניט זילבער און ניט גאָלד, ניט עדעלשטיינער און ניט פערל, בלויז תורה און מעשים טובים אליין".

# אבות דר׳ נתן

## 1

## איבערטרייבען טאָהר מען ניט

צוליינען צו איינעם׳ס רייד טאָהר מען ניט איבערטרייבען א זאך איז שעדליך. אדם הראשון האָט זיך געוואָלט בעוואָרענען אז חוה זאָל ניט עסען פון עץ הדעת, האָט ער איבערטריבען דעם פערבאָט. נאָט האָט איהם געזאָגט אז ער זאָל פון דעם עץ הדעת ניט עסען. אדם האָט געזאָגט צו חוה׳ן אז עס איז פערבאָטען דעם בוים אפילו אָנצוריהרען.

דער שלאנג האָט עס געהערט, האָט ער זיך אין הארצען געטראכט: "אזוי ווי עס איז מיר ניט געלונגען אראָבצופיהרען פון וועג אדם׳ן, וועל איך פרובירען אראָבפיהרען חוה׳ן." איז ער געגאנגען און האָט זיך נעבען איהר אוועקגעזעצט און געמאכט א לאנגען שמועס. "הער צו", האָט דער שלאנג גע׳טענה׳ט. "דו זאָגסט אז גאָט האָט אי׳נז פערבאָטען אפילו אָנצוריהרען דעם עץ הדעת, וועל איך דיר ציינען אז דאָס איז ניט אמת. אָט וועל איך אָנריהרען דעם בוים און איך וועל בלייבען לעבען. און אז דו וועסט אָנריהרען דעם בוים וועסטו אויך פון דעם ניט שטארבען." און וואָס האָט דער רשע. דער שלאנג געטהאָן? ער האָט אָנגעוכיע־

דעם בוים און האט איהם גענומען טרייסלען ביז די פרוכט האט אנגעהויבען צו פאלען אויף דער ערד.

"זעהסטו", האט דער שלאנג געזאגט צו חוה'ן, "אזוי ווי מיט דעם אנריהרען, אזוי איז מיט דעם עסען. די זאגסט אז גאט האט פערבאטען צו עסען פון דעם בוים, וועל איך דיר צייגען אז איך וועל עסען און ניט שטארבען, און די קענסט אויך עסען און וועסט דערפון ניט שטארבען."

חוה האט גאר ניט געווארט ביז דער שלאנג וועט פערזוכען פון דעם עץ הדעת, און זי האט זיך געטראכט: "הפנים אז דאס וואס מיין מאן האט מיר אנגעזאגט איז אין גאנצען ליגען." זי האט גענומען און געגעסען און האט איהר מאן אויך געגעבען צו עסען.

דאס דערפאר זאגען די חכמים אז א מענש מאהר ניט צולייגען צו די רייד וואס ער הערט פון אן אנדערען. ר' יוסי זאגט אויף דעם א ווערטעל: "בעסער א קליין מענשעלע וואס שטעהט גלייך, איידער א ריעז וואס שאקעלט זיך און פאלט."

וואס האט אייגענטליך דער שלאנג געוואלט? ער האט זיך אזוי געטראכט. אדם וועט עסען פון דעם עפעל פריהער פון חוה'ן. און ווען עס וועט קומען צו חוה'ן וועל איך איהר ניט לאזען עסען. וועט אדם שטארבען און חוה וועט בלייבען לעבען. דאן וועל איך נעהמען חוה'ן פאר א ווייב, איך וועל קיניגען איבער דער גאנצער וועלט, איך וועל געהן גלייך אזוי ווי א מענש געהט, און וועל עסען אלע געשמאקע שפייזען וואס עס זיינען דא אויף דער וועלט. האט דער אייבערשטער געזאגט צו איהם: "דו רעדסט זיך פון טויטען אדם'ן און נעהמען זיין ווייב, דערפאר וועל איך מאכען אן אייביגע פיינדשאפט צווישען זיי און דיר. דו זאגסט אז דו וועסט ווערען א קעניג איבער דער גאנצער וועלט, דערפאר זאלסטו זיין פערשאלטען פון אלע בעשעפעניסען אויף דער ערד. די זאגסט אז דו וועסט געהן גלייך ווי א מענש, דערפאר וועסטו קריכען אויף דיין בויך. דו זאגסט אז דו וועסט עסען די טייערסטע שפייזען אויף דער וועלט, דערפאר וועסטו דיין גאנצען לעבען קייען די ערד."

רבי שמעון בן אלעזר גיט וועגען דעם א משל.

א איד האט חתונה געהאט מיט א גר'טע. האט ער איהר געלערנט אידישקייט און האט איהר אזוי אנגעזאגט: "הער צו, מיין טאכטער. זאלסט ניט עסען מיט שמוציגע הענד, זאלסט ניט עסען קיין פירות פון וועלכע מען האט קיין

מעשר גיט גענומען, זאָלסט ניט מחלל שבת זיין, זאָלסט ניט ברעכן אַ נדר, און זאָלסט ניט אַרומגעהן מיט פרעמדע מע־נער. און אויב דו וועסט מיינע רייד ניט פאָלגען וועסטו שטאַרבען.״ שפּעטער, אַז דער מאַן איז אַוועק, איז געקומען אַן אַנדער מאַן און האָט געוואָלט די פרוי צוריידען צו אַ זינד. האָט ער פאַר איהר געגעסען אַ שטיק ברויט אונגעוואַשען, געגעסען פרוכט פון וועלכע מען האָט קיין מעשר גענומען, מחלל שבת געווען, און געזאָגט צו דער פרוי: ״זעהסטו? איך בין פון די זאכען ניט געשטאָרבען, אזוי וועסטו אויך ניט שטאַרבען, ניט פון די זאכען און ניט פון די אנדערע.״ וואָס האָט די נר׳טע געטראַכט? דאָס וואָס מיין מאַן האָט מיר אָנגעזאָגט אז די אלע זאכען טאָהר מען ניט טהאָן איז אַ ליגען. האָט זי שוין אַלעם געטהאָן.

רבי שמעון בן יוחאי גיט אויף דעם אַן אַנדער משל.

איינער האָט געהאַט אַ פרוי וואָס האָט ליעב געהאַט צו נאַשען. איינמאָל האָט ער געדאַרפט אוועקפאָהרען פון דער היים אויף אַ צייט. האָט ער געוואָלט אויספּרובּירען זיין פרוי, אויב זי פאָלגט איהם. וואָס האָט ער געטהאָן? ער האָט געבראַכט אַ פאַס און האָט אין דעם אריינגעלייגט ניס וועלכע ער האָט פריהער איבערגעצייהלט, און פייגען האָט ער אויך אריינגעלייגט מיט אַ צאָהל. נאָכדעם האָט ער גע־פאַנגען אַן עקדעש (סקאָרפּיאָן) און האָט איהם אריינגע־שטופּט אין דער פאַס. די לאָך פון דער פאַס האָט ער פער־שטאָפּט, און די פאַס אוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעל. און איידער ער איז אַוועק האָט ער אָנגעזאָגט זיין פרוי:

״איך האָב דיר דאָ איבערגעלאָזען אַ הויז פול מיט אַל דאָס גוטס און דו קענסט טהאָן מיט דעם וואָס דו ווילסט, אָבער די פאַס, בעט איך דיך, זאָלסטו ניט משעפען.״ האָט די פרוי דאָך געדאַרפט זיין צופריעדען, אָבער זי איז דאָך געווען אַ נאַשערקע. איז ווי נאָר איהר מאַן איז אַרויס פון הויז, האָט זי געעפענט די פאַס און אריינגעשטעקט איהר האַנד אין דער לאָך. גלייך האָט איהר דער עקדעש אַ ביס געטהאָן. פון דעם ביס איז זי קראַנק געוואָרען און האָט זיך געמוזט ליגען אין בעט.

ווען דער מאַן איז געקומען אַהיים און האָט איהר גע־פונען ליגען אין בעט, האָט ער געפרעגט וואָס דאָ איז גע־שעהן. האָט די פרוי איהם דערצעהלט אז זי האָט אריינגע־

שטעקט איהר האַנד אין פאַס און אַן עקדעש האָט איהר אַ ביס געטהאָן.

„זעה“, האָט דער מאַן געזאָגט, „איך האָב דאָך דיר פריי־הער אָנגעזאָגט אַז דו קענסט געניסען אַל דאָס גוטס וואָס איז דאָ אין הויז, נאָר די פאַס זאָלסט מיר ניט טשעפען. דו האָסט מיך ניט געפאָלגט, האָסטו בעקומען דיין שטראָף.“ דער מאַן איז בייז געוואָרען אויף דער פרוי און האָט זי פון הויז אַרויסגעטריבען. אַזוי איז אויך געווען מיט אדם הראשון. ער האָט געהאַט אַ גאַנצען גן עדן מיט די פייאַרסטע פרוכטען צו עסען, און ער האָט איינגעשטעלט זיין לעבען צו עסען פון אַ בוים וואָס איז איהם געווען פערבאָטען. און דערפאַר איז ער פערטריבען געוואָרען פון גן עדן.

2

# וואָרום משה האָט צובראָכען די לוחות

ווען משה איז צוריק געקומען פון הימעל מיט די לוחות, האָט ער געפונען אַז די אידען האָבען געמאַכט דעם עגל. האָט ער צו זיך געזאָגט: „ווי קען איך זיי געבען די לוחות? דורכ־דעם וועל איך אויף זיי אַרויפוואַרפען שווערע פליכטען און איך וועל זיי פערשולדיגען צום טויט, ווייל אין די לוחות שטעהט אַז מען טאָהר קיין געצען ניט דיענען און זיי דיענען צו אַ קאַלב!“

משה האָט געוואָלט זיך אומקעהרען אין הימעל און צו־ריק אָבגעבען די לוחות. האָבען איהם דערזעהן די שבעים זקנים און זיי זיינען איהם נאָכגעלאָפען און אָנגעיאָגט. האָבען זיי געשלעפט די לוחות צו זיך און משה האָט געשלעפט די לוחות צו זיך. אין דעם קאַמפף האָט משה בעמערקט אַז די בוכשטאַבען אויף די לוחות זיינען פערשוואונדען געוואָרען האָט ער זיך געטראַכט: ווי קען איך יעצט געבען די לוחות אַז אין זיי שטעהט גאָר ניט? האָט ער מיט גרויס קראַפט אַרויסגעריסען די לוחות און האָט זיי צובראָכען.

ר׳ יוסי הגלילי גיט אויף דעם אַ משל. אַ מלך, אַ בשר ודם, האָט געזאָגט צו איינעם פון זיינע פערטרויטע מענשען: „געה און זוך אויס פאַר מיר אַ שעהנע מיידעל וואָס זאָל זיין גוט און פרום, און זיי איהר מקדש פאַר מיר.“ דער שליח האָט אויסגעפונען אַזאַ מיידעל און ער האָט איהר מקדש גע־

ווען אין נאָמען פון מלך. גלייך נאָך די קדושין איז די מייר־
דעל געגאַנגען און האט זיך פערזינדיגט מיט אַ אַנדערען
וואָס האָט דער שליח געטהאָן ? ער האָט צוריסען די כתובה,
איידער ער האָט איהר דאָס געגעבען און געזאָגט : "אויב איך
וועל איהר געבען די כתובה וועט זי מוזען גע׳משפט ווערען
ווי אַ אשת איש און עס וועט איהר קומען טויט. בעסער זאָל
איך איהר פערשפּאָרען אַזא שווערע שטראָף."

## 3

## זיין צדקה האט איהם פערהיט

אמאָל איז געווען א פרומער מאַן וואָס פלעגט געבען
א סך צדקה. איינמאָל איז ער געפאָהרען אויף א שיף. איז
געקומען א שטארקער ווינד, און האט געזונקען די שיף אין
ים. רבי עקיבא האט דעם אונגליק צוגעזעהן, און ווען ער
איז געקומען אויף דער יבשה איז ער געגאַנגען עדות זאָגען
אז דער מאַן איז דערטרונקען געוואָרען, כדי זיין פרוי זאָל
קענען נעהמען אַ אַנדער מאַן. אבער איידער דער בית דין
האט צייט געהאט ארויסצוגעבען דעם פסק דין, איז געקומען
דער פרומער מאַן אליין, א לעבעדיגער, און האט אלעמען
איבערראשט. "דאס ביזטו דער וואס איז געזונקען אין ים?"
האט רבי עקיבא געפרעגט. ענטפערט דער מאַן: "יא". פרעגט
רבי עקיבא: "און ווער האט דיך פון ים ארויסגעצויגען?"
ענטפערט דער מאַן: "די צדקה וואס איך האב געגעבען האט
מיך געראַטעוועט". פרעגט רבי עקיבא: "פון וואַנעט ווייסטו
דאס?" ענטפערט דער מאַן: "ווען איך בין געזונקען אין
טיעפען וואסער, האב איך געהערט ווי די כוואַליעס פון ים
שרייען איינע צו די אנדערע: "שנעל! לאָמיר ארויסברייינגען
דעם מענשען וואס האט זיין גאנצען לעבען זיך אבגעגעבען
מיט צדקה!"

## 4

## די מצוה פון הכנסת כלה

ר׳ יהודה דער זוהן פון אלעאי איז געזעסען און האט
געלערענט מיט זיינע תלמידים, איז פערבייגעגאַנגען אַן ארי־

מע כלה. האט ר׳ יהודה געהייסען זיינע תלמידים אז זיי זאָלען די כלה אריינפיהרען אין הויז. נאכדעם האט ער זי איבערגעגעבען צו זיין מוטער און זיין פרוי. די צוויי פרויען האבען די כלה ארומגעוואשען, געשמירט מיט פערפומירטע אויל, זי אויסגעפוצט און צולעצט מיט טענץ איהר אבגעפיהרט צום חתן.

א צווייטען מאָל האט פאסירט, אז בעת ר׳ יהודה איז געזעסען און געלערענט מיט זיינע תלמידים איז פערביי־געגאנגען א חתונה. ״וואס טהוט זיך אין דרויסען?״ האט ר׳ יהודה געפרעגט, ווען ער האט דערהערט דעם טומעל. ״מען פיהרט א כלה צו דער חופה״, האבען די תלמידים געענט־פערט. ״אויב אזוי״, האט ר׳ יהודה געזאגט, ״לייגט אוועק דעם לערנען און געהט אונטערפיהרען די כלה. דער אויבערשטער איז אויך געווען אונטערפיהרער ביי חוה׳ן. ער האט איהר אליין אויפגעריכט און צוגעפוצט ווי א כלה און האט זי געבראכט צו אדם׳ן״.

# 5

## צדקה איז בעסער פון קרבנות

רבי יוחנן בן זכאי איז איינמאָל ארוים פון ירושלים און רבי יהושע איז אויך מיט איהם געגאנגען. ווען זיי זיינען געקומען צו דעם ארט פון חורבן, האט רבי יהושע אויסגערופען: ״וועה איז אונז וואס עס איז צושטערט געוואָרען דער אָרט וואו די אידישע זינד פלעגען פערגעבען ווערען!״ האט איהם רבי יוחנן געזאגט: ״זאָל דאס דיך ניט פערדריסען, מיין זוהן. ווייל מיר האבען א פיעל גרעסערע זאַך ווי קרבנות וואס קען אונזערע זינד פערגעבען, דאס איז טהאָן גוטעס מיט מענשען. גאָט אליין האט געזאגט אז איהם איז ליעבער א חסד וואס א מענש טהוט א מענשען, איידער א קרבן וואס מען ברייננגט אויפ׳ן מזבח. מיר זעהען אז דניאל וועלבער איז געווען אין בבל און האט קיין קרבנות ניט געקענט מקריב זיין, האט זיך אנשטאט דעם אבגעגעבען מיט טהאָן גוטעס צו מענשען. ער פלעגט העלפען ארימע כלות, בעגלייטען די טויטע צו זייער איביגער רוה, און געבען אן ארימאן א נדבה. דריי מאָל א טאָג פלעגט ער דאווענען און דער אייבערשטער פלעגט זיין תפלה אננעהמען אזוי א קרבן״.

## 6

# שענדליכע קשיות

ווען אספסיינוס איז געקומען אויף ירושלים האט ער צו די אידען געזאגט: "איהר נארען! ווילט איהר דען אז איך זאל חרוב מאכען אייער שטאדט? ווילט איהר דען אז איך זאל פערברענען דעם בית המקדש? אלעס וואס איך פערלאנג פון אייך איז אז איהר זאלט מיר שיקען כאטש איין איינציגען ביקס, אדער איין איינציגע קויל, אלס צייכען אז איהר גיט זיך אונטער, וועל איך אייך צורוה לאזען און אוועקגעהן" האבען זיי איהם געענטפערט: "אזוי ווי מיר האבען בעזיעגט די פריהערדיגע צוויי און מיר האבען זיי דער'הרג'עט, אזוי וועלען מיר דיך אויך בעזיעגען און דער'הרג'ענען".

ווען רבי יוחנן האט געהערט פון דעם פריערדיגען פאר־שלאג וואס אספסיינוס האט געמאכט, האט ער געשיקט צוזאמענרופען די מענשען פון ירושלים און ער האט צו זיי געזאגט: "מיינע קינדער! ווארום לאזט איהר אז מען זאל חרוב מאכען די שטאדט און פערברענען דעם בית המקדש? אספסיינוס פערלאנגט דאך פון אייך בלויז א קליינינקייט. שיקט איהם א ביקס, אדער א קויל, און ער וועט פון אייך אוועקגעהן".

האבען די אידען איהם אויך געגעבען די זעלבע תשובה: "אזוי ווי מיר האבען בעזיעגט און פטור געווארען פון די פריהערדיגע צוויי רוימישע גענעראלען וואס האבען אונז בע־לאגערט, אזוי וועלען מיר אויך פטור ווערען פון איהם".

## 7

# די ערשטע יאהרען פון רבי עקיבא

ווי אזוי רבי עקיבא האט אנגעהויבען צו לערנען, וועגען דעם זיינען דא צוויי פערשיעדענע געשיכטען, און דאס איז איינע פון זיי:

ווען רבי עקיבא איז שוין אלט געווען פערציג יאהר האט ער נאך גאר ניט געלערנט. איינמאל איז ער געשטאנען ביי א ברונען, האט ער בעמערקט ווי א שטיין איז אבגעריבען.

ער האט זיך א ווײַלע פערטראכט און נאכדעם האט ער געפרעגט די פראגע: ״ווער האט אבגעריבען דעם שטיין?״ האבען איהם מענשען געענטפערט: ״די וואסערן וואס פאלען אויפ׳ן שטיין יעדען טאג האבען איהם אבגעריבען. האסטו דען ניט געלערענט דעם פסוק אין איוב (י״ד) וואס רעדט וועגען שטיינער וואס ווערען אבגעריבען פון וואסער?״

עקיבא האט דאס ניט געלערענט. האט ער זיך ווידער פערטראכט. ווי גוט עס איז אז מען לערענט און מען ווייס. עס איז אפילו שווער צו לערנען אזוי שפעט, אבער ווען וואסער, וואס איז ווייך, קען אברייבען שטיינער וואס זיינען הארט, קען דאך די תורה וואס איז שטארק ווי אייזען געוויס זיך איינקריצען אין א מענשענ׳ס הארצען וואס איז בלויז פלייש און בלוט!

ער האט גענומען זיין זוהן און איז מיט איהם אוועק לערנען. ער איז געקומען אין א חדר וואו מען האט געלערענט מיט קליינע קינדער און האט געזאגט צו איינעם פון די מלמדים: ״לערן מיט מיר תורה״. ער האט געמוזט אנפאנגען פון אלף בית און ער האט געלערענט ביז ער האט אויסגעלערענט די גאנצע תורה. נאכדעם איז עקיבא אוועק אין דעם בית המדרש וואו עס האבען געלערענט רבי אליעזר און רבי יהושע, און האט זיי געבעטען: ״ערקלעהרט מיר די משנה״, און ווי נאר מען האט איהם ערקלעהרט איין הלכה, איז ער אוועק און האט דאס גענומען איינלערנען פאר זיך. נאכדעם איז ער ווידער געקומען פרעגען. אזוי האט ער געלערענט ביסלעך ווייז, און נאכדעם ווי ער האט אזוי אבגעלערענט דרייצעהן יאהר, האט ער שוין אליין געהאט תלמידים.

אט אזוי זעהען מיר, ווי אזא קליינקייט, אן אבגעריבענער שטיינדעל, איבער וועלכען רבי עקיבא האט זיך פערטראכט, האט געפיהרט צו גרויסע רעזולטאטען.

רבי שמעון בן אלעזר גיט אויף דעם א משל: עס איז געווען א שטיינהאקער וואס פלעגט האקען שטיינער אין די בערג. איינמאל האט ער גענומען זיין האק אין האנד, איז אוועק און האט זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן בארג און האט גענומען שניידען פון איהם דינע שטיקער. זיינען מענשען געקומען און געפרעגט וואס ער טהוט. האט ער זיי געענטפערט: ״איך רייס אויס דעם בארג און שלייידער איהם אריין אין ירדן״. האבען די מענשען צו איהם געזאגט: ״דו וועסט ניט

קענען אויסרייסען דעם גאנצען בארג". דער שטיינהאקער האט אבער געטהאָן זיינס. ער האט ביסלעך ווייז נעענבערט און געהאקט ביז ער איז געקומען צו א גרויסען פעלז. ער איז ארונטערגעקראָכען אונטער'ן פעלז, איהם אונטערגעגראָבען, אויסגעריסען און אריינגעשליידערט אין ירדן, זאָגענדיג: "דארט איז דיין אָרט, ניט דאָ". אזוי האט רבי עקיבא געטהאָן מיט רבי אליעזר און רבי יהושע. ער האט פון זיי געלערנט ביסלעך ווייז, ביז ער האט אויסגעלערענט א סך.

יעדען טאָג פלעגט רבי עקיבא ברייינגען פון וואַלד א בינטעל שטרוי. א העלפט פון דעם פלעגט ער פערקויפען און קויפען שפייז פאר דעם געלד. די אנדערע העלפט שטרוי פלעגט ער אליין פערברויכען. האבען זיינע שכנים געזאגט צו איהם: "עקיבא, דו דערשטיקסט אונז מיט דיין רויך פערקויף אונז די אנדערע העלפט און פאר דעם געלד קויף זיך אויל וועסטו קענען לערנען ביי דער ליכט פון א לאָמפּ." האט רבי עקיבא זיי געענטפערט: "פון דעם שטרוי האָב איך א דרייפאכען נוצען. איך האב אי וואַרימקייט, אי ליכט, אי איך האב אויך וואס צו שלאָפען".

דערפאר וואס ער האט געליטען אין זיינע אינגערע יאהרען איז רבי עקיבא אויף דער עלטער געוואָרען זעהר רייך, און זיין פרוי פלעגט ארויסגעהן אין גאס מיט א גאָלדענע קרוין אויפ'ן קאָפּ און מיט אנדערע ציערונג. זיינע תלמידים האבען איינמאָל געזאגט צו איהם: "רבי, דו פערשעהמסט אונז פאר אונזערע פרויען. זיי זעהען וואס דיין פרוי טראגט אויף זיך, ווילען זיי אויך האבען אזעלכע ציערונג". האט ער זיי געענטפערט: "זי האט עס פערדינט. זי האט זעהר פיעל זיך געפלאגט צוליעב די תורה וואס איך האב געלערנט".

## 8

# אליעזר בן הורקנוס

אליעזר בן הורקנוס האָט געהאט א שטארקען חשק צו לערנען, אָבער זיין פאָטער וועלכער איז געוועזן א רייכער גוטסבעזיצער, האָט איהם ניט געלאָזט לערנען, נאָר ער האָט איהם געצוואונגען צו ארבייטען אויף זיינע פעלדער צוזאמען מיט די אנדערע פעלד ארבייטער. איינמאָל איז אליעזר'ן אויסגעקומען צו אַקערען א שטיק ערד וואס איז געוועזן פול

מיט שטיינער. האָט ער, א מיעדער, זיך אוועקגעזעצט אויף א שטיין און געוויינט. זיין פאָטער איז צו איהם צוגעקומען און געזאָגט: "פארוואָס וויינסטו? טאָמער איז דיר שווער צו ארבייטען אויף דעם פעלד ווייל ער איז פול מיט שטיינער, וועל איך דיך מאָרגען לאָזען ארבייטען אויף אַן אנדער פעלד וואס איז שוין פריהער אויסגעאקערט געוואָרען".

אויף מאָרגען האָט אליעזר געארבייט אויף דער אויסגעאקערטער פעלד, אָבער אין מיטען דער ארבייט האָט ער זיך ווידער אוועקגעזעצט און האָט אָנגעהויבען צו וויינען. פרעגט איהם ווידער זיין פאָטער: "זאָג מיר, וואָס וויינסטו?"

"איך — איך וויל לערנען תורה", האָט אליעזר געזאָגט מיט א שטימע וואָס איז געווען פערשטיקט פון טרעהרען.

"וואָס רעדסטו?" האָט דער פאָטער געזאָגט. "ביזט דאָך שוין אַן אכט און צוואַנציג יעהריגער בחור — ווילסטו יעצט געהן לערנען? בעסער האָב חתונה, וועט דיין ווייב האָבען קינדער, און דו וועסט זיי קענען פיהרען אין חדר אז זיי זאָלען ווערען לערנער."

דריי וואָכען כסדר האָט אליעזר זיך צום האַרצען גענומען וואָס זיין פאָטער לאָזט איהם ניט געהן לערנען. נאָכדעם האָט זיך צו איהם אין חלום בעוויזען אליהו הנביא און האָט צו איהם געזאָגט: "געה צו רבי יוחנן בן זכאי אין ירושלים, און ער וועט מיט דיר לערנען."

אליעזר איז שטילערהייד אוועק פון דער היים. ער איז געקומען אין ירושלים, א מיעדער, א פרעמדער. ער האָט זיך דערפרעגט אויף דער הויז וואו רבי יוחנן בן זכאי האָט געוואוינט. דאָרט האָט ער זיך אוועקגעזעצט ביי דער טיהר און געוויינט. רבי יוחנן בן זכאי האָט דערזעהן א פרעמדען יונגען מאַן זיצען און וויינען, האָט ער איהם געפרעגט: "וואָס וויינסטו?"

"איך וויל לערנען תורה", האָט אליעזר געענטפערט.

"וועמעס זוהן ביזטו?" האָט ר' יוחנן געפרעגט.

אליעזר האָט געשוויגען.

זעהענדיג אז ער וויל ניט אויסזאָגען, האָט איהם ר' יוחנן ווייטער געפרעגט:

"האָסטו וואָס פריהער געלערנט?"

"גאָרנישט."

האָט איהם רבי יוחנן גענומען לערנען קר את שמע.

בענשען און דאוונען, און אויסער דעם צוויי הלכות פון משניות יעדען טאָג. אכט טעג זיינען אזוי אוועק אין לערנען, און אין דער גאַנצער צייט האָט אליעזר גאָרנישט געגעסען. פון זיין מויל האָט זיך אָנגעהויבען צו הערען א שלעכטער גרוך. אנדערע זאָגען אז פאר גרויס הונגער האָט ער געגעסען מיסט פון דער גאַס. ר' יוחנן האָט דעם גרוך נים געקענט פארטראָגען, האָט ער אליעזר'ן געהייסען געהן. אליעזר האָט זיך אוועקגעזעצט אין דרויסען און געוויינט, און ווען ר' יוחנן איז פערבייגעגאנגען האָט ער איהם פירגעהאלטען: "דו האָסט מיך פערטריבען פון דיר, אזוי ווי מען פערטרייבט א קרעציגען."

"זאָג מיר דאָך, וועמעס קינד ביזטו?" האָט ר' יוחנן געפרעגט. ער האָט פערשטאַנען אז מיט דעם יונגען מאַן איז פערבונדען עפּעס א געהיימניס.

"איך בין א זוהן פון הורקנוס", האָט אליעזר ענדליך אויסגעזאָגט.

"וואָס?" האָט ר' יוחנן מיט איבערראַשונג אויסגעשריען. "דו געהערסט צו א גרויסער און בעריהמטער משפחה, און דו האָסט מיר קיינמאָל געזאָגט פון דעם? היינט מוזט קומען צו מיר אהיים און מיט מיר מיטשפייזען."

"איך האָב שוין געגעסען אויף מיין אכסניא", האָט אליעזר געענטפערט.

ר' יוחנן האָט געשיקט נאָכפרעגען אין דעם אָרט וואו אליעזר איז איינגעשטאַנען, האָט מען דאָרט געזאָגט, אז די גאַנצע אכט טעג צייט וואָס אליעזר איז דאָרט געשטאַנען האָט ער קיין זאַך פערזוכט. ווי נאָר ר' יוחנן האָט דאָס געהערט, האָט ער קריעה געריסען און האָט אויסגערופען: "וועה איז צו דיר, אָרימער אליעזר, וואָס דו ביזט געבעך אריינגעפאלען צווישען אונז און מיר האָבען גאָר ניט געוואוסט ווי דו לעבסט! אָבער דערפאר וואָס דו האָסט אזוי פיעל געליטען, וועט דיין נאָמען ווערען בעריהמט פון איין עק וועלט ביז'ן אנדערען."

אליעזר'ס ברידער האָבען דערווייל צוגערעדט זייער פאָטער אז ער זאָל אליעזר'ן מעביר נחלה זיין, אז ער זאָל קיין ירושה בעקומען נאָך דעם פאָטער'ס טויט. הורקנוס איז צוליעב דעם צוועק געפאָהרען אין ירושלים, אום דורכצופיהרען די זאַך אויף א געזעצליכען וועג פאר'ן בית דין.

ער איז געגאַנגען גלייך צו ר׳ יוחנן בן זכאי, אָבער ווען ער איז געקומען צו זיין הויז, האָט ער געפונען דאָרט א גרויסע שמחה. די גרעסטע מענשען פון לאנד זיינען דאָרט געזעסן אויף א מאָהלצייט. ווען הורקנוס איז אריינגעקומען האָט מען געמאכט פלאַץ פאר איהם און מען האָט איהם געזעצט צווישען די פּאָרנעהמע געסט.

ר׳ יהושע בן חנניה און ר׳ שמעון בן נתנאל זיינען צו־געגאַנגען צו רבי יוחנן בן זכאי און האָבען איהם שטילער־הייד געזאָגט: ״דאָ געפינט זיך אליעזר׳ס פאָטער. ער זיצט ביים טיש מיט די געסט.״

״מאכט פלאַץ פאר אליעזר׳ן און זעצט איהם אויך אוועק ביים טיש״, האָט רבי יוחנן געזאָגט.

אז אליעזר איז שוין געזעסן ביים טיש, האָט צו איהם ר׳ יוחנן בן זכאי געזאָגט:

״זאָג אונז עפּעס תורה״.

״ניין, רבי, איך קען ניט״, האָט אליעזר געענטפערט. ״איך בין געגליכען צו א ברונען וואָס קען ניט ארויסגעבען פון זיך מעהר וואסער אלס ער ענטהאַלט. אזוי קען איך ניט ארויסזאָגען מעהר תורה אלס איך האָב פון דיר געלערנט.״

״איך וועל דיר געבען אן אנדער משל״, האָט ר׳ יוחנן געענטפערט. ״א גוטער תלמיד ווי דו איז געגליכען צו א קוואַל וואס גיט ארויס אימער פרישע וואסער פון זיך אליין״.

דריי מאָל האָט ר׳ יוחנן בן זכאי איהם געבעטען עפּעס זאָגען, אָבער אליעזר האָט ענטזאגט. ר׳ יוחנן האָט געמיינט אז אליעזר שעהמט זיך פאר איהם, איז ער ארויס און איז אוועק. דאן האָט ר׳ אליעזר אָנגעהויבען צו דרש׳ענען און זיין געזיכט האָט געלויכטען ווי די זון, און עס איז געוואָרען אזוי ליכטיג דאָס די געסט האָבען ניט געוואוסט אויב עס איז טאָג אָדער נאכט. ר׳ יהושע בן חנניה און רבי שמעון בן נתנאל זיינען אוועק און האָבען געזאָגט צו ר׳ יוחנן: ״קום און זעה, ווי אליעזר דרשנ׳ט פאר׳ן עולם און זיין פּנים לייכט ווי די זון״. איז ר׳ יוחנן צוריק אריין אין הויז, איז צוגעגאַנ־גען צו ר׳ אליעזר פון הינטען, האָט איהם א קוש געטהאָן אין קאָפּ, און אויסגערופען: ״וואויל איז אייך אברהם יצחק ויעקב וואָס פון אייך איז ארויסגעקומען אזא גרויסער מאן!״

הורקנוס, וועלכער האָט זיין זוהן ניט דערקענט, האָט געפרעגט: ״ווער איז דער יונגער מאן וואָס ר׳ יוחנן לויבט

איתם אזוי שטארק?״ האט מען איתם געענטפערט: ״דאס איז דיין זוהן אליעזר״. הורקנוס האט מיט פרייד אויסגעד רופען: ״דאן איז דאך וואויל צו מיר וואס אזא זוהן איז פון מיר ארויסגעקומען.״ ר׳ אליעזר האט זיך ניט אבגעשטעלט, איז געזעסען, און האט ווייטער גע׳דרשנ׳ט, און זיין פאטער איז געשטאנען אויף די פיס מיט גרויס רעספעקט: ״ניין, פאטער״, האט ר׳ אליעזר געזאגט, ״איך קען ניט זיצען און דרשנ׳ען בעת דו שטעהסט אויף די פיס.״ און ר׳ אליעזר האט זיך אויפגעשטעלט און אוועקגעזעצט זיין פאטער נעבען זיך.

״מיין זוהן!״ האט נאך דער דרשה געזאגט הורקנוס. ״איך בין אתער געקומען אוועקנעהמען פון דיר דיין חלק ירושה, אבער יעצט מאך איך דיך פאר מיין איינציגען יורש, און דיינע ברידער קריגען גארנישט.״

״ניין, פאטער, איך וויל ביי מיינע ברידער גארנישט אוועקנעהמען. ווען איך וואלט פערלאנגט פון דעם אייבערד שטען גאלד אדער לאנד, האט ער געגוג מיר צו געבען. איך האב ביי איהם געבעטען ער זאל מיר בלויז געבען א געלעד גענהייט צו לערנען תורה, און דאס האב איך שוין ערדרייכט, בין איך גליקליך.״

## 9.

# איוב און אברהם

איוב איז געווען א גרויסער מכנים אורח. אין זיין הויז האט ער געהאט פיער טיהרען, א טיהר אין יעדער זייט, כדי פון וואס פאר א זייט מענשען וועלען קומען וועלען זיי גלייך געפינען א טיהר און ניט דארפען ארומגעהן די הויז. פון איבעראל פלעגט מען קומען צו איוב׳ן, צו געניסען זיין גאסטפריינדליכקייט. אז צוויי רייזענדע פלעגען זיך בעד געגענען אין וועג, פלעגט איינער פרעגען: ״פון וואנען קומסטו?״ פלעגט דער אנדערער ענטפערען: ״איך קום פון איוב׳ס הויז״. פלעגט דער ערשטער זאגען: ״און איך געה ערשט יעצט אהין״.

ווען אונגליקען זיינען בעפאלען איוב׳ן און ער האט פערלארען זיינע קינדער און זיין פערמעגען, האט ער געד טענה׳ט צום אייבערשטען: ״רבונו של עולם! פלעג איך דען ניט געבען עסען די הונגעריגע און טרינקען צו די דארשד

טיגע און קליידען די נאַקעטע? טאָ פאַר וואָס קומט מיר אַזאַ שטראָף?" האָט דער אויבערשטער איהם געענטפערט: "איוב! מיט אַלע דיינע צדקות קומסטו נאָך ניט א העלפט צו די גוטסקייט פון אברהם. דו פלעגסט זיך זיצען רוהיג ביי דיר אין דער היים און די געסט פלעגען צו דיר קומען. דעם וואָס איז געוואוינט צו עסען ווייצען ברויט האָסטו געגעבען ווייצען ברויט. דעם וואָס איז געוואוינט צו עסען פלייש פלעגסטו געבען פלייש. און דעם וואָס איז געוואוינט צו טרינקען וויין האָסטו געגעבען וויין. אָבער אברהם האָט בעסער געטהאָן. ער פלעגט ארומגעהן זוכען איבער'ן וועג, און אַז ער פלעגט טרעפען א רייזענדען פלעגט ער איהם ברייגגען צו זיך אַהיים. דער וואָס איז גאָר ניט געוואוינט צו עסען ווייצען ברויט האָט ער געגעבען צו עסען ווייצען ברויט, און דער וואָס האָט ניט געוואוסט פון פלייש אָדער וויין, האָט ער געגעבען פלייש און וויין. און נאָך מעהר. אברהם האָט אויסגעבויט גרויסע פאַלאַסטען אויף אַלע וועגען, און אין די פּאַלאַסטען האָט ער אָנגעגרייט שפּייזען און געטראַנקען. און ווער עס פלעגט קומען פלעגט ער עסען און טרינקען און בענשען".

.10

# ניט אַלעס דערצעהלט מען א ווייב

שמועס ניט צופיעל מיט דיין פרוי, אזוי האָבען די חכמים פערזאָגט. עס זיינען דאָ זאַכען וואָס א מענש דאַרף צו זיין איינענער פרוי ניט דערצעהלען. אָט איז א בייד שפּיעל:

א מאַן קומט אין בית מדרש און מען גיט איהם דאָרט ניט קיין געהעריגען כבוד, אָדער ער צואווערטעלט זיך מיט א פריינד, דאַרף ער ניט, ווען ער קומט אהיים, דערצעהלען זיין פרוי, אַט אַזוי און אַזוי האָט מען מיך בעליידיגט, אָט אַזוי און אַזוי האָט מיין פריינד געזאָגט צו מיר, און אָט אַזוי און אַזוי האָב איך איהם געענטפערט. ווייל דורכדעם וואָס ער דערצעהלט זיין פרוי ווי אַנדערע מענשען האַלטען פון איהם, מאַכט ער זיך קליין אין איהרע אויגען, און די פרוי וועלכע האָט פריהער געהאַט רעספּעקט פאַר איהם

שפּאָט און לאַכט אָב פון איהם. און ווען זיין פריינד הערט פון דעם, זאָגט ער: ״טאָמער האָבען מיר צווישען זיך אַ ביסעל צואווערטעלט געהט ער און טראָגט עס אָב צו זיין פרוי!״ אָט אַזוי מאַכט ער נידעריג אי זיך, אי זיין פרוי אי זיין חבר.

# 11

## די הייליגקייט פון ארבייט

ארבייט דאַרף מען ליעב האָבען. מען טאָהר ניט פיינד האָבען די ארבייט.

ווען גאָט האָט די אידען געגעבען די תורה האָט ער זיי אויך פערזאָגט אַז זיי זאָלען ארבייטען זעקס טעג אין דער וואָך און בלויז איין טאָג, דעם זיבעטען זאָלען זיי רוהען.

ליידיג ארומגעהן ברייננגט צו פערברעכענס פאַר וועל־כע מען פערשולדיגט זיך מיט טויט. צום ביישפּיעל: אַ מענש זיצט אַ גאַנצע וואָך און טהוט קיין ארבייט, דערנאָך אַז עס קומט ערב שבת און ער האָט ניט וואָס צו עסען, וואָס טהוט ער? מוז ער בעגעהן אַ פערברעכען און אויב עס מאַכט זיך אַז ער האָט ביי זיך צדקה געלד, פערנעהמט ער די געלד און פערשולדיגט זיך דורכדעם זיין לעבען. אַזוי זאָגט רבי עקיבא. רבי דוסתאי זאָגט: אַ מענש וואָס ארבייט ניט אין די זעקס טעג פון דער וואָך וועט סוף כל סוף גע־צוואונגען ווערען צו ארבייטען די גאַנצע זיבען טעג. אָט אַזוי ווי עס האָט זיך געטראָפען מיט איינעם וואָס האָט אַ גאַנצע וואָך ניט געוואָלט ארבייטען. ערב שבת איז ער געוואָרען הונגעריג און איז ארויס זוכען וואָס צו עסען, האָבען איהם געפאַנגען אַ באַנדע רויבער, האָבען איהם אָנגעבונדען אַ קייט אויפ׳ן האַלז און געצוואונגען צו ארביי־טען שבת.

רבי שמעון בן אלעזר זאָגט: אפילו אדם הראשון האָט נאָרנישט געגעסען פון דער וועלט איידער ער האָט געטהאָן ארבייט. די תורה דערצעהלט אונז (בראשית, ב) אַז גאָט האָט איהם איבערגעלאָזען אין גן עדן צו בעארבייטען דעם

גארטען און איהם צו היטען, און ערשט שפעטער האט גאט איהם געזאגט וועלכע פרוכט ער קען עסען.

רבי טרפון זאגט: די שכינה איז ניט ארונטער צו די אידען ביז זיי האבען צוערשט געארבייט, ווייל עס שטעהט געשריבען, גאט האט געזאגט, (שמות, כה) "זיי זאלען מיר מאכען א טעמפעל וועל איך קומען און רוהען צווישען זיי" אויך זאגט ר' טרפון: א מענש שטארבט פאר דער צייט נאר פאר ארומגעהן ליידיג.

רבי יהודה בן בתירא זאגט: ווער עס האט קיין מלאכה, איז דאך ניט פריי פון ארבייט, אויב ער איז רייך און האט א סך הויפען און פעלדער, זאל ער געהן און ארבייטען אין זיי, ווייל די תורה האט פערזאגט אז זעקס טעג אין דער וואך מוז א מענש ארבייטען און טהאן א מלאכה.

# 12

# אהרן דער שלום מאכער

הלל האט געזאגט:

יעדער איינער דארף ליעב האבען דעם שלום, אזוי ווי אהרן הכהן האט געליעבט שלום און האט זיך געפלייסט אז עס זאל זיין פריעדען צווישען איין אידען און דעם אנדערן, און אויסער דעם האט ער געזוכט אבצוהאלטען מענשען פון זינד.

ווי אזוי פלעגט אהרן אבהאלטען מענשען פון זינד? אז ער פלעגט געהן אין וועג און ער פלעגט בעגעגענען איינעם א שלעכטען מענשען, א רשע, פלעגט אהרן איהם אבגעבען א פריינדליכען שלום עליכם. אויף מארגען אז דער רשע פלעגט וועלען טהאן אימיצען עפעס רשעות, אדער בעגעהן א זינד געגען גאט, פלעגט ער צו זיך זאגען: "וועה איז מיר, ווי וועל איך נאכדעם קענען ווייזען מיינע אויגען פאר אהרן? ווי וועל איך איהם קענען קוקען אין פנים? ער האט דאך מיר געגעבען זיין האנד און מיר געוואונשען שלום?" און דער סוף פלעגט זיין אז דער רשע פלעגט די עבירה ניט טהאן.

אז אהרן פלעגט זיך דערוויסען אז צוויי מענשען האבען זיך צוקריעגט, פלעגט אהרן געהן צו איינעם, זיך אוועקזעצען נעבען איהם און זאגען, "מיין זוהן, ווייסטו וואס דיין פריינד

טהום? ער שלאָגט זיך אין האַרצען, רייסט קריעה אין קלאָגט, "וועה איז מיר, ווי וועל איך קענען צייגען מיינע אויגען פאַר מיין פריינד, נאָכדעם ווי איך האָב איהם אזוי בעליידיגט?" און אזוי פלעגט אהרן ריידען, ביז פון דעם מענשען׳ס הארצען פלעגט פערשווינדען דער גאַנצער כעס. נאָכדעם פלעגט אהרן געהן צו דעם אנדערען, און איהם זאָגען די זעלבע זאַך: "דיין פריינד קלאַפט זיך אין האַרצען, ער רייסט אויף זיך די קליידער און עס פערדריסט איהם זעהר שטאַרק וואָס ער האָט זיך מיט דיר געקריעגט." און נאָכדעם אז די צוויי מענשען פלעגען זיך בעגעגענען, פלעגען זיי זיך ארומנעהמען און צוקושען.

# 13

# וואו משה׳ס נשמה איז בעהאַלטען

ווען משה האָט געדאַרפט שטאַרבען האָט דער אייבערשטער געזאָגט צום מלאך המות: "געה און ברייננג מיר משה׳ס נשמה". איז דער מלאך המות געגאַנגען, האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַר משה׳ן און האָט געזאָגט: "גיב מיר דיין נשמה". האָט משה אויף איהם בייז אָנגעשריען, און געזאָגט: "דאָרט וואו איך זיץ האָסטו אפילו קיין רעכט צו שטעהן, און דו זאָגסט נאָך אז איך זאָל דיר געבען מיין נשמה!" איז דער מלאך המות אוועק א פערשעהמטער.

האָט דער אויבערשטער ווידער געזאָגט צום מלאך המות: "געה און ברייננג מיר משה׳ס נשמה". איז דער מלאך המות ווידער געגאַנגען צו דעם זעלבען אָרט, אָבער ער האָט דאָרט משה׳ן מעהר ניט געפונען. איז דער מלאך המות אוועק צום ים און געפרעגט ביים ים: "איז משה דאָ געווען?" האָט דער ים געענטפערט: "זייט די אידען זיינען אריבערגעגאַנגען איבער מיר האָב איך איהם ניט געזעהן" דער מלאך המות איז געגאַנגען צו די בערג און האָט זיי געפרעגט: "איז משה דאָ געווען?" האָבען די בערג געענטפערט: "זייט די אידען האָבען בעקומען די תורה אויפ׳ן בארג סיני האָבען מיר איהם ניט געזעהן". איז דער מלאך המות געגאַנגען צום גיהנם און געפרעגט: "איז משה דאָ געווען?" האָט דער גיהנם איהם געענטפערט: "זיין נאָמען האָבען מיר אפילו געהערט, אָבער מיר האָבען איהם קיינמאָל

געזעהן". צולעצט איז דער מלאך המות געגאנגען צו די מלאכים אין הימעל און האָט זיי געפרעגט. האָבען די מלאכים געענטפערט: "גאָט ווייס וואו ער געפינט זיך. ער האָט איהם זיכער בעהאלטען אין גן עדן".

און אזוי איז דאָס טאַקע געווען. דער אייבערשטער אליין האָט משה'ס נשמה ארויסגענומען מיט א קוש און האָט די נשמה בעהאלטען אונטער דעם כסא הכבוד.

## 14

# דער דור הפלגה און די אנשי סדום

ליעב האָבען מענשען איז זעהר א גרויסע זאַך.

דער דור הפלגה איז געווען זינדיג געגען גאָט אָבער עס איז ביי זיי געווען ליעבע צווישען מענש און מענש.

די אנשי סדום זיינען געווען זינדיג געגען גאָט און דערצו האָבען די מענשען פיינד געהאַט איינער דעם אנ־דערען.

דארום, ווען גאָט האָט געוואָלט בעשטראָפען די מענ־שען פון דור הפלגה האָט ער זיי צוזייהט און צושפרייט איבער אלע קאַנטען פון דער וועלט, אָבער ער האָט זיי גע־לאָזט לעבען. ווען ער האָט געוואָלט בעשטראָפען די אנשי סדום האָט ער זיי אין גאַנצען פערניכטעט.

## 15

# די גרויסע נחמה

ווען עס איז געשטאָרבען דער זוהן פון רבי יוחנן בן זכאי זיינען געקומען זיינע תלמידים איהם מ־ריסטען. צו־ערשט איז אריינגעקומען רבי אליעזר בן הורקנוס. ער האט זיך אוועקגעזעצט און געפרעגט: "רבי! ווילסטו איך זאל פאר דיר עפעס זאגען?" האט רבי יוחנן געענטפערט: "זאָג". האט רבי אליעזר אזוי געזאגט: "אדם הראשון האט געהאט א זוהן און ער איז געשטאָרבען און דאך האט אדם זיך גע־לאָזט טרייסטען. און פון וואנען ווייסען מיר אז אדם האט זיך געלאָזט טרייסטען? ווייל מיר זעהען דאך פון דער תורה

אז ער האט ווייטער אנגעפיהרט זיין פאמיליען לעבען מיט חוה׳ן. אזוי דארפסטו זיך אויך לאזען טרייסטען״. האט רבי יוחנן געענטפערט: ״ניט גענוג מיינע אייגענע צרות, דארפסטו מיר נאך דערמאנען די צרות פון אדם הראשון״.

נאכדעם איז אריינגעקומען רבי יהושע און האט גע־פרעגט: ״רבי, וועסטו מיר אפשר ערלויבען דיר עפעס צו זאגען?״ האט רבי יוחנן געענטפערט: ״זאג״. האט רבי יהושע אזוי געזאגט: ״איוב האט געהאט זיהן און טעכטער און זיי זיינען אויסגעשטארבען אלע אין איין טאג. דאך האט ער זיך געטרייסט. און פון וואנען ווייסען מיר אז איוב האט זיך געטרייסט? פון דעם וואס ער האט געזאגט: ״גאט האט געגעבען, גאט האט גענומען, זאל זיין נאמען געבענשט זיין!״ אזוי דארפסטו זיך אויך טרייסטען״. האט רבי יוחנן געענטפערט: ״ניט גענוג מיינע אייגענע צרות, דארפסטו מיר נאך דערמאנען איוב׳ס צרות״.

שפעטער איז אריינגעקומען רבי יוסי. ער האט זיך אוועקגעזעצט און געפרעגט: ״רבי וועסטו מיר ערלויבען דיר צו זאגען א טרייסט ווארט?״ האט רבי יוחנן געענטפערט: ״זאג״. האט רבי יוסי אזוי געזאגט: ״אהרן האט געהאט צוויי ערוואקסענע זיהן און ביידע זיינען געשטארבען אין איין טאג, פון דעסטוועגען האט אהרן אנגענומען א טרייסט. און פון וואנען ווייסען מיר אז אהרן האט זיך געלאזט טרייסטען? עס שטעהט דאך אין דער תורה ״וידם אהרן״, אהרן האט געשוויגען. ווען א מענש שווייגט הייסט עס אז ער האט אויפגעהערט צו קלאגען און ער האט זיך שוין געטרייסט. אזוי דארפסטו זיך אויך לאזען טרייסטען״. האט רבי יוחנן געזאגט: ״ניט גענוג מיינע צרות, קומסטו און דערמאנסט מיר נאך אהרן׳ס צרות״.

נאך רבי יוסי׳ן איז אריינגעקומען רבי שמעון. ״רבי, ווילסטו איך זאל דיר עפעס זאגען?״ האט ער געפרעגט. ״זאג״, האט רבי יוחנן געענטפערט. האט רבי שמעון אזוי אנגעפאנגען: ״דוד המלך האט געהאט א זוהן און האט איהם פערלארען, און דאך האט ער זיך געלאזט טרייסטען. און פון וואנען ווייסען מיר אז דוד האט זיך געלאזט טרייסטען? ווייל עס שטעהט אז ער האט זיך געטרייסט מיט בת שבע זיין פרוי און זי האט איהם געבוירען א זוהן, שלמה. אזוי, דארפסטו אויך אננעהמען א טרייסט״. האט רבי יוחנן גע־ענטפערט: ״הפנים דו דענקסט אז עס זיינען מיר ניט גענוג

מיינע אייגענע צרות, ווילסטו מיר נאך דערמאנען דוד'ס צרות!"

צולעצט איז אריינגעקומען רבי אלעזר בן ערך. ווי ער רבי יוחנן האט איהם דערזעהען האט ער בעפוילען זיין דינער ער זאל דעם גאסט אבגעבען גרויס כבוד: "גיב איהם אב אלע כבודים, ווייל ער איז א גרויסער מאן". רבי אלעזר האט זיך אוועקגעזעצט, אזוי ווי די פריהערדיגע, און האט א פרעג געטהאן: "רבי, מעג איך דיר זאגען א טרייסט ווארט?" האט רבי יוחנן געענטפערט: "זאג". האט רבי אלעזר אזוי געזאגט:

"איך וועל דיר דערצעהלען א משל וואס פאסט זיך זעהר צו די אומשטענדען. א מלך האט געגעבען איינעם פון זיינע אונטערטהאנען א ווערטפולע זאך צו בעהאלטען. יעדען טאג פלעגט דער מענש וויינען און קלאגען: "וועה איז מיר, ווען וועט שוין דער קעניג ביי מיר אבנעהמען דעם פקדון אין גאנצען, כדי איך זאל ניט דארפען טראגען אויף זיך אזא גרויסע פעראנטווארטליכקייט?" אזוי איז אויך מיט דיר, רבי. דו האסט געהאט א זוהן, א געראטענער, א וואויל לערנער, און ער איז אוועק פון דער וועלט א גאנצער, ריין פון זינד. דארפסטו זיך טרייסטען וואס דו האסט צוריק אבגעגעבען דעם פקדון א גאנצען".

"דו האסט מיך געטרייסט, אלעזר, מיין זוהן", האט רבי יוחנן אויסגערופען און האט זיך בערוהיגט.

## 16

## וואונדער זיך ניט אויף יוסף הצדיק

זאלסט זיך ניט וואונדערן ווי אזוי יוסף הצדיק האט גע־קענט ביישטעהן דעם רייץ פון דער שעהנער זליכה. אנדערע צדיקים פון שפעטערע דורות האבען אויך בייגעקומען אזעלכע נסיונות.

רבי צדוק איז געווען א גרויסער מאן אין זיין דור. איינ־מאל איז ער גענומען געווארען אין געפאנגעשאפט און עס האט איהם אבגעקויפט א רייכע אריסטאקראטישע דאמע. די דאמע האט אריינגעשיקט אין זיין צימער איינע פון איהרע שעהנסטע דיענסטען. ווי נאר רבי צדוק האט זי דערזעהן, האט ער אבגעקעהרט זיינע אויגען צום וואנד, כדי ער זאל

אויף איהר ניט קוקען. זיצענדיג מיט׳ן פנים צום יאַנר האָט ער אַ גאַנצע נאַכט געלערנט און ניט אויפגעהערט צו לערנען. ווען עס איז געוואָרען טאָג, איז די דיענסט געגאַנגען צו איהר ווירטהין און האָט געזאָגט: ״עס איז מיר ליעבער דער טויט, איידער צו האָבען אַזאַ מאָדנעם מענשען פאַר אַ מאַן.״ די דאַמע האָט געשיקט נאָך רבי צדוק און האָט איהם געפרעגט: ״וואָרום האָסטו בעליידיגט מיין דיענסט? וואָרום האָסטו געהאַנדעלט ניט מענשליך?״ האָט רבי צדוק געענטפערט: ״מיין שטאַם איז פון די כהנים גדולים, דאָרום האָב איך אַנדערש ניט געקענט טהאָן.״ ווען די דאַמע האָט דאָס געהערט, האָט זי געגעבען אַ בעפעהל איהם פריי צו לאָזען און זי האָט איהם אוועקגעשיקט מיט גרויס כבוד.

אויך זאָלסטו זיך ניט וואונדערן אויף רבי צדוק, ווייל רבי עקיבא האָט בעוויזען נאָך גרעסערס פון איהם. אַז רבי עקיבא איז איינמאָהל געקומען אין אַ פרעמד לאַנד, האָט מען איהם פער׳מסר׳ט ביי דעם הערשער. האָט דער הערשער אויסגעקליבען צוויי זעהר שעהנע פרויען, האָט זיי בליידען צו־געפוצט אַזוי ווי כלות וואָס מען פיהרט צו זייערע חתנים, און זיי געשיקט צו רבי עקיבא׳ן. די צוויי פרויען האָבען זיך אוועקגעזעצט נעבען איהם און געפאָדערט זיין ליעבע, אָבער ער איז געזעסען צווישען זיי און כסדר געשפיגען. און האָט זיי אפילו ניט געוואָלט רעכט אָנקוקען. זיינען די צוויי פרויען צוריק אוועק צו זייער האר און האָבען געזאָגט: ״עס איז אונז ליעבער דער טויט איידער אַזאַ מאַן.״ דער הערשער האָט געשיקט נאָך רבי עקיבא און האָט איהם געפרעגט: ״געפעלען דיר דען ניט די פרויען? זיינען זיי דען ניט אַזעלכע מענשליכע בעשעפענישען ווי דו? האָט דען ניט דערזעלבער גאָט וואָס האָט דיך בעשאַפען, זיי אויך בע־שאַפען?״

״וואָס האָב איך געקענט טהאָן?״ האָט רבי עקיבא ער־קלעהרט, ״אַז פון זייער לייב הערט זיך דער גערוך פון נבלות, טרפות און שרצים. דאָס וואָס זיי עסען, דאָס זיינען זיי.״

## 17

# משלים וועגען דעם יצר הרע

רבי יהודה הנשיא זאָגט:

אָט דאָס איז א משל וועגען דעם יצר הרע. צוויי מענ׳שען זיינען אריינגעפאָהרען אין איין אכסניא. האָט מען איינעם פון זיי ארעסטירט אויף דער בעשולדיגונג אז ער האָט בעגאנגען א רויבעריי (וואָס פאר דעם פלעגט אמאָל קומען א טויט שטראָף) ביי דעם פערהער אין געריכט האָט מען דעם רויבער געפרעגט: ״האָסטו געהאט א שותף אין דיין פערברעכען?״ האָט ער דאָך געקענט זאָגען: ״קיינער האָט מיר ניט געהאָלפען אין דעם פערברעכען״. אבער וואָס טהוט ער? ער טראַכט זיך: ״אז מען הרג׳עט מיך, זאָל מען שוין אויך הרג׳ענען מיין חבר.״ אזוי איז אויך דער יצר הרע. ווייל ער ווייס אז ער וועט יענע וועלט ניט האָבען, טראַכט ער זיך: אזוי ווי איך האָב יענע וועלט פערלאָרען, וויל איך אז דער גאנצער קערפער זאָל פערלירען יענע וועלט.

רבי שמעון בן יוחאי זאָגט:

צוליעב דעם יצר הרע וועלען אידען זיך קענען בעפרייען פון גיהנם. אָט איז א משל וועגען דעם.

א מלך האָט געהאט א פעלד וואָס איז געוועזען פול שטיינער. זיינען געקומען מענשען און האָבען ביי איהם דעם פעלד אָבגעדונגען פאר צעהן מאָס ווייץ א יאָהר. די מענשען האָבען זיך פלייסיג גענומען צו דער ארבייט. זיי האָבען דעם פעלד בעמיסטיגט, ארומגעגראָבען, בעוואַסערט און אויסגעריסען די ווילדע גראָזען. אָבער נאָך אַלע ארבייט, האָבען זיי פון דעם פעלד ארויסגענומען קוים איין מאָס ווייץ פאר׳ן גאנצען יאָהר. האָבען זיי זיך שטארק פערשולדיגט ביים קעניג. ״וואָס איז דאָס?״ האָט דער מלך געפרעגט. ״אזוי ווייניג ווייץ ווילט איהר מיר געבען?״ האָבען זיי איהם געענטפערט. ״אדונינו המלך! דו ווייסט דאָך, אז איידער די האָסט אונז פערדונגען דעם פעלד האָסטו פון איהם גארנישט געהאט, און נאָכדעם ווי מיר האָבען אין איהם אזוי פיעל ארבייט אריינגעלעגט, האָבען מיר קוים ארויסגעקראָגען איין מאָס ווייץ.״ אזוי וועלען די אידען זאָגען צו דעם אייבערשטען, ווען ער וועט זיי משפט׳ען אויף יענער וועלט: ״דו,

רבונו של עולם, האָסט דאָך געוואוסט וואָס פאַר אַ שווערע־ שטיין דאָס איז דער יצר הרע, וואָס דו האָסט אריינגעגעבען אין אונזער הארצען. און אָט דער יצר הרע לאָזט אונז ניט זיין גוט. מיר פלייסען זיך צו זיין גוט און פרום. אָבער צו־ ליעב איהם זיינען אונזערע גוטע טהאטען אזוי וועניג!"

## 18

## דער געהויבענער מאָמענט

רבי שמעון בן אלעזר זאגט:

ווען דער אייבערשטער האט זיך געפיהלט אין אַ גע־ הויבענעם מאָמענט האט ער ארויסגעזאגט יענעם שפרוך: "ואהבת לרעך כמוך" זאלסט ליעבען דיין מיטמענשען ווי זיך אליין. דער אייבערשטער האט אזוי געזאגט: "איך האב דיין מיטמענשען בעשאפען. אויב דו האסט איהם ליעב בין איך בענלויבט דיך גוט צו בעלוינען פאר דעם, און אויב דו האסט איהם ניט ליעב, בין איך דער שטרענגער ריכטער דיך צו שטראָפען".

## 19

## טריידהייט ברענגט פריידהייט

אַ אידישע מיידעל, פון אַ רייכע אידישע הויז, איז גע־ פאנגען געוואָרען צוזאַמען מיט איהרע צעהן דיענסטען. אַ גוי האָט זיי צוגענומען צו זיך און זי האָט זיך ערצויגען ביי איהם אין הויז. איינמאָל גיט איהר דער גוי אַן עמער און זאָגט צו איהר: "געה און טראָג אריין וואסער אין הויז." האָט זיך איינגעשטעלט איינע פון איהרע דיענסטען, האָט צוגענומען דעם עמער און האָט געזאָגט צום גוי: "מיין האר! איך שווער ביי דיין לעבען אז איך בין געווען איינע פון די פינף הונדערט דיענסטען וואָס איהר מוטער האָט געהאט. לאָז מיך אריינטראָגען די וואסער אנשטאט איהר." ויען דער גוי האָט דערהערט ווער די געפאנגענע איז געווען, האָט ער זי בעפרייט צוזאַמען מיט איהרע צעהן דיענסטען.

## 20

# גאָט'ס צאָרן

א געפאנגענע אידישע מיידעל האָט זיך אויפגעהאלטען אין דער הויז פון א גוי. איינמאָל קומט צו איהם דער בעל החלום און זאָגט איהם אין שלאָף: "שיק די מיידעל אוועק פון דיין הויז." האָט ער זי געוואָלט אוועקשיקען, אָבער זייז פרוי האָט ניט געלאָזען. נאָך אמאָל איז דער בעל החלום גע־קומען און האָט איהם געווארנט: "אייב דו שיקסט זי נים אוועק, וועסטו שטארבען." דער גוי האָט זיך ערשראָקען און האָט די מיידעל אוועקגעשיקט. זי איז נעגאנגען און ער איז איהר נאָכגעגאנגען צו זעהן וואָס וועט זיין איהר סוף. ביי א קוואל האָט זי זיך אָבגעשטעלט צו לעשען איהר דאָרשט. ווי נאָר זי האָט זיך אָנגעשפּארט אָן זואנד פון דעם קוואל, איז ארויסגעקומען א שלאנג און האָט איהר א ביס געטהאָן. די מיידעל איז פון דעם ביס געשטאָרבען. ווען דער גוי איז צוריקגעקומען אהיים, האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי:

"גאָט'ס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסען אויף דעם פאָלק."

## 21

# דער מענש איז א קליין וועלטעלע

רבי אלעזר דער זוהן פון רבי יוסי פון גליל זאָגט:

אמאָל איז געווען א מאָלער וואס איז געווען א קינסט־לער צו מאָלען אויף הויז. ער האט זעהר ליעב געהאט א סך צו מאָלען. אבער ער האט נים געהאט גענוג הויז אויף וואָס צו מאָלען. דער קינסטלער האט זיך דאס גענומען צום הארצען. האט ער זיך אבער געגעבען אן עצה, ער האט גע־מאָלט אין זאמד, געגאנגען און געמאָלט פערשיעדענע ביל־דער. אזוי איז אויך מיט דעם אויבערשטען. ער האט בעשא־פען א שעהנע וועלט מיט גרויס חכמה. האט ער אבער גע־וואָלט אז עס זאלען זיין א סך אזעלכע וועלטען. האט ער אלעם וואס ער האט בעשאפען אין זיין וועלט, אויבען אין הימעל און אונטען אויף דער ערד, אויך בעשאפען אין דעם מענשען. ער האט בעשאפען וועלדער אויף דער וועלט, האט ער אויך בעשאפען וועלדער אויף די מענשען. דאס איז האאר

אויפ׳ן קאָפּ. ער האט בעשאפען ווילדע חיות אויף דער וועלט, האט ער אויך בעשאפען ווילדע חיות ביי מענשען. דאס זיינען די געדערים וואס שלינגען איין אלעס. ער האט בעשאפען א זון אויף דער וועלט, האט ער בעשאפען א זון אין דעם מענשען. דאס איז די ליכטיגע שעהנהייט פון דעם מענשען. ער האט בעשאפען זאלץ וואסער אין דער וועלט. האט ער אויך בעשאפען זאלץ וואסער אין דעם מענשען. דאס זיינען די טרעהרען. מויערען אויף דער וועלט, מויערען אויך אין דעם מענשען. דאס זיינען די ליפען וואס בעשיצען איהם פון בייז. בערג אויף דער וועלט, בערג אויך אין דעם מענשען. דאס זיינען באקען וועלכע זיינען אזוי רונד און פול אזוי ווי בערג. טהורעמס אויף דער וועלט, טהורעמס אין דעם מענשען. דאס איז זיין האלז. שפינדלען אויף דער וועלט, שפינדלען אין דעם מענשען. דאס זיינען זיינע ארעמס. א קעניג אויף דער וועלט, א קעניג ביי דעם מענשען. דאס איז זיין קאָפּ. וויינטרויבען אויף דער וועלט, וויינטרויבעןביים מענשען. דאס איז זיין בלוט. מיהלען אויף דער וועלט, א מיהל ביים מענשען. דאס איז זיין מאָגען. פערד אויף דער וועלט, פערד ביי מענשען. דאס זיינען די שענקעל. א מלאך המות אויף דער וועלט, א מלאך המות ביי דעם מענשען. דאס זיינען דעם מענשען׳ס פיס, וועלכע פיהרען איהם אהין וואו ער דארף שטארבען. בערג און טהאָלען אויף דער וועלט, בארג און טהאָל איז יעדער מענש. שטעהט ער, איז ער א בארג, פאלט ער, איז ער א טהאָל.

אָט פון די זאכען זעהט מען אז אלעס וואס דער אויבער־שטער האט בעשאפען אין דער וועלט האט ער אויך בעשא־פען אין דעם מענשען.

## 22

# צדקה און משפט

אברהם אבינו פלעגט פריהער טהאָן צדקה און נאכדעם פלעגט ער משפט׳ן. דוד המלך פלעגט פריהער משפט׳ן און נאָכדעם געבען צדקה.

ווען צוויי מענשען פלעגען קומען צו אברהם אבינו זיך משפט׳ן, און איינער האָט ביי דעם אנדערען גענומען און־דערט גילדען, פלעגט אברהם געבען זיינע אייגענע הונדערט

גילדען צו דעם אַנגעקלאָגטען, און נאָכדעם פלעגט ער זיי ביידען חייסען פאַרלייגען זייערע טענות. ווען ער האָט די טענות אויסגעהערט און געפונען אז דער אַנגעקלאָגטער איז טאַקע שולדיג, פלעגט אברהם צו איהם זאָגען: "יעצט בע־צאָהל איהם די הונדערט גילדען וואָס איך האָב דיר געגע־בען". אויב עס האָט זיך ארויסגעוויזען אז דער אַנגעקלאָג־טער איז דעם קלעגער גאָרניט שולדיג, פלעגט אברהם אבינו זיי הייסען זיך צוטיילען די הונדערט גילדען און געהן לשלום אחיים.

ווען עס פלעגען קומען צו דוד המלך צוויי מענשען אויף א דין תורה און איינער האָט געמאָנט הונדערט גילדען ביי דעם אַנדערען, פלעגט דוד פריהער אויסהערען זייערע טענות. אויב ער האָט געפונען אז דער אַנגעקלאָגטער איז טאַקע שולדיג, פלעגט ער איהם געבען הונדערט גילדען און זאָגען: "דו האָסט פערלאָרען. נא דיר געלד און בעצאָהל איהם". אויב עס האָט זיך ארויסגעוויזען אז דער אַנגעקלאָגטער איז גאָר ניט שולדיג, פלעגט זיי דוד זאָגען: "געהט זיך אחיים אין פריעדען".

## 23

# א דרייפאַכער אונגליק

אַן אָרימע פרוי האָט געוואוינט אין דער נאָכבאַרשאַפט פון א גרויסען גוטסבעזיצער וועלכער האָט געהאַט א סך פעלדער. איינמאָהל זיינען די צוויי קינדער פון דער פרוי ארויס אין פעלד צו קלייבען די אָבגעפאַלענע זאַנגען וואָס די תורה האָט געהייסען אוועקגעבען צו אָרימע לייט. אָבער דער בעל הבית פון דער פעלד האָט זיי ניט געלאָזט נעהמען. די מוטער איז געזעסען און מיט גרויס אונגעדולד געוואַרט אויף איהרע קינדער און געזאָגט צו זיך אליין: "ווען וועלען שוין מיינע קינדער צוריק קומען פון פעלד? אפשר ויעלען זיי עפּעס ברייננען צום עסען?" און די אונגליקליכע קינדער האָבען מיט ליידיגע הענד און מיט א ליידיגען מאָגען, און אָהן כחות, זיך געשלעפּט אחיים און געזאָגט איינער צום אַנדערען: "ווען וועלען מיר שוין דערלעבען צו קומען אחיים? אפשר האָט די מאַמע וואָס צו עסען פאַר אונז" און ווען זיי זיינען געקומען אחיים מיט ליידיגע הענד און זייער מוטער

האט אויך גארנישט געהאט צו שטילען זייער הונגער, האבען די קינדערלעך צוגעטוליעט זייערע קעפעלעך צו זייער מו־טער׳ס קניע און זיי זיינען אלע דריי אויסגעגאנגען אין איין טאג.

אט פאר אזעלכע זינד ברייננט גאט א פעסט אויף דער וועלט. די וואס האבען קיין רחמנות אויף דעם לעבען פון אָרימע, מוזען אליין בעצאהלען מיט זייערע לעבעוס.

# 24

# גאט׳ס משפט איז גערעכט

ווען די רוימער האבען פער׳משפט רבי שמעון בן גמליאל און רבי ישמעאל בן אלישע צום טויט, און מע, האט זיי ארויסגענומען אין אן אפענעם פלאץ אום דורכצופיהרען די הינריכטונג, איז רבי שמעון בן גמליאל געזעסען, זיך גע־וואונדערט און געפרעגט: "פארוואס קומט אונז דער טויט? פארוואס קומט אונז צו שטארבען אזוי ווי פערברעכער?"

"וועסטו מיר ערלויבען דיר עפעס צו זאגען?" האט רבי ישמעאל געפרעגט.

"זאג", האט רבי שמעון בן גמליאל געענטפערט.

האט רבי ישמעאל אזוי געזאגט:

"איך וועל דיר די זאך ערקלערען. עס קען זיין אז אמאל איז פאר אונז פארגעקומען א משפט און מיר האבען ניט ריכטיג גע׳משפט. אמאל זיינען די עדות געווען פאלשע און מיר האבען זיי ניט גוט חוקר ודורש געווען, און דערפאר האבען מיר זיך פערשולדיגט מיט׳ן לעבען. און אמאל קען זיין אז מיר זיינען אוועק אין בית המרחץ, אדער מיר זיינען געזעסען אין דער היים און געגעסען און געטרונקען, און גראדע אין דער צייט זיינען געקומען אלמנות און יתומים און געבעטען מיר זאלען זיי געבען אויף צו לעבען, און דער דיענער אונזערער האט זיי געזאגט אז מיר זיינען פערנומען, און מיר האבען קיין צייט זיי צו זעהן, און די אלמנה און דער יתום זיינען אוועק מיט פערביטערטע הערצער. אט זעהסטו דאך, ווי עס קען זיין אז מיר האבען געזינדיגט און גאר ניט געוואוסט פון דעם".

"איך שווער דיר ביים הימעל", האט רבי שמעון בן גמליאל געזאגט, "אויב ביי מיר איז ווען פארגעקומען אזא

זאַך. איך האָב געהאַט שומרים וואָס פלעגן זיצן ביי דער טיהר פון מיין הויז, און אַז עס פלעגן קומען אָרימע לייט, פלעגן די שומרים זיי אריינגעהמען אין הויז, געבען זיי עסען און טרינקען, און די אָרימע לייט פלעגן בענשען".

"אפשר", האָט רבי ישמעאל ווייטער געזאָגט, "אפשר אַז דו ביזט געזעסען און גע'דרשנ'ט אויף'ן הר הבית, אין געגענוואַרט פון די גרויסע אידישע לייט, האָסטו געפיהלט שטאָלץ, און דאָס איז אויך אַ זינד".

"הער צו, ישמעאל מיין ברודער", האָט רבי שמעון געענט־פערט. "איך בין בערייט אָנצונעהמען מיין אונגליק".

און ווען אפילו מען האָט זיי שוין געפיהרט צו דער הריגה האָבען זיי נאָך אַלץ אָבגעגעבען כבוד איינער דעם אַנדע־רען. און זיי האָבען ביי דעם הינריכטער אַזוי געבעטען. רבי ישמעאל האָט געזאָגט: "איך בין אַ כהן דער זוהן פון אַ כהן גדול, קומט מיר פריהער צו שטאַרבען. טויט מיך צוערשט, אום איך זאָל ניט דאַרפען צוזעהן דעם טויט פון מיין חבר". און רבי שמעון האָט געזאָגט: "איך בין אַ נשיא דער זוהן פון אַ נשיא, מאַך מיר דעם טויט פריהער, אום איך זאָל ניט זעהן דעם טויט פון מיין חבר". האָט דער הינריכטער געענט־פערט: "וואַרפט גורל". און דער גורל איז געפאַלען אויף רבי שמעון בן גמליאל.

גלייך האָט דער הינריכטער איהם אָבגעהאַקט דעם קאָפּ. האָט רבי ישמעאל גענומען דעם קאָפּ צו זיך אין שויס, און האָט געוויינט און געשריען: "דער הייליגער מויל! דער טרייער מויל! דער מויל וואָס פלעגט שיטען מיט פּערל אין בריליאַנטען! ווער האָט דיך געשליידערט צו דער ערד? ווער האָט דיין צונג פערשמירט אין אש און שטויב?" און איידער ער האָט געענדיגט זיינע רייד האָט דער הינריכטער איהם אויך אָבגעשניטען דעם קאָפּ.

## 25

## עס האָט זיך ניט געלינגט

רבי שמעון בן יוחאי איז איינמאָל געגאַנגען בעזוכען קראַנקע. האָט ער געפונען איין חולה וועלכער איז געווען אַ געשוואָלענער און האָט געליטען אויף אַן אינערליכע קראַנק־הייט. און די גאַנצע צייט האָט דער קראַנקער געהאַלטען אין

איין לעסטערען גאָט׳ס נאָמען. האָט צו איהם רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט: ״דו פוסטער יונג! דו האָסט בעסער געדאַרפט בעטען גאָט ער זאָל אויף דיר זיך דערבאַרמען, איידער איהם צו לעסטערען״.

״האָסט רעכט״, האָט דער קראַנקער געזאָגט, ״בעט איך מאַקע גאָט אז ער זאָל צונעהמען די יסורים פון מיר און זיי דיר אָוועקגעבען״.

״זעהר רעכט אויף מיר״, האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט. ״גאָט האָט מיר בעצאָהלט דערפאַר וואָס איך האָב פערנאַכלעסיגט לערנען די תורה און האָב אויסגעבראַכט מיין צייט אויף אַזאַ אונדאַנקבאַרען מענשען ווי דיזער״.

# מסכת סופרים

## 1

## פערענטפערט מיט א משל

אַן אפיקורס האָט געפרעגט ביי רבי יהושע הגרסי: "פאַרוואָס איז ערלויבט צו שרייבן אַ ספר תורה אויף די פעל פון נבלות און טרפות?" האָט רבי יהושע געזאָגט: "לאָמיך דיר דיין פראַגע פערענטפערן מיט אַ משל. צוויי מענשען זיינען פער'משפט געוואָרען צום טויט איינעם האָט הינגעריכטעט אַ הענקער און דעם אנדערען האָט הינגעריכטעט דער קעניג אַליין. טאָ ווער איז חשוב'ער? עס פערשטעהט זיך אַז דער וועמען דער קעניג האָט גע'הרג'עט. אַזוי איז אויך די בהמה וואָס איז געטויטעט געוואָרען פון דעם בעשעפער חשוב'ער פון דער וואָס אַ מענש האָט געטויטעט".

"אויב אַזוי", האָט דער אפיקורס געזאָגט, "דאַרף מען דאָך די בהמה מעגען עסען".

"עס שטעהט אָבער דייטליך אַז עס איז פערבאָטען צו עסען נבלה און טרפה, טאָ וואָס קען איך דיר טהאָן?" האָט רבי יהושע געענטפערט.

## 2

# די איבערזעצונג פון דער תורה

פינף אידישע געלעהרטע האָבען אמאָל איבערזעצט די תורה אין גריכיש פאַר תלמי המלך. איז דאָס דאָן ביי אידען געווען אזא אומגליק ווי אין דעם טאָג ווען מען האָט גע־מאכט דעם עגל, ווייל עס איז אונמעגליך די תורה ריכטיג צו איבערזעצען אין אַן אנדער שפּראַך.

ווי עס שיינט צו זיין איז תלמי ניט געווען צופריעדען פון דער איבערזעצונג. האָט ער געמאכט א צווייטען פער־זוך צו איבערזעצען די תורה אין גריכיש. צו דיזען צוועק האָט ער איינגעלאַדען צוויי און זיעבציג אידישע געלעהרטע, וועלכע זיינען געווען בעקאַנט אלס די "זקנים". ער האָט קיינעם פון זיי געזאָגט וועגען וואָס ער האָט זיי פּעררופען, נאָר נאָכדעם אז זיי זיינען געקומען, האָט ער זיי אריינגע־זעצט אין צוויי און זיעבציג בעזונדערע חייזער, איז אריינ־געקומען צו יעדען איינעם בעזונדער און האָט איהם גע־זאָגט: "איבערזעץ מיר די תורה פון משה אייער רבי". תלמי המלך האָט געוואָלט פערזיכערען אז די זקנים זאָלען זיך ניט קענען צוזאמענריידען און ניט ענדערען קיין זאך, נאָר איבערזעצען אלעס וואָס שטעהט אין דער תורה וואָרט פאַר וואָרט.

אָבער אין דער תורה זיינען דאָ אייניגע שטעלען וואָס אז מען איבערזעצט זיי וואָרט פאַר וואָרט אין אַן אנדער שפּראַך בעקומען זיי אַן אנדער בעדייטונג, האָבען די זקנים געמאכט ענדערונגען אין דרייצעהן פערשיעדענע שטעלען, און א נס איז געשעהן אז אלע צוויי און זיעבציג איבערזע־צער האָבען געמאכט די זעלבע ענדערונגען, און אלע איבער־זעצונגען זיינען געווען גלייך.

אין די ספרי החשמונים ווערט די מעשה אזוי דער־צעהלט:

תלמי מלך מצרים וועלכער איז געווען א קלוגער קעניג און האָט געוואָלט פיהרען זיינע מענשען אין א גוטען וועג, האָט איינמאָל געגעבען א בעפעהל זיינע מענשען אז זיי זאָלען פאַר איהם זאמלען אלע ביכער פון געזעץ, רעליגיאָן און היסטאָריע וואָס זיינען דאָ אויף דער וועלט. די מענשען

האבען בערייזט א סך לענדער און זיינען צוריקגעקומען מיט ניין הונדערט און פינף און זעכציג ביכער. האט תלמי המלך זיי געהייסען ווייטער פאהרען און איהם ברייננען נאך ביכער ביז עס זאל זיין א גראדע צאהל — טויזענד. די מענשען האבען זיין בעפעהל אויסגעפיהרט. תלמי האט זיך גענומען צו שטודירען די טויזענד ביכער אום אויסצוקלייבען געזעצען פאר זיין פאלק. האבען זיך דארט געפונען אייניגע אידישע רשעים או זיי האבען צו איהם געזאגט: „אונזער האר קעניג! וואס דארפסטו די גאנצע ארבייט און די מיה? שיק צו די אידען אין ירושלים און זאלען זיי דיר געבען זייער תורה, וועלכע איז פאר זיי געשריבען פון גאט דורך זייער נביא, און פון דעם ווערסטו לערנען ווי צו משפט'ן דיין פאלק און זיי פיהרען אין א ריכטיגען, קלוגען וועג". תלמי האט געשיקט זיינע שלוחים צו די אידען און זיי האבען איהם געשיקט א ספר, וואס איז נים געווען די תורה, ווייל די תורה האבען זיי נים געוואלט געבען צו א פרעמדען וואס איז נים פון זייער גלויבען. ווען תלמי האט אריינגעקוקט אין דעם ספר וואס די אידען האבען איהם געשיקט איז דאס איהם זעהר געפעלען געווארען. ער האט אוועקגעליינט אלע אנדערע ביכער אן א זייט און ער האט געלערנט זיך און זיין פאלק פון דעם ספר וואס די אידען האבען איהם געשיקט. אבער די אידישע רשעים האבען באלד אויסגעפונען אז די אידען האבען נים געשיקט דעם ריכטיגען ספר, האבען זיי געזאגט צו תלמי המלך: „די אידען האבען דיך אבגענארט. זיי האבען פון דיר געמאכט חוזק. זיי האבען דיר נים געשיקט זייער תורה, נאר אן אנדער ספר וואס זיי האבען. ווען דו וואלסט געזעהן די ריכטיגע תורה וואלסטו אין דעם געפונען א סך בעסערע און קלינערע זאכען".

ווען תלמי האט דאס געהערט איז ער געווארען שטארק בייז אויף די אידען און ער האט זיי געשיקט א צווייטען מאל זיינע שלוחים און געפאדערט אז מען זאל איהם געבען די ריכטיגע תורה. ער האט אבער מורא געהאט, טאמער וועט מען איהם ווידער אבנארען, האט ער זיך געקליגט און האט איינגעלאדען די זיעבציג זקנים וואס זיינען דאן געווען ביי אידען, האט יעדען איינעם פון זיי פערשפארט אין א בעזונדער חדר, און איהם געהייסען אנשרייבען די תורה אין גריכיש. האט דער רוח הקודש גערוהט אויף די זקנים

און זיי האָבען אַלע איבערזעצט מיט איין נוסח, און אַלע איבערזעצונגען זיינען געווען גלייך, ניט געענדערט איינע פון די אַנדערע אפילו אין איין וואָרט.

## 3

## איך אַ לעבעדיגען לאָזט זיך ניט טרייסטען

ווען יעקב׳ס קינדער האָבען איהם געבראַכט יוסף׳ס העמד, וועלכע איז געווען פערשמירט מיט בלוט. און האָבען איהם געוואָלט מאַכען צו גלויבען אַז יוסף איז שוין טויט, האָט יעקב׳ן זיך ניט געוואָלט טרייסטען, דאָס איז ווייל טרייסטען קען מען זיך נאָר נאָך אַ טויטען, אָבער ניט נאָך איינעם אין וועמעס טויט מען איז ניט זיכער.

וואָס האָט יעקב געטהאָן? ער איז געגאַנגען אויף די בערג, האָט אויסגעהאַקט צוועלף שטיינער, האָט אויף יעדען שטיין אָנגעשריבען דעם נאָמען פון אַ שבט, ראובן אויף דעם ערשטען, שמעון אויף דעם צווייטען און אַזוי ווייטער. נאָכדעם האָט ער די שטיינער געהייסען זיך קניען פאַר דעם שטיין פון ראובן, האָבען זיי זיך ניט געקניעט. האָט ער זיי געהייסען זיך קניען פאַר דעם שטיין פון שמעון האָבען די שטיינער זיך אויך ניט געקניעט. אָבער ווען עס איז געקומען צו יוסף׳ס שטיין האָבען זיך אַלע אַנדערע עלף שטיינער יאָ געקניעט. דאָס איז געווען אַ בעווייז אַז יוסף לעבט נאָך, אָבער יעקב איז נאָך אַלץ ניט זיכער געווען און ער האָט געוואָלט מאַכען אַ צווייטע פּראָבע. איז יעקב געגאַנגען און געמאַכט אַ פּראָבע מיט גאַרבען. ער האָט גענומען צוועלף גאַרבען פון פעלד, האָט יעדען איינעם געגעבען אַ נאָמען פון אַ שבט, נאָכדעם האָט ער צו די גאַרבען געזאָגט: ״איך בעפעהל אייך זיך צו קניען פאַר דעם גאַרב פון לוי, ווייל ער טראָגט די אורים ותומים״ אָבער די גאַרבען האָבען זיך ניט געקניעט. האָט ער דערנאָך אויסגערופען: ״איך בעפעהל אייך זיך צו קניען פאַר דעם גאַרב פון יהודה, ווייל ער איז אַ מלך״. אָבער די גאַרבען האָבען זיך ניט געקניעט. צולעצט אַז ער האָט זיי געהייסען זיך קניען פאַר דעם גאַרב פון יוסף האָבען זיי זיך געקניעט.

און דאָך איז יעקב׳ן נאָך אַלץ ניט געווען קלאָר אויב יוסף לעבט.

# מסכת שמחות

## 1

## מען טאָר ניט שרעקן א קינד

א אינגעל האָט איינמאָל צובראָכען א גלאָז אום שבת, האָט דער פאָטער איהם אָנגעריסען אַן אויער און האָט איהם אָנגעשראָקען. דער אינגעל איז ענטלאָפען און האָט זיך דער־טרונקען אין א ברונען. נאָכדעם ווי מען האָט איהם ארויס־גענומען א טויטען האָט מען געפרעגט א שאלה ביי רבי עקיבא אויב מען זאָל מיט דעם קינד זיך בעגעהן ווי מיט א זעלבסטמערדער. האָט רבי עקיבא געהייסען אז מ׳זאָל איהם מקבר זיין מיט אלע כבודים ווי עס געהער צו זיין.

פון דער געשיכטע איז צו זעהן אז א קינד טאָהר מען ניט שרעקען. ענטוועדער דער פאָטער בעשטראָפט איהם גלייך, אָדער ער פערשווייגט און זאָגט גאָרנישט.

## 2

## מטנענומע זיין עשרות

שמואל הקטן איז געשטאָרבען ניט איבערלאָזענדיג קיין קינד נאָך זיך. האָבען איהם ר׳ גמליאל הזקן און ר׳ אליעזר בן עזריה אזוי בעקלאָגט:

„אָט דער פערדיענט אז מען זאָל איהם בעוויינען.

אַט דער פּערדיענט אַז מען זאָל נאָך איהם קלאָגען. מלכים שטאַרבען און לאָזען איבער זייערע קרוינען צו זייערע קינ־דער. עשירים שטאַרבען און לאָזען איבער זייער רייכטהום צו זייערע קינדער. אָבער שמואל הקטן האָט גענומען אלע טייערע זאַכען פון דער וועלט, זיין תורה און זיין גוטען נאָמען, און איז מיט דעם אוועק אויף יענער וועלט״.

## 3

# פּאַטער־ליעבע און ליעבע צו דער תורה

ווען רבי עקיבא׳ס זוהן, שמעון, איז קראַנק געוואָרען האָט רבי עקיבא ניט אויפגעהערט צו לערנען מיט זיינע תלמידים אין בית המדרש. ער האָט דעם חולה איבערגע־לאָזען אונטער דער השגחה פון א דיענער און האָט מיט דעם דיענער אָבגעמאַכט אז ער זאָל איהם פון צייט צו צייט לאָזען וויסען וואס זיין זוהן מאַכט.

עס איז געקומען איין שליח און האָט צו רבי עקיבא געזאָגט: ״ער ליידט זעהר שווער״. האָט רבי עקיבא גע־זאָגט צו זיינע תלמידים: ״פרעגט ווייטער וואס איהר ווילט פרעגען״. שפּעטער איז געקומען א צווייטער שליח און האָט געזאָגט: ״זיין קראַנקהייט איז נאָך שווערער געוואָרען״. האָט רבי עקיבא געזאָגט צו זיינע תלמידים: ״לערנט ווייטער״. נאָכדעם איז געקומען א דריטער שליח און געזאָגט: ״ער גוסס׳ט״. גראָדע אין דער מינוט האָבען די תלמידים ביי רבי עקיבא געהאַלטען אין פרעגען א קשיא. האָט ער צו זיי געזאָגט: ״פרעגט ווייטער״. און ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט שטערען די צייט פון לערנען. אָבער ווען א פערטער שליח איז געקומען און האָט איהם אָנגעזאָגט די טרויעריגע בשורה אז זיין זוהן איז שוין געשטאָרבען, האָט ער אויסגעטהאָן זיינע תפילין, געריסען קריעה און געזאָגט צו די תלמידים: ״ברידער אידען, הערט מיך אויס! ביז יעצט זיינען מיר געווען מערפּליכטעט צו דער תורה, אָבער פון יעצט אָן און ווייטער זיינען מיר מערפּליכטעט אָבצוגע־בען דעם טויטען די עהרע וואס איהם קומט״.

## 4

# צוליעב זיין פאטער׳ס כבוד

דער זוהן פון רבי חנינא בן תרדיון איז ארויס אויף א שלעכטען וועג. דער סוף איז געווען אז רויבער האבען איהם געכאפט און איהם דער׳הרג׳עט. דריי טעג שפּעטער האט מען געפונען זיין טויטען קערפּער. האט מען איהם צוגעגר־מען מיט גרויס כבוד, ארויפגעלייגט אויף א מטה, אריינגע־טראגען אין שטאדט, און וויל וועגען איהם האט מען גאר־נישט געקענט זאגען, האט מען דערציילט די שעהנע מעלות פון זיין פאטער און מוטער.

# מסכת כלה

## 1

## רבי עקיבא האָט געטראָפען

איינמאָל זיינען אידישע געלעהרטע געזעסען אין טויער פון שטאָט. זיינען פאַרביי זיי דורכגעגאַנגען צוויי אינגלעך. איינער האָט געטראָגען אַ היטעל אויפ'ן קאָפּ, דער אַנדערער איז געגאַנגען אָהן אַ היטעל. אויף דעם וועלכען איז געגאַנגען אָהן אַ היטעל האָט רבי אליעזר געזאָגט אַז ער איז אַ ממזר. רבי יהושע האָט געזאָגט אַז ער איז אַ בן הנדה. האָט רבי עקיבא געזאָגט: "ער איז ביידע זאַכען".

האָבען רבי עקיבא'ס חברים איהם געפרעגט: "ווי אַזוי וואַגסטו זיך צו ריידען אַנדערש ווי דיינע לעהרער?" האָט רבי עקיבא געענטפערט: "איך וועל בעווייזען אַז איך האָב רעכט". איז ער אַוועק זוכען די מוטער פון דעם אינגעל און ער האָט זי געפונען אין מאַרק זיצענדיג מיט אַ קאָשיקעל ארבעס. "הער צו, מיין טאָכטער," האָט רבי עקיבא צו איהר געזאָגט, "אויב דו וועסט מיר אויסזאָגען דאָס וואָס איך וועל ביי דיר פרעגען וועל איך דיר אריינברייגנען אין גן עדן". האָט זי געזאָגט: "שווער מיר אַז דו וועסט אַזוי טהאָן." רבי עקיבא האָט איהר געמאַכט צו גלויבען אַז ער האָט איהר געגעבען אַ שבועה, ער האָט איהר אָבער די שבועה ניט געגעבען. "אַלזאָ זאָג מיר, וואָס איז דאָס פאַר אַ אינגעל וואָס דו האָסט?" האָט רבי עקיבא געפרעגט. האָט די פרוי אַזוי דערצעהלט: "ווען מען האָט מיר חופה געשטעלט בין

איך געווען א נדה. מיין גוטער, פרומער מאן האט זיך פון מיר אבגעשיידט, האט דער אונטערפיהרער ז״ך מיט דעם בענוצט און האט מיך פערפיהרט, און דאס איז זיין קינד״.

האבען דאן אלע געזאגט: ״געלויבט זאל ז״ן דער אויבערשטער וואס האט ענטדעקט זיין סוד צו רבי עקיבא״.

## 2.

## רבי עקיבא׳ס חכמה

רבי טרפון איז געווען זעהר רייך, נאר מען פלעגט אויף איהם זאגען אז ער גיט ניט גענוג צדקה לויט זיין גרויסע עשירות. איינמאל האט איהם געטראפען רבי עקיבא, האט ער צו איהם געזאגט: ״רבי! אויב דו ווילסט קען איך פאר דיר קויפען א שטאדט, אדער צוויי״. האט רבי טרפון זיך אנגעכאפט אן דעם פארשלאג און געזאגט: ״קויף״. רבי טרפון האט אויסגעצעהלט פיער טויזענד גאלדענע רענדלעך און האט זיי געגעבען צו רבי עקיבא ער זאל האבען יואס צו בעצאהלען פאר די שטעדט.

רבי עקיבא האט גענומען די געלד און האט פערטיילט צו ארימע לייט. א צייט שפעטער האט איהם רבי טרפון ווידער געטראפען. פרעגט ער: ״וואו זיינען די שטעדט וואס דו האסט געקויפט פאר מיר?״ זאגט רבי עקיבא: ״קום מיט מיר, איך וועל דיר צייגען״. רבי עקיבא האט איהם גענומען פאר׳ן האנד און געפיהרט אין בית מדרש. דארט האט ער גענומען א תהלים און אוועקגעלייגט אויף א טיש. האבען זייביידע גענומען זאגען תהלים. זיי האבען געזאגט און געזאגט, ביז זיי זיינען געקומען צו דעם פסוק ״פזר נתן לאביונים״, (עס מיינט: ער האט צוגעבען און צוטיילט צו ארימע לייט), האט רבי עקיבא געזאגט: ״אט דאס איז די שטאדט וואס איך האב פאר דיר געקויפט״.

ווען רבי טרפון האט דאס געהערט, האט ער זיך אויפגעשטעלט, האט א קוש געטהאן רבי עקיבא׳ן אויפ׳ן קאפ און האט געזאגט: ״דו ביזט מיין רבי און מיין וועג ווייזער. מיין רבי אין תורה און מיין וועג ווייזער אין מענשליכקייט״.

## 3

# רבי עקיבא ערציהט א קדיש

רבי עקיבא איז איינמאָל געגאנגען אין א ווייטען אָרט, האָט ער אויפ'ן וועג געטראָפען א מענשען טראָגען א שווערען פאַק האָלץ אויף זיינע שולטערען. דער טרעגער איז געגאנגען און געקרעכצט און געזיפצט און געוויינט אויפ'ן קול. רבי עקיבא האָט דערקענט אז דאס איז א טויטער וואס קומט אָב פאר זיינע זינד. האָט ער איהם געפרעגט: "וואס אזוינס האָסטו געטהאָן?" האָט דער מת געענטפערט: "איך האָב ניט דורכגעלאָזען איין עבירה אויף יענער וועלט וואס איך האָב ניט געטהאָן. און יעצט טרייבט מען מיך אזוי ארום און מען היט מיך אז איך זאָל זיך ניט אָברוהען אויף א מינוט". פרעגט רבי עקיבא: "האָסטו איבערגעלאָזען א זוהן?" זאָגט דער מת: "לאָז מיך געהן, האָט מיך ניט אָב, ווייל איך האָב מורא פאר די מלאכי חבלה. זיי טרייבען מיך מיט פייערדיגע בייטשען". זאָגט רבי עקיבא: "איך וועל זיי זאָגען אז זיי זאָלען דיך א ווײַלע צורוה לאָזען. דו ענטפער מיר אויף מיין פראגע".

"קיין קינד האָב איך ניט איבערגעלאָזען", האָט דער זינדיגער מת געענטפערט, "אָבער מיין פרוי האָב איך איבערגעלאָזען א שוואנגערע".

רבי עקיבא האָט זיך געלאָזט געהן נאָך דער שטאָדט וואו דער זינדיגער האָט געלעבט, און אז ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף איהם ביי מענשען, האָבען זיי איהם דערצעהלט אז דער טויטער איז געוועזן דער ערגסטער מענש אויף דער וועלט. רבי עקיבא איז געגאנגען צו דער אלמנה, האָט איבערגעוואַרט די צייט ביז זי האָט געבוירען א זוהן. ער האָט דעם אינגעל געלאָזט מל זיין. נאָכדעם האָט ער איהם צוגענומען, איהם ערצויגען אין אידישקייט און געלערנט זאָגען קדיש אין שוהל.

א צייט שפעטער אז רבי עקיבא איז ווידער געוועזן אין דעם ווייטען אָרט, האָט זיך יענער זינדיגער צו איהם באַוויזען און איהם געדאנקט וואס ער האָט דורכגעפיהרט אז ער זאָל יעצט קענען האָבען רוה.

# כלה רבתי

## 1

## פון די קליינע קינדער׳ס וועגען

יעדען טאָג געהט ארוים א מלאך פון הימעל חרוב צו מאכען די וועלט און אומקעהרען אלעס צוריק צו תהו ובוהו. אָבער ווען דער אויבערשטער קוקט זיך איין ווי קליינע קינ־דערלעך זיצען אין חדר און ווי תלמידי חכמים זיצען און לער־נען אין די בתי מדרשות ווערט זיין כעס פערוואנדעלט איז רחמנות און ער לאָזט ניט די וועלט אונטערגעהן.

ווען די אידען זיינען געשטאנען ביים בארג סיני, האָט זיי דער אויבערשטער געפרעגט: ״וועט איהר אָננעהמען די תורה?״ האָבען די אידען געענטפערט: ״יאָ״. האָט זיי דער אויבערשטער געפרעגט: ״און ווער וועט מיר גוט זאָגען פאר אייך אז איהר וועט די תורה לערנען און אָבהיטען?״ האָ־בען די אידען געענטפערט: ״אונזערע קינדער וועלען ערב זיין פאר אונז.״ האָט דער אויבערשטער געזאָגט: ״געדענקט! אויב איהר וועט אָבהיטען די תורה איז גוט, און אויב ניט וועלען אייערע קינדער זיין פעראנטווארטליך ביי מיר.״

## 2

## די פרוכט פון שלום בית

אהרן הכהן וועלכער פלעגט זוכען צו מאכען שלום צווי־שען פרעמדע, פלעגט אויך מאכען שלום צווישע'ן מאן און ווייב. ווען ער פלעגט זיך דערוויסען פון א פאאר פאלק וואס האבען זיך צוקריעגט און האלטען ביי א גט, פלעגט ער געהן צום מאן און צו איהם אזוי זאגען: "איך האב געהערט אז דו ווילסט זיך גט'ן מיט דיין ווייב. פרעג איך דיר, צו וואס זאלסטו דאס טהאן? עס קען זיין אז דו וועסט קריגען אן אנ־דער ווייב אזוי ווי די, און עס קען זיין אז דו וועסט קריגען אן ערגערע. און אז דו וועסט שוין נעהמען אן אנדער ווייב, וועט זי דעם ערשטען מאל וואס דו וועסט זיך מיט איהר צוקריגען, דיר דערמאנען ווי שלעכט דו ביזט געווען צו דיין ערשטער פרוי. איז שוין ניט בעסער אז דו זאלסט זיך האל־טען ביי דער וואס דו האסט שוין?" און אויף אזא אופן האט אהרן שלום געמאכט צווישען פיעלע פאארלעך. דער סוף איז געווען אז ווען א קינד איז ביי דער פאארעל געבוירען געווארען, און דער קינד איז געווען א אינגעל, האט מען איהם א נאמען געגעבען אהרן.

ווען אהרן איז געשטארבען האבען נאך איהם געוויינט מע־נער, פרויען און קינדער. צו זיין לויה זיינען געגאנגען אכ־ציג טויזענד בחורים וועלכע מען האט גערופען אה־ן.

## 3

## "אידען ווערען ניט אריינגעלאזט"

רבי עקיבא און דריי מיטרייזענדע פון ירושלים זיינען אנגעקומען אין דער גריכישער שטאדט אתינא, אדער אט־הענס. זיי האבען זיך אבגעשטעלט אין אן אכסניא. דער בעל הבית האט פאר זיי געמאכט א שעהנעם מאהלצייט, זיי האבען געגעסען און געטרונקען, און נאכדעם האט דער בעל הבית פון דער אכסניא אויפגעשטעלט פאר זיי פיער בעטען צום שלאפען. איינע פון די בעטען וועלכע איז געווען א צו־בראכענע איז געווען אנגעשפארט אויף אן אנדער בעט.

נאָכדעם ווי די געסט זיינען אוועק אין זייער צימער שלאָפען, האָט דער בעל־הבית געזאָגט צו זיך: ״איך האָב געהערט אז די מענשען פון ירושלים זיינען זעהר קלוג. וועל איך געהן און אונטערהערען וואָס זיי ריידען צווישען זיך.״ האָט ער זיך געלייגט אין א פאָדערשטען צימער. הערט ער ביינאכט ווי עס זאָגט דער וואָס איז געלעגען אויף דער צובראָכענער בעט: ״איהר מיינט אז איך שלאָף אויף א בעט? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! איך ליעג דאכט זיך אויף דער ערד, אָבער איך פיהל אז איך הייננ אין דער לופטען.״ רופט זיך אָב א צווייטער: ״די פליש וואָס מיר האָבען געגעסען האָט געהאט א הינטישען טעם״. זאָגט דער דריטער: ״און דער וויין וואָס מיר האָבען געטרונקען האָט געשמעקט מיט בית עולם.״ רופט זיך אָב דער פערטער: ״וואָס איז דער וואונדער? וואָס פאר א בעל הבית אזא ווירטשאפט. דער בעל הבית איז ניט קיין כשר קינד, איז אלעס ביי איהם ניט כשר.״

ווען דער בעל הבית האָט געהערט די רייד, האָט ער געזאָגט צו זיך: ״איין זאך האָבען זיי געזאָגט אן אמת, דאָס איז אז די בעט איז צובראָכען, אָבער די אנדערע דריי זאכען זיינען ליגען.״ פון דעסטוועגען, אום צו בעפריעדיגען זיין איינענע נייגעריגקייט, איז ער אויף מאָרגען אין דער פריה געגאנגען צום קצב און האָט צו איהם געזאָגט: ״גיב מיר נאָך פלייש פון די זעלבע וואָס דו האָסט מיר געגעבען נעכטען.״ האָט דער קצב געענטפערט: ״איך האָב ניט.״ האָט דער בעל אכסניא געפרעגט: ״זאָג מיר, וואָס איז דאָס געווען פאר א פלייש? עס האָט געהאט זעהר א גוטען טעם.״ האָט איהם דער קצב געענטפערט: ״איך האָב געהאט א יונגען שעפּסעל, א זויגלינג, איז זיין מוטער גע׳פגר׳ט, האָט דער שעפּס געמוזט זויגען ביי אונזער צויג. גראָדע נעכטען האָט מיר אויסגעפעהלט פלייש און דו ביזט געקומען, האָב איך דיר געמוזט געבען די פלייש פון יענעם שעפּס.״

ווען דער בעל אכסניא האָט דאָס געהערט, האָט ער געזאָגט: ״צוויי זאכען זיינען אמת, אָבער די אנדערע צוויי זאכען זיינען ליגען.״ איז ער נאָכדעם געגאנגען צום וויין־הענדלער און האָט איהם געפרעגט: ״האָסט נאָך פון יענעם וויין וואָס דו האָסט מיר נעכטען פערקויפט?״ האָט דער וויין־הענדלער געענטפערט: ״ניין.״ בעט איהם דער בעל אכסניא: ״זאָג מיר, וואָס איז דאָס געווען פאר א וויין?״ האָט דער וויין־הענדלער געענטפערט: ״איך האָב געהאט א ווינשטאָק

וואָס איז געוואקסען אויף מיין פאָטער'ס קבר, האָב איך אויסגעקוועטשט די טרויבען, געמאכט פון דעם וויין און אריינגעטהאָן אין פעסער. ווען דו ביזט געקומען האָב איך קיין אנדער וויין געהאט, האָב איך דיר געגעבען פון דעם וויין."

"דריי זאכען זיינען אמת, אָבער איין זאך איז ליגען", האָט דער בעל אכסניא געזאָגט צו זיך.

נאָכדעם איז ער געגאנגען צו זיין מוטער און האָט איהר געפרעגט: "זאָג מיר, וועמעס זוהן בין איך?"

"דו ביזט דיין פאָטער'ס", האָט די מוטער געענטפערט.

"זאָג מיר דעם אמת וועמעס זוהן בין איך" האָט דער בעל אכסניא געשריען, "אז ניט וועל איך דיר דעם קאָפּ אראָבנעהמען."

האָט די מוטער זיך אזוי מודה געווען:

"דיין פאָטער האָט מיר קיין קינד ניט געגעבען, האָב איך מורא געהאט אז נאָך זיין טויט וועט זיין גאנצער פערמעגען, אויף וועלכען איך האָב אויך שווער געארבייט, איבערגעהן צו זיין משפחה. האָב איך בעגאנגען א זינד און האָב אויף אזא אופן געבראכט דיך אויף דער וועלט, און דו האָסט בעקומען מיין מאַן'ס גרויסען פערמעגען."

ווען דער בעל אכסניא האָט איינגעזעהן אז אלע פיער זאכען זיינען אמת, האָט ער געזאָגט: "די מענשען פון ירושלים זיינען זעהר געפעהרליך. אויב מען וועט זיי לאָזען קומען אהער וועלען זיי מאכען די גאנצע שטאָדט פאר ממזרים. איז בעסער אז מען זאָל די אידען אין קיין אכסניא ניט אריינלאָזען."

און דאָס איז געווען דער ערשטער האָטעל בעזיצער וואָס האָט פאר זיין גאסט הויז אָנגענומען דעם רעגעל "אידען ווערען ניט אריינגעלאָזען."

# מסכת דרך ארץ

## ו

## א בעזוך ביי פילאָסופוס

פיער אידישע געלעהרטע, רבן גמליאל, רבי יהושע, רבי אלעזר בן עזריה און רבי עקיבא, זיינען א־ינמאָל געקומען אין א שטאָדט וואו עס האָט געוואוינט א גרויס געלעהרטער מאן מיט'ן נאָמען פילוסופוס. אין אוועגר, אז זיי זיינען אָנגעקומען, האָט רבי יהושע געפרעגט ביי רבן גמליאל: ״רבי, ווילסטו אז מיר זאָלען געהן בעזוכען פילוכופוס אונזער חבר?״ האָט רבן גמליאל געזאָגט: ״ניין״. אויף מאָרגען אין דער פריה האָט איהם רבי יהושע ווידער געפרעגט: ״ווילסטו אז מיר זאָלען געהן בעזוכען אונזער חבר פילוסופוס?״ האָט רבן גמליאל געענטפערט: ״יא״. זיינען זיי געגאנגען און ווען זיי זיינען שוין געווען ביי דער הויז, האָט רבי יהושע אָנגעקלאפט אין טיהר. האָט פילוסופוס זיך געטראַכט: ״דאָס איז די עטיקעטע פון חכמים.״ ביים צווייטען קלאָפ אין טיהר האָט פילוסופוס איינגעוואַשען זיין געזיכט, זיינע הענד און פיס. ביים דריטען קלאָפ האָט ער פאר זיי געעפענט די טיהר. האָט ער זיך געטראַכט: ווי זאָל איך די אידישע חכמים בעגריסען? זאָל איך פריהער זאָגען שלום צו רבן גמליאל ועל איך דאָך ערנידערען די אנדערע. זאָל איך די אנדערע צוערשט בעגריסען וועט דאָס זיין א בעליידיגונג פאר רבן גמליאל. האָט ער אזוי געזאָגט: ״פריעדען

צו אייך, איהר אידישע חכמים, און איבערהויפט צו רבן גמליאל."

## 2

## א גאסט דארף מען אכטען און היטען

רבי יהושע בן לוי האט געזאגט: "מענשען וועלכע דו קענסט ניט זאלסטו זיי היטען ווי גנבים און כבוד זאלסטו זיי אבגעבען ווי צו רבן גמליאל".

געזאגט האט ער דאס צוליעב אזא ערפאהרונג.

איינמאל איז א פרעמדער מאן געקומען צו רבי יהושע איבערנעכטיגען. האט ער דעם גאסט געגעבען עסען און טרינקען און נאכדעם האט ער איהם ארויפגעפיהרט אויפ'ן דאך שטיבעל שלאפען. פון זיכערהייט וועגען האט ער צו־גענומען דעם לייטער. וואס האט דער גאסט געטהאן? האלבע נאכט איז ער אויפגעשטאנען, האט גענומען אלע ווערטפולע זאכען וואס ער האט דארט געפונען און זיי איינ־געפאקט אין זיין מאנטעל. אבער ווען ער האט געוואלט ארונ־טערגעהן האט ער זיך צובראכען דעם קארק. אין דער פריה האט איהם רבי יהושע דארט געפונען ליגען. האט ער צו איהם געזאגט: "דו פוסטער יונג! אזוי טהוען נאר מענשען אזעלכע ווי דו". האט דער גנב געזאגט: "רבי, איך האב ניט געוואוסט אז דו האסט צוגענומען דעם לייטער".

"דו נאר איינער!" האט רבי יהושע געענטפערט. "איך האב אויף דיר געהאלטען אז אויג נאך פון נעכטען".

## 3

## ניט געפאלגט דעם בעל הבית

אז איינער קומט צו גאסט דארף ער טהאן אלעס וואס דער בעל הבית הייסט איהם, אויב עס איז נאר א גערעכטע זאך. אמאל איז געווען א מעשה מיט שמעון פון אנטיפטרס. צו איהם פלעגען קומען געסט, פלעגט ער זיי הייסען עסען און טרינקען. די געסט פלעגען זיך לאזען לאנג בעטען און שווערען ביי דער תורה אז זיי וועלען גארנישט נעהמען אין

מויל. אָבער נאָכדעם פלעגען זיי יאָ עסען און טרינקען. ווען די געסט פלעגען זיך קלייבען אוועקצוגיין, פלעגט זיי שמעון שלאָגען מלקות.

ווען רבי יוחנן בן זכאי און די חכמים האָבען געהערט פון דער געשיכטע, האָט עס זיי פערדראָסען. האָבען זיי געפרעגט צווישען זיך: "ווער וועט גיין און איהם געבען צו פערשטעהן אז ער טהוט אן עולה?" האָט רבי יהושע געזאָגט: "איך וועל גיין און זעהן ווי ער פיהרט זיך אויף מיט זיינע געסט".

רבי יהושע איז אוועק אין דער שטאָדט אנטיפטרס וואו שמעון האָט געוואוינט. ער האָט איהם גראָדע געפונען שטעהן ביי דער טיהר פון זיין הויז.

"פריעדען צו דיר, רבי!" האָט יהושע געזאָגט.

"פריעדען צו דיר, רבי ומורי", האָט שמעון געענטפערט.

"איך זוך א הויז וואו איך זאָל קענען איינשטעהן", האָט רבי יהושע געזאָגט.

"קענסט זיין ביי מיר", האָט שמעון געענטפערט.

האָבען זיך ביידע אוועקגעזעצט לערנען תורה און זיי האָבען געלערנט ביז אוונד. אויף מאָרגען אין דער פריה זאָגט רבי יהושע: "רבי, איך וויל גיין אין מרחץ". האָט איהם שמעון געענטפערט: "טהו ווי דו ווילסט". ארויס־געהענדיג פון הויז האָט רבי יהושע מורא געהאַט, טאָמער וועט דער בעל הבית איהם געבען א קלאַפּ פון הינטען, אָבער יענער האָט דאָס ניט געטהאָן. קומענדיג צוריק פון מרחץ האָבען זיי געגעסען און געטרונקען. נאָכ'ן מאָהלצייט האָט רבי יהושע זיך גענומען קלייבען צו גיין צוריק אהיים "ווער וועט מיך בעגלייטען?" האָט ער געפרעגט. "איך וועל דיך בעגלייטען", האָט דער בעל הבית געענטפערט. טראַכט זיך רבי יהושע: וואָס וועל איך ענטפערען די חכמים וואָס האָבען מיך געשיקט? איך האָב דאָך גאָרנישט אויסגעפונען. גיהענדיג האָט זיך רבי יהושע אומגעקעהרט צוריק. "וואָרום האָסטו זיך אומגעקעהרט צוריק?" האָט דער בעל הבית געפרעגט.

"איך דאַרף דיר עפּעס פרעגען", האָט רבי יהושע געזאָגט. "פאַר וואָס אַלע מענשען וואָס קומען צו דיר שלאָג־סטו מלקות, און מיך האָסטו ניט געשלאָגען?"

"רבי!" האָט שמעון געענטפערט, "דו ביזט א גרויסער חכם און דו ווייסט ווי זיך אויפצופיהרען. אָבער די אַנדערע מענשען אַז זיי קומען צו מיר און איך בעט זיי עסען, שווע־רען זיי זיך אַז זיי ווילען ניט עסען, און לסוף ברעכען זיי זייער שבועה. און איך האָב געהערט פון חכמים אַז פאר אַזאַ עבירה קומט פערציג מלקות".

"אויב אַזוי", האָט רבי יהושע געזאָגט, "געבענשט זאָלסטו זיין וואָס דו טהוסט אַזוי. איך שווער דיר ביי דיין לעבען און מיינעם, אַז פאר אַזאַ עבירה קומט טאַקע מלקות. זאָלסט זיי ווייטער געבען פערציג מלקות דיינע אייגענע און נאָך פערציג זאָלסטו זיי צולייגען פאר די חכמים וואָס האָבען מיך געשיקט צו דיר".

## 4
## הלל'ס פרוי

הלל האָט איינמאָל ערווארטעט א גאַסט, האָט מען פאר איהם אָנגעגרייט א שעהנע סעודה. דערווייל, אין דער צייט וואָס הלל איז געזעסען מיט זיין גאַסט און געוואַרט אויפ'ן עסען, איז געקומען אַן אָרימאַן, האָט זיך אוועקגע־שטעלט ביים טיהר און האָט געזאָגט: "איך דאַרף היינט נעהמען א פרוי און איך האָב ניט וואָס איהר עסען צו געבען" האָט הלל'ס פרוי גענומען די גאַנצע סעודה און האָט דאָס אוועקגעגעבען צום אָרימאַן.

גלייך נאָכדעם האָט זי פערקנאָטען אַן אַנדער טייג, געמאַכט א פאַנקוכען, אריינגעטראָגען און דערלאַנגט צום טיש. האָט הלל געפרעגט זיין פרוי: "מאָכטער מיינע, פאר וואָס האָסטו ניט געבראַכט דעם מאָהלצייט א ביסעל פריי־הער?" האָט זי איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע. האָט הלל געזאָגט:

"איך האָב אין תארצען זיך געטראַכט אַז ניט אומזיסט האָסטו זיך פערשפעטיגט, ווייל איך ווייס אַז אַלעס וואָס דו טהוסט איז דאָס פון גאָט'ס וועגען."

## 5
## כללים וועגען טיש עטיקעטע

א מענש זאָל ניט טרינקען פון א כוס און נאָכדעם געבען אַן אַנדערען צו טרינקען פון דעם, ווייל דאָס קען זיין שעד־

ליך צום געזונד. עס איז אמאָל געווען אזא מעשה מיט רבי עקיבא, ווען ער איז געווען צונאַסט ביי איינעם. דער בעל הבית האָט איהם דערלאַנגט א בעכער ווייַן אָבער צוערשט האָט ער אליין פריהער א זופּ געטהאָן פון דעם בעכער. האָט רבי עקיבא געזאָגט: "טרינק דאָס אויס אליין". נעדמט דער בעל הבית און גיסט אָן פאַר רבי עקיבא א צווייטען כוס און האָט ווידער פריהער פערזוכט פון דעם אליין. זאָגט רבי עקיבא נאָך אמאָל: "טרינק דאָס אויס אליין". בן עזאי וועלכער איז דערביי געזעסען האָט ז'אָן אויסגערופען צום בעל הבית: "ביז וואַנען וועסטו אלץ געבען צי רבי עקיבא טרינקען פון דיין מויל?"

נאָך אמאָל האָט זיך געמאַכט אז רבי עקיבא איז איינ־געשטאַנען אלס א גאַסט ביי איינעם. האָט יער בעל הבית אונטערגעשפּארט א טעלער מיט א ברעקעל ברויט. רבי עקיבא האָט גענומען דעם ברעקעל ברויט און דאָס אויפ־געגעסען. "רבי", האָט דער בעל הבית געזאָגט, "איז דאָ אויפ'ן טיש ניטאָ קיין אנדער שטיקעל ברויט, ייאָס דו דאַרפסט גראַדע דעם ברעקעל מיט וועלכען איך האָב אונ־טערגעשפּארט מיין טעלער?" האָט איהם רבי עקיבא גע־ענטפערט: "איך האָב געמיינט אז דו וועסט זיך אָבבריהען מיט לעבליכע וואסער, אָבער איך זעה אז מיט קאָכעדיגע וואַ־סער בריהסטו זיך אויך ניט אָב."

רבי עקיבא האָט געמיינט צו זאָגען: איך האָב דיר געוואָלט געבען אָן אָנצוהערענים אז עס איז ניט רעכט אונ־טערצושפּארען א טעלער מיט א שטיקעל ברויט, צווינגסטו מיך אז איך זאָל דיר דאָס זאָגען מיט באַקצייהנער!

## 6

# דריי אומגעקומענע צוליעב א קלייניגקייט

געסט וואָס קומען אין א הויז טהאָרען גאָרנישט געבען ניט צו די קינדער פון דעם בעל הבית און ניט צו זיינע דיענער, סיידען זיי בעקומען פון איהם פריהער אַן ערלויבניס.

איינמאָל, אין א הונגער יאָהר, האָט איינער איינגע־לאַדען דריי געסט. ער האָט געהאַט דריי אייער האָט ער זיי דערלאַנגט פאַר די געסט. איז געקומען דער זוהן פון בעל הבית און האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַר די געסט. עס האָט

אויסגעזעהן אז דער אינגעל איז געווען הונגעריג. האָט איי־נער פון די געסט גענומען זיין איי און האָט דאָס אָבגעגעבען צום אינגעל. דער אנדער גאַסט און דער דריטער האָבען אויך געטהאָן דאָס זעלבע. און ווען עס איז אריינגעקומען דער פאָטער און האָט געזעהן ווי זיין זוהן האַלט איין איי אין מויל און צוויי אין זיינע הענד, האָט ער איהם אויפגע־הויבען און א שלײדער געטהאָן צו דער ערד. דער אינגעל איז פון דעם קלאַפּ געשטאָרבען. ווען זיין מוטער האָט געזעהן אז איהר קינד איז טויט, איז זי אראָבגעשפּרונגען פון דאַך און איז אויך געשטאָרבען. ווען דער פאָטער האָט געזעהן ווי ער האָט אומגעבראַכט צוויי מענשען לעבענס, איז ער אַרויף אויפ׳ן דאַך און האָט זיך אויך דעם לעבען גענומען.

# מסכת זבחים

## 1

## ער פֿערלאָזט זיך ניט אויף סבֿרות

רב יצחק בר יהודה פֿלעגט אָפֿט קומען לערנען בײַ רמי בר חמי. שפּעטער איז ער אַוועק פֿון איהם און האָט אָנגעהויבען צו געהן לערנען בײַ רב ששת. איינמאָל בעגעגענט איהם רב יצחק און זאָגט צו איהם: „דו ביזט אַזוי ווי יענער בעל גאוה וואָס אַ פּירשט האָט איהם געגעבען זײַן האַנד, האָט ער זיך אײַנגערעדט אַז ער איז אַ מחותן מיט'ן פּירשט. אַזוי איז אויך מיט דיר. זײַט דו האָסט אָנגעהויבען צו לערנען בײַ רב ששת ביזטו געוואָרען אַזוי שטאָלץ בײַ זיך, אַזוי ווי דו וואָלסט אַליין געוועזען אַ רב ששת".

רב יצחק האָט פֿערשטאַנען אַז זײַן אַלטער רבי רעדט אַזוי ווייל עס פֿערדריסט איהם וואָס ער איז אַוועק לערנען בײַ רב ששת. האָט ער איהם די זאַך אַזוי ערקלערט: „ניין, ניט פֿון גאוה וועגען לערן איך בײַ רב ששת. די מעשה איז אַזוי: ווען איך פֿלעג פֿרעגען בײַ דיר אַ קשיא, פֿלעגסטו מיר די קשיא פֿערענטפֿערען מיט דײַנע אַן אייגענע סבֿרה. אָבער נאָכדעם אַז איך פֿלעג אַרײַנקוקען אין אַ משנה פֿלעג איך זעהן אַז דײַן תירוץ שטימט ניט. אָבער אַז איך פֿרעג עפּעס פֿון רב ששת ערקלערט ער מיר פֿון אַ משנה, און נאָכדעם

אז איך געפין אפילו א משנה וואס זאגט אנדערש, בלייבט דער תירוץ א תירוץ, ווייל איין משנה קען זאגן אזוי און די אנדערע קען זאגן אנדערש".

## 2

# דער שרעק פון די גרויסע מלכים

רבי אלעזר המודעי זאגט:

ווען גאט האט געגעבן די תורה צו די אידען האט זיך זיין שטימע געהערט פון איין עק וועלט ביז'ן אנדערען, און אלע מלכים פון די אומות העולם זיינען געווארען פערציטערטע ווען זיי האבען די געטליכע שטימע געהערט אין זייערע פאלאסטען. פאר גרויס שרעק האבען זיי אנגעהויבען צו זאגען שירה. נאכדעם האבען זיי זיך אלע פערזאמעלט ביי בלעם און האבען איהם געפרעגט: "וואס איז דאס פאר א גרויסער רעש וואס מיר האבען געהערט? אפשר ברייננט ער ווידער א מבול אויף דער וועלט?" האט זיי בלעם געענטפערט: "דער אויבערשטער האט שוין געשווארען אז ער ברייננט מעהר קיין מבול אויף דער וועלט." האבען זיי געזאגט: "ער האט געשווארען אז ער וועט ניט ברייננען א מבול פון וואסער, אבער עס איז דאך מעגליך אז ער וועט ברייננען א מבול פון פייער."

"ניין", האט זיי בלעם פערזיכערט, "ער האט געשווארען אז ער וועט קיין מבול ברייננען, עס מיינט: ניט פון וואסער און ניט פון פייער."

"טא וואס בעדייט דער גרויסער טומעל וואס מיר האבען געהערט?" האבען די מלכים געפרעגט.

האט בלעם זיי די זאך אזוי ערקלעהרט: "דער אייבערשטער האט א טייערע ציערונג אין זיינע אוצרות וועלכע ער האט בעהאלטען יאהרען און יאהרען איידער ער האט די וועלט בעשאפען, און יעצט גיט ער די טייערע ציערונג אוועק צו זיינע קינדער".

# מסכת מנחות

## 1.

## משה און די תורה

ר' יהודה האָט אַזוי דערצעהלט אין נאָמען פון רב:

ווען משה איז אַרויף אין הימעל האָט ער געפונען דעם אויבערשטען זיצען און צייכענען שטריכעלעך און פּאַסיקלעך אויף די אותיות פון דער תורה. האָט משה געפרעגט: "רבונו של עולם! צוליעב וועמען בעמיהסטו זיך אַזוי? צו וואָס דאַרפסטו צוגעבען שטריכעלעך און פּאַסיקלעך?" האָט דער אייבערשטער געענטפערט: "אין די צוקינפטיגע דורות וועט זיין אויף דער ערד אַ מאַן, עקיבא בן יוסף וועט ער הייסען, און ער וועט אויף יעדען תג, אויף יעדען שטריכעלע, דרש'ענען בערג אויף בערג מיט הלכות".

"רבונו של עולם לאָז מיך איהם זעהן", האָט משה געבעטען.

"קעהר זיך אום אהינטער וועסטו איהם זעהן", האָט דער אייבערשטער געענטפערט.

משה האָט בעטראַכט די נשמות וואָס זיינען געזעסען אין הימעל. דאָס זיינען געוועזן די נשמות פון די צוקינפטיגע דורות. זיי זיינען געווען אויסגעזעצט אין שורות. ביי דער אַכטער שורה האָט ער דערזעהן רבי עקיבא זיצען מיט זיינע תלמידים. משה האָט זיך אַוועקגעזעצט און גענומען זיך

צוהערען וואָס זיי לערנען. האָט ער ניט פערשטאַנען וואָס זיי ריידען. דאָס האָט איהם אזוי פערדראָסען דאָס זיינע כחות האָבען איהם פערלאָזען. משה האָט זיך ווייטער צוגעהערט, און ווען עס איז געקומען צו אַ זאַך וואָס ער האָט ניט פערשטאַנען, האָט ער געהערט ווי די תלמידים פרעגען ביי רבי עקיבא: ״רבי, פון וואַנען נעהמסטו דאָס?״ האָט רבי עקיבא זיי געענטפערט: ״אזוי האָט משה בעקומען דעם דין פון בארג סיני״. ווען משה האָט געהערט ווי מען דערמאַנט זיין נאָמען ביים לערנען, האָט ער זיך בערוהיגט.

נאָכדעם האָט משה זיך אומגעקעהרט צום אייבערשטען און האָט געזאָגט:

״רבונו של עולם! דו האָסט אזא גרויסען מאַן ביי זיך און מיך האָסטו אויסגעקליבען דורך מיר צו געבען די תורה צו די אידען?״

״שווייג!״ האָט דער אייבערשטער געזאָגט, ״אזוי איז מיר איינגעפאַלען אין מיין מחשבה״.

״רבונו של עולם!״ האָט משה ווידער געבעטען, ״דו האָסט מיר בעוויזען עקיבא׳ס תורה, צייג מיר אויך זיין שכר״.

״גיב אַ קוק אהינטער דיר״, האָט דער אויבערשטער געענטפערט.

משה האָט אַ קוק געטהאָן. ער האָט געזעהן אַ בילד פון דער צוקונפט, ווי מען רייסט פון רבי עקיבא׳ן שטיקער פלייש, אזוי ווי אין אַ יאַטקע. דאָס איז געווען די סצענע פון רבי עקיבא׳ס טויט, ווי ער איז אומגעקומען על קידוש השם און די רוימער האָבען געריסען זיין לייב מיט אייזערנע קאַמען. האָט רבי עקיבא אויסגערופען: ״רבונו של עולם! אָט דאָס איז די תורה און דאָס איז איהר שכר?״ האָט דער אויבערשטער ווידער געענטפערט: ״שווייג! אזוי איז מיר איינגעפאַלען אין מיין מחשבה!״

## 2

## פון א וויץ ווערט אַן ערנסט

פלימו האָט אייזמאָל געפרעגט ביי רבי׳ן: ״ווי איז דער דין אז אַ מענש האָט צוויי קעפּ, אויף וועלכען קאָפּ דאַרף ער אָנטהאָן די תפילין?״

רבי האָט געמיינט אז פּלימו מאַכט אַ שפּאַס, האָט ער געזאָגט: "פאַר דעם שפּאַס קלייב איך זיך אויס איינעם פון די צוויי שטראָפן. ענטוועדער גייט אוועק אין גלות, אָדער נעמט אויף זיך אַ חרם". אין דיזע רייד איז אָנגעקומען אַ מאַן און האָט רבי'ן געפרעגט אַ שאלה: "ביי מיר איז געבוירן אַ קינד, אַ בכור, מיט צוויי קעפּ. ווי פיל טאַלער דאַרף איך געבן צום כהן אלס פּדיון הבן?" רבי איז אזוי איבערראַשט געוואָרען פון דער פּאַסירונג, דאָס ער האָט געשוויגן. איז געקומען איינער פון די זקנים און האָט געזאָגט:

"ער דאַרף געבן צען טאַלער, פינף פאַר יעדען קאָפּ, ווייל דאָס קינד האָט צוויי קעפּ איז דאָס גלייך ווי צוויי בכורים וואָס זיינען געבוירען ביידע צוזאַמען".

## 3

# אַ קליינע מצוה — אַ גרויסער שכר

די מצוה פון ציצית טראָגען איז איינע פון די קלענערע מצוות, אָבער דער שכר פון דעם איז זעהר גרויס, ווי מען זעהט פון דער געשיכטע וואָס רבי נתן דערצעהלט.

צווישען די תלמידים פון רבי חייא איז געווען איין תלמיד וואָס האָט זעהר שטאַרק געהיט די מצוה פון ציצית. איינמאָל האָט דער תלמיד געהערט אז אין אַ גרויסער שטאָדט ביים ים געפינט זיך זעהר אַ שעהנע פרויענצימער וואָס נעהמט פיער הונדערט גאָלדענע רענדלעך פאַר איהר ליעבע. דער תלמיד איז געוואָרען זעהר נייגעריג זי צו זעהן, האָט ער איהר געשיקט פיער הונדערט גאָלדענע רענדלעך און זי האָט איהם בעשטעלט אַ צייט ווען ער זאָל קומען. ווען עס איז געקומען זיין צייט איז ער אַהין אוועק, איז אָנגעקומען און האָט זיך אָפּגעזעצט ביי דער טיהר פון איהר הויז. איז אריין איהר דיענסט און האָט געמעלדעט: "יענער מאַן וואָס האָט דיר געשיקט די פיער הונדערט גאָלדענע רענדלעך איז געקומען און ער וואַרט ביי דער טיהר". האָט די פרוי געענטפערט: "זאָל ער אריין".

ווען דער גאַסט איז אריינגעקומען האָט זי פאַר איהם אויסגעבעט זיבען בעטלעך. זעקס זיינען געווען פון זילבער און די אויבערשטע איז געווען פון גאָלד. צווישען איין בעט

און דער אנדערער איז נעשטאַנען אַ לייטער פון זילבער. דער לייטער צו דער העכסטער בעטעל איז געווען פון גאָלד. זי איז אַרויף און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער אויבערשטער בעטעל. קוקענדיג אויף איהר האָט ער אויך גענומען קלעטערען, אָבער קלעטערענדיג האָבען זיינע ציצית זיך אַ חויב געטהאָן און איהם אַ שמיץ געטהאָן אין פנים. האָט ער זיך אַרונטערגעגליטשט און איז געבליבען זיצען אויף דער ערד. האָט זי זיך אויך אַרונטערגעגליטשט און זיך געזעצט אויף דער ערד.

„איך שווער דיר ביי דעם גאָט פון רוימישען הערשער, אַז איך וועל דיך ניט אָבלאָזען ביז דו וועסט מיר זאָגען וואָס פאַר אַ פעהלער דו האָסט געפונען אין מיר", האָט די פרוי געזאָגט.

„און איך שווער דיר ביי מיין גאָט", האָט דער גאַסט געענטפערט, „דאָס קיין שעהנערע פרוי פון דיר האָב איך נאָך ניט געזעהן. אָבער מיר האָבען אַ מצוה און דאָס איז ציצית, און ביי דיזער מצוה האָט גאָט צוויי מאָל דערמאַנט אַז ער איז אונזער גאָט. (אני ד' אלהיכם) דאָס מיינט אַז ער שטראָפט פאַר שלעכטעס און ער בעלוינט פאַר גוטעס. און דיזע ציצית האָבען ביי מיר אויסגעזעהן ווי פיער עדות וואָס וועלען געגען מיר עדות זאָגען אויב איך וועל בעגעהן אַ זינד.

האָט זי צו איהם געזאָגט: „איך שווער ביי דיין גאָט אַז איך וועל דיך ניט לאָזען געהן ביז דו וועסט מיר זאָגען דיין נאָמען, פון וועלכער שטאָדט דו קומסט, ווער דיין רבי איז און ווי הייסט דער בית מדרש אין וועלכען דו לערנסט".

דער תלמיד האָט איהר פערלאַנג געטהאָן. ער האָט אַלעס אויפגעשריבען און האָט איהר דעם פאַפּיער געגעבען אין האַנד.

ווען דער תלמיד איז אַוועק האָט די פרוי גענומען איהר פערמעגען און האָט עס צוטיילט אויף דריי חלקים: איין דריטעל האָט זי אַוועקגעגעבען צו דער רעגירונג וואָס דאָס איז געווען די שטראָף פאַר אָננעהמען אַן אַנדער גלויבען. איין דריטעל האָט זי פערטיילט צווישען אָרימע לייט, און איין דריטעל האָט זי מיטגענומען צוזאַמען מיט איהרע טייערע בעטען. זי איז געקומען צו רבי חייא און האָט איהם געבעטען: „רבי! איך וויל אָננעהמען דעם אידישען גלויבען". רבי חייא האָט איהר בעטראַכט און געפרעגט: „מיין טאָכ־

טער, זאָג מיר דעם אמת, אפשר האָסטו זיך פערליעבט אין איינעם פון מיינע תלמידים?" האָט זי איהם געוויזען דעם צעטעל וואָס זיין תלמיד האָט איהר געגעבען און האָט דער־צעהלט די גאַנצע געשיכטע, צו ציינען אז זי וויל ווערען אַ אידין נאָר דערפאַר ווייל דער אידישער גלויבען געפעלט איהר.

ווען רבי חייא האָט אויסגעהערט די גאַנצע געשיכטע האָט ער געזאָגט: "דו האָסט איהם כשר פערדיענט. נעה און נעהם איהם". און יענע בעטלעך וואָס זי האָט פריהער פערבעט צוליעב זינד, האָט זי נאָכדעם פערבעט אין ריינקייט און הייליגקייט.

## 4

# וואָס טויג אונז דער יחוס?

איינמאָל האבען די רבנן געזאגט צו רבי פרידא: "רבי עזריה, דער אייניקעל פון רבי אבטולס, וועלכער איז דער צעהנטער דור פון רבי אלעזר בן עזריה, וועלכער איז געווען דער צעהנטער דור פון עזרא, שטעהט ביים טיהר און וואַרט דו זאלסט איהם ערלויבען אריינצוקומען".

"וואס דערצעהלט איהר מיר זיין לאַנגען יחוס צעטל?" האט רבי פרידא אויסגערופען. "אויב ער איז א למדן איז גוט, אויב ער איז אי א יחסן, אי א למדן איז דאָך צוויי מאָל גוט. אבער אויב ער איז בלויז א יחסן און לערנען קען ער נים, זאָל איהם א פייער פערברענען".

"ער קען לערנען", האבען די רבנן געענטפערט.

"זאל ער אריינקומען", האט רבי פרידא געזאגט.

ווען רבי עזריה איז אריינגעקומען האט רבי פרידא בע־מערקט אז ער איז זעהר אומעטיג, האט ער פאר איהם גע־נומען זאגען תורה, איהם פרעהליכער צו מאכען.

## 5

# אברהם'ס טרייסט

ווען דער בית המקדש איז חרב געוואָרען האט דער אויי־בערשטער געפונען אברהם אבינו שטעהן אין בית המקדש. האט דער אייבערשטער געפרעגט: "וואס טהוט מיין ליעבער

פריינד ביי מיר אין הויז?" האט אברהם געענטפערט: "איך בין געקומען וועגן די אנגעלעגענהייטען פון מיינע קינדער".

"דיינע קינדער האבען געזינדיגט און זיינען פערטריבען געווארען אין גלות", האט דער אויבערשטער געזאגט.

"אפשר האבען זיי געזינדיגט אומגערן", האט אברהם געזוכט צו פערטיידיגען.

"ניין, זיי האבען געזינדיגט מיט אבזיכט", האט דער אויבערשטער געזאגט.

"אפשר האבען געזינדיגט בלויז א קליינע צאהל פון זיי?" האט אברהם געפרעגט.

"די מייסטע פון זיי זיינען זינדיג", האט דער אויבערשטער געענטפערט.

"האסטו זיי דאך געדארפט דערמאנען די מצוה וואס דו האסט מיר געגעבען", האט אברהם גע'טענה'ט.

"זיי האבען אויפגעהערט צו מל'ען זייערע קינדער", האט דער אויבערשטער געענטפערט.

"אפשר אז דו וואלסט זיי געווארט א ביסעל לענגער וואלטען זיי תשובה געטהאן", האט אברהם געזאגט.

"וואס בעסער עס איז זיי געווען אלס גרעסערע זינדער זיינען זיי געווען", האט דער אויבערשטער בעוויזען מיט א פסוק (כי רעתכי אז תעלוזי.)

ווען אברהם האט געזעהען אז אלעס איז פערלארען און קיין זאך קען ניט העלפען האט ער ארויפגעלייגט די הענד אויפ'ן קאפ, און גענומען שרייען און וויינען: "טאמער חס ושלום, איז שוין גאר זיי גאר קיין האפנונג דא אפילו אין דער צוקונפט?" איז ארויס א בת קול פון הימעל און האט איהם געענטפערט:

"דער אויבערשטער האט די אידען פערגליכען צו אן אוילבערט בוים. אזוי ווי ביי אן אוילבערט בוים ווערען ניט די פרוכטען צייטיג ביסלעך ווייז, נאר אלע קומען אויף א מאל, אזוי וועט די אידישע נאציאן שפעטער אויפבליהען אויף א מאל".

רבי יהושע בן לוי זאגט: פאר וואס זיינען אידען גע־גליכען צו אן אוילבערט בוים? אזוי ווי די בלעטער פון אן אוילבערט בוים פאלען ניט ארונטער, ניט אין זומער און ניט אין ווינטער, אזוי ווערען אידען ניט פערלארען, ניט אויף דער וועלט און ניט אויף יענער וועלט.

רבי יוחנן ערקלעהרט דעם פערגלייך אזוי: אזוי ווי פון

אן אוילבערט בוים קען מען אויל נים ארויסקריגען סיידען דורך דריקען איהם, אזוי קענען די אידען ניט ווערען גוט סיידען דורך יסורים.

## 6

# דאָס געבענשטע לאַנד פון אָשר

דאס לאַנד וואס האט געהערט צום שבט אָשר איז געווען בעריהמט מיט איהרע אוילבערטען וועלכע פלעגען ארויסגע־בען א סך אויל.

איינמאָל האָבען די איינוואוינער פון דער שטאָדט לוד־קיא נעדאַרפט האָבען אויל, האָבען זיי בעשטימט א שליח און האָבען צו איהם געזאָגט: „געה און ברייננ אונז פאר אַ מיליאָן אויל". דער שליח איז אוועק נאָך ירושלים, האט מען איהם געהייסען געהן אין צור, אין צור האט מען איהם געהייסען געהן אין גוש חלב, א שטאָדט וואָס האָט זיך געפונען אין דעם חלק לאַנד וואס האט געהערט צום שבט אשר. ווען דער שליח איז געקומען אין גוש חלב און האט נאָכגעפרעגט, ווער עס האט אויל צו פערקויפען, האט מען איהם געזאגט: "געה צו יענעם און יענעם". דער שליח איז געגאנגען און האט יענעם געפונען ביי דער ארבייט, ארומ־גראָבענדיג זיינע אוילבערט בוימער. "איך דאַרף האבען פאר אַ מיליאָן רענדלעך אויל, קענסטו דאס מיר פערקויפען?" האט דער שליח געפרעגט. "וואַרט ביז איך וועל ענדיגען מיין ארבייט", האט דער בעל הבית פון די אוילבערטען געענט־פערט.

דער שליח האט זיך אוועקגעזעצט ווארטען. נאכדעם ווי דער בעל הבית איז פערטיג געוואָרען מיט זיין ארבייט, האט ער צוזאמענגעלייגט זיינע געצייג און ארויפגעלייגט דעם פאַק אהינטער, אזוי ווי אן ארימער טאָג ארבייטער, און געהענדיג אין וועג האט ער, וואו ער האט געזעהן א שטיין, איהם אויפ־געהויבען און געשליידערט אן א זייט. דער שליח האט גאָר ניט געקענט פערשטעהן ווי אזוי דער מענש וועלכער האט אויסגעזעהן צו זיין אן ארימער ארבייטער, זאל ביי זיך האָ־בען א סך אויל. "עס שיינט צו זיין אז די אידען וואס האָ־בען מיך געשיקט צו איהם האבען פון מיר שפאס געמאכט", האט דער שליח געזאגט צו זיך.

ווען דער שליח איז ענדליך געקומען מיט דעם מאַן צו הויז, האָט אַ דיענסט איהם געבראַכט אַ קעסעל ווארעמע וואַסער. דער שליח האָט זיך אָרומגעוואַשען. נאָכדעם האָט די דיענסט איהם געבראַכט אַ גאָלדענעם בעקען מיט אויל און דער שליח האָט אין דעם איינגעטונקט זיינע הענד און פים. נאָכדעם ווי זיי האָבען געגעסען און געטרונקען, האָט איהם דער בעל הבית אָפּגעמאָסטען פאַר אַ גאַנצען מיליאָן אויל. „אפשר דארפסטו מעהר אויל?" האָט דער בעל הבית געפרעגט. „יאָ", האָט דער שליח געענטפערט. „אָבער איך האָב מעהר קיין געלד". האָט דער בעל הבית געזאָגט: „אויב דו ווילסט נעהמען מעהר קענסטו נעהמען, איך וועל געהן מיט דיר אין דיין שטאָדט, און דאָרט אָפּנעהמען דאָס געלד". האָט ער איהם אָפּגעמאָסטען פאַר נאָך 180 טויזענד אויל. און צוזאַמען איז דער אויל געווען אַזוי פיעל, דאָס דער שליח האָט ניט איבערגעלאָזען ניט אַ פערד, ניט אַ מויל־אייזעל, ניט אַ קעמעל און ניט אַן אייזעל, ווייל ער האָט זיי אַלע געמוזט דינגען אום אָפּצופיהרען דעם אויל וואָס ער האָט איינגעקויפט.

ווען דער שליח איז צוריקגעקומען אין זיין שטאָדט, זיינען די שטאָדט לייט אַרויס איהם מקבל פנים זיין און איהם לויבען פאַר די שליחות וואָס ער האָט אויסגעפיהרט, האָט דער שליח געזאָגט: „ניט מיך דארפט איהר לויבען, נאָר אָט דעם מאַן, וואָס האָט מיר פערקויפט פאַר אַ מיליאָן אויל און עס קומט איהם אַרויס נאָך הונדערט מיט אַכציג טויזענד".

# מסכת חולין

## 1

## מעשה׳לעך וועגן רבי פנחס בן יאיר

רבי פנחס בן יאיר איז אמאָל געפאָחרען אויסקויפען אידען וואָס זיינען געווען געפאנגען פון גוים. און געפאָהרען איז ער אויף זיין אייזעל וועלכע איז געווען בעגאבט מיט אַן אונגעוועהנליכען פערשטאנד און וועגען וועלכער מען פלעגט דערצעהלען גרויסע וואונדער.

געהענדיג אין וועג איז רבי פנחס בן יאיר אָנגעקומען ביי דעם טייך גינאי. האָט רבי פנחס אויסגערופען צום טייך: ״גינאי! שפאַלט דיינע וואסערען און מאַך מיר א וועג איך זאָל קענען דורכגעהן!״ האָט דער טייך געענטפערט: ״דו געהסט טהאָן דעם ווילען פון דיין בעשעפער און איך טהו אויך דעם ווילען פון מיין בעשעפער. דו געהסט אויף א שליחות וואָס דו ביזט ניט זיכער אויב דו וועסט עס אויס־פיהרען אָדער ניט. אָבער איך געה אויף א זיכערען וועג״.

״אויב דו מאכסט מיר ניט א וועג״, האָט רבי פנחס דעם טייך געוואָרענט, ״וועל איך גוזר זיין אויף דיר אז דו זאָלסט אין גאנצען אויסגעטריקענט ווערען״.

דער טייך האָט זיך ערשראָקען. זיינע וואסערען האָבען זיך געשפאַלטען, און עס איז געוואָרען א פרייער וועג.

צוזאמען מיט רבי פנחס איז געגאנגען נאָך א איד וואָס האָט געטראָגען ווייץ אויף מצות. האָט רבי פנחס געזאָגט צום

טייך: "מאַך אַ וועג אויך פאַר איהם, ווייל ער געהט וועגען אַ מצוה". האָט דער טייך פאַר דעם אויך געמאַכט אַ וועג.

מיט זייביידען איז געגאַנגען אַן אַראַבישער סוחר וועלכער האָט אויך געדאַרפט אַריבערגעהן דעם טייך. האָט רבי פנחס געזאָגט צום טייך: "מאַך פאַר איהם אויך אַ וועג, כדי מען זאָל ניט זאָגען: אַט אַזוי בעהאַנדעלט מען מיט־רייזענדע?" האָט דער טייך נעשפּאַלטען זיינע וואַסערען אויך פאַר דעם אַראַבער.

---

רבי פנחס איז אָנגעקומען אויף אַן אַכסניא און האָט זיך דאָרט אָבגעשטעלט. האָט מען דאָרט געגעבען זיין אייזעל האָבער, אָבער די אייזעל האָט דאָס ניט געוואָלט עסען. האָט מען די האָבער איבערגעזיפּט. די אייזעל האָט עס ניט גע־וואָלט פערזוכען. האָט מען די האָבער איבערגערייניגט פון זאַמד און שטיינדלעך. אָבער די אייזעל האָט עס אפילו ניט געוואָלט נעהמען אין מויל. דאַן האָט רבי פנחס געזאָגט צו די מענשען פון דער אַכסניא: "אפשר האָט איהר נאָך קיין מעשר גענומען פון די האָבער?" האָט מען גענומען מעשר און דאַן האָט עס די אייזעל גענעסען.

"אַט די אָרימע בעשעפענים געהט יעצט אין אַ מצוה זאַך און איהר ווילט זי קאָרמענען מיט האָבער וואָס מען האָט פון דעם קיין מעשר גענומען!" האָט רבי פנחס זיי פירגע־האַלטען.

---

רבי יהודה הנשיא האָט געהערט אַז רבי פנחס פאָהרט דורך, איז ער אַרויס איהם מקבל פנים זיין. "אויב דו ווילסט סענסטו צו מיר קומען אויף מאָהלצייט", האָט רבי יהודה הנשיא געזאָגט. "איך געהם אָן די איינלאַדונג", האָט רבי פנחס געענטפערט. דער נשיא האָט זיך שטאַרק דערפרעהט, ווייל עס איז געווען בעוואוסט אַז רבי פנחס האָט קיינמאָל געמאַכט "המוציא" אויף אַ פרעמדען שטיקעל ברויט, און אַז ווי נאָר ער איז געוואָרען אַ זעלבסטשטענדיגער מענש האָט ער אפילו ביי זיין אייגענעם פאָטער ניט געגעסען.

ווען רבי פנחס האָט בעמערקט אַז רבי יהודה האָט זיך שטאַרק געפרעהט, האָט ער צו איהם געזאָגט: "דו האָסט געמיינט אַז איך האָב זיך פערשוואָרען קיין הנאה ניט צו האָבען פון אידען. אָבער די מעשה איז אַזוי. אידען, אין כלל

גענומען, זיינען אָרענטליך. נאָר עס זיינען דאָ אזעלכע וואָס ווילען געבען און האָבען ניט וואָס צו געבען, או עס זיינען דאָ אזעלכע וואָס האָבען און ווילען ניט געבען. אָבער דו — אי דו האָסט, אי דו ווילסט, איז דאָס שוין עפּעס אנדערש. נאָר גראָדע יעצט בין איך אין דער איילע אוועקצופאָהרען וועגען א מצוה זאך, אָבער ווען איך וועל קומען צוריק וועל איך זיך ביי דיר אָבשטעלען".

ווען רבי פנחס איז צוריקגעקומען, האָט זיך געמאכט אזוי דאָס אנשטאט אריינצוגעהן גלייך אין דעם נשיא'ס הויז, איז ער דורך א סיבה אריין אין דער טיהר פון א שטאָל וואו עס זיינען געשטאנען ווייסע מוילאייזלען. "וואָס?" האָט רבי פנחס אויסגערופען. "ער האלט א מלאך המות אין הויז און איך וועל ביי איהם עסען?" (ווייסע מוילאייזלען זיינען גע־ווען פערדעכענט פאר געפעהרליכע חיות, ווייל זייערער א ביס קען זיך קיינמאָל פערהיילען.) ווען רבי יהודה האָט גע־הערט אז רבי פנחס וויל צו איהם ניט אריינקומען צוליעב די ווייסע מוילאייזלען, איז ער ארויס איהם אנקעגען און האָט געזאָגט: "איך וועל זיי פערקויפען".

"ניין, דאָס טאָהרסטו ניט טהאָן", האָט רבי פנחס גע־זאָגט, "ווייל עס שטעהט אין דער תורה "לפני עור לא תתן מכשול". עס קען זיי אָבקויפען איינער וואָס וויים ניט אז זיי זיינען געפעהרליך און מענשען קענען דורך דעם געשעדיגט ווערען".

"איך וועל זיי אוועקשיקען אין וואלד אריין, אויף הפקר" האָט רבי יהודה הנשיא געזאָגט.

"ווען זיי וועלען זיין הפקר און קיינער וועט אויף זיי אויפפּאסען וועלען זיי נאָך מעהר שאדען טהאָן".

"וועל איך זיי א׳ זיסנעהמען די צייהן און ארומשניידען זייערע קאפּיטעס אז זיי זאָלען ניט קענען בייסען און ניט בריקען".

"דאָס קענסטו אויך ניט טהאָן, צוליעב צער בעלי חיים".

"דאַן וועל איך זיי לאָזען טויטען".

"וועסטו עובר זיין אויף בל תשחית".

רבי יהודה האָט געהאלטען אין איין טענה'ן און בעטען איהם, אָבער רבי פנחס האָט זיך ניט געלאָזט איבערבעטען.

האָט זיך צווישען זיי אויפגעהויבען א וואנד און האָט זיי צושיידט. און רבי יהודה הנשיא האָט געוויינט און גע־

זאָגט: „ווען צדיקים אזעלכע ווי רבי פּנחס בן יאיר זיינען אזוי גרויס ביים לעבען, הייגט ווי גרעסער זיינען זיי נאָכ׳ן טויט!"

---

נאָך א מעשה ווערט דערצעהלט וועגען רבי פּנחס בן יאיר׳ס אייזעל.

איינמאָל האָבען גנבים צוגע׳גנב׳עט די אייזעל און זי איז ביי זיי אין זייער הייהל געווען דריי טעג און די גאנצע צייט גארנישט געוואָלט עסען. אז די דריי טעג זיינען אריבער האָבען די גנבים אָנגעהויבען מורא צו האָבען, טאָמער וועט זי ביי זיי פּגר׳ן פון הונגער, האָבען זיי זי שטילערהייד אָבגעפיהרט און אוועקגעשטעלט ביי רבי פּנחס בן יאיר׳ס טויער. האָט די אייזעל געגומען רעווען. רבי פּנחס האָט גלייך דערקענט איהר קול און ער האָט געזאָגט צו זיינע הויז מענ־שען: „געהט און עפענט דעם טויער פאר דער אָרימער בע־שעפעניש וועלכע האָט שוין דריי טעג ניט געגעסען, און גיט איהר טאָקע עפּעס צו עסען".

די הויז מענשען האָבען איהר געגעבען עסען געדשטעז, אָבער די אייזעל האָט ניט געגעסען. זיינען זיי אריינגעקומען און געזאָגט צו רבי פּנחס: „מיר האָבען איהר געגעבען עסען אָבער זי עסט ניט".

„האָט איהר געגעבען תרומה און מעשר פון די גער־שטען?" האָט רבי פּנחס געפרעגט.

„האָסטו אונז ניט געלערענט דעם דין אז קערנער וואס מען גיט א בהמה צו עסען זיינען פּטור פון תרומה און מעשר?" האָבען די הויז מענשען גע׳טענה׳ט.

„וואָס זאָל איך טהאָן", האָט רבי פּנחס געזאָגט, „אז די אָרימע בעשעפענים נעבעך איז אויף זיך אזוי שטריינג מחמיר דעם דין?"

## 2

## רבי חנינא׳ס געזונדהייטס רעגעלען

רבי חנינא איז געווען א דאָקטאָר. און מען דערצעהלט אויף איהם אז ווען ער איז שוין געווען אכציג יאָהר אלט פלעגט ער שטעהן אויף איין פוס און אראָבנעהמען דעם שוך

פון דער אנדער פוס און צוריק אָנטהאָן. אז מען האָט איהם נעפרעגט ווי אזוי ער קען בעווייזען אזא קונץ אויף די עלטערע יאָהרען, האָט ער געענטפערט: "די וואַרימע וואסער מיט וועלכע מיין מוטער פלעגט מיך וואשען און דער אויל מיט וועלכען מיין מוטער פלעגט מיך שמירען אין מיינע קינדערשע יאָהרען זיינען מיר ביינעשטאַנען אין מיין עלטער."

## 3

## שונא מתנות יחיה

רבי אלעזר האָט פיינד געהאט פרעמדעס. אז מען פלעגט איהם עפּעס שיקען פון דעם נשיא'ס הויז פלעגט ער ניט אָננעהמען, און אז מען פלעגט איהם ערגעץ איינלאדען אויף א מאָהלצייט פלעגט ער ניט געהן. דאָס איז ווייל ער האָט געהאלטען מיט שלמה המלך אז "שונא מתנות יחיה" — דער וואָס האָט פיינד געשענקטעס דער לעבט לאַנג.

רבי זירא פלעגט אויך ניט אָננעהמען קיין מתנות, אָבער אז מען פלעגט איהם ערגעץ לאדען צו א סעודה, פלעגט ער געהן, און ער פלעגט די זאך אזוי ערקלערען: "ווען איך נעהם אָן איין איינלאדונג האלט עס יענער פאר א כבוד און יענער האָט פון דעם הנאה, הייסט עס ניט אז ער שיינקט מיר דעם מאָהלצייט".

## 4

## א וואונדערליכע אָפּעראציאָן

א רוימישער שווארצקינסטלער האָט געזעהן א מענשען אונטערפאַלען פון א דאך אויף דער ערד. פון דעם פאל האָט זיך ביי דעם געפאלענעם געשפּאלטען זיין בויך און עס זיינען ארויס די געדערים. דער שווארצקינסטלער האָט גלייך געבראכט דעם געפאלענעם'ס זוהן און האָט געמאכט א קונץ אז עס זאָל אויסזעהן אז ער קוילעט איהם. דער פאָטער זעהענדיג ווי זיין זוהן ווערט געקוילעט האָט ער גענומען קרעכצען און זיפצען. און דורך דעם קרעכצען און זיפצען זיינען די ארויסגעפאלענע געדערים צוריק אריין אין זיין בויך. דאן האָט דער שווארצקינסטלער פערנעהט

רעם בויך און האָט מיט זיין קונץ גערעטעט דעם מענשעןְ׳ס לעבען.

## 5
## דער נאַטורפאָרשער

רבי שמעון בן חלפתא האָט ליעב געהאַט צו פאָרשען יעדע זאַך. איינמאָל איז איהם איינגעפאַלען אויסצופאָרשען אויב עס איז ריכטיג דאָס וואָס שלמה המלך האָט געזאָגט אַז מוראַשקעס האָבען ניט קיין קעניג. "גייה, דו פוילענצער, צו דער מוראַשקע", האָט שלמה המלך געזאָגט אין משלי, "זעה און בעטראַכט איהר אַרט לעבען און לערן שכל. די מוראַשקע האָט ניט קיין תּאַר, קיין אויפזעהער און קיין הערשער און פון דעסטוועגען גרייט זי אָן פון זומער אויף ווינטער".

אום צו דערגעהן ווי ריכטיג דאָס איז אַז מוראַשקעס האָבען קיין הערשער, איז רבי שמעון בן חלפתא געגאַנגען אין רעכטען מיטען זומער, אין תקופת תמוז, האָט אויסגע־זוכט אַ נעסט פון מוראַשקעס און געוואַרט ביז איינע פון זיי וועט אַרויסקומען. מוראַשקעס האָבען ניט ליעב די זון, האָט ער פערשפּרייט זיין מאַנטעל איבער דעם נעסט און גע־מאַכט אַ שאָטען. איז גלייך אַרויסגעקומען אַ מוראַשקע, און זיך אַרומגעדרעהט אין שאָטען. רבי שמעון האָט אויף דער מוראַשקע געמאַכט אַ סימן אַז עס זאָל איהם מעגליך זיין זי צו דערקענען פון די אַנדערע. די מוראַשקע איז אַריין צוריק אין נעסט און עס איז געווען קענטיג אַז זי איז געגאַנגען אָנזאָגען די אַנדערע אַז די זון איז אַוועק און עס איז געוואָרען שאָטיג. באַלד זיינען אַרויסגעקומען אַ גרויסע צאָהל מו־ראַשקעס צוזאַמען מיט דער וואָס איז זיי געקומען אָנזאָגען וועגען דעם שאָטען. רבי שמעון האָט גלייך אויפגעהויבען זיין מאַנטעל און עס איז ווידער געוואָרען זוניג. זיינען די אַנדערע מוראַשקעס בייז געוואָרען אויף יענער, ווייל זיי האָבען געמיינט אַז זי האָט זיי אָפּגענאַרט, און זיי האָבען איהר דער׳הרג׳עט אויפ׳ן אָרט.

"יעצט זעה איך אַז זיי האָבען ניט קיין מלך", האָט רבי שמעון בן חלפתא געזאָגט, "ווייל אויב די מוראַשקעס וואָלטען געהאַט אַ מלך וואָלטען זיי פריהער ביי איהם

גענומען ערלויבנים, איידער זיי האָבן יענע מוראשקע דער׳הרג׳עט״.

## .6

## א משל געגען א מרשעת

זיעבען יאָהר איז א מוקיכע געווען בייז אויף א מוק. זי האָט צו איהם אזוי געזאָגט:

״איך האָב געזעהן ווי א מאַן פון דער שטאָדט מחוזא האָט זיך געבאָדען אין וואסער. נאָכדעם איז ער ארויס פון וואסער און האָט זיך ארומגעדעקט מיט א ליילעך. ביזטו געקומען, האָסט זיך אוועקגעזעצט אויף איהם, געזויגט זיין בלוט דורכ׳ן ליילעך, און מיר האָסטו גאָר ניט געזאָגט פון דעם טייערן איינפאַל.״

דאָס איז א משל געגען א פרוי, א מרשעת, וואָס רעדט צו איהר מאַן אז ער זאָל טהאָן רשעות צו מענשען, ווייל דאָס מאכט איהר פערגעניגען. און אמאָל טרעפט עס אז דער מאַן טהוט עפּעס אָב אימיצען א רשעות, און ער דער־צעהלט פון דעם ניט צו זיין פרוי. לאחר המעשה, אז די פרוי ווערט געוואָהר פון דעם, ווערט זי בייז דערפאר וואָס ער האָט איהר פון דעם ניט דערצעהלט, אזוי ווי יענע מו־קיכע, וואָס איז בייז געוואָרען אויפ׳ן מוק דערפאר וואָס דער מוק האָט איהר נישט אויסגעזאָגט אז מען קען זויגען מענש־ליכע בלוט דורך א ליילעך.

## .7

## דער לייב פון הימעל

א קיסר האָט איינמאָל געזאָגט צו רבי יהושע בן חנניה: ״אייער נביא (עמוס, ג) פערגלייכט אייער גאָט צו א לייב. וואָס איז דאָס פאר א גרויסקייט? א שטארקער יעגער קען דעם לייב הרג׳ענען״.

״ניין״, האָט געענטפערט רבי יהושע, ״ניט צו א לייב וואָס אויף דער ערד פערגלייכט דער נביא אונזער גאָט, נאָר צו דעם לייב וואָס איז פון אויבען, אין הימעל״.

״וויל איך אז דו זאָלסט מיר איהם ציינגען״, האָט דער קיסר געזאָגט.

"זעהן קענסטו איהם ניט", האָט רבי יהושע געענט־פערט.

"דו מוזט מיר איהם צייגען !" האָט דער קיסר בעפוילען אין א שטרענגען טאָן.

רבי יהושע האָט געזעהן אז ער איז אין סכנה, האָט ער גאָט געבעטען, און דער לייב וואָס איז אין הימעל איז פער־טריבען געוואָרען פון זיין אָרט און ער איז געלאָפען צו דער ערד. ווען דער לייב איז געווען ביי פיער הונדערט מייל פון דעם קיסר האָט ער געגעבען איין שטארקען ברום, האָבען אַלע מעוברת'ע פרויען מפיל געווען און די טויערען פון רוים זיינען איינגעפאלען. ווען דער לייב איז געווען דריי הונ־דערט מייל ווייט, האָט ער ווידער א ברום געטהאָן, זיינען פאר שרעק ביי אלע מענשען די צייהנער ארויסגעפאלען און דער קיסר אליין איז ארונטערגעפאלען פון זיין שטוהל.

"איך בעט דיך", האָט דער קיסר געזאָגט צו רבי יהושע, "בעט גאָט ער זאָל רחמנות האָבען אויף מיר און אומקעהרען דעם לייב צו זיין אָרט."

רבי יהושע האָט ווידער מתפלל געווען און דער לייב איז צוריקגעקעהרט געוואָרען צו זיין פלאץ.

## 8

## געוואַלט זעהן גאָט

איינמאָל האָט דער קיסר געזאָגט צו רבי יהושע בן חנניה: "איך וויל זעהן אייער גאָט." האָט ר' יהושע געענט־פערט: "דו קענסט איהם ניט זעהן."

"ווירקליך, איך מוז איהם זעהן!" האָט זיך דער קיסר איינגעשפארט.

האָט איהם ר' יהושע גענומען און אוועקגעשטעלט געגען דער זון, אין תקופת תמוז, און האָט צו איהם געזאגט:

"קוק אויף דער זון!"

"איך קען ניט", האָט דער קיסר געענטפערט.

"זעה", האָט ר' יהושע געזאָגט, "ווען דו קענסט ניט קוקען אויף דער זון, וועלכע איז בלויז איינע פון די פילע דיענער וואָס דער אויבערשטער האָט, היינט ווי קענסטו אָנקוקען די שכינה אליין?

## 9.

# א צושטערטע סעודה

איינמאָל האָט דער קיסר געזאָגט צו רבי יהושע בן חנניה: "איך וויל מאַכען א סעודה פאר אייער גאָט".

"דאָס קענסטו ניט טהאָן", האָט רבי יהושע געזאָגט.

ווארום קען איך דאָס ניט טהאָן?"

"ווייל ער האָט א זעהר גרויסע ארמעע און דו קענסט ניט אָנגרייטען גענוג פאר אלעמען."

אָבער דער קיסר האָט זיך איינגע'עקשנ'ט אז ער מוז מאַכען די סעודה.

"אויב אזוי," האָט ר' יהושע געזאָגט, "טאָ געה און גרייט צו דעם מאָהלצייט ביי דעם ברעג פון דעם טייך רביתא, ווייל דאָרט איז דאָ א סך פרייער פּלאַץ."

איז דער קיסר געגאַנגען און געארבייט גאַנצע זעקס חדשים אין זומער. איז געקומען א ווינד און האָט אלעס אריינגעשליידערט אין וואסער. נאָכדעם האָט דער קיסר געארבייט און געארבייט און צוגעגרייט גאַנצע זעקס חדשים אין ווינטער, איז געקומען א שלאַקס רעגען און האָט אלעס פערטרונקען.

"וואָס איז דאָס? ווער פערשלינגט עס מיינע סעודות?" האָט דער קיסר געפרעגט.

"דאָס זיינען דעם קיסר'ס דיענער וואָס געהען פאָר־אויס, רייניגען דעם וועג און בעשפּריצען דעם שטויב. זיי האָבען שוין זייער חלק אויפגעגעסען. יעצט קענסטו אָנ־גרייטען פאר די אנדערע דיענער וואָס וועלען קומען נאָך זיי", האָט רבי יהושע ערקלעהרט.

"ניין", האָט דער קיסר געענטפערט. "אויב זיין אר־מעע איז אזוי גרויס, איז אונמעגליך פאר זיי זיך אָנצו־גרייטען."

## 10

# ער גיט אָבער ער נעהמט ניט

איינמאָל האָט א פּרינצעסין געזאָגט צו רבי יהושע בן חנניה: "אייער גאָט איז דאָך א סטאָליער, ווייל עס שטעהט אין פסוק "המקרה במים עליותיו", (ער לייגט אויס די באַל־

קענס פון זיינע העברעע צימערן אין וואסער), טאָ זאָל ער מיר מאכען א שפינדעל."

"זעהר גוט!" האָט רבי יהושע געזאָגט. נאָכדעם האָט ער מתפלל געווען און די פרינצעסין איז קרעציג געוואָרען.

אין רוים איז געווען א מנהג, אז ווען אימיצער איז קרעציג געוואָרען, פלעגט מען איהם אוועקזעצען אין מיטען מארק, איהם געבען א שפינדעל אין האנד, ער זאָל זיצען און וויקלען אויף דעם פאָדים, אום צוציעהען די אויפמערקזאמקייט פון מענשען, אז זיי זאָלען האָבען מיטלייד מיט איהם און גאָט בעטען פאר איהם.

ווען די פרינצעסין איז קרעציג געוואָרען האָט מען זי אויך אוועקגעזעצט אין מיטען מארק מיט א שפינדעל אין האנד, און זי איז געזעסען און געוויקעלט פאָדים. איין טאָג איז רבי יהושע דאָרט דורכגעגאנגען, און אז ער האָט דערזעהן ווי זי זיצט און ארבייט, האָט ער געפרעגט: "געפעלט דיר דער שפינדעל וואס מיין גאָט האָט דיר געגעבען?" האָט זי געענטפערט: "בעט דיין גאָט אז ער זאָל פון מיר אוועקנעהמען דאָס וואָס ער האָט מיר געגעבען." האָט רבי יהושע געענטפערט: "אונזער גאָט גיט, אָבער ער נעהמט ניט."

## 11

# די זון און די לבנה

ווען די זון און די לבנה זיינען בעשאפען געוואָרען, זיינען זיי געווען פון די זעלבע גרויס. האָט די לבנה געזאָגט צו דעם אויבערשטען: "פאסט עס אז צוויי מלכים זאָלען זיין ביידע גלייך און טראָגען די זעלבע קרוין?" האָט דער אויבערשטער געענטפערט: "אויב דו דענקסט אזוי, טאָ מאך זיך קלענער."

"רבונו של עולם!" האָט די לבנה גע'טענה'ט, "דערפאר וואָס איך האָב דיר געזאָגט א גלייכע זאך קומט מיר אז איך זאָל קלענער ווערען?"

"טהו ווי איך זאָג דיר און דערפאר וועסטו קינינען ביי טאָג און ביי נאכט," האָט דער אויבערשטער געזאָגט.

"וואָס טויג מיר קינינען ביי טאָג?" האָט די לבנה ווידער גע'טענה'ט. "וואָס פאר א בעטרעף האָט עס די בעלייכטונג פון א ליכטעל אין מיטען העלען טאָג?"

האָט איהר דער אויבערשטער געטרייסט: "געה און טהו ווי איך האָב דיר געהייסען, און דערפאר וועלען אידען צעהלען נאָך דיר זייערע טעג און יאָהרען."

## 12
# די תפלה פון צדיקים

אין דעם דריטען טאָג פון דער וועלט בעשאפונג האָט די ערד אָנגעהויבען ארויסצוגעבען גרינע גראָז, אָבער די גראָז האָבען דערגרייכט בלויז ביז דער פלעכע פון דער ערד און ווייטער זיינען זיי ניט ארויס, ביז פרייטאָג, ווען אָדם איז בעשאפען געוואָרען און געבעטען גאָט פאר די גראָז, אז ער זאָל זיי לאָזען ארויסשפּראָצען און וואקסען אויף דער ערד, און בעציערען די וועלט מיט זייער שעהנקייט. דאָס צייגט אז גאָט האָט שטארק ליעב די תפלה פון צדיקים.

## 13
# דער גוטער צדוקי

אַ צדוקי איז איינמאָל געקומען צו רבי (ר' יהודה הנשיא) און האָט מיט זיינע אפּיקורסישע רייד געוואָלט צייגען אז עס זיינען דאָ צוויי געטער אויף דער וועלט. רבי האָט איהם זיינע טענות געמאכט צו גאָרנישט. "גיב מיר דריי טעג צייט", האָט דער אפּיקורס געזאָגט, "וועל איך דיך געבען אַן ענטפער אויף דיינע רייד."

די דריי טעג האָט רבי געפאסט. נאָך דעם לאנגען תענית, אז ער האָט זיך געזעצט צום טיש עסען, האָט מען איהם געזאָגט, אז אַ צדוקי איז געקומען און ווארט ביים טהיר. "מען פערבּיטערט מיר מיין עסען", האָט רבי מיט אַ זיפץ געזאָגט. אָבער ווען ער איז צוגעגאנגען צום טהיר האָט ער געזעהן אז דאָס איז גאָר אַן אנדער צדוקי, און דער צדוקי האָט געזאָגט:

"איך בין דיר געקומען אָנזאָגען אַ גוטע בשורה. דיין שונא האָט ניט געפונען וואָס צו ענטפערן אויף דיינע רייד, און אויס גרויס צער איז ער אראָפּגעשפּרונגען פון דאך און איז דער'הרג'עט געוואָרען."

"ווילסטו מיט מיר עסען?" האָט רבי געפרעגט דעם צדוקי.

"יאָ", האָט דער צדוקי געענטפערט.

נאָכדעם ווי זיי האָבען געגעסען און געטרונקען, האָט רבי צו איהם געזאָגט: "ענטוועדער דו טרינקסט ביי מיר א כוס של ברכה, אָדער דו נעהמסט ביי מיר פערציג גאָלדענע רענד־לעך."

"איך וועל בעסער האָבען די מצוה פון טרינקען א כוס של ברכה," האָט דער צדוקי געענטפערט.

איז ארויס א בת קול פון הימעל און האָט געזאָגט: "וואויל איז צו דעם ביי וועמען א כוס של ברכת איז ווערטה פערציג גאָלדענע רענדלעך."

## 14

# יעקב און די שטיינער

ווען יעקב איז ארויס פון באר שבע און איז געגאנגען קיין חרן, האָט ער צו זיך געזאָגט: "פּאסט עס דען אז איך בין פערבייגעגאנגען דעם אָרט אויף וועלכען מיינע עלטערן פלע־גען תפלה טהאָן און איך האָב דאָרט ניט תפלה געטהאָן?" מיינען האָט ער געמיינט דעם בארג מוריה, אויף וועלכען עס האָבען תפלה געטהאָן אברהם און יצחק. האָט ער זיך גע־וואָלט צוריקקעהרען, אָבער גאָט האָט געטהאָן א נס, די ערד האָט זיך איינגעצויגען און דער בארג מוריה איז געקומען צו איהם. יעקב האָט תפלה געטהאָן און נאכדעם האָט ער געוואָלט געהן ווייטער. האָט דער אויבערשטער געזאָגט: "דער צדיק איז געקומען אין מיין אכסניא און ער געהט אוועק אָהן נאַכטלעגער! ניין, איך וועל איהם ניט לאָזען געהן." גלייך דארויף איז די זון אונטערגעגאנגען און יעקב האָט גע־מוזט פערבלייבען אויף דעם אָרט אויף וועלכען עס איז שפּע־טער געשטאנען דער בית המקדש.

ווען יעקב האָט זיך געוואָלט לייגען שלאָפען און האָט זיך אויסגעבעט מיט שטיינער וואָס ער האָט דאָרט געפונען, האָ־בען די שטיינער אָנגעהויבען צו קריגען זיך צווישען זיך. יע־דער איינער האָט געזאָגט: "אויף מיר זאָל דער צדיק לייגען זיין קאָפּ!" איז ווידער געשעהן א נס און פון אלע שטיינער איז געוואָרען איין שטיין.

## 15
# דעם מלאך'ס קשה

נאָכדעם ווי יעקב אבינו האָט זיך געראַנגלט מיט דעם מלאך און תּאָמ איהם בעזיעגט, האָט דער מלאך איהם גע־בעטען: "לאָז מיך יעצט געהן, ווייל דער מאָרגענשטערן איז שוין אויפגעגאנגען." האָט יעקב געפרעגט: "וואָס ביסטו, א גנב אָדער א קאָרטענשפּיעלער, וואָס דו האָסט מורא פאַר די ליכטיגע שיין פון טאָג?" האָט דער מלאך אזוי גע־ענטפערט:

"זייט כ'בין בעשאַפען געוואָרען האָב איך נאָך ניט געהאַט די געלעגענהייט צו זינגען שירה פאַר גאָט, און גראָדע יעצט איז געקומען מיין צייט צו זינגען."

## 16
# מען טאָר ניט נאַרען א גוי

שמואל האָט געזאָגט אז מען טאָר ניט נאַרען מענשען און אפילו א גוי. און אָבוואָהל שמואל האָט עס ניט געזאָגט דייטליך, ווייס מען דאָס פון זיינעם א ביישפּיעל.

שמואל איז איינמאָל אַריבערגעפאָהרען א וואַסער אין א שיפעל. האָט ער געזאָגט צו זיין דיענער: "בעצאָהל דעם שיפער." דער דיענער האָט בעצאָהלט און שמואל האָט שטאַרק פאַראיבעל געהאַט. און פאַרוואָס האָט ער פאַראיבעל געהאַט? אביי זאָגט אז דער דיענער האָט געהאַט א טרפה הוהן און ער האָט עס דעם שיפער, וועלכער איז געווען א גוי, אוועקגעגעבען, און דער גוי האָט געמיינט אז ער קריגט א כשרה הוהן. רבא זאָגט אז שמואל האָט געהייסען דעם דיענער ער זאָל דעם גוי געבען א גלעזעל וויין, מיינענדיג ריינעם וויין, אָבער דער דיענער האָט איהם געגעבען וויין געמישט מיט וואַסער.

## 17
# אן ענגליק צוליעב א שפּאַס

איינער האָט זיינעם א פריינד געשיקט א פאַס מיט וויין

און פון אויבען האָט ער ארויפגעגאָסען בוימעל. דער פריינר האָט געמיינט אז די פאס איז אין גאנצען פול מיט בוימעל, איז ער געגאנגען און האָט איינגעלאדען פריינד צו געניסען פון דעם. ווען ער האָט אָבער אויסגעפונען אז די פאס ענטהאלט וויין, האָט ער זיך פאר שאנדע דערוואָרגען.

## 18

## דער אמת טהוט וועה

מר זוטרא איז געגאנגען פון סיכרא נאָך מחוזא. רבא און רב ספרא זיינען געגאנגען פון מחוזא נאָך סיכרא. האָבען זיי זיך בעגעגענט. מר זוטרא האָט געמיינט אז די צוויי זיינען געקומען איהם מקבל פנים זיין, האָט ער געזאָגט: "צו וואָס האָט איהר זיך געדארפט בעמיהען און געהן מיר אנקעגען אזא שטיק וועג?" האָט רב ספרא געענטפערט: "מיר האָבען ניט געוואוסט אז דער רבי קומט, דאָך ווען מיר וואָלטען געוואוסט, וואָלטען מיר זיך נאָך מעהר בעמיהט."

ווען מר זוטרא איז שוין אוועק ווייטער האָט רבא געזאָגט צו רב ספרא:

"צו וואָס האָסטו איהם געדארפט אויסזאָגען אז מיר זיינען ניט געקומען איהם מקבל פנים זיין? האָסטו געזעהן ווי ער האָט זיך געפיהלט געקריינקט?"

"ווען איך וואָלט איהם ניט אויסגעזאָגט דעם אמת, וואָלט עס געהייסען אז מיר נארען איהם," האָט רב ספרא גע־ענטפערט.

"ניין", האָט רבא געזאָגט, "מיר וואָלטען איהם נאָר ניט גענארט. ער וואָלט זיך אליין גענארט."

## 19

## געפונען די רענדלעך

שמואל האָט אמאָל געזאָגט: "אין דיזען הינזיכט בין איך געגליכען צו מיין פאטער אזוי ווי עסיג געגען וויין, ווייל מיין פאטער פלעגט געהן זעהן זיינע גיטער צוויי מאָל א טאָג און איך געה זיי זעהן בלויז איין מאָל א טאָג. אָבער דער וואָס געהט זעהן זיינע גיטער כאָטש איין מאָל א טאָג געפינט

א רענדעל, ווייל ער זעהט וואָס מען דאַרף אין זיי בעצייטענס פערריכטען."

אביי פלעגט געהן זעהן זיינע גיטער יעדען טאָג. איינמאָל האָט ער געפונען זיין גערטנער טראָגען א בינטעל האָלץ וואס ער האט גע'גנב'עט אין אביי'ס גיטער. פרעגט איהם אביי: "וואוהין טראָגסטו עס?" האָט דער גערטנער געענטפערט: "איך טראָג די האָלץ צו מיין האר אהיים."

"דער תירוץ גילט ניט", האָט אביי געזאָגט, "ווייל די חכמים האָבען דיר שוין פערכאַפּט דעם וועג מיט דעם וואָס זיי האָבען געוואָרנט אז א מענש דאַרף זעהן זיינע גיטער יעדען טאָג."

רב אסי פלעגט אויך געהן זעהן זיינע גיטער יעדען טאָג. "וואו זיינען דאָס די רענדלעך וואָס שמואל האָט געזאָגט אז מען געפינט זיי ווען מען געהט זעהן די גיטער יעדען טאָג?" האָט ער געפרעגט.

איין טאָג, אז רב אסי איז געקומען זעהן זיינע גיטער, האָט ער בעמערקט ווי א שטראָם וואסער רייסט זיך ארויס פון א רינע. האָט ער אראָבגעכאַפּט פון זיך זיין מלבוש, האָט עס צוזאַמענגעוויקעלט און פערשטאָפּט די לאָך. נאָכ־דעם האָט ער געמאכט א גוואַלד, מענשען זיינען זיך צוזאַ־מענגעלאָפען און האָבען פעסטער פערשטאָפּט די לאָך, כדי די וואסערן זאָלען ניט פערפלייצען זיינע פעלדער.

"היינט האָב איך געפונען די רענדלעך וואָס שמואל האָט געזאָגט," האָט רב אסי בעמערקט.

## 20
## אָבגעטהאָן דעם דלות

דער דלות איז פאר א לאנגע צייט נאָכגעגאנגען א מענשען און האָט געזוכט א געלעגענהייט איהם אָרים צו מאכען, אָבער ער האָט ניט געקענט, ווייל דער מאַן פלעגט זיך זעהר היטען ניט צו וואַרפען קיין ברעקלעך ברויט אין אָן אָרט וואו מענשען קענען טרעטען אויף דעם מיט די פיס. איינמאָל האָט דער מאַן געגעסען זיין מאָהלצייט אויפ'ן גראָז. האָט דער דלות זיך געטראכט: אָט יעצט וועל איך איהם פאקען, ווייל ער וועט זיכער איבערלאָזען ברעקלעך אין דעם גראָז.

אָבער נאָכדעם ווי דער מאַן האָט אָבגעגעסען, האָט ער גע־בראַכט אַ גראָב אייזען, האָט אויסגעגראָבען די גראָז צוזאַמען מיט די ברעקלעך און אריינגעוואָרפען אין וואַסער. נאָכדעם האָט ער געהערט ווי דער דלות קלאָגט: „וועה איז מיר! יעגער מאַן האָט מיך פערטריבען פון מיין רוה!"

## 21
## זאָל איהם גאָט שטראָפען

אַמאָל איז געווען אַ מאַן וואָס האָט ניט אָבגעגעבען כבוד צו זיינע עלטערן, האָט מען איהם געבראַכט צום בית דין, איהם צו משפּט'ען. האָט רב יהודה געזאָגט: „לאָזט איהם געהן, ווייל פאַר אַזאַ פערברעכען האָט דער בית דין קיין רעכט צו משפּט'ען. יעדע מצוה וואָס שטעהט אין דער תורה און עס איז דערביי אויסגערעכענט וואָס פאַר אַ לוין דער מענש קריעגט דערפאַר, קען נאָר גאָט אַליין שטראָפען דעם יעניגען וואָס ברעכט די מצוה, און ביי כבוד אָב ואם שטעהט, אַז דער וואָס האַלט עהרליך פאָטער און מוטער, וועט איהם גאָט לאָזען לעבען לאַנג. דער וואָס גיט דעם לוין, דער זאָל אויך געבען די שטראָף."

## 22
## וועניג רעספּעקט

ווען איסי בר חיני איז געקומען פון בבל קיין ארץ ישראל און איז אריין צו רבי יוחנן אין הויז, האָט ער איהם געפונען לערנען מיט זיין זוהן. פרעגט איהם רבי יוחנן: „ווער איז יעצט דער ראש ישיבה ביי אייך אין בבל?"

„אבא אריכא", האָט איסי געענטפערט. (אבא אריכא, „דער לאַנגער אבא", דאָס איז געווען דער צונאָמען פון רב.)

„וואָס?" האָט רבי יוחנן אויסגערופען, „אבא אריכא רופסטו איהם, און דו זאָגסט גאָר ניט „אונזער רבי!" ווייסטו ווער ער איז? איך געדענק אַז איך פלעג זיצען אין בית המדרש זיעבצעהן רייהען הינטער רב, און איך פלעג צוזעהן ווי פייערדיגע פונקען פלעגען געהן פון רב'ס מויל אין רבי'ס מויל און פון רבי'ס מויל אין רב'ס. און דו רופסט איהם אַזוי פשוט „דער לאַנגער אבא!"

(דעם צונאָמען אבא אריכא האָט רב בעקומען, ווייל ער איז געווען דער גרעסטער מאַן פון זיין דור.)

# מסכת בכורות

## 1.

## רבי יהושע בן חנניה געווינט א וועטע

איין מאָל האָט דער קיסר זיך געוועט מיט רבי יהושע בן חנניה אז די גריכישע געלעהרטע פון אטהענס (סבי דבי אתונא) זיינען קליגער פון די אידען. "ניין", האָט רבי יהושע בן חנניה געזאָגט, "מיר זיינען קליגער פון זיי". האָט דער קיסר געזאָגט: "נו, אויב דו דענקסט אז דו ביזט קליגער פון זיי, דאן געה און בעזיעג זיי מיט דיין חכמה און ברייננ זיי אהער צו מיר."

"גוט", האָט רבי יהושע געזאָגט, אָנגעהמענדיג די וועטע, "וויפיעל זיינען זיי?"

"זעכציג", האָט דער קיסר געענטפערט.

"אויב אזוי", האָט רבי יהושע געזאָגט, "הייס בויען א שיף מיט זעכציג קאמערן און אין יעדער קאמער זאָל מען אריינשטעלען זעכציג שטוהלען."

דער קיסר האָט פאר איהם געלאָזט בויען אזא שיף ווי ער האָט פערלאנגט.

רבי יהושע איז אין דער שיף אָבגעפאָהרען נאָך אטהענס. קומענדיג אין דער שטאָדט האָט ער גענומען נאָכפרעגען וואו די חכמים געפינען זיך. אָבער קיינער האָט איהם געוואָלט

זאָגען. איז רבי יהושע אריין צו אַ קצב, און ער האָט איהם גראָדע געפונען ביי דער ארבייט, שניידענדיג אַ קוה אין חלקים.

„קענסטו מיר פערקויפען דיין קאָפּ?“ האָט רבי יהושע געפרעגט.

„יאָ“, האָט דער קצב געענטפערט.
„וויפיעל וועט עס קאָסטען?“
„אַ האלבער גילדען.“

„נאַדיר אַ האַלבען גילדען און גיב מיר דיין קאָפּ“, האָט רבי יהושע געזאָגט.

דער קצב נעהמט דעם קאָפּ פון דער בהמה און גיט עס צו רבי יהושע. אָבער רבי יהושע וויל ניט נעהמען און זאָגט:

„איך האָב דען געזאָגט אַז איך וויל ביי דיר קויפען דעם קאָפּ פון דער קוה? איך האָב געזאָגט אַז איך וויל קויפען דיין קאָפּ.“

דער קצב האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

„אויב דו ווילסט אַז איך זאָל דיך אָבלאָזען און ביי דיר ניט מאָהנען דיין קאָפּ“, האָט רבי יהושע געזאָגט, „דאַן קום און צייג מיר וואו עס געפינט זיך די הויז אין וועלכע אייערע חכמים האַלטען זיך אויף.“

„איך האָב מורא דאָס צו טהאָן“, האָט דער קצב געענטפערט, „ווייל דער וואָס צייגט אַ פרעמדען מענשען זייער הויז הרג'ענען זיי איהם.“

„דו טהו אזוי,“ האָט רבי יהושע געזאָגט, „נעהם אַ בינטעל האָלץ אויף דיינע שולטערן, און אַז דו וועסט קומען נעבען זייער הויז, זאָלסטו דעם בינטעל אראָבלאָזען אויף דער ערד, אזוי ווי דו וואָלסט זיך ווילען אָברוהען.“

דער קצב האָט איהם געפאָלגט. ווען רבי יהושע איז שוין געווען ביי דער הויז, האָט ער געזעהן אַז דאָרט שטעהען וועכטער אין דרויסען צו היטען אַז קיינער זאָל אריינקומען, און וועכטער פון אינעווייניג צו היטען אַז קיינער זאָל ארויסגעהן. ער האָט אויך זיך דערוואוסט אַז די חכמים האַלטען אַן אויג אויף די וועכטער. און ווען זיי זעהען צייכענס פון פוס טריט פון איינעם וואָס איז אריין אינעווייניג טויטען זיי די אויסערע וואַך. אויב זיי זעהען פוס טריט וואָס צייגען אַז אימיצער איז ארויס אין דרויסען, הרג'ענען זיי די אינערע

וואַך. צו דעם צוועק איז דער שוועל פון דעם טויער געווען זעהר ברייט און איז געווען בעשאָטען מיט אַש אָדער מיט קלייען, אום אַז די פוס טריט זאָלען קענטיג זיין.

רבי יהושע האָט געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט ווען די וועכטער האָבען ניט שטאַרק געהיט, און ער איז געגאַנגען, איבערגעקעהרט זיינע שיך, עס הייסט, ער האָט געמאַכט אויפ'ן שוועל עטליכע שריט ריקווערטס, כדי עס זאָל אויסזעהן ווי אימיצער איז פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען. ווען די גריכישע חכמים האָבען דערזעהן די פוס טריט, האָבען זיי געמיינט אַז אימיצער האָט טאַקע פערלאָזען זייער הויז, האָבען זיי גלייך אויסגע'הרג'עט די אינערע וואַך. נאָכדעם איז רבי יהושע ווידער צוגעגאַנגען צום טויער און האָט געמאַכט אַזעלכע פוס טריט, אַזוי ווי איינער וואָלט אַריינגעקומען. האָבען די חכמים אויסגע'הרג'עט די אויסערע וואַך. און נאָכדעם, ווען קיין וועכטער זיינען שוין מעהר ניט געווען, איז רבי יהושע אַריין אינעווייניג.

ווען ער איז אַריינגעקומען האָט ער געפונען די יונגע זיצען אויבען און די אַלטע אונטען. די גריכישע חכמים האָבען די יונגע בכיון געגעבען דעם אויבען־אָן, כדי צו ברייננען רבי יהושע'ן אין אַ פערלעגענהייט.

"ווי זאָל איך טהאָן?" האָט זיך רבי יהושע געפרעגט, "זאָל איך צוערשט בעגריסען די וואָס זיצען אויבען, וועלען מיך די עלטערע וואָס זיצען אונטען דער'הרג'ענען דערפאַר וואָס איך בעגריס די אינגערע פריהער. זאָל איך פריהער בעגריסען די וואָס זיצען אונטען, וועלען מיך די אויבערשטע דער'הרג'ענען. זיי וועלען זאָגען אַז זיי זיינען חשוב'ער, ווייל זיי זיצען אויבען־אָן". האָט רבי יהושע זיך פערנייגט פאַר'ן גאַנצען עולם און האָט זיי אַלעמען בעגריסט אויף אַ מאָל: "פריידען צו אייך אַלעמען!"

"וואָס טהוסטו דאָ?" האָבען זיי איהם געפרעגט.

"איך בין דער אידישער חכם", האָט ער געענטפערט, "און איך בין געקומען לערנען חכמה פון אייך."

"אויב דו ביזט דער אידישער חכם," האָבען זיי געזאָגט, "לאָמיר דיר עפּעס פרעגען."

"גוט!" האָט רבי יהושע אויסגערופען. "אויב איהר וועט

מיך בעזיגען וועט איהר מיט מיר קענען טהאָן וואָס איהר ווילט, אָבער אויב איך וועל אייך בעזיגענען, זאָלט איהר קומען און עסען אַ מאָלצייט ביי מיר אויפ'ן שיף."

האָבען זיי איהם געפרעגט אזא רעטעניש:

"אַ מאַן איז געגאַנגען נעהמען אַ פרוי, האָט זי איהם ניט געוואָלט. איז דערנאָך דער מאַן געגאַנגען און געזוכט אַ שעהנערע און פון גרעסערען יחוס. פרעגען מיר: צו וואָס איז ער געגאַנגען זוכען אַ בעסערע, ווען אפילו יענע האָט איהם ניט געוואָלט?"

האָט רבי יהושע גענומען אַ פלעקעל און האָט פּרובירט אריינשטעקען אונטען אין וואַנד. איז דאָס ניט געגאַנגען. נאָכדעם האָט ער דעם פלעקעל אריינגעשטופּט אויבען, וואו עס איז געוועזן אַ לעכעל, איז דער פלעקעל געבליבען שטעקען. "אָט אזוי איז מיט דעם מאַן", האָט רבי יהושע ערקלעהרט. "דעם ערשטען מאָל האָט ער זיך ניט צוגעפּאַסט, דעם צווייטען מאָל קען אויף זיין מזל זיך יא צופּאַסען."

האָבען זיי איהם געפרעגט אַ צווייטע פראַגע:

"איינער האָט ענטליהען זיינעם אַ פריינד געלד און ער האָט געהאַט זעהר אַ שווערע ארבייט דעם חוב אויפצומאָהנען, פון דעסטוועגען האָט ער נאָכדעם ענטליהען געלד צו אַנדערע מענשען. פרעגען מיר: צו וואָס האָט ער ענטליהען צו אַנדערע, ווען ער האָט געזעהן ווי שווער עס איז געוועזן איינצומאָהנען פון דעם ערשטען?"

"דאָס זאָל אייך ניט וואונדערן", האָט רבי יהושע געענטפערט. "אָט איז אַ ביישפּיעל. אַ מאַן געהט אין וואַלד און האַקט אָן אַ שווערען בינטעל צווייגען, וועלכען ער קען אַליין ניט טראָגען אַהיים. לאָזט ער דעם בינטעל ליגען און געהט ווייטער האַקען נאָך מעהר צווייגען. צו וואָס טהוט ער דאָס? ער טראַכט זיך אזוי: סאַי ווי וועל איך מוזען נעהמען העלפער צו טראָגען די משא אהיים, און צוזאַמען מיט העלפער קען איך דאָך שוין טראָגען מעהר. אזוי איז מיט דעם מאַן וואָס האָט פערליהען געלד. די אַנדערע מענשען וועלען איהם לייכטער מאַכען דעם יאָך פון דעם ערשטען, דעם שווערען צאָהלער."

ווען די גריכישע חכמים האָבען געזעהן אַז זיי קענען רבי יהושע'ן ניט בייקומען אויף דעם וועג, האָבען זיי גענומען זוכען אַן אַנדער וועג ווי איהם בייצוקומען.

"זאָג אונז עפּעס אַ ליגען", האָבען די גריכישע חכמים אויפגעפאָדערט רבי יהושע.

האָט ער אַזוי דערצעהלט: "ביי אונז איז געווען אַ מויל-עזעל, האָט זי געבוירען אַ מוילעזעלע, און ביי דעם נייגעבוי-רענעם איז געהאנגען אַ צעטעל, אַז עס קומט איהם פון מיין פאטער הונדערט טויזענד גילדען."

"אָבער ווי קען אַ מוילעזעל האָבען קינדער?" האָבען זיי אויפגעפאָדערט רבי יהושע'ן.

"איהר האָט דאָך מיך געבעטען דערצעהלען אַ ליגען" האָט רבי יהושע געענטפערט.

האָבען זיי איהם ווייטער פּרובירט.

"בוי אונז אַ הויז אין דער לופט."

האָט ער געזאָגט אַ הייליגען שפּרוך און איז געבליבען הייג-גען צווישען הימעל און ערד.

"יעצט ברייננט מיר אַהער אַרויף ציגעל מיט ליים", האָט ער צו זיי געזאָגט.

"ווי קענען מיר אַרויפטראָגען ציגעל מיט ליים אין דער לופט?" האָבען זיי געפרעגט.

"און ווי קען מען בויען אַ הויז צווישען הימעל און ערד?" האָט ער זיי צוריקגעפרעגט.

"זאָג אונז, וואו איז דער מיטעלפונקט פון דער ערד?" האָבען זיי איהם געפרעגט.

רבי יהושע האָט אָנגעציינט מיט זיין פינגער און גע-זאָגט: "אָט דאָ איז דער מיטעלפונקט פון דער ערד."

"און ווער קען אונז איבערצייגען אַז דאָס איז אַזוי ווי דו זאָגסט?" האָבען זיי געפרעגט.

"ברייננט שטריק און מעסט אויס", האָט רבי יהושע גע-ענטפערט.

"מיר האָבען אַ ברונען, וואָס איז אין פעלד, קענסטו איהם אונז ברייננען אַהער?"

רבי יהושע האָט זיי געבראַכט אַ ביסעל קלייען און האָט געזאָגט:

"מאַכט מיר אַ שטריק פון דיעזע קלייען, וועל איך אייך ברייננען דעם ברונען, און אויב איהר קענט מיר קיין שטריק מאַכען פון די קלייען קען איך אייך ניט ברייננען דעם ברונען פון פעלד אין שטאָדט אַריין".

"מיר האָבען אַ מיחל איז עס צובראָכען, קענסטו אויף דעם צונייהען אַ לאַטע?"

"ציהט מיר ארויס פעדים פון דער מיחל, אזוי ווי ווייבער ציהען ארויס פעדים פון א קלייד אום דאָס קלייד צו פערנע־הען, וועל איך אייך דאַן פערנעהען די מיהל."

"מיט וואָס שניידט מען א בייט אויף וועלכען עס וואַק־סען מעסערס?"

"מיט די הערנער פון אן אייזעל."

"האָט דען אן אייזעל הערנער?"

"קענען דען מעסערס וואקסען אויף א בייט?"

נאָכדעם האָבען די גריכישע חכמים איהם געבראַכט צוויי אייער און געפרעגט: "זאָג אונז וועלכע איז פון א ווייסע הוהן און וועלכע איז פון א שווארצע?"

האָט רבי יהושע געבראכט צוויי קעזלעך און האָט גע־פרעגט: "זאָגט איהר מיר, וועלכע קעז איז פון א שווארצע ציעג און וועלכע פון א ווייסע?"

פרעגען זיי איהם ווייטער: "ווען א היהנדעלע שטארבט אין דער איי פון וואַנען געהט ארויס איהר נשמה?"

"פון דעם זעלבען זייט דורך וועלכען עס איז אריין," האָט רבי יהושע געענטפערט.

און ווידער פרעגען זיי איהם א רעטעניש: "צייג אונז אן ארטיקעל וואָס איז ניט ווערט זיין שאדען."

האָט רבי יהושע געבראכט א גרויסע מאטטע פון גע־פלאָכטענע שטרוי, וואָס מען לייגט אונטער די פיס. די מאטטע איז געווען צו גרויס און האָט ניט געקענט אריין דורך דער טהיר. האָט ער געלאָזט ברייגגען א גראָבאייזען, האָט אונטערגעגראָבען די וואַנט, גרעסער געמאכט די טהיר, אום די מאטטע זאָל אריין.

"אָט האָט איהר אן ארטיקעל וואָס איז ניט ווערטה דעם שאדען וואָס מען האָט געמאכט צוליעב איהם".

נאכדעם ווי רבי יהושע האָט זיי בעזיעגט אין אלעם, האָט ער זיי אויפגעפאָדערט אז זיי זאָלען האלטען זייער אָבמאך מיט איהם און קומען צו איהם אויפ'ן שיף, וואו ער וועט פאר זיי מאכען א מאָהלצייט.

רבי יהושע האָט זיי אריינגעפיהרט אין שיף איינציגווייז, יעדען איינעם אין א בעזונדער צימער. און אזוי ווי אין יעדען איינעם פון די צימערן זיינען געוועז זעבציג שטוהלען, האָט יעדער איינער געמיינט, אז די אנדערע ניין און פופציג חכמים וועלען אויך אריינגעפיהרט ווערען איז דעם זעלבען

צימער מיט איהם. נאָכדעם ווי ער האָט יעדען איינעם פון די זעכציג געהאַט אין א בעזונדער צימער, האָט רבי יהושע געגעבען א בעפעהל צום קאַפּיטאַן פון שיף, אז ער זאָל אויפהויבען דעם אנקער און לאָזען די שיף געהען צוריק נאָך רוים.

איידער זיי זיינען אָבגעפאָהרען פון גריכישען פּאָרט, האָט רבי יהושע מיטגענומען א ביסעל ערד פון זייער לאַנד. און ווען זיי זיינען אין ים אָנגעקומען צו א געוויסען אָרט, האָט רבי יהושע מיטגענומען א קרוג מיט ים וואַסער. די ים־וואַסער האָט די איינגעשאַפּט דאָס עס פערשלינגט אין זיך אנדערע וואַסערן און נאָכדעם שפּייט עס די אנדערע וואַסערן ארויס. די ערד און די ים וואַסער האָט ער געדאַרפט האָבען פאַר זיין צוועק, ווי מיר וועלען זעהען ווייטער.

ווען רבי יהושע האָט געבראַכט די גריכישע חכמים צום קיסר, האָט דער קיסר געזעהן אז זיי זיינען זעהר נידערגעשלאָגען און געבראָכען אין גייסט, ווייל זיי האָבען געפיהלט אז מען האָט זיי פערפיהרט אין א פרעמדען לאַנד.

"זיי זעהען גאָר ניט אויס ווי די גריכישע חכמים". האָט דער קיסר געזאָגט צו רבי יהושע. "פון וואַנען ווייס איך אז דאָס זיינען די ריכטיגע? אפשר האָסטו מיך גאָר אָפּגענאַרט און מיר געבראַכט אנדערע מענשען."

האָט רבי יהושע גענומען די ערד וואָס ער האָט מיטגעבראַכט און האָט עס געשליידערט די חכמים אין זייערע פּנים'ער, און ווי זיי האָבען דערשמעקט זייער איינענע ערד, האָבען זיי געמיינט אז זיי זיינען נאָך אויף זייער אייגען לאַנד. האָבען זיי צוריק בעקומען זייער מוטה און זיי האָבען אָנגעהויבען צו ריידען מיט חוצפּה געגען קיסר. איז דער קיסר בייז געוואָרען און האָט געזאָגט צו רבי יהושע: "איך גיב זיי איבער אין דיינע הענד, טהו מיט זיי וואָס דו ווילסט."

רבי יהושע האָט גענומען דעם קרוג וואַסער וואָס ער האָט געבראַכט פון ים, און האָט די ים וואַסער ארייגעגאָסען אין א פאַס, נאָכדעם האָט ער געהייסען די חכמים זיי זאָלען אָנפילען די פאַס מיט פרישע וואַסער. אָבער וויפיעל וואַסער זיי האָבען געגאָסען האָבען די ים־וואַסער אַלץ איינגעשלונגען און די פאַס האָבען זיי ניט געקענט פול מאַכען. זיי האָבען אזוי לאַנג געאַרבייט ביז זייערע אַרעמס האָבען זיך אָבגעריסען פון זייערע שולטערן און זיי האָבען געהאַט א ביטערן סוף.

## 2

# א כבוד וואָס איז אַן אום־כּבוד

רב הונא בר חייא איז געווען אַ גרויסער מאַן. אַלע אי־דישע געלעהרטע פלעגען קומען צו איהם פרעגען דאָס וואָס איז זיי שווער געווען צו פערשטעהן. איינמאָל האָבען זיך צו איהם געקליבען אויף אַ בעזוך רבה און רב יוסף און פיער הונדערט פּאָאַר אַנדערע אידישע געלעהרטע. ווען רב הונא האָט געהערט אַז זיי קומען האָט ער פאַר זיי אָנגעגרייט שטוה־לען און געמאַכט אַנדערע הכנות. דערווייל איז רב הונא גע־וואָרען אַ שטייער איינמאָהנער. ווען די אידישע געלעהרטע האָבען פון דעם געהערט, האָבען זיי איהם געשיקט זאָגען: "האַלט זיך ביי דיין נייעם כבוד, מיר וועלען צו דיר ניט קומען." עס איז דאַן געווען אָנגענומען אַ רעגעל ביי די אי־דישע חכמים, דאָס אויב זייערער אַ חבר ווערט אַ שטייער איינמאָהנער, מאַכט מען איהם אויס חבר, ווייל די שטייער איינמאָהנער פלעגען דריקען דאָס פאָלק.

ווען רב הונא האָט געהערט אַז די חכמים האָבען זיך אָבגעשיידט פון איהם, האָט ער זיי געשיקט זאָגען אַז ער האָט אויפגעגעבען זיין אמט און זיי קענען צו איהם קומען. רב יוסף איז ניט געגאַנגען, אָבער רבה איז יאָ געגאַנגען. רב יוסף האָט געהאַלטען מיט דעם דין אַז ווען אַ שטייער איינ־מאָהנער גיט אפילו אויף זיין אמט, נעהמט מען איהם אַלץ ניט צוריק אין חבר'שאַפט, און רבה האָט געהאַלטען מיט דעם אַנדערן דין, אַז אַ שטייער איינמאָהנער גיט אויף זיין אמט, ווערט ער אַ מענש מיט אַלעמען צוגלייך.

## 3

# אונשטערבליכקייט

רב בר אידי איז געווען אַ שמש ביי רב ששת. איינמאָל האָט ער געהערט פון איהם אַ שטיקעל תורה, האָט ער עס איבערגעזאָגט אין בית המדרש און האָט ניט געזאָגט אַז ער האָט עס געהערט פון רב ששת. ווען רב ששת האָט פון דעם געהערט, האָט איהם די זאַך שטאַרק פערדראָסען, און ער האָט

געזאָגט: "דער מאַן וואָס האָט מיך אַזוי געביסען זאָל איהם אַ שלאַנג בייסען."

און ווארום האָט עס רב ששת'ן אַזוי פערדראָסען? דאָס איז ווייל רבי יוחנן האָט אַמאָל געזאָגט אין נאָמען פון רבי שמעון בן יוחאי, אַז אַ תלמיד חכם, וואָס איז שוין אפילו טויט און אימיצער זאָגט איבער אַ גוטע זאַך אין זיין נאָמען, בעוועגען זיך זיינע ליפען אין קבר.

## 4

# אַ צו שטרענגע שטראָף

רבי צדוק איז געווען אַ כהן און ער האָט ביי זיך גע־האַט אַ שעפּס, וואָס איז געווען אַן ערשטלינג — אַ בכור. אַזאַ בכור האָט אַ כהן ניט געטאָרט קוילען פאַר זיין איי־גענעם געברויך, אויך ניט שערען זיין וואָל און ניט האָבען קיין נוצען פון איהם ביז דער בכור בעקומט אַ פעהלער — אַ מום. עס פלעגען זיך געפינען אַזעלכע כהנים, וואָס זיי־נען געווען עמי הארץ, גראָבע יונגען, און זיי פלעגען בכיון מאַכען אַ פעהלער אין דעם בכור, כדי פּטור צו ווערען פון אַן אומזיסטען פרעסער.

מאַכט זיך איינמאָל אַ צופאַל, אַז רבי צדוק גיט זיין בכור געגעסען פון אַ געפלאָכטענעם קאָרב, דער בכור צושניידט זיך אַ ליפּ אָן די רימער און ווערט אַ בעל מום.

רבי צדוק האָט זיך פערטראַכט. ער האָט מורא געהאַט אַז מען וועט איהם חושד זיין אין אַ שווינדעל. איז ער געקומען צו רבי יהושע און האָט איהם געפרעגט: "האָבען די חכמים געמאַכט עפּעס אַן אונטערשייד צווישען אַ כהן אַ למדן און אַ כהן וואָס איז אַן עם הארץ? מען קען דאָך מיך ניט חושד זיין אַז איך זאָל מיין בכור בכיון מאַכען פאַר אַ בעל מום?"

"מיר האָבען יאָ געמאַכט אַן אונטערשייד", האָט רבי יהושע געענטפערט.

נאָכדעם איז רבי צדוק געגאַנגען צו רבן גמליאל, וועלכער איז געווען דער ראש ישיבה פון יבנה, און האָט איהם אויך געפרעגט דיזעלבע פראַגע.

"ניין!" האָט רבן גמליאל געענטפערט. "מיר האָבען

ניט געמאַכט אַ אונטערשייד, און אַ כהן וואָס איז אַ למדן שטעהט אויך אונטער אַ חשד."

"אָבער רבי יהושע האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז יאָ דאָ אַן אונטערשייד", האָט רבי צדוק גע'טענה'ט.

"וואַרט ביז אַלע תלמידי חכמים וועלען זיך צוזאַמענ־קומען אין בית המדרש", האָט רבן גמליאל איהם געבעטען.

ווען אַלע זיינען געקומען האָט רבן גמליאל געהייסען רבי צדוק'ען פרעגען זיין שאלה. האָט רבי צדוק זיך אויפגע־שטעלט און געפרעגט:

"איז דאָ ביי אונז אַ אונטערשייד צווישען אַ כהן אַ למדן און אַ כהן וואָס איז אַן עם הארץ?"

"ניין!" האָט רבי יהושע געענטפערט.

האָט רבן גמליאל אויסגערופען: "מען האָט דאָך מיר אין דיין נאָמען געזאָגט אַז עס איז יאָ דאָ אַן אונטערשייד! יהושע שטעל דיך אויף און זאָל מען אויסהערען די בעוויזע נעגען דיר!"

רבי יהושע האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט גרויס הכנעה האָט ער געזאָגט: "וואָס קען איך טהאָן? ווען נאָר איך אַליין וואָלט געלעבט און יענער וואָלט געווען טויט, קען אַ לעבעדיגער אָבלייקענען די רייד פון אַ טויטען. אָבער יעצט, אַז איך לעב און ער לעבט אויך, ווי קען אַ לעבעדיגער אָבלייקענען די רייד פון אַ לעבעדיגען?"

רבן גמליאל האָט זיך גענומען צו לערנען מיט די תלמידי חכמים, און רבי יהושע איז געבליבען שטעהן אויף זיינע פיס אַ פערשעהמטער, ווייל ער האָט זיך ניט געקענט צוריק זעצען אויף זיין פּלאַץ אָהן די ערלויבניס פון דעם ראש ישיבה. די פערזאַמעלטע האָבען ניט געקענט צוזעהן דעם צער פון רבי יהושע. די שטראָף איז געווען צו שטרענג. האָבען זיי גענומען שרייען צו חוצפית, וועלכער איז געווען רבן גמליאל'ס איבערזאָגער (מתורגמן): "שווייג!" און ער איז שטיל געבליבען.

## 5.

# דאָס געזעץ פון אָפּאָזיציאָן

מענשען וואָס זיינען זעהר עהנליך איינע צו די אַנדערע אין וואוקס און אין קאָליר, דאַרפען ניט חתונה האָבען צוויי־

שען זיך. די נאטור פאדערט אז מענשען זאלען זיין אויס־נעמישט. א הויכער מאן זאל ניט נעהמען א הויכע פרוי, ווייל עס קען פון זיי ארויסקומען א ריעז. א קורצער מאן זאל ניט נעהמען א קורצע פרוי, ווייל עס קען פון זיי ארויס־קומען א קארליק. א בלאנדער מאן זאל ניט נעהמען א בלאנדע פרוי, ווייל עס קען פון זיי ארויסקומען א צו בלאסעס קינד. א ברונעט זאל ניט נעהמען א ברונעטין, ווייל עס קען פון זיי ארויסקומען א קינד וואס איז צו שווארץ.

# מסכת ערכין

## 1

## די רעפֿאַרמען האָבען ניט געטויגט

א פייפעל איז געווען אין בית המקדש. איז ער געווען פון איינפאַכען ראָהר (טראסטניק), גלאַט איז ער געווען, דין איז ער געווען און פון משה׳ס צייטען איז ער געווען. האָט דער מלך געהייסען און מען האָט דעם פייפעל מיט גאָלד בעניילט. איז שוין זיין שטימע מעהר ניט געווען אזוי זיס. האָט מען דאָס בעשלאָגענע גאָלד ארונטערגענומען און דעם פייפעל׳ס קול איז ווייעדער געוואָרען אזוי זיס ווי פריהער.

א צימבעל איז געווען אין בית המקדש. פון קופער איז ער געווען געמאַכט, און זיין שטימע איז געווען זעהר זיס. איז ער איינמאָל קאַליע געוואָרען. האָבען די חכמים געלאָזט אראָב ברייננען די גרויסע קינסטלער פון אַלעקסאנדריען, און זיי האָבען דעם צימבעל פערריכט, אויסגעבעסערט. אָבער דער קלאַנג פון צימבעל איז ניט מעהר געווען אזוי זיס. האָט מען ארונטערגענומען די פערבעסערונג און דער קלאַנג איז ווידער געוואָרען אזוי זיס ווי געווען.

א שטויסעל איז אין בית המקדש געווען. פון קופער איז

זי געווען און פון משה'ס צייטען איז זי פערבליבען. ביים שטויסען די קטורת פלעגט די שטויסעל פון זיך ארויסגעבען זעהר זיסע קלאַנגען וואָס פלעגען בעווירצען די קטורת און מאַכען רייכער זייער אַראָמאַט. איינמאָל איז די שטויסעל קאַליע געוואָרען. האָט מען אראבגעבראכט קינסטלער פון אַלעקסאַנדריען און זיי האָבען זי אויסגעבעסערט. האָט די שטויסעל פערלוירען איהר אייגענשאַפט צו בעווירצען די קטורת. דער סוף איז געווען אז מען האָט אוועקגענומען די פערבעסערונג, און די שטויסעל איז ווידער געוואָרען וואָס זי איז געווען.

## 2

# דעם מענשען'ס חכמה טויג ניט

רבי שמעון בן גמליאל דערצעהלט:

דער טייך שלוח האָט זיינע וואַסערן ארויסגעגעבען דורך א קליינער רינג, וואָ סאיז געווען ניט גרעסער פון אן איסר (אזא מטבע). און דאָך האָט דער טייך אַרויסגעגעבען פון זיך גענוג וואַסער פיעל מען האָט בעדאַרפט. האָט דער מלך געהייסען און מען האָט די רינג ברייטער געמאַכט, איז געוואָרען ווייניגער וואַסער. האָט מען די רינג צוריק קליין געמאַכט, האָט דער טייך אַרויסגעגעבען מעהר וואַסער. אָט דאָס איז וואָס דער נביא האָט געזאָגט (ירמיה ט'): „זאָל דער חכם זיך ניט בעריהמען מיט זיין חכמה."

## 3

# א האונדערליכער שפּיעל אינסטרומענט

א ווידלע איז געווען אין בית המקדש מיט וועלכע מען פלעגט שאַרען די אַש אויפ'ן מזבח, האָט עס אין זיך געהאַט 10 לעכלעך. יעדעס לעכעל האָט פון זיך אַרויסגעגעבען צעהן פערשיעדענע נגונים. צוזאַמען האָט דער אינסטרומענט אַרויסגעגעבען הונדערט נגונים. אין א משנה ווערט דערצעהלט אז יעדעס לעכעל האָט פון זיך אַרויסגעגעבען הונדערט נגונים. הייסט עס, צוזאַמען האָט די ווידלע אַרויסגעגעבען טויזענט נגונים.

## 4

# דער בונט בײַם ים סוף

ווען די אידען זיינען אריבער דעם ים סוף, האבען זיי געמאכט א בונט. זיי האבען ניט געקענט גלויבען אז פרעה און זיין ארמעע זיינען דערטרונקען געווארען, און די אידען האבען געזאגט: "אזוי ווי מיר זיינען ארויס פון ים פון איין זייט, וועלען זיי ארויסקומען פון דער אנדער זייט." האט דער אייבערשטער געזאגט צום שר של ים (דער מלאך וואס הערשט איבער'ן ים): "ווארף ארויס פרעה'ן מיט זיין ארמעע אויף דער יבשה און זאלען די אידען זעהן אז זיי זיינען טויט!" האט דער שר של ים גענומען טענה'ן: "רבונו של עולם! שיקט זיך דאס עפעס אז ווען א האר גיט א מתנה צו זיין קנעכט זאל ער חרטה האבען און די מתנה נאכדעם פון איהם צוריקנעהמען?"

"איך וועל דיר אבגעבען אן אנדער מתנה, אנדערהאלבען מאל אזוי גרויס", האט דער אויבערשטער געענטפערט. "פרעה האט געהאט זעקס הונדערט רייטוועגען, וועל איך דיר שפעטער דערפאר געבען סיסרא'ס ניין הונדערט רייטוועגען."

"רבונו של עולם!" האט דער שר של ים ווייטער געזאגט, "ווי וועל איך ביי דיר אויפמאנען דיין צוזאג? קען דען א קנעכט מאנען ביי זיין האר?"

"דער טייך קישון וועט ערב זיין פאר מיר", האט דער אויבערשטער געענטפערט.

גלייך דארויף האט זיי דער ים ארויסגעווארפען.

## 5

# דעם מענשען'ס צונג

דער אויבערשטער האט אזוי געזאגט צו דער צונג: "זעה ווי איך האב דיך בעשיצט אז דו זאלסט ניט זינדיגען. אלע גליעדער פון דעם מענשען שטעהען און דו ליעגסט. אלע גליעדער פון דעם מענשען געפינען זיך אין דרויסען און דו

געפינסט זיך אינווענינ. און נאָך מעהר: איך האָב דיך פער־
זיכערט מיט צוויי שוץ־ווענד, איינע פון ביין און די אנדערע
פון פלייש. וואָס נאָך פאר א בעשיצונג קען איך דיר צוגעבען,
דו פאַלשע צונג?" (מה יתן לך ומה יוסף לך לשון רמיה?)

## 6

## א ברכה וואָס איז א קללה

צופיעל ליבען א מענשען קען איהם ברייננען מעהר שא־
דען ווי נוצען.

שלמה המלך האָט געזאָגט (משלי כ"ז): "דער וואָס
בענשט זיין פריינד אויפ'ן הויכען קול, אין א שעהגעם פריה־
מאָרגען, ווערט זיין ברכה פערעכענט פאר א קללה."

רב דימי ערקלעהרט דאָס מיט אביישפיעל.

איינער איז געקומען צום אנדערען אויף נאַכט־
לעגער. האָט מען דעם גאַסט זעהר גוט אויפגענומען, געגעבען
עסען און טרינקען און א ווייכען געלעגער צו שלאָפען. אויף
מאָרגען געהט ארויס דער גאַסט אין מיטען מארק און שרייט
אויס הויך, פאר אַלעמען: "דער אויבערשטער זאָל בענשען
יענעם און יענעם דערפאר וואָס ער האָט זיך אזוי בעמיהט
פון מיינעטוועגען!" דער סוף איז אז מענשען דערוויסען זיך
אז יענער איז א גוטער מכנים אורח, קומען זיי צו איהם און
פערשאפען איהם מיה און ברייננען איהם אויס נעלד.

## 7

## זיי האָבען פיינט מוסר

רבי טרפון האָט געזאָגט:

"עס איז מיר א וואונדער, אויב אין היינטיגען דור גע־
פינט זיך א מענש וואָס קען זאָגען מוסר און וואָס מען וויל
הערען זיין מוסר. זאָל ער זאָגען איינעם: "נעהם ארויס א
שפענדעל פון דיינע צייהנער", וועט דער אנדערער איהם

עגטפערן: "נעהם אוועק דעם באַלקען וואָס איז צווישען דיינע אויגען."

רבי אלעזר בן עזריה האָט געזאָגט:

"ביי מיר איז גאָר אַ גרויסע פראַגע, אויב אין היינטיגען דור איז דאָ אַ מענש וואָס קען זאָגען מוסר."

רבי יוחנן בן נורי דערצעהלט: "הימעל און ערד זיינען מיינע עדות, אַז אַ סך מאָל איז עקיבא בן יוסף (דאָס איז דער גרויסער רבי עקיבא), געשטראָפט געוואָרען צוליעב מיר, ווייל איך פלעג איהם אָנקלאָגען ביי רבן גמליאל, און ער האָט מיך נאָך מעהר ליעב בעקומען דערפאַר. אַזוי ווי אין פסוק שטעהט (משלי ט'): "שטראָף ניט אַ לץ, אַ פוסטען קאָפ, ווייל ער וועט דיר ווערען אַ שונא. שטראָף אַ חכם און ער וועט ווערען דיין פריינד".

## 8

## ניט געוואָלט פערשטעהן

רב הונא און חייא, דער זוהן פון רב, זיינען איינמאָל געזעסען ביי שמואל'ן. האָט חייא געזאָגט צו שמואל'ן: "זעה בעשיץ מיך. רב הונא שלאָגט מיך." שמואל האָט רב הונא'ן פירגעהאַלטען און רב הונא האָט אויף זיך גענומען אַז ער זאָל חייא'ן מעהר ניט שלאָגען. נאָכדעם ווי חייא איז אוועק, האָט רב הונא געזאָגט צו שמואל'ן: "דו מיינסט אַז אומזיסט האָב איך איהם געשלאָגען? ניין, ניט אומזיסט. לאָמיך דיר דערצעהלען וואָס ער האָט געטהאָן." ווען שמואל האָט אויסגעהערט וואָס רב הונא האָט איהם דערצעהלט, האָט ער געפרעגט: "פאַרוואָס האָסטו מיר די זאַכען ניט דערצעהלט אין זיין געגענוואַרט?" האָט רב הונא געענטפערט: "עס האָט זיך מיר ניט געוואָלט פערשטעהמען רב'ס אַ זוהן".

# מסכת תמורה

## 1

## דער רבי און דער תלמיד

רב דערצעהלט: ווען משה רבינו האָט געדאַרפט פערלאָזען די וועלט צו געהן אין גן עדן, האָט ער געזאָגט צו יהושע זיין תלמיד: "פרעג מיך יעצט אַלעס וואָס דו ווייסט נים, אָדער וואָס דו ביזט אין ספק." האָט יהושע געענטפערט: "רבי! האָב איך דיך ווען פערלאָזען אויף א מינוט? בין איך ווען פון דיר אוועקגעגאַנגען? איך בין דאָך אימער געווען נעבען דיר און געלערנט און דארום איז מיר אַלעס קלאָהר. דו האָסט דאָך אליין געשריבען וועגען מיר (שמות ל"ג) "און זיין דיענער יהושע בן נון האָט קיינמאָל פערלאָזען זיין געצעלט". ווען משה האָט געהערט ווי יהושע האלט פון זיך אזוי פיעל, אַז דער תלמיד מיינט דאָס ער וויים פיעל דער רבי אליין, האָט עס איהם פערדראָסען און ער איז שוואַך געוואָרן. און פאר דעם וואס יהושע האָט פערשאַפט משה'ן פערדרוס, איז ער געשטראָפט געוואָרען מיט דעם וואָס ער האָט פערגעסען דריי הונדערט הלכות און זיעבען הונדערט זאכען זיינען איהם נים קלאָהר געוואָרען און ער איז וועגען זיי געווען אין ספק.

די אידען זעהענדיג אז יהושע קען זיי אויף א סך זאכען ניט געבען קיין קלאָהרע תשובה, האָבען זיי געמאכט א בונט געגען איהם און געזאָגט אז זיי וועלען איהם טויטען אויב ער וועט זיי ניט ערקלעהרען אלעס וואָס זיי ווילען וויסען. האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו יהושע׳ן: ״זאָגען זיי קענסטו ניט, טאָ נעה און בעשעפטיג זיי מיט מלחמה, אז זיי זאָלען קיין צייט ניט האָבען צו טראכטען וועגען אנדערע זאכען.״ און גלייך נאָך דעם האָט יהושע אָנגעהויבען צו פיהרען זיינע בעריהמטע מלחמות.

## .2

## די בעגעגעניש

ווען אן אָרימאַן קומט צו א בעל הבית און בעט איהם: ״גיב מיר אויף צו לעבען״ און דער בעל הבית חעלפט איהם, איז גוט, אויב ניט, איז ״עשיר ורש נפגשו״, מאכט גאָט צוויי־שען זיי א בעדייטענדע בעגעגעניש; דעם וואָס ער האָט גע־מאכט פאר א רייכען מאכט ער אָרים, און דעם אָרימאַן מאכט ער רייך.

# מסכת מעילה

## ו

## א קאפיטעל אידישע צרות

איינמאל האט די רוימישע רעגיערונג ארויסגעגעבען א גזרה אויף אידען אז זיי זאלען נים היטען שבת, נים מל'ען זייערע קינדער, און אז זייערע פרויען זאלען נים אבהיטען ריינקייט. איז געגאנגען רבי ראובן בן איסטרובלי און האט זיך ארומגעשוירען זיינע האר פון פארענט און האט איבערגעלאזען לאקען פון הינטען, כדי ער זאל אויסזעהן ווי א גוי. נאכדעם האט ער געמאכט בעקאנטשאפט אין די רעגיערונגס־קרייזען מיט די העכסטע בעאמטע און ער פלעגט זיצען און ריידען מיט זיי.

איינמאל האט ער מיט זיי פערפיהרט א שמועס וועגען דער אידענפראגע. ״הערט וואס איך וועל אייך פרעגען,״ האט רבי ראובן געזאגט צו די רוימישע בעאמטע, ״אז אימיצער האט א שונא, דארף ער איהם זעהן רייך מאכען אדער ארים מאכען?״

״געוויס ארים מאכען״, האבען די רוימער געזאגט.

״אויב אזוי מוזט איהר ענדערען אייער טאקטיק מיט די אידען״, האט זיי ר' ראובן געזאגט. ״איהר דארפט זיי נים

לאָזען ארבייטען אום שבת, ווייל מיט דעם וואָס איהר צווינגט זיי צו ארבייטען אום שבת, האָבען זיי נאָך אַ טאָג פערדיענסט. און נאָך מעהר, ווען איהר לאָזט זיי שבת רוהען, לאָזען זיי זיך אין דעם טאָג וואויל געהן און זיי בריינגען אויס דאָס געלד וואָס זיי האָבען פערדיענט אין די וואָכענטעג, און ממילא ווערען זיי בדלות."

"ער האָט רעכט!" האָבען די רוימער געזאָגט, און זיי האָבען גלייך אָבגעשאַפט די גזירה פון שבת.

נאָכדעם האָט זיי ר' ראובן געשטעלט אַ צווייטע פראגע:

"אויב אימיצער וויל בעקעמפפען אַ שונא, דארף ער איהם מאכען שוואכער אָדער שטארקער?"

"געוויס דארף ער זוכען איהם אָבצושוואכען", האָבען די רוימער געענטפערט.

"טאָ לאָזט די אידען מל'ען זייערע קינדער צום אכטען טאָג, וועלען זיי זיין שוואך."

"ער האָט ווידער רעכט!" האָבען די רוימער געזאָגט, און זיי האָבען די צווייטע גזירה אויך אָבגעשאַפט.

"און יעצט וויל איך אייך פרעגען אַ דריטע פראַגע", האָט ר' ראובן געזאָגט. "אז איינער האָט שונאים, דארף ער זוכען צו פערגרעסערען זייער צאָהל אָדער צו פערקלענערען?"

"עס פערשטעהט זיך אַז צו פערקלענערען", האָבען די רוימער געענטפערט.

האָט ער זיי בעוויזען אַז ווען אידישע פרויען וועלען אָבהיטען ריינקייט, וועלען ווייניגער אידען געבוירען ווערען. די רוימער האָבען איהם געגלויבט און זיי האָבען די דריטע גזירה אויך אָבגעשאַפט.

באלד נאָכדעם האָבען זיי דערקענט אַז ער איז אַ איד, האָבען זיי די גזירות צוריק איינגעפיהרט.

האָבען אידען אָנגעהויבען צו פרעגען: ווער וועט יעצט געהן און זוכען אָבצושאַפען די גזירות?

האָט מען פאָרגעשלאָגען אַז עס זאָל געהן רבי שמעון בן יוחאי, ווייל ער איז געוואוינט מיט נסים. מען האָט אויך פאָרגעשלאָגען אַז מיט איהם זאָל געהן אַלס בעגלייטער רבי אלעזר, דער זוהן פון רבי יוסי.

אָבער רבי יוסי, דער פאטער פון רבי אלעזר האָט מורא געהאט צו לאָזען זיין זוהן געהן מיט רבי שמעון, ווייל רבי

שמעון איז געווען זעהר א פינקטליכער מענש מיט א שטרענ־נער דיסציפלין. האט ער געזאגט: "ווי קענט איהר פאדערן ביי א פאטער אז ער זאל ערלויבען צו לאזען זיין זוהן געהן אין סכנה?" רבי שמעון בן יוחאי האט ניט פערשטאנען אז מיט דעם ווארט סכנה מיינט רבי יוסי איהם, האט ער גע־זאגט: "אט, אז מיין פאטער יוחאי וואלט געלעבט, וואלט ער זיך אפשר אויך גקווינסעלט מיך צו לאזען געהן צוליעב דער סכנה."

האט איהם רבי יוסי געגעבען צו פערשטעהן: "נים פאר דער סכנה פון די שונאי ישראל האב איך מורא, איך האב מורא טאטער ועסטו מיין זוהן שטראפען."

"איך נעהם אויף זיך אז איך וועל איהם ניט שטראפען," האט רבי שמעון געגעבען זיין פערשפרעכען.

פון דעסטוועגען האט ער איהם דאך געשטראפט. דען אויפ'ן וועג האט מען ביי זיי געפרעגט א שאלה און רבי אלעזר האט אבגעקעהרט זיין קאפ אן א זייט און האט שטילערהייד נע'פסק'ענט דעם דין, מיינענדיג אז רבי שמעון הערט איהם נים. אבער רבי שמעון האט יא געהערט און איז געווארען גוט בייז פאר דעם וואס רבי אלעזר האט זיך געוואגט צו פסק'ענען א שאלה אין זיין געגענווארט. האט רבי שמעון געזאגט: "פון דעם ווי דו פערקרימסט דיינע ליפען איז צו זעהן אז דו ביזט א גרויסער לערנער. זאל דער זוהן זיך נארנים צוריקקעהרען צו זיין פאטער!"

גלייך נאך דער קללה איז רבי אלעזר קראנק געווארען אויף א געפעהרליכער חאלז קראנקהיים און ער איז געלעגען אויפ'ן שיף אין גרוים היץ. רבי שמעון האט זיך דערמאהנט אן זיין פערשפרעכען וואס ער האט געגעבען צו רבי יוסי אז ער וועט זיין זוהן ניט שטראפען, האט ער תפלה געטהאן און רבי אלעזר איז געזונט געווארען.

ווען זיי זיינען שוין געווען נאהנט פון רוים, איז זיי געקר־מען אנקעגען בן תמליון, וועלכער איז געווען א שד, אדער א שווארצקינסטלער, וואס האט מענשען געקענט מאכען צו גלויבען אז א רוח איז אין זיי אריין. זאגט בן תמליון צו די צוויי אידישע שלוחים: "ווילט איהר אז איך זאל געהן מיט אייך און אייך אויסהעלפען?" האט רבי שמעון זיך צואוויינט און געזאגט: "הגר, די דיענסט פון אברהם אבינו האט געהאט די זכיה אז א מלאך זאל זיך צו איהר בעווייזען

דריי מאָל, און איך האָב נאָך קיין מלאך ניט געזעהן אפילו איין מאָל. זאָל שוין קומען דער נס פון ערגעץ אנדערש, אָבער זאָל ער נאָר קומען!"

בן תמליון האָט אָבגעמאַכט מיט רבי שמעון אזוי. ער, בן תמליון, וועט פריהער אוועק צום קיסר'ס פּאַלאַסט און וועט אריין אין דער פּרינצעסין, אָדער ער וועט איהר מאַכען צו גלויבען אז א רוח איז אין איהר אריין. און נאכדעם זאָל קומען רבי שמעון בן יוחאי צו דער פּרינצעסין און זאָגען: "בן תמליון, ארויס!" וועט דער רוח ארויסגעהן.

ווען די צוויי אידישע שלוחים זיינען אָנגעקומען אין רוים האָבען זיי געהערט ווי אַלע ריידען פון דער גרויסער געשעהעניש, דאָס א רוח איז אריין אין דעם קיסר'ס טאָכטער און אז דער קיסר האָט אָנגעבאָטען א גרויסע בעלוינונג צו דעם וואָס וועט דעם רוח ארויסטרייבען. רבי שמעון האָט זיך געלאָזט מעלדען צום קיסר און געזאָגט אז ער נעהמט זיך אונטער דעם רוח ארויסצוטרייבען. ווען מען האָט איהם געבראכט אין דער געמאַך פון דער פּרינצעסין, האָט רבי שמעון אויסגערופען צוויי מאָל: "בן תמליון, ארויס! בן תמליון, ארויס!" און באלד איז דער רוח ארויס.

"אלס אייער לוין קענט איהר בעטען וואָס נאָר איהר ווילט", האָט דער קיסר געזאָגט צו די אידישע שלוחים, און ער האָט געהייסען זיי אריינפיהרען אין זיין שאַצקאַמער, וואו עס האָבען זיך געפונען די טייערסטע אוצרות און אויך די רעגיערונגס ארכיוועו, און ער האָט זיי געהייסען נעהמען וואָס זייער האַרץ גלוסט. האָבען זיי געזוכט ביז זיי האָבען געפונען יענעם שרייבען אין וועלכען עס ווערען אויסגערעכענט די דריי גזירות אויף די אידען. אָט דאָס האָבען זיי צוגענומען אלס זייער בעלוינונג און זיי האָבען דעם פּאַפּיער צוריסען.

# מסכת תמיד

## 1

## אלכסנדר מוקדון׳ס צעהן פראגען

צעהן פראגען האט אלכסנדר מוקדון געפרעגט ביי די חכמים פון דרום.

ערשטענס האט ער זיי געפרעגט: "וואס איז ווייטער, פון הימעל ביז צו דער ערד, אָדער פון מזרח ביז מערב?"

האבען די חכמים געענטפערט: "פון מזרח ביז מערב איז ווייטער. א בעוויין אז ווען די זון איז אין מזרח אדער אין מערב קען מען אויף איהר קוקען, אָבער ווען זי איז אין מיטען הימעל קען מען אויף איהר ניט קוקען. דאָס צייגט אז ווען די זון איז אין מיטען הימעל איז זי פיעל נעהנטער צו דער ערד".

א צווייטע פראגע האט ער זיי געפרעגט: "וואס איז פריהער בעשאפען געוואָרען, הימעל אָדער ערד?"

"הימעל איז צוערשט בעשאפען געוואָרען", האבען די חכמים געענטפערט, "וויל אין דער תורה שטעהט אז גאָט האט צוערשט בעשאפען הימעל און ערד. הימעל גאָר צו־ערשט".

א דריטע פראגע: "וואָס איז פריהער בעשאפען געוואָ־רען, ליכט אדער פינסטערניס?"

"דאס קען קיינער ניט ערקלערן", האבן זיי געענט־פערט.

זיי האבן איהם אפילו געקענט ענטפערן אז פינסטער־ניס איז פריהער בעשאפען געווארען, אבער זיי האבן מורא געהאט אז ער וועט זיי נאכדעם פרעגען וועגען אזעלכע זא־כען וואס געהערען צו די געהיימניסע פון הימעל. הא־בען זיי איהם גלייך אבגעשניטען אז ער זאל ווייטער ניט פרעגען.

האט ער זיי נאכדעם געפרעגט א פיערטע פראגע: "ווער איז א חכם?"

האבען זיי געענטפערט: "דער וואס קען פאראויסזעהען דעם רעזולטאט פון יעדע זאך וואס דער מענש טהוט".

א פינפטע פראגע: "ווער איז א גבור?"

דער ענטפער איז געווען: "דער וואס בעהערשט זיין ווילען".

א זעקסטע פראגע: "ווער איז אן עושר?"

דער ענטפער: "דער וואס איז צופריעדען מיט דעם וואס ער פערמאגט".

א זיעבעטע פראגע: "וואס זאל א מענש טהאן אום לאנג צו לעבען?"

דער ענטפער: "ער זאל זיך מויטען". עס הייסט ער זאל זיך האלטען קליין, לעבען מיט א מאאס, ניט זוכען קיין פער־גניגענס וואס קירצען אב די יאהרען.

אן אכטע פראגע: "וואס זאל א מענש טהאן אום צו שטארבען?"

דער ענטפער: "ער זאל לעבען". עס הייסט, ער זאל פרעסען, זויפען און לעבען א טאג.

א ניינטע פראגע: "ווי קען א מענש ווערען בעליעבט ביים פאלק?"

דער ענטפער: "ער זאל ארויסצייגען האס צו דער רעגיערונג און העצען געגען דעם הערשער".

"ניין", האט אלכסנדר מוקדון געזאגט, "איך האב א בע־סערע עצה. דער וואס וויל בעליעבט ווערען ביים פאלק, זאל ריידען גוטס אויף דעם הערשער, און צום הערשער זאל ער ריידען גוטס אויף'ן פאלק, און ער זאל בעווייזען דעם

הערשער צו מאכען לייכטער דעם יאָך פון זיינע אונטער־טאַנען און זיי צו טהאָן טובות".

נאָכדעם האָט אלכסנדר געפרעגט א צעהנטע פראַגע: "וואו איז בעסער צו וואוינען, אויף'ן ים, אָדער אויף דער יבשה?"

האָבען די חכמים געענטפערט: "אויף דער יבשה איז בעסער, ווייל די אלע וואָס פאָהרען ארום אויף'ן ים, בערד־חיגען זיך ניט ביז זיי קומען אויף דער יבשה".

נאָכדעם ווי די חכמים האָבען דעם קעניג פערענטפערט אלע זיינע צעהן פראַגען, האָט ער א פרעג געטהאָן: "ווער פון אייך איז דער קלינגסטער?"

"מיר זיינען אלע גלייך", האָבען זיי געענטפערט, "ווייל מיר אלע האָבען דיר געגעבען די זעלבע תשובות".

"וואָרום ווילט איהר ניט אָננעהמען אונזער גלויבען?" האָט זיי אלכסנדר געפרעגט. "איהר ווייסט דאָך, אז מיר זיינען די מאַיאָריטעט און מיר הערשען איבער אייך".

"דאָס איז קיין בעוויז ניט, וואָס איהר הערשט איבער אונז", האָבען די חכמים געענטפערט, "מאכט איז ניט רעכט. אָט דער שטן בעזיעגט אויך מענשען און ער געוועל־טיגט איבער זיי".

"איך וועל פועל'ן ביי אלע מלכים און זיי וועלען ארויס־געבען א בעפעהל אז מען זאָל אייך אלעמען אויס'הרג'נען", האָט אלכסנדר זיי פרובירט אנשרעקען.

"דו האָסט די מאכט אין דיינע הענט דאָס צו טהאָן", האָבען די חכמים געענטפערט, "אָבער מיר האָפען, אז דו וועסט ניט וועלען בלייבען א ליגנער און דו וועסט היטען דיין פערשפרעכען, אז דו וועסט אונז קיין שלעכטס טהאָן".

אלכסנדר איז געווען צופריעדען מיט זייערע תשובות און ער האָט זיי גלייך אָנגעטהאָן טייערע קליידער און זיי געגעבען גאָלדענע האַלז בענדער אלס א בעלוינונג.

## 2

# אלכסנדר מוקדן מאכט א ווייטע רייזע

איינמאָל זאָגט אלכסנדר מוקדון צו די חכמים פון דרום: "איך וויל מאכען א רייזע נאָך דער לאַנד אפריקי".

"דאָס קענסטו ניט טהאָן", האָבען זיי איהם געענט־פערט, "ווייל אין מיטען וועג געפינען זיך די חרי חושך, גרויסע בערג וואָס פערשטעלען די זון און עס איז דאָרט פינסטער בייטאָג אזוי ווי ביינאַכט".

"וואָס זאָל איך טהאָן?" האָט אלכסנדר געזאָגט. "איך האָב זיך אַ וואָרט געגעבען, אַז איך זאָל אהין געהן, דארום פרעג איך אייך אַן עצה ווי זאָל איך אהין דערגרייכען".

האָבען זיי איהם געגעבען אַן עצה:

"נעהם ווייסע אייזלען פון מצרים, וועלכע קענען געהן אין דער פינסטער, און נעהם מיט אויך גרויסע קנוילען שטריק. בינד אָן דעם אָנפאַנג פון שטריק ביים ערשטען פינסטערען באַרג און דאָס איבעריגע האַלט אין דיין האַנד, כדי דו זאָלסט זיך קענען ריכטען נאָך דער שטריק צו קומען צוריק צו דיין אָרט".

אלכסנדר האָט אזוי געטהאָן. ער איז אָנגעקומען אין אַ געגענד וואָס איז געוועזן בעוואוינט דורכאויס פון פרויען. האָט ער מיט זיי געוואָלט פערפיהרען מלחמה. האָבען די פרויען צו איהם אזוי געזאָגט: "צו וואָס זאָלסטו געגען אונז פיהרען קריעג? אויב דו וועסט אונז בעזיעגען, וואָס וועט די וועלט זאָגען: "אויך מיר אַ העלדישער מלך! ער האָט בעזיעגט אַ ווייבערשע פאָלק!" און אויב מיר וועט־לען דיך בעזיעגען, וועט די וועלט זאָגען: "אָט איז אַ מלך וואָס ווייבער האָבען איהם בעזיעגט!"

אלכסנדר האָט איינגעזעהן אַז זיי האָבען רעכט, האָט ער צו זיי גערעדט מיט גוטען און האָט געבעטען אַז זיי זאָ־לען איהם ברייגנען ברויט צו עסען.

די פרויען האָבען איהם געבראַכט גאָלדענע לאַבענס ברויט אויף גאָלדענע טישען.

"עסען דען ביי אייך מענשען גאָלדענעם ברויט?" האָט אלכסנדר געפרעגט.

האבען די פרויען געענטפערט:

"אויב דו האָסט געוואָלט בלויז ברויט, האָסטו דען ניט געקענט געפינען ברויט צו עסען אין דיין אייגענעם לאַנד? צו וואָס האָסטו דען געמאַכט אַזאַ ווייטע רייזע? ניט מעהר, דו ביזט אויסען צו פערכאַפּען גאָלד און פער־מעגענס, האָבען מיר דיר געבראַכט וואָס דיין בעגעהר איז".

ווען אלכסנדר מוקדון איז פון דאָרט אוועק, האָט ער

אָנגעשריבען אויף דעם טויער פון דער ווייבערשער הויפּט־שטאָדט דיזע ווערטער: "איך, אלכסנדר מוקדון, בין געווען אַ נאַר מיין גאַנצען לעבען, ביז איך בין געקומען אין דעם לאַנד אפריקי און געלערענט שכל פון ווייבער".

אויף'ן וועג צוריק האָט ער זיך אָבגעשטעלט ביי אַ קוואַל וואַסער צו עסען זיין מאָהלצייט. האָט ער ביי זיך געהאַט געזאַלצענע פישלעך. ווען ער האָט זיי אָבגעוואַשען אין די קוואַל וואַסער, זיינען די פישלעך לעבעדיג געוואָרען. "עס שיינט צו זיין, אַז דיזער קוואַל קומט פון גן עדן", האָט אלכסנדר געזאָגט.

איינינע זאָגען, אַז ער האָט מיט דעם וואַסער זיך אָב־געוואַשען דעם פּנים. אַנדערע זאָגען, אַז ער איז נאָכגעגאַנ־גען דעם גאַנצען וועג פון וואַנען דער קוואַל איז געלאָפען, ביז ער איז אָנגעקומען צו דעם טויער פון גן עדן. "עפענט מיר דעם טויער!" האָט ער אויסגערופען. האָט מען איהם פון דאָרט געענטפערט: "דיזער טויער איז נאָר פאַר צדיקים". זעהענדיג אַז אריינגעהן קען ער ניט, האָט אלכסנדר גע־בעטען: "איך בין אַ מלך, בין שטאַרק געאַכטעט אין דער וועלט, און אויב איהר ווילט מיך ניט אריינלאָזען, טאָ גיט מיר כאָטש עפּעס". האָט מען איהם געגעבען אַ מענש־ליכע אויג.

ווען אלכסנדר האָט געבראַכט די אויג צו זיך אהיים, האָט ער גענומען אַ וואָג, ארויפגעלייגט די אויג אויף איין שאָל און אויף דער אַנדער שאָל האָט ער ארויפגעלייגט זיין גאַנצע גאָלד און זילבער, האָט די אויג אַלעס אריבערגע־וואויגען. "וואָס בעדייט עס?" האָט אלכסנדר געפרעגט ביי די אידישע חכמים. האָבען זיי איהם דעם וואונדער אזוי ערקלעהרט: "דאָס איז די אויג פון אַ בשר ודם, וועלכע קען קיינמאָל ניט ווערען זאַט מיט גאָלד און זילבער, ביז דער מענש שטאַרבט".

"פון וואַנען ווייסט איהר, אַז דאָס איז אזוי?" האָט אלכסנדר געפרעגט.

"אום זיך צו איבערצייגען אין אונזערע רייד", האָבען די חכמים געזאָגט, "נעהם אַ ביסעל ערד און פערדעק דאָס אויג".

און ווען מען האָט די אויג צוגעדעקט מיט ערד, איז זי גלייך לייכט געוואָרען.

# מסכת נדה

## 1

## וועגן עסן און טרינקען

אבא שאול דערצעהלט:

איך בין אמאל געווען א קברן, האב איך בעטראכט די טויטע ביינער און האב בעמערקט אזוי: דער וואס טרינקט שטארקען ויין, זיינען די ביינער זיינע פערברענט. דער וואס טרינקט ויין געמישט מיט צופיעל וואסער, זיינען די ביינער זיינע טרוקען, אהן זאפט, און דער וואס טרינקט ויין געמישט מיט דער ריכטיגער פארציע וואסער, זיינען די ביינער זיינע זאפטיג.

איך האב אויך בעמערקט, אז דער וואס טרינקט מעהר ווי ער עסט, זיינען די ביינער זיינע פערברענט. דער וואס עסט מעהר ווי ער טרינקט, זיינען די ביינער זיינע טרוקען. דער וואס עסט און טרינקט אין דער ריכטיגער מאס, זיינען די ביינער זיינע זאפטיג.

## 2

## ווען דער מענטש ווערט געבוירן

ווען דער מענש איז נאך אין זיין מוטער'ס בויך, לייכט א ליכט איבער זיין קאפ און ער זעהט פון איין עס

וועלט ביז'ן אנדערען. און דו זאלסט זיך גאר ניט וואונדערען אויף דעם. מיר זעהען דאך, אז א מענש שלאפט דא און זעהט א חלום וואס קומט פאר פאר טויזענדער מייל ווייט. אין זיין גאנצען לעבען לעבט דער מענש ניט אזוי גליקליך ווי אין יענער צייט, איידער ער איז געבוירען געווארען. ער לערענט די גאנצע תורה און וויים אלע געהיימניסע פון הימעל. אבער באלד ווי ער קומט ארויס אין דער אטמאספערע פון דיזער וועלט, קומט א מלאך און גיט איהם א לייכטען פאטש איבער'ן מויל און דורכדעם פערגעסט דער מענש אלעס וואס ער האט געוואוסט. און מען בע־שווערט איהם אזוי: "דו זאלסט זיין א צדיק און ניט קיין רשע. און ווען אפילו די גאנצע וועלט זאגט אז דו ביזט א צדיק, זאלסטו, אין דיינע אויגען, זיך האלטען פאר א רשע".

## 2

## מיט א גוטען נאמען בענשט מען

רב פפא איז איינמאל אנגעקומען אין דער שטאדט תואך. האט ער זיך גענומען נאכפרעגען: "געפינט זיך דא א תלמיד חכם, וועל איך איהם געהן מקבל פנים זיין". דען אזוי איז געווען דער מנהג אז א גאסט וואס איז א תלמיד חכם דארף אבשטאטען א בעזוך צום תלמיד חכם פון דעם ארט. האט איהם אן אלטע פרוי געזאגט: "עס איז דא א גרויס געלעהרטער מאן און ער הייסט רב שמואל, הלואי זאלסטו זיין אזוי ווי ער". האט רב פפא געזאגט צו זיך: "אז מען בענשט זיך מיט איהם איז א בעוויז אז ער איז א גוטער און פרומער מאן. איז רב פפא צו איהם גע־גאנגען און רב שמואל האט לכבוד דעם גאסט געשאכטען אן אקס און געמאכט א גרויסען מאהלצייט, און האט מיט איהם תורה געלערנט.

## 3

## אז מען רעדט און ניט אומזיסט

רבא האט געזאגט:
צבוואהל סיין לשון הרע דארף מען ניט אננעהמען, דאן

דארף מען צו דעם שענקען אויפמערקזאמקייט. עס זיינען אמאל געווען מענשען אין גליל וואס אויף זיי איז ארויס א קלאנג אז זיי האבען גע'הרג'ט א מענשען. זיינען זיי גע־קומען צו רבי טרפון און האבען איהם געבעטען: "רבי, בעהאלט אונז!" האט ער צו זיי געזאגט: "ווי זאל איך טהאן? איך זאל אייך ניט בעהאלטען וועט מען דאך אייך זעהן און מען וועט אייך פאנגען. זאל איך אייך יא בעהאלטען, האבען דאך די רבנן געזאגט אז אבוואהל מען דארף קיין בייזע קלאנגען ניט גלויבען דאך דארף מען זיי אין אכט נעהמען, טאמער איז דאס דאך אמת. טא, געהט און בע־האלט אייך אליין".

## 4

# ווען צייהנער זיינען איבעריג

רבי חנינא בר שלמה האט געזאגט אין נאמען פון רב:
ווען ביי דעם מענשען הויבען שוין אן אויסצופאלען
די צייהנער דאן הויבען אן זיינע פערדיענסטען צו ווערען
קלענער.

# השמטות

## איינגע דורכגעלאָזענע אגדות וועלכע ווערן דאָ צוגעגעבן אלס ביילאגע.

### 1

### צום ערנסט מוז מען זיין גוט געשטמט

איידער רבה פלעגט אנפאנגען לערנען דעם שיעור מיט זיינע תלמידים אין דער ישיבה, פלעגט ער צוערשט דער־צעהלען א וויציגען אנעקדאָט, אדער זאגען א שארפען וויץ און די תלמידים פלעגען ווערן פרעהליך און גוט געשטימט. לסוף פלעגט ער ווערן ערנסט און אנהויבען זאגען זיין שיעור.

### 2

### באטורויסענשאפט

רבי זירא האָט איינמאָל געפונען רב יהודה'ן שטעהן ביי דער טיהר פון זיין שווער'ס הויז, און ער האָט בעמערקט אז רב יהודה איז געווען זעהר אויפגעליינט, פרעהליך, און עס האָט אויסגעוויזען אז ווען מען זאָל איהם פרעגען וועגן אלעס וואָס איז דאָ אין דער וועלט וואָלט ער ערקלערט.

פרעגט איהם רבי זירא: "פארוואס געהען ציעגען פאר־
אויס די סטאדע און די שעפסען נעהען נאך זיי?"
"זיי געהען אין דערזעלבער ארדנונג ווי די וועלט איז
בעשאפען געווארען. צוערשט איז געווען פינסטער, נאכדעם
ליכט. ציעגען וועלכע זיינען מייסטענס שווארץ געהען דא־
רום פריהער, שעפסען וועלכע זיינען מייסטענס וויס נעהען
נאכדעם." אזוי האט רב יהודה ערקלערט.
"ווארום זיינען שעפסען בעדעקט מיט עקען און ציעגען
זיינען נים בעדעקט מיט עקען?"
"די וואס דעקען אונז צו מיט זייער וואל זיינען בע־
דעקט, די וואס בעדעקען אונז נים זיינען זיי אויך נים בע־
דעקט."
"ווארום האט א קעמעל א קורצען עק?"
"ווייל ער עסט שטעכעדיגע גראזען און מיט א לאנגען
עק וואלט ער געהאט שוועריגקייטען ביים געהן צווישען די
גראזען."
"ווארום האט אן אקס א לאנגען עק?"
"ווייל ער האלט זיך אויף אין זומפען און ער דארף
האבען א לאנגען עק צו פערטרייבען די מוקען."
"ווארום האט א חיישעריק א וויכען הארן?"
"ווייל ער האלט זיך אויף צווישען הארטע געוויקסען,
און אז דער הארן וואלט געווען שטייף, וואלט ער זיך לייכט
אבגעבראכען און דער חיישעריק וואלט בלינד געווארען.
שמואל האט געזאגט אז ווער עס וויל בלינד מאכען א חיי־
שעריק זאל ער אבברעכען זיין הארן."
"פאר וואס ביי היהנער געהט דער אונטערשטער ברעם
ארויף און אריבער דעם אויבערשטען ברעם?"
"דאס איז ווייל היהנער שלאפען אויף באלקענס און
אויף פאליצעס, און ווען דער רויך פון הויז זאל אריין אין
זייערע אויגען קענען זיי בלינד ווערען."

## 3

## נעשה ונשמע

ווען די אידען זיינען געשטאנען ביים בארג סיני און
זיי האבען געזאגט "נעשה" צוערשט און "נשמע" נאכדעם.

(מיר וועלען "מחאַן און הערען", אנשטאָט צו זאָגען מיר וועלען פריהער הערען און נאָכדעם וועלען מיר טהאָן) זיינען אראָבגעקומען זעקס הונדערט טויזענד מלאכים פון הימעל, און יעדער מלאך האָט יעדען אידען אָנגעטהאָן צוויי קרוינען, איינעם פאר "נעשה" און איינעם פאר "נשמע". און ווען די אידען האָבען געזינדיגט זיינען געקומען צוועלף הונדערט טויזענד מלאכי חבלה און יעדער איינער האָט אראָבגענומען א קרוין.

## 4

# ווער עס אבטעט שבת ווערט רייך

רבי חייא בר אבא דערצעהלט:

איינמאָל בין איך איינגעשטאנען ביי א בעל הבית אין לודקיא, האט מען פאר מיר געבראכט א גאָלדענעם טיש וועלכען זעכצעהן מענשען האָבען געטראָגען, און זעכצעהן זילבערנע קייטען זיינען געווען אין איהם איינגעפאסט, און אויף דעם טיש זיינען געווען טעלער, כוסות, קריגלען און פלעשער, אין וועלכע עס האָבען זיך געפונען אלערליי מינים מאכלים און אלערליי מינים זיסע פירות און געווירצען, און ווען די מענשען האבען דעם טיש אוועקגעשטעלט האבען זיי געזאגט דעם פסוק (תהלים, כ"ד): "לד' הארץ ומלואה", צו גאָט געהערט די ערד און אלעס וואס עס געפינט זיך אויף איהר. און ווען זיי האבען דעם טיש אוועקגענומען האבען זיי געזאָגט דעם פסוק (תהלים קט"ו) : "השמים שמים לד' והארץ נתן לבני אדם". די הימלען זיינען גאָט'ס הימלען. האב געזעהן די גרויסע עשירות מיט דעם הערליכען פאראד. האָב איך דעם בעל הבית געפרעגט : "מיין זוהן, זאָג מיר. מיט וואס האָסטו זוכה געווען צו אזא גדולה?" האט ער געענטפערט: "איך בין געווען א קצב, און יעדען מאָל וואס עס פלעגט זיך מיר מאכען א שעהנע בהמה, פלעג איך זאגען: "אָט די זאָל זיין אויף שבת". האב איך געזאגט: "וואויל איז דיר וואס דו האָסט אזוינס דערלעבט און געבענשט זאָל זיין דער אויבערשטער וואס האט דיך אזוי בעלוינט".

## 5

## דער טייערער געווירץ — "שבת"

איינמאָל האָט דער רוימישער קיסר געזאָגט צו רבי יהושע בן חנניא: פאַרוואָס האָט אייער שבת'דיגע געקעכטס אַזאַ גוטען אַראָמאַט?" האָט ר' יהושע געענטפערט: "מיר האָבען אַ געווירץ וואָס הייסט שבת, און דאָס טהוען מיר אַריין אין אונזער געקעכטס, און אָט דעריבער שמעקט עס אַזוי פיין."

"קענסטו מיר געבען אַ ביסעל פון דעם געווירץ?" האָט דער קיסר געפרעגט.

"ווער עס היט שבת דעם העלפט דעם געווירץ, און ווער עס היט נישט שבת דעם קען עס נישט העלפען", האָט רבי יהושע ערקלערט.

## 6

## דערקענט דעם גנב

מר זוטרא איז איינמאָל איינגעשטאַנען אויף אַן אכסניא, איז גראַדע דאַן פערלאָרען געגאַנגען אַ זילבערנער בעכער פון דער אכסניא און מען האָט נישט געוואוסט ווער דאָס האָט גע'גנב'עט. שפּעטער האָט מר זוטרא געזעהן ווי איינער וואַשט זיינע הענד און ווישט זיי אָב אין אַ פרעמדען בגד וואָס איז געהאַנגען אויפ'ן וואַנד. האָט מר זוטרא געזאָגט: "אָט דער מענש קימערט זיך גאָר נישט וועגען דעם אַנדערענס געלד". האָט ער דעם פערדעכטיגטען געבונדען און ער האָט זיך מודה געווען אַז ער איז געווען דער גנב.

## 7

## געשוואָרען אויף אַ פאַלשען אמת

איינער האָט געמאָהנט ביים אַנדערן געלד, אָבער יענער האָט נישט געוואָלט בעצאָהלען. האָט ער איהם געבראַכט צו

רבא׳ן אויף א דין תורה. ״בעצאָהל מיר!״ האט דער קלעגער געזאָגט. ״איך האב דיר שוין לאנג בעצאָהלט״, האט דער אנגעקלאגטער געענטפערט.

״אויב דו האָסט איהם ווירקליך בעצאָהלט״, האט רבא געזאָגט, ״דאן שווער אויף דעם״.

אין דער אנגעקלאָגטער אוועק, האט ערגעץ געקראגען א פוסטען שטעקען, און אין דעם שטעקען האט ער אריינ־געלייגט די סומע געלד וואס ער האט ביי יענעם געליהען, און איז זיך מיט דעם שטעקען געגאנגען צום בית דין שווע־רען.ביים שווערען, ווען ער האט געדארפט נעהמען דעם ספר תורה אין האנד, האָט ער געבעטען דעם קלעגער אז ער זאָל אויף דער ווײַלע צוהאלטען דעם שטעקען. נאכדעם האט ער געשוואָרען אז אלעס וואָס ער האָט ביי יענעם געליהען האָט ער איהם שוין צוריק אבגעגעבען.

ווען דער קלעגער האט געהערט ווי דער אנגעקלאגטער האט פאלש געשוואָרען, איז ער געוואָרען אזוי אויפגערעגט דאס ער האט פאר כעס צובראכען דעם שטעקען, און אז דער שטעקען האט זיך צובראכען האבען זיך אויסגעשאָטען די מטבעות וואס זײַנען אין דעם געווען בעהאלטען און זיך גע־נומען קייקלען אויף דער ערד. דאן האט מען געזעהן אז דער אנזעצער האט געשוואָרען אויף אן אמת, אבער ער איז דאָך אן אָנזעצער.

## 8

# ארעם אבער שטאָלץ

ר׳ יהודה איז געווען זעהר ארים, אזוי ארים דאס ער האט ניט געהאט א גאנצען בגד אויף זיך אנצוטהאָן. אבער דאָך איז ער געווען צופרידען, האט זיך ניט בעקלאגט, און איז געווען צו שטאָלץ אפילו צו לאָזען מענשען וויסען פון זיין דלות.

איינמאָל האט זיין פרוי בעקומען א ביסעל וואָל און זי האט פון דעם זיך געמאכט א מין מאנטעל. ווען זי פלעגט דארפען ארויסגעהן אין מארק פלעגט זי אנטהאָן דעם מאנ־טעל, און ווען ר׳ יהודה פלעגט דארפען געהן דאוונען פלעגט ער דאס אנטהאָן, און אזוי צופרידען איז ער געווען מיט דעם שותפות׳דיגען מאנטעל דאס יעדען מאָל ווען ער פלעגט איהם

אנטהאָן פלעגט ער מאכען א ברכה: „געבענשט זאל זיין דער וואָס האָט מיך בעקליידט אין אַ מאַנטעל".

א צייט שפּעטער האט ר' שמעון בן גמליאל גוזר תענית געווען. א גרויסער עולם איז זיך צוזאמענגעקומען אין שוהל אבער ר' יהודה איז ניט געקומען. ווי עס זעהט אויס, האט ניט געפּאסט צו קומען צו אזא וויכטיגע פערזאמלונג פון אזא גרויסען עולם אין אַ מאַנטעל. האָט ר' שמעון בן גמליאל גע־נומען נאָכפרעגען ווארום ר' יהודה איז ניט געקומען. האט מען איהם אויסגעזאגט דעם סוד אז ר' יהודה האט ניט א רעכטען בגד וואס אנצוטהאָן. נעהמט ר' שמעון און שיקט איהם צו א שליח מיט פּאסענדע קליידער. אבער ווען דער שליח איז געקומען, האט ר' יהודה די קליידער ניט אנגענו־מען. „איך בין רייך, אַט זעהסטו?" האָט ר' יהודה געזאָגט און אויפגעהויבען א שטרויענעם טעפּיך. „נאָר איך וויל ניט הנאה האבען פון דער וועלט". און א נס איז געשעהן אַז אונטער דעם טעפּיך האבען זיך בעוויזען א גרויסע צאָהל גאָלדענע רענדלעך, און דער גאנצער צימער איז געווען פול מיט זיי.